STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08343

# DI NAYE IIDISHE SHUL

Yaakov Levin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

# די נייע אידישע שול

## כרעסטאָמאַטיע

דריטער טהייל

ניו־יאָרק, 1920
פאַרלאַג „אידישע שול“

הויפּט־פאַרקויף ביי
היברו פּאָבלישינג קאָ.
50-52 עלדרידזש סטר.

Copyright by
JACOB L. LEVIN
1921

# אינהאלט


זייט

פאָרוואָרט.

## פאַבלען, מעשות און דערציילונגען.

דער יונגער בוים (פאַבעל) — — נחום יערוסאַלימטשיק. 1
א פעסעל גאָלד — — ז. שניאור. 2
דער אוצר — — — שלום עליכם. 3
דער קוואַרטעט (פאַבעל) — — — פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו. 4
דאָס פייגעלע — — — מ. אַלגין, פון א. טורגעניעוו. 5
צוויי אינגלעך — — י. ל. פּרץ. 6
די גענז — (פאַבעל) — נחום יערו־סאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 7
די לערע פון די פּאַטערס. א. — נאָך יהואש, פון העברעאיש. 8
דער שפּערלינג און די שוואַלבען (ליד) — — ש. י. לאַנדינסקי 9
אַיאַמא — — — — — — י. גאָרדין. 10
סעמקע — — — — י. אָפּאַטאָשו. 12
די געלערנטע קאַץ (פאַבעל) — — נחום יערוסאַלימטשיק. 15
דער סוד — — — — — —י. ל. פּרץ. 16
די צוויי ברידערלעך — א. רייזען. 18
די לערע פון די פּאַטערס. ב. — נאָך יהואש, פון העברעאיש. 24
די ערשטע לעקציע — ז. ליבין. 27
דאָס מעסערל — — שלום עליכם. 33
דער ליגנער (פאַבעל) — — נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 40
דאָס ליד פון פייגעלע — — — פון ה. אַנדערסען. 42
שלאַנגען — — — ב. באַטווויניק. 45
דער גוטער פוקס (פאַבעל) — נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 47
די לערע פון די פּאַטערס, ג. — נאָך יהואש, פון העברעאיש. 49
דער זייגער — — שלום־עליכם. 50

זייט

ר' איטשע — — — י. אָפּאַטאָשו. 57
דער טרייער חבר (ליד) — — — י. לוקאָווסקי, פון רוסיש. 60
זיבען גוטע יאָר — — — י. ל. פּרץ. 61
דער הויפען ערד (ליד) — ש. פרוג. 64
די לערע פון די פּאַטערס. ד. — נאָך יהואש, פון העברעאיש. 69
דריי שיינע מעשים — י. ל. פּרץ. 70
צווישען פעלזען — — מ. טייטש. 75
רב עקיבא (ליעד) — א. ליעסין. 78
מען וועקט — — ה. ד. נאָמבערג. 80
די לערע פון די פּאַטערס. ה.— נאָך יהואש, פון העברעאיש. 83

## די נאַטור.

די נאַטור (ליד) — — ש. פרוג. 85
בין־השמשות (ליד), אב. וויקטאָר. 87
א לבנה־נאַכט (ליד), ד. איינהאָרן. 89
א רעגען — — — — — נאָך ש. אַש. 89
דאָס געבעט (ליד) — א. רייזען. 90
א זון מיט א רעגען (ליד) — — ל. ניידוס. 91
אַריבער דער רעגען (ליד) — — מ. טייטש. 91
נאַכ'ן רעגען (ליד) — — יהואש. 92
מען האַקט וואַלד — י. אָפּאַטאָשו. 93
הערבסט אין וואַלד — — — — — ש. י. אַבראַמאָוויץ. 95
דער טאָפּאָל (ליד) — ב. לאַפּין. 96
אין וואַלד (ליד) — — א. רייזען. 96
דער האָדסאָן — דוד איגנאַטאָוו. 97
ביים טייך (ליד) — אב. וויקטאָר. 98
דאָס טייכעל (ליד) — — יהואש. 99
דער אימאַטרא־וואַסערפאַל — — ש. אַש. 99
צווישען בערג — ה. ד. נאָמבערג. 101
בערג (לידער) — — אב. וויקטאָר. 103
א שטורעם אין די בערג — — — דוד איגנאַטאָוו. 104

נאָכ'ן שטורעם (ליד) — ל. נײַדוס. 106
ביים ים (ליד) — — מאַני לייב. 107
אויפ'ן ים — — — — — ל. שאַפּיראָ. 108
ים־ליד (ליד) — ר' יהודה הלוי,
איבערז. ח. נ. ביאַליק. 110
דער אייזבאַרג — — ל. שאַפּיראָ. 110
הייאַוואַטאַס נסיעה (ליד) — —
יהואָש, פון לאָנגפעלאָו. 114
דאָס בענשען פון די קוקורוזע־
פעלדער, יהואָש פון לאָנגפעלאָו. 117
האָניק ארויסנעמען — א. ראובני. 122

## דאָס יאָר.

סוף זומער (ליד) — — ל. יפה. 125
ימים נוראים — לעאָן קאָברין. 126
צו כל נדרי — — א. ש. זאַקס. 129
געגעסען — — — דוד פרישמאַן. 131
דער נייער ניגון — י. ל. פּרץ. 138
פאַרשפּעטיגט — — א. רייזען. 140
הערבסט (ליד) — — — — — —
נחום יערוסאַלימטשיק. 144
רעגענס — — — — מ. טײַטש. 145
דער הערבסט (ליד) — — — —
א. רייזען, פון פלעשטשייעוו. 146
די פאַרשפּעטיגטע רויז, י. ל. פּרץ. 147
דער פאַרפראָרענער טײַך — —
א. רייזען. 147
ווינטער־ליד (ליד)—ח. נ. ביאַליק. 148
חנוכה־שפּיל (ליד) ——ש. פרוג. 149
ווען כ'ציגד די ליכטלעך אָן (ליד)
א. רייזען. 152
אין א ווינטער־נאַכט (ליד) — —
נחום יערוסאַלימטשיק. 153
אויפ'ן גליטש — דוד איגנאַטאָוו. 154
צום פראָסט (ליד), ח. נ. ביאַליק. 156
דער חזן פון די ביימער — —
נאָך ש. בן־ציון. 157
סוף ווינטער—ש. י. אַבראַמאָוויץ. 159
ערב פרילינג (ליד) — — —
ח. נ. ביאַליק. 160
פרילינג — — — — מ. טײַטש. 161
פרילינג (ליד) — — — יהואָש. 162
פרילינג־ליד (ליד) ——ש. פרוג. 164
דער טײַך שפּילט — ש. הורוויץ. 165
אָרימע מצה — — — א. רייזען. 167
דער קונצענמאַכער — י. ל. פּרץ. 172
טביה'לע — — — — י. דינעזאָן. 176
זומער־ליד (ליד) — — ש. פרוג. 185
זומער בייטאָג—ש. י. אַבראַמאָוויץ. 186
א זומער־אָוונט — — — — — —
ש. י. אבראַמאָוויץ. 187
זומער אין פעלד — — — — — —
ש. י. אַבראַמאָוויץ. 188
דער תענית — — — — — י. ל. פּרץ. 189
איכה (ליד) — — א. רייזען. 192
ריין און ליכטיג איז דער הימעל
(ליד) ש. פרוג. 192
אויפ'ן בית־עלמין (ליד) — —
ש. פרוג. 193
הערבסט (ליד) — — מ. טײַטש. 194

## די שטאָט.

אַמעריקע (ליד) — — י. שוואַרץ. 195
ניו־יאָרק (ליד) — נפתלי גראָס. 196
אויפ'ן טורעם (ליד) — — — — —
נפתלי גראָס. 196
א פריהמאָרגען אין ניו־יאָרק —
דוד איגנאַטאָוו. 198
א זומער־נאַכט אין ניו־יאָרק —
ש. אַש. 200
א שרפה אין ניו־יאָרק — — —
דוד איגנאַטאָוו. 202
דאָס טענעמענט־הויז — — — —
לעאָן קאָברין. 203
די אייזענשטאָט — — יהואָש. 208
די גאָלדענע פּאַווע (ליד), מנחם. 209
אין דערווייט (ליד) — אַ. רייזען. 212

## די אַרבײַט.

ליד פון ארבייט (ליד)—ש. פרוג. 213
צוויי ברידער (ליד) — י. ל. פּרץ. 214
אין פאַבריק — — — י. ל. פּרץ. 216
דער בלייכער אַפּרייטאָר (ליד)
מ. ראָזענפעלד. 218
אין שאָפּ און אין דער היים (ליד)
מ. ראָזענפעלד. 219
דער אַלטער שניידער (ליד) —
מ. ראָזענפעלד. 220
דער שניידער (ליד) — ש. אַנסקי. 221
דור הולך ודור בא — —
י. מ. ווייסענבערג. 223

צום העמערל (ליד) — א. רייזען. 231
דער מויערער — — — — ד. פינסקי. 231
מען ווארט — — — — ד. פינסקי. 234
דער משולח — — — — י. ל. פרץ. 239
דער טרעגער — — — —ד. פינסקי. 244
חיים משרת — — — — ד. פינסקי. 247
דער הענדלער (ליד) — א. רייזען. 252
דער נאכט-וועכטער (ליד) — —
א. רייזען. 253



צוויי פרוען (פאבעל) — — — — —
נחום יערוסאלימטשיק. 253
מיין אינגעלע (ליד) — — — — —
מ. ראזענפעלד. 254
דיינע בלימלעך טויט (ליד) — — —
יהואש. 255
ווי איז יענעם (ליד) — א. רייזען. 256
און דו אקערסט (ליד) — — — —
בן אהוד, פון הערוועג. 256

# פאָרוואָרט.

דאָס בוך „נייע אידישע שול”, כרעסטאָמאַטיע, 3טער טייל, איז באַשטימט פאַר'ן דריטען יאָר לערנען אין די אַרבייטער־רינג שולען און אין אַנדערע אידישע שולען. עס איז נאָהענט צוגעפּאַסט צו דער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם ערשטען צוזאַמענפאָר פון די אַ. ר. שולען.

אין בוך געהען אַריין זאַכען כמעט אויסשליסליך אָריגינעל־אידישע, ניט איבער־געזעצטע; קינסטלערישע זאַכען מיט דעם עלעמענט פון דערציילונג אָדער באַשרייבונג.

פאַרשידענע ערשיינונגען פון דער נאַטור אין קינסטלערישע שילדערונגען; די שטאָט; דאָס לעבען פונ'ם אַרבייטער אין דער גרויסער שטאָט, זיינע ליידען (זיין קאַמף וועט אָפּגעשפּיגעלט ווערען אין דעם נעקסטען טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע); די נאַטור אין משך פון יאָר; גרעסערע דערציילונגען וועגען אידישע ימים־טובים, דערציילונגען, וועלכע אַנטהאַלטען אין זיך געוויסע אידעען, וועגען וועלכע עס לאָזט זיך פיעל שמועסען; און אַ גאַנצע ריי דערציילונגען און מעשות, וועלכע מאָלען וועלכע עס איז אויסטערלישע טאַטען, מאָמענטען פון גייסטיגער העלדישקייט — דאָס איז דער אינהאַלט פונ'ם בוך.

די מערסטע זאַכען אין פּראָזע, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך, האָבען געמוזט פאַרקירצט ווערען, כדי זיי זאָלען קאָנען באַנוצט ווערען צום לייענען פאַר די קינדער פון דעם באַשטימטען עלטער — פון 10־12 יאָר.

איך וויל דאָ אויסדריקען מיין דאַנק אונזערע שרייבער און דיכטער, וועלכע האָבען ערלויבט אַריינצוגעבען זייערע זאַכען אין דעם בוך, און אויך דעם אידישען ליטעראַ־רישען פאַרלאַג און די אַנדערע פאַרלאַגען, וועלכע האָבען ערלויבט אַריינצוגעבען אין בוך זאַכען, וועמעס דרוק־רעכט עס געהערט צו זיי.

אַ בעזונדער דאַנק וויל איך אויסדריקען צו אונזער דיכטער יהואָש'ן וועלכער האָט זיך באַמיהט צו מאַכען אַ גאַנצע ריי ענדערונגען אין דער שפּראַך פון די קאַפּיטלען פון „היאַוואַטאַ”, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך.

איך וואָלט זעהר געבעטען די אַלע לערער, וואָס וועלען זיך באַנוצען מיט דעם בוך, זיי זאָלען, אויב נאָר מעגליך, צושיקען צו מיר די אַלע באַמערקונגען, וועלכע זיי געפינען פאַר גוט און נויטיג צו מאַכען וועגען דעם בוך, און באַזונדערס וועגען פאַר־שידענע איינצעלנע זאַכען, וואָס געהען אַריין אין דעם בוך; צי זיי זיינען צוגעפּאַסט צו דעם עלטער צו ניט. און אויך וועגען דעם, וואָס עס פעלט לויט זייער מיינונג אין דעם בוך. בכלל וועל איך פאַר יעדער זאַכליכער קריטיק זיין מער ווי דאַנקבאַר.

דער אַדרעס אויף צושיקען די באַמערקונגען איז: יעקב לעווין, 143 איסט 103־טע גאַס, אין דער אַרב.־רינג שול, ניו־יאָרק, נ. י.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1920.

יעקב לעווין.

# פֿאַבלען, מעשות און דערציילונגען.

## דער יונגער בוים.

געוואַקסען האָט אַ יונגער בוים אין וואַלד.
פֿון אים ניט ווײַט געשטאַנען איז
אַ דעמב אַ ריז,
וואָס איז געוועזען אַלט
און האָט די צווײַגען ווײַט
צעשפּרײַט אין יעדער זײַט.
און האָבענדיג צום דעמב גאָר גרויסע אַכט,
פֿלעגט רוישען אָפֿט דער יונגער בוים פֿאַרטראַכט:
— "איך ווייס, עס לוינט מיר ניט צו וואַקסען און צו בליהען:
דען זאָל שוין זיין, אַז איך וועל אויך מיט יאָרען שפּעטער
באַקומען מערער בלעטער
און ווערען מעכטיגער און שענער,
וועל איך זיך קענען דען פֿאַרגלייכען
צום דעמב צום ריזיגען און רײַכען?
איך וועל פֿון אים דאָך מוזען בלײַבען קלענער,
ווי הויך איך זאָל צום הימעל זיך ניט ציהען..."
אַ גרעזעלע, וואָס איז געוואַקסען אונטער בוים
און האָט פֿון דר'ערד אַרויסגעזעהן זיך קוים,
האָט אים געענטפֿערט שטילערהײַט:
„נו זאָג איך דיר,
אַז נאַריש זײַנען דײַנע רייד.
דו דאַרפֿסט זיך גאָרניט קלאָגען;
אַ בײַשפּיל נעם פֿון מיר:
איך בין דאָך גאָר אַ גרעזעלע אַ קלײנס;
נאָר כ'ווייס, אַז עפּעס האָב איך דאָך אין זיך אַזוינס,
וואָס יענער גרויסער דעמב וועט ניט פֿאַרמאָגען."

נחום יערוסאַלימטשיק.

# א פעסעל גאלד.

אן ארימאן האט געהאט זיין אייגענס א פערדעל. יעדען טאג פלעגט דער ארימאן איינשפאנען דאס פערדעל, פארען אין וואלד, אנקלייבען דארע טרוקענע צווייגען, אנלייגען אויפ׳ן וואגען און ארויספירען אויפ׳ן מארק. דארט פלעגט ער עס פארקויפען פאר עטליכע גראשען, קויפען פאר׳ן געלט ברויט מיט ציבעלעס און ברענגען אהיים. מיט דעם פלעגט ער דערנערען זיין הויזגעזינד, זיינע נאקעטע און בארוועסע קינדערלעך.

ער אליין פלעגט נעמען דאס קלענסטע שטיקעל ברויט; און ווען ער פלעגט אפעסען, פלעגט ער ארויסנעמען פון אלמער איינעם פון די הייליגע ס פ ר י ם, וואס זיינען דארטען געשטאנען, פלעגט ארויף אויפ׳ן אלטען האלב־צעבראכענעם אויווען און נעמען לערנען. זיינע אויגען פלעגען אנהייבען לייכטען, זיין שטימע קלינגען. און ווען זיין זיסע שטימע פלעגט זיך צעטראגען איבער׳ן הויז, פלעגען די האלב־הונגעריגע קינדער פארגעסען זייער הונגער, זיך אוועקזעצען שטיל און צוהערען זיך, ווי דער טאטע לערנט.

אזוי האט דער ארימאן געלעבט א לאנגע צייט.

איינמאל האט מען ביי אים ביינאכט צוגע׳ג נ ב׳עט דאס פערדעל. קיינער האט ניט געוואוסט, ווער עס האט צוגע׳ג נ ב׳עט. דאס הויזגעזינד פונ׳ם ארימאן האט געוויינט און געקלאגט: „גוואלט, וואס וועט איצט זיין, וואס וועלען מיר איצט עסען?“

נאר דער ארימאן אליין האט ניט געוויינט. ער האט זיך פארקליבען אויפ׳ן אויווען און אנגעהויבען לערנען הויך אויפ׳ן ק ו ל. און זיין פ נ י ם האט געלויכטען ווי שטענדיג, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין צ ר ה מיט אים ניט פאסירט. און זיין שטים האט וואס ווייטער געקלונגען אלץ העלער און שענער.

זיינע קינדער האבען דערהערט, ווי ער לערנט, האבען זיי פארגעסען זייער הונגער, זיך ארומגעקליבען ארום אויווען, וואו דער טאטע איז געזעסען, געשטאנען שטיל און געהערט.

און דער ג נ ב, וואס האט צוגענומען דאס פערדעל פונ׳ם ארימאן, איז אוועקגעפארען אנגראבען ליים אונטער א בארג. גראבט ער אזוי אוןווארפט דאס ליים אויפ׳ן וואגען. דערזעהט ער — ער האט אויסגעגראבען א פעסעל פול מיט גאלדענע רענדלעך; האט ער זיך דערפרייט, ארויסגעגראבען דעם א ו צ ר, ארויפגעלייגט אים אויפ׳ן וואגען און צוגעדעקט מיט ליים. פלוצלונג אבער האט זיך אפגעריסען א שטיק ערד פונ׳ם בארג, וואו ער האט געגראבען, איז ארויפגעפאלען אים אויפ׳ן קאפ און אים דער׳ה ר ג׳עט.

דאס פערדעל האט געווארט און געווארט, און ווען אים האט דער־עסען צו ווארטען און עס איז געווארען הונגעריג, איז עס אליין אוועק מיט׳ן וועג, וואס פירט צום ארימאנס הויז, צו זיין א מ ת׳ען ב ע ל־

ה ב י ת, און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר. דער אָרימאַן האָט זיך זעהר דערפרײַט וואָס זײַן פערדעל האָט זיך צוריקגעקערט, און ער האָט גענומען אַראָפּשיטען דאָס לײם פון וואָגען.

ווי גרויס אָבער איז געווען זײַן פאַרוואונדערונג, ווען ער האָט דערזעהן אויפ'ן וואָגען אַ פעסעל פול מיט גאָלד!

פון דעמאָלט אָן האָט דעם אָרימאַן גאָרנישט ניט געפעלט; און ער האָט נאָך לאַנג געלעבט און געטאָן גוטס, און ער האָט געגעבען צ ד ק ה כ ל ז מ ן ער האָט געלעבט.

ז. שניאור.

---

# דער אוצר.

אויף יענער זײַט בארג, אונטער'ן אַלטען ב י ת ־ ה מ ד ר ש, געפינט זיך אַן א ו צ ר.

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטעל.

נאָר קומען צום א ו צ ר איז ניט אַזוי גרינג; אַז אַלע אידען אין שטעטעל וועלען לעבען ב ש ל ו ם און וועלען זיך נעמען אַלע אים זוכען, דעמאָלט וועט מען אים געפינען.

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטעל.

און אַז אַלע אידען וועלען לעבען צופרידען, עס וועט ניט זײַן קײַן ק נ א ה בײַ אידען; קײַן ש נ א ה, קײַן קריג, קײַן ל ש ו ן ־ ה ר ע, קײַן ר כ י ל ו ת, און מען וועט זיך נעמען אַלע, וועט מען אָפּזוכען דעם א ו צ ר; און אַז ניט, וועט ער אַרײַן טיף־טיף אין דער ערד אַרײַן...

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטעל און מען האָט אָנגעהויבען זוכען דעם א ו צ ר, דער דאָ און דער דאָרטען; און מען האָט אָנגעהויבען זיך צו שפּאַרען און איבערשפּאַרען, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגען זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבער'ן א ו צ ר. דער האָט געזאָגט: ער דאַרף זײַן דאָ, דער האָט געזאָגט: דאָרטען. און מען האָט ניט אויפגעהערט זיך צו שפּאַרען און איבערשפּאַרען, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגען זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבער'ן א ו צ ר — און דער א ו צ ר... האָט געזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין דער ערד אַרײַן.

שלום־עליכם.

4

# דער קוואַרטעט.

אַן אייזעל און אַ באָק, אַ מאַלפּע און אַ בער
פאַרגלוסט זיך אין איין שיינעם טאָג
צוזאַמען שפּילען אַ קוואַרטעט,
זיי האָבען זיך צונויפגערעדט,
זיך נאָטען באַלד געקראָגען.
צוויי פידעלעך, אַ באַס, אַ פלייט,
אַוועקגעזעצט זיך אויפע״ן לאָנקע לעבען פלייט
און זיך צום שפּילען גלייך גענומען.

עס ווערט אַ דריפּעניש אַ שרעק,
נאָר וואָס צו הערען איז ניטאָ.
— „וואַרט, קינדער!“ — זאָגט די מאַלפּע. — „איז דאָס אַ קאָנצערט?
איר זיצט דאָך אַלע גאָר פאַרקערט!
דו, בערעל, מיט׳ן באַס זעץ דו זיך דאָ,
איך מיט מײַן פידעל־פּרימע —
אַנטקעגען באָק — דער צווייטער שטימע;
ועט אונזער שפּיל אַוועקגעהן מיט אַ גלאַנץ,
אַז בערג און טאָלען וועלען געהן אַ טאַנץ!“

צעזעצט מען זיך שוין אויף אַ נײַעם קאָן,
נאָר דער קוואַרטעט — ער הייבט זיך גאָר ניט אָן.
— „שאַ, שטילער, איך ווייס דעם סעקרעט!
שרײַט אויס דער אייזעל. — „ווילט איהר האָבען אַ קוואַרטעט,
טאָ זעצט זיך אויס — פון פידעל ביז באַנדורע —
גלײַך אַלע אין איין שורה!“

מען פאָלגט דעם אייזעל און מען זעצט זיך אַלע גלײַך;
פון זייער שפּילען אָבער לאָזט זיך אויס אַ טײַך.
און ס׳ווערט בײַ זיי אַ שפּאַרעניש, אַ היצעניש,
מכוח הילכת זיצעניש.
אויף זייער טומעל און געשריי
קומט אָן אַ סאָלאָוויי.
די מוזיקאַנטען פאַלען צו צו אים:
— „אוי, ראַטעווע! מיר האָבען כלים, נאָטען־בלאַט.
זעץ אונז נאָר אויס, וועט אַלץ אַוועקגעהן גלאַט!“

דער סאָלאָוויי טוט זיך אַ קרים
און זאָגט: „די שפּיל, רבותי, איז פאַר אײַך צו שווער.
אַ מוזיקאַנט
מוז קודם האָבען אַ געהער
און טאַקע אויך אַ שטיקעלע טאַלאַנט;

און איר מעגט זיצען ווי די ש ר ר ו ת, —
צום שפּילען טויגט איר אויף כ פּ ר ו ת.“

פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו.

---

# דאָס פײַגעלע.

איך בין געגאַנגען פון דער יאַגד. מיין הונט איז געלאָפען פאָרנט לעבען מיר. אין דער אַלעע פונ'ם גאָרטען האָט ער פלוצלונג אָנגעהויבען געהן פּאַמעליך און שטיל זיך גע'ג נ'ב'עט וויַטער, ווי ער וואָלט דערשפירט ערגעץ נאָהענט אַ ווילדען פויגעל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער לענג פון דער אַלעע און האָב דערזעהן אַ יונג פײַגעלע, מיט אַ געל רעמעלע ארום דעם שנאָבעל און מיט פוך אויף דעם קעפּעל. דאָס פײַגעלע איז אַרויסגעפאַלען פון נעסט (דער ווינט האָט שטאַרק געשאָקעלט די בעריאָזעס פון דער אַלעע) און איז געזעסען אַ שוואכס, אַ קלײַנטשיקס, מיט קוים־קוים שפּראָצענדיגע פליגעלעך.

מײַן הונט איז געקומען אַלע מאָל נעהענטער. אין דער זעלבער ר ג ע האָט פון אַ נאָהענטען בוים זיך אַ וואָרף געטאָן אַן אַלטער פויגעל מיט אַ שוואַרצער ברוסט און איז ווי אַ שטײַן אַראָפּגעפאַלען פאַר דער מאָרדע פונ'ם הונט. אַ צעשויבערטער, אַ ווילדער, מיט אַ פאַרצווײַפעלטען סווישטש האָט ער צווײַ מאָל אַ שפּרונג געטאָן אַנטקעגען דעם אָפּענעם מויל מיט די גרויסע אויסגעשטשירעטע צײַן.

ער האָט זיך געוואָרפען ראַטעווען, ער האָט פאַרשטעלט דאָס קינד מיט זײַן אײַגענעם ג ו ף... אָבער דאָס קלײַנע ג ו פ'על האָט אײַנגאַנצען געציטערט פאַר שרעק; די שטימע איז געוואָרען הײַזעריג. דער פויגעל איז אויסגעגאַנגען מיט אַלע כ ו ח ו ת, ער האָט געאָפּפערט זײַן לעבען!

ס'אַר'אַ גרויזאַמע באַשעפעניש דער הונט האָט געמוזט אויסקוקען אין זײַנע אויגען! פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט אײַנזיצען אויף דעם הויכען, זיכערען צווייג. אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון זײַן ווילען, האָט אים אַראָפּגעוואָרפען פון דאָרטען...

מײַן טרעזאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, געדרוקט זיך צוריק, ס'ווײַזט אויס, ער האָט באַקומען אָפּשײַ פאַר דער גרויסער קראַפט.

איך האָב אַ רוף געטאָן דעם פאַרשעמטען הונט און בין אַוועק פון דאָרטען מיט אַ געפיל פון טיפער אַכטונג.

יאָ, איך האָב געפילט אַ טיפע אַכטונג צו דעם קלײַנעם העלדישען פײַגעלע, צו דער גרויסער טאַט פון זײַן ליבע.

די ליבע, האָב איך געטראַכט, איז שטאַרקער ווי דער טויט, שטאַרקער ווי דער שרעק פאַר'ן טויט. נאָר אויף איר, אויף דער ליבע, האַלט זיך דאָס לעבען.

מ. אָלגין, פון א. טורגעניעוו.

# צוויי אינגלעך.

פון אן איבערגעבויגען הייזעל געהט ארויס א בארוועס אינגעל, שלעכט געקליידט (די שמאטעס האלטען זיך אויף אים קוים), און קעגענ־איבער, פון א צווייט הויז, כמעט אמפולת, קומט אויך ארויס אזא אינגעל.

ביידע אויסגעדארט, מיט ברענענדיגע אויגען, ביידע ציטערן פאר קעלט, אפשר פאר הונגער אויך.

זיי שמועסען:

— פארטיג?

— און דו?

— אויך!

— האסט געגעסען?

— ניין, דער טאטע האט נישט געברענגט.

— מיינער — קראנק; די מאמע וויינט . . .

— געהען מיר?

— בעסער לויפען... ס'איז קאלט...

— נו!

זיי לויפען פייל פון בויגען אין שטאט אריין.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלען זיי זיך אפ.

— זעהסט! מיין פעטערס הויז! — מאכט איינער שטאלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף א הויז קעגענאיבער:

— דאס איז מיין פעטערס!

מיין פעטער האט מען אבער געברענגט אן אראביש פערדעל פאר זעכצען טויזענט!

— מיינער האט א קארעטע מיט פיער פערד ווי די לייבען!

— מיינער האט אפשר טויזענט דערפער!

— מיינער — אפשר הונדערט שטעט!

— שוטה! ביי מיין פעטער זיינען די מעבעל פון גאלד!

— בהמה! ביי מיין פעטער — סאמע בריליאנטען!

— אבער מיין מומע מיט אירע פארפומען! די נאז רייסט עס אויף!

— אַ־ווא! מיין מומע געהט אלע טאג אין טעאטער אריין...

— און אז מיין פעטער שפילט יעדע נאכט אין קארטען — הא?

זיי האבען זיך לאנג געשפארט און שיר נישט געפאלען זיך אין די האר אריין.

איינער איז דאך פריהער אפגעשטאנען.

— קאלט. — מאכט ער מיט א ציטער.

דער צווייטער שטעהט אויך אפ:

— איך בין זעהר הונגעריג, — זאגט ער, — עס נאגט מיך! קלינג

אָן בײַ דײַן פעטער...

— נײַן, — ענטפערט יענער דערשראָקען, — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שוועבעלער, ער זאָל מיר הענט און פיס צעברעכען!

— מײַן פעטער — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.

זיי לאָזען ביידע טרויעריג אַראָפּ די קעפּ.

— געהען מיר?

— בעסער לויפען!

און אויפ׳ן וועג:

— מאָרגען בײַנאַכט נאָך אַמאָל...

— יאָ, איבערלויפען. איך וועל געבען אַ ס י מ ן: איך וועל אַ קריי טאָן ווי אַ האָן.

— איך וועל דיר ענטפערן מיט אַ מיאוק פון אַ קאַץ.

— גוט.

און זיי זײַנען ביידע פאַרשוואונדען געוואָרען.

י. ל. פּרץ.

---

## ד י   ג ע נ ז.

מיט גאָר אַ לאַנגען שטעקען געטריבען האָט
אַ פויער גענז אין שטאָט.
ער האָט, דעם א מ ת זאָגענדיג, ניט איבעריגס שטאַרק
געשאָנעוועט די גענז: ער האָט געאײַלט צום מאַרק.
(און וואו עס הייבט נאָר מיט פ ר נ ס ה אָן צו שמעקען, —
איז ניט נאָר גענז, נאָר מענשען קענען אויך, געוויס,
קיין האָניק דאָרט ניט לעקען...)
כ׳באַשולדיג ניט דעם פויער. אָבער ווי דאָס איז,
די גענז אַליין —
זיי האָבען זיך געהאָט פון דעם אָן אַנדער מיין;
און טרעפענדיג אין וועג אַ מאַן,
גענומען האָבען זיי זיך הויך באַקלאָגען:
— „איז ערגעץ וואו נאָך אויף דער וועלט פאַראַן
אומגליקליכערע גענז? אַ פויער זאָל אונז פּלאָגען
און גאָר ווי פּראָסטע גענז באַהאַנדלען אונז געמיין.
ער קאָן, דער גראָבער יונג, גאָר ניט פאַרשטעהן,
אַז ער האָט געדן
באַדאַרפט אונז אַכטען, ערען.
מיר קומען דאָך פון יענע גענז אַרויס,
וואָס האָבען רוים געראַטעוועט אַמאָל פון גרויס
געפאַר.

אין יענער שטאָט האָט מען דערפאַר
אַ יום־טוב איינגעפירט זאָגאַר פון זייערטוועגען"...
— „און איר אַליין, מיט וואָס טוילט איר זיך אוים?" —
האָט זיי דער מאַן גענומען פרעגען.
— „די אבות אונזערע"... — איך ווייס
און נעם דאָס אַלץ אין אכט;
נאָר וויסען וויל איך,
וויפיעל נוץ האָט איר אַליין געבראַכט?"
— „די זיידעס..." — „יע, נאָר גיט מיר צו פאַרשטעהן,
וואָס איר אַליין האָט אויפגעטאָן,
מיט וואָס זייט איר געראָטען?"
— „האָ? מיר?... מיר האָבען קיין זאַך ניט געטאָן אַליין"...
— „טאָ לאָזט צורוה די זיידעס; זיי האָט מען געערט,
ווייל זיי געוועזען זיינען ווערט;
און איר — טויגט בלויז צום בראָטען".

נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו.

---

# די לערע פון די פאָטערס.

## א.

יוסי דער זון פון יועזר זאָגט: דיין הויז זאָל זיין אַ זאַמעלפלאַץ פאַר געלערנטע, און דו זאָלסט זיך וואַלגערן אין שטויב פון זייערע פיס און טרינקען מיט דאָרשט זייערע ווערטער.

יוסי דער זון פון יוחנן זאָגט: דיין הויז זאָל זיין ברייט אָפען, און אָרימעלייט זאָלען זיין דיינע איינגעהער.

יהושע דער זון פון פרחיה זאָגט: קריג זיך אַ לערער און שאַף זיך איין אַ חבר און אורטייל יעדען מענשען לכף־זכות.

נתאי פון ארבאל זאָגט: דערווייטער זיך פון אַ שלעכטען שכן און באַהעפט זיך ניט צו אַ שלעכטען מענשען.

שמעיה זאָגט: האָב ליב אַרבייט און האָב פיינט הערשאַפט און זוך ניט די באַקאַנטשאַפט פון די, וואָס רעגירען.

אבטליון זאָגט: געלערנטע, זייט אָפּגעהיט מיט אייערע רייד, כדי איר זאָלט ניט פאַרדינען די שטראָף פון פאַרטריבען ווערען און איר זאָלט ניט פאַרוואָגעלט ווערען אין אַן אָרט פון שלעכט וואַסער, און די תלמידים, וואָס וועלען קומען נאָך אייך, וועלען דערפון טרינקען און נאָך שטאַרבען.

הלל זאָגט: זיי פון די תלמידים פון אהרן: האָב ליב שלום און יאָג זיך נאָך שלום; האָב ליב מענשען און דער־נעהענטער זיי צום לערנען.

ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס זוכט זיין נאָמען גרוים צו מאַכען, פאַרלירט זיין נאָמען; דער וואָס פאַרמערט ניט זיינע קענטנישען פאַרמינדערט זיי; דער וואָס לערנט ניט, פאַרדינט דעם טויט, און דער וואָס באַנוצט זיך מיט דער קרוין פון געלערנטקייט, וועט אונטערגעהן.

ער פלעגט אויך זאָגען: אויב איך אַליין בין ניט פאַר זיך, ווער איז פאַר מיר? און ווען איך אַליין בין בלויז פאַר זיך, וואָס בין איך? און אויב ניט איצט, — ווען דען?

ש מ אַ י זאָגט: מאַך אַ באַשטימטע צייט פאַר דיין לערנען; זאָג ווייניג און טו אַ ס ך, און נעם אויף יעדען מענשען מיט אַ פריינדליך פ נ י ם.

ר ב ן ג מ ל י א ל זאָגט: קריג זיך אַ לערער און באַפריי זיך פון צווייפעל.

זיין זון ש מ ע ו ן זאָגט: מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך געהאָדעוועט צווישען ח כ מ י ם און איך האָב ניט געפונען פאַר'ן מענשען קיין בעסערס פון שווייגען; און ניט דאָס לערנען איז דער ע י ק ר, נאָר דאָס טאָן; און דער, וואָס רעדט פיעל, פאַראורזאַכט שלעכטע מ ע ש י ם.

ר ב ן ש מ ע ו ן דער זון פון ג מ ל י א ל זאָגט: אויף דריי זאַכען האַלט זיך די וועלט: אויף א מ ת, אויף גערעכטיגקייט און אויף פרידען.

נאָך יהואש, פון העברעאיש.

---

# דער שפּערלינג און די שוואַלבען.

ד ע ר ש פ ע ר ל י נ ג:

— איר פלאַטערט, ווי פון שטייג באַפרייט,\
אין הימלען בלויע הויך און ווייט;\
פאַרלאָזט דעם טייך, דאָס פעלד, דעם בוים,\
איר זוכט פאַר זיך אַ נייע היים,\
און ה פ ק ר בלייבט די שוואַלבען־נעסט\
פאַר וואָרעם, פליג און אַנדערע געסט.\
ח ב ר י ם! ווי טוט אייך נישט באַנג\
צו שיידען זיך אויף לאַנג, אויף לאַנג?

ד י ש וו א ל ב ע ן:

ווינטער־פויגעל, שפערלינג גרויער!\
פרעמד איז אונז דיין אומעט, טרויער,\
אומפאַרשטענדליך קלינגט דיין וואָרט:\
נישט מיר זוכען היימען נייע —\
ניין! מיר זיינען שוואַלבען פרייע,\
וואו אונז לעבט זיך — היים איז דאָרט!

ש. י. לאַנדינסקי.

# אַיאַמאַ.

## א.

געשעהן איז דאָס אין ברוקלין.

עס איז געווען נאַכט. אין אַ וואַרים ליכטיג צימער זיינען געזעסען די קינדער. ווילי, אַ איינגעלע פון אַ יאָר אַכט, האָט געבויט אַ הײַזעלע פון אַלטע קאַרטען; העלען, אַ מײדעלע פון אַ יאָר פינף, האָט זיך געשפּילט מיט איר ליאַלקע — אַ שײנע קוקלע מיט בלאָנדע, אַ ביסעל שוין שמוציגע האָר און מיט גרויסע בלויע אויגען, — וועלכע מען האָט גערופען פּרינצעסע. זי, די פּרינצעסע, איז געווען אײַנגעוויקעלט אין אַ שײנער קאָלדרע, געמאַכט פון שײנע קאָלירטע זייד. און העלען האָט איר גאַנץ ערנסט געראָטען צו געהן שלאָפען, וואָרים עס איז שוין געווען אַכט אַ זייגער. דער עלטערער ברודער, דזיימס, איז געזעסען און האָט געלעזען אַ בוך. און די מאַמע האָט עפּעס גענײט.

פּלוצלונג האָט עמיצער אַ קלאַפּ געגעבען מיט דער דרויסענדיגער טיר, און אַלע האָבען דערהערט, ווי עני, אַ מײדעלע פון אַ יאָר זיבען, שרײַט מיט גרויס שׂמחה: „מאַמע, זעה, וואָס איך האָב געבראַכט! זעה, מאַמע טײַערע!“

אַלע קינדער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פּלעצער, און אין שטוב איז אַרײַנגעלאָפען עני מיט פאַרפלאַמטע בעקעלעך. אין די הענט האָט זי געהאַלטען אַ קלײן שוואַרץ הינטעלע מיט גלאַטע האָר, ווי סאַמעט, און מיט אַ פּאָר שײנע, קלוגע אויגען. ווילי האָט געגעבען אַ שפּרונג און האָט איבערגעקערט זיין קאַרטען-הויז. העלען האָט שוין פאַרגעסען איר געליבטע פּרינצעסע און האָט געטאַנצט לעבען הינטעלע מיט פרייד. די מאַמע האָט אָבער געמאַכט אַ בייזען פּנים און געהייסען באַלד דאָס הינטעל אוועקטראָגען צוריק. עס איז דאָ גענוג צו ראַמען און צו אַרבײַטען אָהן אַ הינטעל אין שטוב.

עני האָט אָנגעהויבען בעטען, העלען האָט זיך צוויינט, ווילי האָט צוגעזאָגט אַליין אַכטונג געבען אויפ'ן נײַעם פרײַנד, און די גוטע מאַמע האָט ענדליך ניט געקאָנט אַנטזאָגען — דאָס הינטעלע איז געבליבען אין שטוב.

שפּעטער ווי אַלע מאָל זיינען אין דער נאַכט די קינדער געגאַנגען שלאָפען. מען האָט דעם גאַסט געקעמט, געוואַשען, געגעבען מילך, געגעבען צוקער, געשפּילט זיך מיט אים, געטראָגען אים אויף די הענט, געקושט, געקוואָלען פון זיינע חכמות און געקריגט זיך איבער אים.

ענדליך האָט מען אים אָנגעהויבען צוקלײַבען אַ נאָמען. העלען האָט פאָרגעלײגט: „פּרינץ“. דער קלײנער מיוחס איז געלעגען אויף דער זײַדענער קאָלדרע לעבען דער פּרינצעסע. ווילי האָט געזאָגט: „קוראַ-פּאַטקין!“ דער גאַסט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עני האָט אַ געשריי געטאָן: „אַיאַמאַ!“ דאָ האָט זיך דער שטיפער אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט.

געגעבען אַ שלעפּ מיט זײַנע קלײנע צײנדלעך דעם זײַדענעם צודעק און האָט אָנגעהויבען מאַכען קונצען. העלען האָט זיך געהאַלטען בײַ די זײַטען לאַכענדיג. ווילי האָט געטופּעט מיט די פיס פון פרײד, און ענני האָט געפּאַטשט: בראַוואָ! און אַלע האָבען געשריען: איאַמאַ! איאַמאַ! איאַמאַ!

דער זײגער שלאָגט נײַן. איאַמאַ שלאָפט ווי אַ פּרינץ אויף דער זײַדענער קאָלדרע. די פּרינצעסין קוקט אויף אים מיט אירע צוויי קאַלטע גלעזערנע אויגען. און די קינדער זאָגען שטיל: „אַ גוטע נאַכט, איאַמאַ, אַ גוטע נאַכט!"

ב.

עס איז אַוועק דרײַ וואָכען.

איאַמאַ לעבט אין נ ח ת און אין פרײדען. עס איז אים וואַרים און גוט. ער עסט פון דאָס בעסטע און טרינקט פון דאָס שענסטע. ער איז געוואָרען פעט און קײַלעכדיג. ער האָט ניט קײן זאָרג און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע קינדער, און איז זײער ליבלינג.

נאָר די מאַמע איז מיט איאַמאַן ניט צופרידען. ער פּלאָנטערט זיך איר אונטער די פיס, כאַפּט זיך אָן מיט די צײן און שלעפּט זיך נאָך, ווען עס ליגט גאָר ניט אין זינען מיט אים צו שטיפען. ער שלעפּט דאָס טישטוך אַראָפּ פון טיש און ברעכט גלעזער און שאָלען.

אײנמאָל בײַנאַכט זאָגט די מאַמע צום עלטערען זון: „דײַווי, נעם די קאַר און פאַרפיר איאַמאַן אַזוי ווײַט, אַז ער זאָל ניט קענען קומען צוריק."

ענני בעט, ווילי ט ע נ ה'ט, העלען וויינט—עס העלפט קײן זאַך ניט. דײַווי טוט אָן זײַן אויבער־ראָק, וויקעלט אײַן איאַמאַן אין אַ שוואַרצען טיכעל און געהט... איאַמאַ פילט קײן זאַך ניט. פרײליך און זאָרגלאָז שפּילט ער זיך מיט זײַן אַלטען באַקאַנטען דײַווי.

די קינדער זעהען, אַז די מאַמע האַלט זיך בײַ איר וואָרט, און אַז די שטונדע פון צעשײדען זיך איז געקומען, זיצען זײ שטיל און טרויעריג און באַטראַכטען זײער געליבטען איאַמאַ'ן צום לעצטען מאָל. ווען אָבער דײַווי געהט אַרויס, און די טיר גיט אַ קלאַפּ נאָך אים, צעוויינט זיך ענני אויפ'ן ק ו ל, ווילי מאַכט אַ בײז פּ נ י ם, און העלען דריקט צו זיך די פּרינצעסע, און פון איר אויג פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע, קלאָרע טרער.

ג.

„איסטערן פּאַרקוועי" האָט זיך געהויבען די גאַס, אויף וועלכער דײַווי האָט אַרויסגעוואָרפען איאַמאַ'ן און איז אַנטלאָפען. עס איז אַ ברײטע גאַס מיט גרויסע בײמער פון בײדע זײַטען, און אין מיטען שטעהט אויף אַ הויכען פונדאַמענט אַ מאָנומענט פון גענעראַל סלאָקום: אַ באַגולדעטער גענעראַל אויף אַ באַגולדעט פערד.

עס איז געווען אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזען, און שווערע שוואַרצע וואָלקענס האָבען באַדעקט די הימלען.

איאַמאַ איז געבליבען אַליין... אַ דערשראָקענער, אַ דערפראָרענער איז ער געלאָפען אין אַלע זייטען. ער האָט אַנגעשמעקט דיוווי'ס טריט, און האָט זיך געלאָזט לויפען. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אַלע זיינע האָפנונגען זיינען אומזיסטע, האָט ער אָנגעהויבען וויינען אַזוי ווי אַ קינד. נאָכדעם האָט ער באַשלאָסען צו זוכען זיך נייע פריינד, און וועד עס פלעגט פאַרביינגעהן, פלעגט ער נאָכלויפען, וויינען און בעטען. אָבער ער האָט עטליכע מאָל געקראָגען אַ בריק מיט'ן פוס.

לאַנג האָט איאַמאַ אומגעוואַנדערט אין דער פינסטער. ענדליך, אַ פאַרפרוירענער, אַ הונגעריגער, אַ דערשראָקענער איז ער צוגעקראָכען צו די טרעפּ, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער באַגולדטער גענעראַל מיט'ן פערד, האָט אַנידערגעלייגט זיין קעפעל אויפ'ן קאַלטען שטיין און צוגעמאַכט זיינע אויגען. זיין יונג קערפּערל האָט יעדע ווייַלע געגעבען אַ ציטער, און זיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען.

שפּעט ביינאַכט איז אַ ש י כ ו ר'ער טרעמפּ געגאַנגען מיט איסטערן פאַרקוועי צו פּראָספּעקט פּאַרק, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען פאַר זיך אַ ליידיגע באַנק צו שלאָפען. זיינע קליידער זיינען געווען אַלט און צעריסען, זיינע שטיוועל אויסגעטראָטען, און ער האָט געציטערט פאַר קעלט.

לעבען גענעראַלס מאָנומענט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנגעבויגען און באַמערקט דעם עלענדען איאַמאַ. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו אים, האָט אים צוגעדריקט צו זיך, און איז געבליבען שטיל אויף די טרעפּ פון דעם מאָנומענט.

די ביימער האָבען גערוישט. דער שטאַרקער ווינט האָט דורכגעריסען די וואָלקענס, און די ל ב נ ה האָט באַלויכטען די ביידע היים־לאָזע אַרויסגעוואָרפענע טרעמפּס, וועלכע האָבען געשלאָפען אונטער דעם באַגולדטען מאָנומענט מיט אַ שווערען אומרוהיגען שלאָף...

י. גאָרדין.

---

# ס ע מ ק ע.

זונטאָג נאָכמיטאָג איז סעם אוועק מיט זיינע ח ב ר י ם אין וואַן־דייק וועלדעל.

דאָס וועלדעל איז באַשטאַנען פון גרויסע, צעשפּאַלטענע פעלזען. די פעלזען זיינען געלעגען איינער אויפ'ן אַנדערען, ווי אַ טרעפּ, און מ ש ו פּ ע'דיג זיך געהויבען באַרג אַרויף. אויפ'ן סאַמע שפּיץ האָט זיך דער באַרג אָפּגעריסען, און אַ קליינע וואַנט, וועלכע איז פון אַלטקייט געווען באַוואָקסען מיט מאָך, האָט פאַרנומען דאָס אויג.

די אינגלעך האָבען זיך פאַרקליבען אויפ'ן שפּיץ באַרג, אַרויסגעשלעפּט פון די קעשענעס „זיסע“ קאַרטאָפעל, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון דער היים, צעלייגט אַ פייערל און זיי געבראָטען.

סעם איז געזעסען אַן אַ זײַט. ער איז געװען אַן אָפּגעריסען, בלאַס אינגעל, מיט מאַטע אויגען, מיט אַ פאַרבויגען נעזעל, װי בײַ אַ פויגעל. ער האָט זעהר ח ש ק געהאַט אַ שאָר צו טאָן אין פּײַער און זעהן, צי די קאַרטאָפעל בראָטען זיך. ער האָט זיך אָבער געשראָקען. ער האָט זיך נישט געװאָלט װאַרפען דער ח ב ר ה אין די אויגען, איז געװען צופרידען, װאָס מען האָט אַן אים פאַרגעסען און מען לאָזט אים צורוה. ת מ י ד װען די ח ב ר י ם האָבען נישט געהאַט װאָס צו טאָן, האָבען זײ זיך געטשעפּעט צו סעמען, אָפּגעלאַכט פון אים. זײ האָבען אים קײנמאָל נישט גערופען בײַם נאָמען, ת מ י ד אים געגעבען אַ צונאָמען. און סעם, אַ שװאַכער, האָט זיך זעלטען װען געװערט.

און נישט אײנמאָל האָט פּאַסירט, אַז די ח ב ר י ם זײַנען צו װײַט פאַרקראָכען מיט זײערע שטיק! דעמאָלט האָט סעם זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטען. ער האָט פאַרקװעטשט די פויסטען און מיט אַ געװײן זיך אַ װאָרף געטאָן אויף זײַן געגנער; האָט יענער זיך צעלאַכט און פאַר קײן פאַל זיך נישט געװאָלט „פּײַטען“ מיט אים, װי עס װאָלט אים נישט אָנגעשטאַנען. דאָס האָט סעמען נאָך מער געקרענקט. אין האַרצען האָט דאָס צװעלף־יעריגע אינגעל פּײַנט געהאַט די גאַנצע װעלט. ער האָט געגלויבט אַז אַלע האָבען זיך צונויפגערעדט אים צו מוטשען. ער איז געװען זיכער, אַז פון די קלעפּ, װאָס די ח ב ר י ם האָבען אים געגעבען, האָט ער געקראָגען אַ גראָבען קאָפּ און אין „סקול“ קומט אים יעדע זאַך אָן שװער צו באַנעמען.

די קאַרטאָפעל זײַנען פאַרטיג געװאָרען. די ח ב ר ה האָבען געװאָרפען די הײסע קאַרטאָפעל פון אײן באַק אויף דער צװײטער, געשפּרונגען איבער די פעלזען װי ח י ה'לעך, זיך געשטעלט אויף די קעפּ. אַנדערע האָבען זיך אויסגעצויגען אויף די בײַכלעך, אַראָפּגעקוקט פון באַרג און זיך אויסגעפּרובירט װער עס קען װײַטער שפּײַען.

אַ אינגעל האָט אָפּגעשטעלט עטליכע ח ב ר ה'לײַט און זײ געװיזען אויף סעמען:

— זעהט נאָר, ער געהט אין אַ פּאָר מײדעלשע שיך מיט הויכע אָפּצאַסען!

— ס'איז זײַן מאַמעס שיך! — האָט זיך אַ צװײטער צעלאַכט.

סעם האָט באַהאַלטען די פיס אונטער זיך, פון כ ע ס פאַרקװעטשט די פויסטען און גאַרנישט געענטפערט.

די ח ב ר ה האָבען אים אַרומגערינגעלט. אײנער האָט אים אַ צופּ געטאָן פאַר אַן אויער, דער צװײטער האָט אים אַראָפּגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען, דער דריטער האָט אים אויסגעצויגען אויף דער ערד. דאָס אינגעל, װאָס האָט אָנגעװיזען, אַז ער געהט אין זײַן מאַמעס שיך, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ פוס. סעם האָט אַ ריס געטאָן דעם פוס, זיך צעבריקעט און דאָס אינגעל אומגעװאָרפען. בײדע זײַנען אויפגעשפּרונגען, מיט פאַרקװעטשטע פויסטלעך געשטאַנען אײ־

נער קעגען אנדערען, זיך פּאַרמאָסטען ווי העכער. די איבעריגע ח ב ר ה־ ל י י ט האָבען געמאַכט פּלאַץ, געוואַרט מיט בלישטשענדיגע אויגען איינער זאָל זיך וואַרפען אויפ'ן צווייטען. איז פּונקט דעמאָלט אַנגעלאָ־ פען אַ אינגעל מיט פרייד:

— העי, „גאַים“, ווילי קלויבט זיך אַראָפּצושפּרינגען פון דער וואַנט!

די ח ב ר ה האָבען פאַרגעסען אַן דעם „פּייט“ און אַלע האָבען זיך אַ שאָט געטאָן צום שפּיץ־באַרג. ווילי, דער פירער פון דער ח ב ר ה, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וואַנט נאָכלעסיג, געשטעלט ווייכע טריט ווי אַ קאַץ און וואָוילעריש געשמייכעלט צו די ח ב ר י ם. ער האָט זיך עטליכע מאָל פּאַרמאָסטען, געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, אַראָפּגעקוקט, געפילט אַ שווינדעל אין די אויגען און געבליבען שטעהן. ער איז אָפּ־ געלאָפען אַ שטיק וועג, זיך אָנגעשפּיגען אין די הענט, זיך געלאָזט לויי־ פען און אין שטאַרקסטען אימפּעט האָט ער זיך ביים סאַמען ראַנד אָפּגעשטעלט.

די ח ב ר י ם האָבען זיך אויפגערוימט, אים געגעבען ע צ ו ת, ווי צו שפּרינגען, ווי צו האַלטען די פיס, ווי צו בלייבען שטעהן אויף די שפּיץ פינגער.

סעם איז געשטאַנען אַ ב ר ו ג ז'ער, זיך נאָך נישט געהאַט באַ־ רוהיגט, וואָס די ח ב ר י ם האָבען אים באַליידיגט, און געפילט, אַז איצט איז די צייט זיי צו ווייזען, אַז ער איז מער ריזיקאַנט אפילו פאַר ווילין. ער האָט געפילט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט, אַלץ אין אים הייבט זיך. ער האָט געכאַפּט אַ קוק פון באַרג, עס איז אים אפילו טונקעל געוואָרען אין די אויגען, נאָר ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש, איז אַריין צווישען די אינגלעך און אַ פאַרשעמטער אַ זאָג געטאָן:

— ח ב ר ה, איך שפּרינג אַרונטער!

אַלע האָבען זיך צעלאַכט, באַטראַכט זיין ה י ל ו ך, און איינער האָט אויפגעהויבען אַ פוס, זיך פּאַרמאָסטען סעמען אַ זעץ צו טאָן.

אַ נידעריג אינגעל מיט ברייטע פּלייצעס, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליין, פלינק אידעלע, איז צוגעגאַנגען צו סעמען און אים אַנגענער־ מען פאַר'ן מוסקעל פון דער האַנט:

— ח ב ר ה, האָט ער אַ מאָסעל! — האָט דאָס אינגעל כ ל ו מ ר'שט פון גרויס איבעראַשונג אויפגעהויבען די האַנט צום קאָפּ — האַרט, זאָג איך אייך, ווי צעריבענע קאַרטאָפּעל!

— אַז דו וועסט פאַלען, האָט זיך אַ צווייטער געוויצעלט, קום אַרויף, וועל איך דיך אויפהייבען!

— ער וועט זיך גאַר נישט טאָן! — האָט עמיצער אַריינגעוואָרפען.

— פאַרוואָס?

— ער געהט אין זיין מאַמעס שיך, ס'איז מ ז ל'דיג!

אַ אינגעל איז צוגעגאַנגען צו סעמען און אים אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער'ן פ נ י ם. סעם איז אים פאַרפאַרען אין די אויגען.

ווילי האָט אָנגעכאַפּט דעם אינגעל און אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דער ערד. סעם איז געשטאַנען ווי אין פיבער. די אויגען זײַנען בײַ אים געוועזן פאַרלאָפען און ער האָט געפילט, אַז ער האָט שוין אַ פ י ל ו ווילין, דעם שטאַרקסטען פון דער ח ב ר ה, אויף זײַן זײַט. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער צײַגט נישט איצט, וואָס ער איז, איז אַלץ פאַר־פאַלען, וועלען זיי אים דערגעהן די יאָרען און אַזוי וועלען אַלע...

ער האָט געזעהן, ווי אַלע קוקען אויף אים; האָט זײַן צעהיצט מ ו ח'ל ווײַטער נישט געקענט ציהען דעם געדאַנק. ער איז אַרויף אויף דעם ראַנד פון באַרג. עס איז אויף אַ ר ג ע שטיל געוואָרען. ער האָט געפילט ווי עפּעס רײַסט זיך אין אים אָפּ, געהערט הינטער זיך: „הוראַ פאַר סעמען, הוראַ!“ — האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, געפלויגען אַרונטער און געזעהן, ווי קעגענאיבערדיגע ביימער און פעלזען לויפען אים אין די אויגען אַרײַן, ווי פײַערדיגע רעדער.

י. אָפּאַטאָשו.

---

# די געלערנטע קאַץ.

אַ מאַן האָט אומגעפירט אין מאַרק
אַ קאַץ, און ניט אַבי אַ וועלכע.
ס'איז זעלטען, ווען מען טרעפט גאַר קעץ אַזעלכע!
זי איז געווען געבילדעט שטאַרק,
און האָט געקענט זיך קוליען, שפּרינגען,
אַ לאַנגע צײַט אַליין
אויף הינטערפיסלעך געהן,
און אין אַ גלעקעל קלינגען.
אַזעלכע שטיק האָט זי געקענט אַ ס ך
און האָט צום וואונק פאַרשטאַנען יעדע זאַך.
(מיט דעם
האָט זיך די קאַץ געמאַכט אַ גרויסען ש ם.)
דער ע ו ל ם האָט געקוקט, געלאַכט
און נײַגעריג די קאַץ באַטראַכט
פון אַלע זײַטען.
נאָר איינער, וועלכער איז געשטאַנען פון דער ווײַטען,
איז באַלד אַוועק און האָט געבראַכט פון הויז
אַ פּאַסטקע מיט אַ לעבעדיגער מויז.
ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס מײַזעל, ווען די קאַץ
האָט, געהענדיג אויף הינטער־פיסלעך מיט אַ טאַץ,
בײַ די אַרומיגע דאָרט געלט געקליבען.
ווי נאָר זי האָט דערזעהן דאָס מײַזעל, — באַץ!
האָט זי אָן דר'ערד אַ זעץ געטאָן דעם טאַץ.

ס'איז פון איר בילדונג גאָר קײַן ז כ ר ניט געבליבען,
די אַלע קונצען זײַנען גלײַך בײַ איר
פון קאָפּ אַרױס;
זי האָט זיך פלינק אױף אַלע פיער
געלאָזען נאָך דער מױז...

מען טרעפט אַזױנע לײַט גאַנץ אָפט אין לעבען:
זײ האַלטען זיך אַזױ, װאָס בעסער קען ניט געבען,
צו זײער בילדונג, דאַכט זיך, איז ניטאָ קײַן שאַץ;
דאָך זײַנען זײ ניט בעסער פון דער קאַץ.

נחום יערוסאַלימטשיק.

# דער סוד.



י. ל. פּרץ.

מאַמעשי, איך װיל דיר אױסזאָגען אַ ס ו ד. אַט זעץ זיך דאָ אױפ'ן שטול, קעגענאיבער דעם פענסטער... גוט אַזױ!

אַך, װי שײן די זון געהט אונטער, װי שײן לײגען זיך אירע לעצטע רױטליכע שטראַלען אױף דײַן אײדעל בלאַס פּ נ י ם. איצט הער!

געדענקסט, מאַמעשי, נעכטען האָסטו מיר קלײנגעלט געגעבען? געדענקסט?

איך האָב גאָרנישט אױסגעגעבען און עס פעלט מיר שױן... עס פעלט מיר אַ צעהנערל!

צי האָב איך עס פאַרלאָרען? נײן... דו גיסט דאָך מיר פאַר אָרימע לײַט, פאַר אָרימע קינדער, װאָס איך טרעף אױפ'ן שפּאַציר... אָרימגעלט װעל איך ניט פאַרלירען.

צי האָב איך עס אַװעקגעגעבען? געװיס... צו אַן אָרימאַן? איך װײס נישט... אפשר יאָ און אפשר ניט... הער, װעסט דו אפשר װיסען! נעכטען איז אױך שײן אונטערגעגאַנגען די זון, און איך האָב שפּאַצירט הינטער דער שטאָט, דאָרט װאו מען זעהט זי אײנגאַנצען אַרױס: בײַם טײַך. די הײַזער הײבען זיך אַלץ העכער און העכער. אײנס איבער'ן צװײטען, אײנס איבער'ן צװײטען; די, װאָס שטעהען װײַטער, װילען אַריבערקוקען, גאַנץ װעלט זעהן און הײבען זיך װאָס װײַטער אַלץ העכער און העכער. און די זון, אונטערגעהעניג, קוקט

אויף זיי, שפרייט אויף זיי אויס די לעצטע שטראלען, געזעגענט זיך, קושט זיי... און איך זעה, ווי די שאטענס יאגען אונטער די שטראלען, לייגען זיך אלץ דיקער און דיקער און טרייבען דאס רויטליכע לעצטע ליכט ארויף, ארויף, צוריק אין הימעל אריין... „אין אייער רוה אריין, שטראלען! אצינד איז אונזער צייט. א גוטע נאכט!“

און פאמעליך ווערט אלץ טונקעלער און טונקעלער, און דער הימעל ווערט טיפער און טיפער. באלד וועלען זיך איינס נאכ׳ן צווייטען אנ־צינדען די שטערען... אזוי קוקענדיג בין איך געקומען צו דער סטאליער־גאס, צו דער הינטער־גאס, וואס לאזט זיך אלץ טיפער און טיפער אראפ ביז צום טייך, נישט וויים פון דער גרויסער שול.

איך בין צוגעגאנגען נעהענטער צו דער שול.

א לייכטער, ליבליכער טונקעל־בלויער נעבעל האט זי ארומגענו־מען. די פענסטער האבען ערנסט און טיף געקוקט אין דער וועלט אריין... איך קוק אויף דער שול און אין מיטען — דערהער איך א גע־וויין! א שטיל טרויעריג געוויין, זיס און טרויעריג; עפעס אזוי הארציג.

עס איז א קליין מיידעלע געוועזען, זי איז געלעגען אויפ׳ן זאמד. האט עפעס געזוכט און געוויינט.

אז איך האב זיך ארומגעקוקט, האב איך נאר איר אלט־אפגעריבען קליידעל ווי א טונקעל־גרויען פלעק אויפ׳ן געלען זאמד געזעהן, א פאר אויסגעקרימטע שיך... און א פאליע רויט־פלאמענדיגע האר.

— „וואס וויינסטו, מיידעלע, וואס זוכסטו אין זאמד?“

די מוטער האט איהר א צעהנערל געגעבען, עפעס קויפען געשיקט; האט איר עמיץ, דורכגעהענדיג, אונטערגעשלאגען די האנט, דאס צעה־נערל איז אין זאמד אריין; דעריבער וויינט זי...

איך פרעג זי: „א גרויסען צעהנער, צי א וויים צעהנערל?“

— א ווייס, — זאגט זי און קוקט זיך א פ י ל ו נישט אום.

— איך וועל דיר העלפען זוכען — זאג איך.

איך בייג זיך אראפ, מאך זיך זוכענדיג און געפין איר א ווייס צעהנערל. „נא!“ — זי איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד, און איך האב דערזעהן איר קליין אלבאסטער־ווייס פ נ י ם מיט אויגען, מאמעשי, וואס איך קען דיר ניט אויסמאלען: עס האט אין זיי געבליצט אזוי פיעל פרייד...

א גאנצע נאכט האבען זיך מיר די אויגען געח ל ו מ׳ט... א גאנצע נאכט.

אט דאס איז, מאמעשי, מיין גאנצער ס ו ד.

י. ל. פרץ.

# די צוויי ברידערלעך.

## א.



א. רייזען.

יאַנקעלע און בערעלע — צוויי ברידערלעך, דער ערשטער פערצען יאָר אַלט, דער צווייטער — זעכצען — האָבען געלערנט אין דער ישיבה, וואָס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאָט, פינף מייל פון זייער געבורט־שטעטעל.

יאַנקעלע איז געווען אַ דאַרינקער, אַ בלייכינקער מיט צוויי שוואַרצע אייגעלעך, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט כיטרע פון אונטער די צוויי שוואַרצע ברעמען. בערעלע איז געווען העכער און פולער פאַר יאַנקעלען, אויגען האָט ער געהאַט העלערע, און זיין קוק איז געווען שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי ברידערלעך האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי אַן אָרימער קרובה, אַן אלמנה, אַ טענדלערין, וואָס האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבעל ניט געפונען. קיין בעט האָבען די צוויי ברידערלעך ניט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט דער קופערט, וואָס איז געווען ברייט גענוג, געדינט זיי פאַר אַ בעט, און די צוויי ברידערלעך פלעגען ביידע געשמאַק שלאָפען אויף אים, איינדעקענדיג זיך מיט זייערע לאַנגע צעריסענע קאַפּאָטקעלעך, און פלעגען אין חלום זעהן זייער שטעטעלע, זייער געסעל, דאָס שטיבעלע און דעם טאַטען מיט דער לאַנגער באָרד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגען, מיט'ן געבויגענעם רוקען, און פלעגען זעהן די מאַמען מיט'ן לאַנגען בלייכען אומעטיגען פּנים, און פלעגען הערען, ווי די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך קריגען זיך, רייסענדיג זיך פאַר אַ שטיקעל הערינג... און נאָך פלעגט זיך זיי חלומ'ען חלומות פון דער היים, און אין דער פריה פלעגען זיי בענקען און עס פלעגט זיי ציהען, און דאַמאָלסט פלעגען זיי לויפען אויף דער אכסניא, וואו די בעלי־עגלות פון זייער היים פלעגען פאַרפאָרען, נאָכפרעגען ביי זיי אַ גרוס, צי אַ בריעוולע פון דער היים...

די בעלי־עגלות זיינען אפילו געווען גוטע אידען, האָבען געהאַט ווייכע הערצער און וואָלטען אַודאי רחמנות גע־האַט אויף די צוויי אָרימע אינגלעך, וואָס גאַרען אַזוי עפּעס הערען פון דער היים, וואָס זייערע אייגעלעך ברענען און זייערע הערצעלעך קלאַפּען אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק, — זיינען אָבער די בעלי־עגלות

געוועז שטאַרק פאַרנומען: קומען פלעגען זיי אהער מיט טויזענטער שליחות פון די שטעטלשע קרעמער און סוחרים. און בריף האָבען זיי געהאַט מער פאַר דער פּאָסט, און די אָרדענונג איז ביי זיי געווען אַ סך ווייניגער ווי אין פּאָסט. בריף פלעגען ביי זיי פאַרלעגען ווערען, פּאַסילקעס פלעגען ביי זיי פאַרפאַלען ווערען, און צעטומעלט, קראַצענדיג זיך אין די פּאַטיליצעס, פלעגען זיי יעדערען ענטפערן:

— אַט באַלד, באַלד, באַלד געפין איך... ניין... דאַכט זיך, פאַר אייך האָב איך גאָרנישט...

אַזוי פלעגען זיי ענטפערן גרויסע אידען, וואָס פלעגען קומען צו זיי; די ברידערלעך אָבער פלעגען שטעהן און שטעהן, קוקען מיט דאַר־שטיגע אויגען און מיט די צעקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל־עגלה — אַ באַוואַקסענער איד, אין אַ קורצען וואַטאָווען קאַפּטען סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגען וואַרטען, טאָמער וועט ער זיי באַ־מערקען און זאָגען זיי עפּעס, כאָטש אַ וואָרט... נאָר לייזער איז געווען פאַרהאַוועט: דאָ האָט ער אויפ'ן הויף דעם פערד עסען געגעבען; דאָ פלעגט ער אַריינלויפען אינווייניג אין אכסניא; דאָ פלעגט ער זיך פאַנאַנדעררעדען מיט אַ פריקאַזטשיק פון אַ גרויסען מאַגאַזין, וואָס האָט אים אַ „רשימה" מיט סחורה געבראַכט, אָפּצופירען אין שטעטעלע פאַר אַ קרעמער. און די ברידערלעך פלעגען אַלץ שטעהן... ביז דעם עלטערען ברודערל — בערלען — פלעגט די געדולד פּלאַצען, און אַ פאַרביסענער, שיר ניט פאַנאַנדערוויינענדיג, זיך פאַר פאַרדרוס פלעגט ער קוים אויסרעדען:

— איר האָט, ר' לייזער, אַ בריוועלע פון טאַטען?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערען, אַנטלויפען אין גאַס אַריין מיט וועמען עס איז, אָדער זיין פאַרטראַגען אין שמועס, און בער־רעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטען אויף עפּעס אַן ענטפער, וועלכען לייזער פלעגט, ניט קוקענדיג בערלען אין פנים, קאַלט אַרויסזאָגען:

— ניטאָ... ניטאָ..

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצען און אַ צעקלעמטער אַוועקרופען יאַנקעלען, און זיי פלעגען זיך לאָזען געהן אויף זייערע „טעג", אומעטיגע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אודאי פאַרלירען די בריף! — פלעגט יאַנקעלע נאָך דעם אין עטליכע מינוט אַרום אַרויסרעדען, געהענדיג.

— אַ שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פאַרדריסליך...

ב.

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך אַ בריוועלע איבערגעגעבען, און דערצו אַ קליינע פּאַסילקע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליבע קינדער, זייט מענשען און ווילט לערנען. מיר שיקען אייך דאָ אַ האַלבען קעז און אַ פערטעל פונט צוקער און אין גלעזעל אַ ביסעל יאַגדעס־סאָק. עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

פון מיר אײַער פֿאָטער ח י י ם  ה ע כ ט"...

דאַמאָלסט איז בײַ זײ אין די אויגען לײזער  ב ע ל־ע ג ל ה  געװען דער בעסטער מענש אין דער װעלט. זײ װאָלטען זיך ניט געשעמט, װאָלטען זײ אים מיט זײַן פֿערד און װאָגען פֿאַר ליבשאַפֿט אויסגעקושט. זײ האָבען גלײַך אָנגעשריבען אַ בריװעל און האָבען עס אויף דער נאַכט בײדע אָפּגעטראָגען לײזער  ב ע ל ־ ע ג ל ה. לײזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַרײַנגערוקט אין בוזים און עפּעס אַרויסגעברומט אַ װאָרט ענליך צו „גוט".

— װאָס האָט ער געזאָגט, בערעל? — האָט יאַנעקלע מיט האַרץ־קלאַפּעניש געפֿרעגט.

— גוט, דאַכט זיך... — האָט בערעל מיט  ס פ ק ו ת  געענט־פֿערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט „גוט!" — האָט יאַנקעלע זיך אַלײן באַרוהיגט. ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן און צוגעגעבען מיט שרעק:

— ער קאָן נאָך דעם בריװ אָנװערען!

— בײַם בעסער אָפּ די צונג! — איז בערעלע אין  כ ע ס  געװאָרען.

און פֿאַרקלערט װעגען  ג ו ר ל  פֿון זײער בריף צו טאַטע־מאַמען, האָבען זײ זיך געלאָזט געהן אויף זײערע „טעג", װאָס זײ האָבען געהאַט אין באַזונדערע גאַסען.

אַזוי זײַנען די צװײ ברידערלעך דרײַ מאָל אַ װאָך, װען לײזער  ב ע ל־ ע ג ל ה  פֿלעגט קומען צו פֿאָרען אַלע אין דער פֿריה, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿען אויף דער  אַ כ ס נ י א, און געפֿרעגט אָן „ענטפֿער" אויף זײער בריװעלע. און לײזער דער  ב ע ל ־ ע ג ל ה  איז װאָס אַמאָל אַלץ צעטראָגענער, בײזער און ענטפֿערט זײ אָדער האַלבע װערטער, װאָס די צװײ ברידערלעך באַנעמען עס ניט און װאָלטען װעלען איבער־פֿרעגען, װען זײ װאָלטען קײן  מ ו ר א  ניט געהאַט, אָדער ער ענטפֿערט זײ גאָר ניט, און זײ געהען אַװעק מיט צעקלעמטע הערצער...

אײנמאָל אָבער האָבען זײ דערהערט פֿון לײזער דעם  ב ע ל־ע ג ל ה  גאַנצע װערטער, װאָס זײ האָבען גוט פֿאַרשטאַנען:

— װאָס האָט איר זיך,  ק ו נ ד ס י ם, צוגעטשעפּעט? װאָס דולט איר מיר אַ קאָפּ: בריװעל, שמיװעל!... איר צאָלט מיר אַ  ס ך?... איך בין אײַערער אַ פּאָסטאַליאָן? װאָס? געהט אײַך געז־זונטערהײט...

די צװײ ברידערלעך זײַנען טאַקע אַװעקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונ־טערהײט, װי ער האָט זײ געהײסען. די הערצעלעך האָבען זײ מאָדנע געדריקט, שטאַרק װײ געטאָן, און די יונגע דינע פּיס האָבען זיך געבױ־גען, און טראָפּענס טרערען האָבען זיך זײ אין די אויגען געשטעלט און אַראָפּגערונען אויף דער ערד און צעטראָטען געװאָרען פֿון מענשליכע שװערע טריט...

און מער זײַנען זײ שוין ניט געגאַנגען צום ב ע ל ־ ע ג ל ה פרעגען א בריף.

— א שלעכטער איד! — האָבען די ברידערלעך געזידעלט, כאָטש זײערע הערצלעך האָבען עס ניט געמײנט, און זײ האָט געצויגען כאָטש געהן זעהן לײזער ב ע ל־ע ג ל ה, זײַן פערד און וואָגען: זײ זײַנען דאָך פּאַרט פון אײן שטעטעל, און ליב זײַנען זײ די צוױי ברידערלעך געווען...

ג.

אײנמאָל, אין א פּאָר וואָכען אַרום נאָך דעם, ווי דער ב ע ל ־ ע ג ל ה האָט זײ אַזוי פאַריאָגט, זײַנען די צוױי ברידערלעך געזעסען בײַ דער אָרימער ק ר ו ב ה אין שטיבעל און האָבען גערעדט וועגען דער היים. דאָס איז געווען א זומערדיגער טאָג, פרײַטאָג.

— וואָס קען איצטער טאָן דער טאַטע? — האָט יאַנקעלע א זאָג געטאָן, אַרײַנקוקענדיג אין די קלײנע שײַבעלעך פון די קלײנע פענסטער־לעך.

— ער שנײַדט א ו ד א י די נעגעל — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיג שמײכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקען א „פּיסנאָהע“... — האָט יאַנ־קעלע זיך פאַרגעשטעלט אין פאַנטאַזיע. — און די מאַמע מוז קעמען כיענעלען, און כיענעלע מוז א ו ד א י וויינען...

— גענוג צו רעדען נאַרישקײַט, — האָט בערעל אים אָפּגעשטעלט, — וואָס קען מען וויסען אונטער די אויגען, וואָס דאַרטען טוט זיך. א פ ש ר איז עמיצער גאָר געשטאָרבען — האָט ער צום ס ו ף גענו־מען שרעקען יאַנקעלען.

— געה, געה, מ ש ו ג ע׳נער! — האָט יאַנקעלע איבערגעשלאָגען.

— אז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— א פ ש ר האָט מען אָנגעזאָגט, און דער ב ע ל־ע ג ל ה גיט אונז ניט איבער...

— אַי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יאַנקעלע זיך צעבײזערט אויף אַן א מ ת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערעל אים באַרוהיגט— אַלע לעבען...

יאַנקעלע איז פרײליך געוואָרען און האָט פלוצלונג א שפּרונג געטאָן אין דער הײך און מיט לוסטיגע אײגעלעך אויסגעשריען:

— בערעל! פאָלג מיך, לאָמיר שיקען גאָר דורך פּאָסט א בריוועל אַהײם.

— ביסט געררעכט! — האָט בערעל אײַנגעשטימט. — איך האָב אָבער קײַן געלט ניט.

— איך האָב א פיערער! — האָט יאַנקעלע אויסגערופען מיט פרײד.

— און איך האב אויך א קאפּיקע! — האט בערעל צוגעגעבען — אקוראט אויף א קארטעל.

— ווער וועט אבער שרייבען? — האט יאנקעלע געפרעגט.

— איך — האט בערעלע געענטפערט. — איך בין דאך אן עלטערער, איך בין דאך א ב כ ו ר...

— איך גיב דאך אבער א פיערער.

— א ב כ ו ר איז מער ווערט ווי א פיערער.

— ווייסט! איך וועל שרייבען א האלבע און דו א האלבע, הא?

— זאל זיין אזוי. קום קויפען א קארטעל!

און די צוויי ברידערלעך זיינען אוועקגעלאפען קויפען א קארטעל אין פּאסט.

— דא וועט זיך גאר נישט אויסשטעלען! — איז יאנקעלע ניט געווען צופרידען באטראכטענדיג, צוריקגעהענדיג אהיים, דאס קליינע קארטעל.

— מיר וועלען שרייבען קליינע א ו ת י ו ת'לעך, מאנטשינקע, — האט בערעלע אן ע צ ה געגעבען.

— וועט דער טאטע ניט קענען איבערליינען...

— נ י ש ק ש ה! ער וועט אנטאן די שפּאקולען!

— נו, קום גיכער! — האט יאנקעלע געטריבען.

זיין הערצעל איז שוין פול געווארען מיט ווערטער, און ער האט זיי געוואלט שוין גיך אויסגיסען אויפ'ן שטיקעלע פּאפּיר, פאר וועלכען ער האט זיין גאנצען פארמעגען אוועקגעגעבען...

זיי זיינען געקומען אין שטיבעל און האבען זיך גענומען גרייטען צום שרייבען.

בערעל האט גענומען שרייבען דער ערשטער, יאנקעלע איז געשטאנען און צוגעקוקט.

— היי‍ב אן העכער, דא קאן מען שרייבען א ש ו ר ה. וואס האסטו אזוי ווייט אוועקגעשטעלט דעם „טיטעל“! — האט יאנקעלע געשריען.

— וואו זאל איך אים שטעלען? אויפ'ן הימעל — וואס? — האט בערעלע זיך פארענטפערט און געטריבען פון זיך יאנקעלען:

— געה אוועק! איך וועל פאר דיר לאזען א האלבע, טומעל מיר ניט...

— שא! שא! — איז יאנקעלע אפּגעטראטען און געקוקט פון דער ווייט מיט דארשטיגע אייגעלעך אויף בערעלען, ווי אזוי יענער זיצט פארטיפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאס שטערענדעל און טונקט די פען און פארטראכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! — האט יאנקעלע אין עטליכע מינוט ארום א געשריי געטאן.

— עס איז נאָך ניט קיין האַלבע, — האָט בערעלע שרייבענדיג גע־ענטפערט.

— מיר קומט דאָך מער ווי אַ האַלבע! — האָט יאַנקעלע שוין בייז געשריען. דער ח ש ק צו שרייבען, אויסגיסען דאָס האַרץ פאַר די היימיגע האָט אים שוין אינגאַנצען דורכגענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהייב אַריינגעלאָזט אין מ ל י צ ו ת, ווי „ערשטענס, מעלדען מיר, אַז מיר זיינען געזונט", פונקט ווי ער האָט אויסגעלערנט אין בריוועןשטעלער. דאָס ביסעלע איינענע ווערטער איז נאָך אים אין קאָפּ געבליבען: ער דאַרף נאָך פאַר'ן ם ר'ן לייזער דעם ב ע ל־ע ג ל ה; ער דאַרף נאָך שרייבען וויפיעל בלאַט ג מ ר א ער האָט אָפּגעלערנט; ער דאַרף נאָך געבען אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל זיי שיקען עפּעס אַ פּאָסילקע, ווייל עס פעלט זיי צו מאָנטאָג און מיטוואָך, און דער „דינסטאָג" איז אויך ווי גאָר נישט.

און בערעלע שרייבט און שרייבט און יאַנקעלע קען זיך שוין ניט איינהאַלטען: ער זעהט, ווי בערעלע פאַרנעמט מער ווי אַ האַלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפען מיט אַ געשריי און אָנגעכאַפּט פאַר'ן הענטעל פון פעדער.

— נאָך דריי ווערטער! — האָט זיך בערעלע געבעטען.

— אָבער געדענק זשע: מער ניט! — האָט יאַנקעלע געשריען און די אייגעלעך האָבען אים געפלאַקערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרייבען די דריי ווערטער. נאָר דער געדאַנק, וועלכען ער האָט געדאַרפט אויסדריקען, האָט געפאָדערט נאָך אַ צען־פופצען ווערטער, און בערעלע, אַ באַגייסטערטער פון שרייבען, האָט געפיקט, געפיקט אויפ'ן פּאַפּיר און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטעל.

— דו הערסט אויף! — האָט יאַנקעלע אויסגעשריען און זיך היס־טעריש פאַנאַנדערגעוויינט, באַטראַכטענדיג דאָס קליינע שטיקעלע, וואָס פאַר אים איז געבליבען.

— שאַ, בלויז אונטערשרייבען זיך... — האָט זיך בערעלע געבעטען — מער ניט!...

נאָר יאַנקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבען אַ גאַנצען פּיער־רער, און בערעלס וועט מען אין דערהיים לעזען אַזוי פיעל, איז ער אַזוי בייז געוואָרען, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונ־טער בערעלס הענט דאָס קאַרטעל.

— לאָז מיר שטעלען נאָך „פון מיר דיין זון"! — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטען — מער ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אָהן דעם... — האָט יאַנקעלע געשריען, כאָטש ער האָט געפילט, אַז „פון מיר דיין זון" מוז זיין. דער כ ע ס האָט אין אים אָבער גענומען ברענען, און ער האָט אָנגעהויבען שלעפּען

מיט געוואלד דאס קארטעל. בערעלע האט עס פעסט צוגעדריקט, נאר יאנקעלע האט אזא שטארקען שלעפ געטאן, אז דאס קארטעל האט זיך אויף צוויי'ען צעריסען.

— וואס האסטו געטאן, ג ז ל ן? — האט בערעל ווילד אויסגע־שטעלט זיינע אויגען אויף יאנקעלען.

— איך האב געוואלט אזוי! — האט יאנקעלע געברומט דורך פאר־שטיקטע טרערען.

— וואס האסטו געטאן? — האט בערעל ווייטער געפרעגט, קר־קענדיג מיט פארצווייפעלטע בליקען אויף די צוויי האלבע צעריסענע שטיקער פון פאסט־קארטעל.

נאר יאנקעלע האט ניט געקענט ענטפערן, די טרערען האבען אים געווארגען, און ער האט א פארצווייפעלטער א פאל געטאן צום וואנט, רייסענדיג זיינע האר... דא האט שוין בערעל אויך ניט אויסגעהאלטען, און דאס קליינע שטיבעל איז פול געווארען מיט יאמער...

א. רייזען.

---

# די לערע פון די פאטערס.

## ב.

ר ב י זאגט: וועלכער איז דער גלייכער וועג, וואס דער מענש זאל פאר זיך אויסקלייבען? — אזא וועג, וואס באשיינט דעם טוער. ער האט אויך געזאגט: זיי אפגעהיט מיט א גרינגער מ צ ו ה אזוי ווי מיט א הארבער.

ר ב ן ג מ ל י א ל דער זון פון ר ב י ה ו ד ה ה דעם נ ש י א זאגט: גוט איז דאס לערנען צוזאמען מיט א וועלטליכער באשעפטי־גונג, ווייל די אנשטרענגונג פון זיי ביידע מאכט פארגעסען אן שלעכטע מ ע ש י ם; און לערנען, וואס האט ניט מיט זיך קיין ארבייט, מוז אונטערגעהן און ברענגען נאך זיך שלעכטע מ ע ש י ם.

ה ל ל זאגט: זונדער זיך ניט אפ פון כ ל ל; זיי ניט זיכער אין זיך ביז דעם טאג פון דיין טויט; אורטייל ניט דיין מיטמענשען, ביז דו וועסט ניט זיין אויף זיין פלאץ; זאג ניט ארויס א זאך, וואס מען קען דאס ניט גלייך פארשטעהן; זאג ניט: אז איך וועל זיין פריי, וועל איך לערנען, ווייל מעגליך, אז דו וועסט קיינמאל ניט זיין פריי.

ער פלעגט זאגען: אן אומוויסענדער קאן זיך ניט היטען פון טאן שלעכטס; אן ע ם ־ ה א ר ץ קאן ניט זיין קיין פרומער; א שעמעוודי־גער קאן קיין זאך ניט לערנען; א בייזער קאן ניט זיין קיין לערער; ניט יעדער וואס טוט א ס ך געשעפטען ווערט דורך דעם קליגער; דארט וואו עס זיינען ניטא קיין מענשען, באמיה זיך דו צו זיין א מענש.

ער האט אמאל געזעהן א קאפ, שווימענדיג אויפ'ן וואסער; האט ער געזאגט: ווייל דו האסט דערטרונקען, האט מען דיך דערטרונקען,

און דער סוף פון די, וואס האבען דיך דערטרונקען, וועט זיין, אז זיי וועלען דערטרונקען ווערען.

ער פלעגט אויך זאגען: דער וואס מערט פלייש, מערט ווערעם; דער וואס מערט גיטער, מערט זארג; דער וואס מערט לערנען, מערט לע־בען; דער וואס מערט פלייסיגקייט, מערט געלערנטקייט; דער וואס מערט בעראטונג, מערט פארשטענדיגקייט, און דער וואס מערט גערעכ־טיגקייט, מערט פרידען. האט זיך איינער ערווארבען א גוטען נאמען, האט ער אים ערווארבען פאר זיך; האט ער זיך ערווארבען די ווערטער פון לערנען, האט ער זיך ערווארבען אייביג לעבען.

רבי יוחנן בן זכאי פלעגט זאגען: אויב דו האסט פיעל געלערנט, גיב זיך ניט קיין דאנק דערפאר, ווייל דארויף ביסטו באשאפען געווארען.

פינף תלמידים האט געהאט רבן יוחנן בן זכאי און דאס זיינען זיי: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע בן חנניה, רבי יוסי הכוהן, רבי שמעון בן נתנאל און רבי אלעזר בן ערך.

ער פלעגט זיי כאראקטעריזירען אזוי: אליעזר דער זון פון הורקנוס איז אן אויסגעקאלכטע וואסער־גרוב, וואס פארלירט ניט קיין טראפען; יהושע דער זון פון חנניה — אז וואויל איז צו דער, וואס האט אים געבארען; יוסי דער כוהן איז א פרומער; שמעון דער זון פון נתנאל איז אן אפגעהיטער פון שלעכטע מעשים, און אלעזר דער זון פון ערך איז אזוי ווי א קוואל, וואס האלט זיך אין איין שטארקען.

ער פלעגט זאגען: ווען אלע אידישע געלערנטע זאלען זיין אויף איין וואגשאל און אליעזר דער זון פון הורקנוס אויף דער צווייטער וואגשאל, וועגט ער זיי אלעמען אריבער.

אבא שאול זאגט אין זיין נאמען: ווען אלע אידישע גע־לערנטע זאלען זיין אויף איין וואגשאל און אליעזר דער זון פון הורקנוס אויך מיט זיי, און אלעזר דער זון פון ערך אויף דער צווייטער וואגשאל, — וועגט ער זיי אלעמען אריבער.

ר' יוחנן האט צו זיי געזאגט: געהט און זעהט, וועלכער איז דער גוטער וועג, וואס דער מענש זאל זיך אן אים באהעפטען. — רבי אליעזר האט געזאגט: א גוט אויג. רבי יהושע האט געזאגט: א גוטער חבר. רבי יוסי האט געזאגט: א גוטער שכן. רבי שמעון האט געזאגט: פארויסזעהן דאס קומענדיגע. רבי אלעזר האט געזאגט: א גוט הארץ. האט ער זיך אפגערופען צו זיי: מיר געפעלען די ווערטער פון אלעזר דעם זון פון ערך מער פון אייערע ווערטער, ווייל אין זיינע ווערטער ליגען שוין אייערע ווערטער.

ער האָט צו זיי געזאָגט: געהט און זעהט, וועלכער איז דער שלעכ־טער וועג, פון וועלכען דער מענש זאָל זיך דערווייטערן. — ר ב י א ל י ע ז ר האָט געזאָגט: אַ שלעכט אויג. ר ב י י ה ו ש ו ע האָט געזאָגט: אַ שלעכטער ח ב ר. ר ב י י ו ס י האָט געזאָגט: אַ שלעכ־טער ש כ ן. ר ב י ש מ ע ו ן האָט געזאָגט: באָרגען און נישט באַצאָלען. ר ב י א ל ע ז ר האָט געזאָגט: אַ שלעכט האַרץ. האָט ר ב י י ו ח נ ן זיך אָפּגערופען צו זיי: מיר געפעלען די ווערטער פון א ל ע ז ר דעם זון פון ע ר ך מער פון אַנדערע ווערטער, ווייל אין זיינע ווערטער ליגען שוין אַנדערע ווערטער.

ר ב י א ל י ע ז ר האָט געזאָגט: זאָל דער כ ב ו ד פון דיין מיטמענשען דיר זיין אַזוי ליב ווי דיין אייגענער. ווער ניט לייכט אין כ ע ס און קער זיך אום צו טאָן גוטע זאַכען אַ טאָג פאַר דיין טויט. ער האָט אויך געזאָגט: וואַרים זיך ביים פייער פון די ח כ מ י ם, אָבער היט זיך פאַר זייער קויל, כ ד י דו זאָלסט זיך ניט אָפּברענען, ווייל זייער ביס איז דער ביס פון אַ פוקס און זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַ סקאָרפּיאָן און זייער שיפען איז דאָס שיפען פון אַ שלאַנג און אַלע זייערע ווערטער זיינען ווי פייערדיגע קוילען.

ר ב י י ה ו ש ו ע האָט געזאָגט: אַ שלעכט אויג, אַ שלעכטע נייגונג און ש נ א ה צו לייטען ברענגען אום דעם מענשען פון דער וועלט.

ר ב י י ו ס י האָט געזאָגט: זאָל דאָס געלט פון דיין ח ב ר ביי דיר זיין אַזוי טייער, ווי דיין אייגענס; און גרייט זיך גוט צו צום לערנען, ווייל דאָס וויסען געהט ניט איבער צו דיר ב י ר ו ש ה.

ר ב י א ל ע ז ר האָט געזאָגט: זיי פלייסיג אין לערנען און ווייס, וואָס צו ענטפערן דעם ניט גלויביגען.

ר ב י ט ר פ ו ן האָט געזאָגט: דער טאָג איז קורץ, און אַרבייט איז פאַראַן פיעל, און די אַרבייטער פוילען זיך, און דער לוין איז גרויס.

ער פלעגט אויך זאָגען: עס ליגט ניט אויף דיר די אַרבייט צו ענדיגען, אָבער דו ביסט ניט פריי פון איר זיך אַרויסצודרייען. אויב דו האָסט פיעל געלערנט, גיט מען דיר פיעל לוין; און געדענק, אַז דער לוין־אָפּצאָל פון די גערעכטע איז אין דער צוקונפט.

נאָך יהואש, פון העברעאיש.

# די ערשטע לעקציע.

## א.



ז. ליבין.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג ווינטער. ווען העסעל דער העמדעל־נײער איז געקומען אַהײם פון דער אַרבײַט, האָט ער אַזוי ווי שטענדיג געטראָפען זײַן פרוי קאָכענדיג וועטשערע, און זײַן קלײן צוויי־יעריג מײדעלע — שפּילענדיג מיט צאַצקעס אויפ'ן דיל. ער האָט אָבער ניט געטראָפען אין דערהײם זײַן עלטער קינד, זײַן זון, זײַן צעהן־יעריגען אײבין.

און געוואוינט געוואָרען איז העסעל שטענדיג צו טרעפען זײַן עלטער קינד אין דער הײם, זיצענדיג פאַרטיפט אין זײַנע שול־ביכלעך, אָדער אין די ביכלעך, וועלכע ער, אײבי, נעמט צום לעזען אין דער פרײַער ביבליאָטעק פון „היברו אינסטיטוט“.

ליב האָט דער פאָטער אײבין, שמערצליך ליב; און דער העמדעל־נײער לײגט גרויסע האָפנונגען אויף זײַן זון.

אַ טײַער קינד איז אײבי, אַ זעלטען קינד! טראָגט אויף זיך אַ טײַער קעפּעל און איז אַ גרויסער ב ע ל ־ ח ש ק אין לערנען. אין סקול איז ער דער ערשטער און בעסטער שילער, לערנט זעהר גוט. אויך ווען אײבי קומט אַהײם, נעמט ער זיך גלײַך פאַר זײַנע ביכלעך.

אײבי איז עפּעס גאָר ניט ווי אַנדערע קינדער; ער האָט ניט ליב אַרומצולויפען, אויף אים איז גאָר קײַן שפּיעל ניטאָ. דאָס בוך — דאָס איז אײבים נ ש מ ה; שרײַבען, לײענען — דאָס איז זײַן לעבען. ניט אומזיסט איז העסעל געוואוינט געוואָרען קומענדיג פון דער אַרבײַט צו טרעפען זײַן אײבין אין דער הײם בײַ די ביכלעך; און ווען ער האָט אים דאָס מאָל ניט געטראָפען, האָט עס דער אַפּרײטער גלײַך באַמערקט און האָט זיך וועגען דעם געווענדט צו זײַן פרוי:

— פרומע־ל א ה, וואו איז עפּעס אונזער אײבי?

שטעהט פרומע־ל א ה און שמײכעלט.

— האָסט אים נאָך עפּעס געשיקט? — פרעגט העסעל.

— נײן. נאָך וואָס זאָל איך אים שיקען?

באַמערקט העסעל, אַז זײַן ווײַב שמײכעלט, ווערט ער נאָך מער נײַגעריג, און פרעגט ווײַטער:

— וואָס שמייכעלסטו, וואו איז אייבי?

— האָסט שוין אַן אַרויסהעלפער אויף די עלטערע יאָרען, — מאַכט פרומע־ל א ה און שמייכעלט ווייטער עפּעס אַזוי גוטמוטיג.

— וואָס איז אַזוינס? — פאַרשטעהט ניט העסעל זיין פרוי. ווערט דעם העמדעל־נייערם בלאַסער פּ נ י ם אַזוי ערנסט און ניט צופרידען.

— וואוהין האָסטו אים געשיקט, פרומע־ל א ה? — פרעגט דער מאַן ביי זיין פרוי מיט אַ שטרענגען ק ו ל.

— איך? איך האָב אים ניט געשיקט.

— אָבער וואָס איז ער געגאַנגען טאָן?

— לאַנגע יאָר זאָל אים זיין, וואָס פאַר אַ טייער קינד ער איז, — ענטפערט פרומע־ל א ה. — האָט אַ טייער הארץ. נעכטען ביינאַכט האָט ער געהערט, ווי דו הוסט.

— נו, נו...

— זאָגט ער צו מיר היינט: „איך האָב געהערט — דער טאַטע האָט זעהר געהוסט; ער איז זעהר אַ שוואַכער... ער האָט ניט קיין כ ו ח צו אַרבייטען...

— אַן איינפאַל פון אַ קינד! — שלאָגט איבער העסעל זיין פרוי, און אַ שמייכעל נעמט רוהען אויף זיינע ליפּען.

— זאָגט אייבעלע צו מיר: — דערציילט ווייטער פרומע־ל א ה: — „און איך העלף אים ניט; ניין, מאַמע, איך רעכען, אַז עס איז ניט גוט אַזוי; מיר פאַרדריסט זעהר אויפ'ן פּאַפּאַ!“

— נו, נו? — שטופּט אונטער העסעל זיין פרוי, און אויף דעם בלאַסען, אויסגעמאַטערטען פּ נ י ם פון דעם העמדעל־נייער נעמט עפּעס אַזוי ווי רוהען די ש כ י נ ה.

— זאָג איך צו אים — געהט אַן פרומע־ל א ה מיט איר מ ע ש ה — זאָג איך צו אים: „א ד ר ב ה, אייביניו, פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס טאָקע ניט פאַרדינען?“ מאַכט ער צו דאָס ביכעל, טוט זיך אָן און בעט ביי מיר צעהן סענט. פרעג איך דאַך: „וואָס ווילסטו טאָן, אייבעלע?“ זאָגט ער: „איך וועל פעדלען מיט ציי‍טונגען“.

— האָסטו אים געגעבען? — שלאָגט העסעל ווייטער איבער זיין פרוי.

— ער איז צוגעשטאַנען, האָב איך געגעבען.

— און ער איז אַוועק פעדלען מיט ציי‍טונגען?

— אַז ער בעט זיך, זאָל ער געהן...

— נאָך אַמאָל זאָל דאָס ניט זיין! — האָט העסעל אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף.

— אַז אים ווילט זיך, זאָל ער געהן. — זאָגט פרומע־ל א ה.

— ניין. ער זאָל ניט געהן! איך דארף ניט זיין פּ ר נ ס ה. — האָט העסעל געענטפערט.

— זאָל זײַן ניט. מײַנע ד א ג ו ת.

— געװוים ניט!

און פאַרבלײַבענדיג אַ װײַלע פאַרטראַכט, איז העסעל מ ו ס י ף:

— ביז װאַנען מײַנע פינגער װעלען זיך בײגען, זאָל מיך גאָט אויסהיטען פון אַזעלכע פ ר נ ס ו ת.

פרומע־ל א ה׳ס פנים איז ערנסט געװאָרען און העסעל האָט װײַטער גערעדט:

— אונזער אײבעלע איז אַ גאָטס בענשונג. אין רײַכען א ו פ ן װאָלט מען זיך מיט אים אַרומטראָגען אויף די הענט... אַ זעלטען קינד. ער װעט שוין ניט זײַן קײַן העמדעל־נײער.

— גאָט זאָל אים היטען! — זאָגט פרומע־ל א ה.

— איך װעל אַרבײַטען ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט און איך װעל זעהן, אַז ער זאָל אַ מענש זײַן. א י ׳ ה, פרומע־ל א ה, אונזער אײבעלע װעט זײַן אַ טרײסט אויף אונזערע עלטערע יאָרען... מיט זײַן קעפּעל, מיט זײַן ח ש ק װעט ער װײַט אַװעקגעהן.

— זאָלסט אים נאָך אַ מאָל מיט צײַטונגען ניט שיקען.

— עפּעס אַזוי װי איך האָב אים געשיקט, — פאַרענטפערט זיך פרומע־ל א ה.

— איך װיל ניט!

— און איך װיל דען?

— זאָל ער זיצען בײַ די ביכלעך. זאָל ער לערנען, דער טאַטע האָרעװעט פאַר אים.

אײבי איז געקומען.

דער העמדעל־נײער האָט זיך אָנגעבײזערט אויף זײַן קינד, האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל װעגען פעדלען מיט צײַטונגען מער ניט דער־מאָנען, זאָל זיך ניט מישען אין פ ר נ ס ה־זאַכען און זאָל זיך רוהיג זיצען בײַ זײַנע ביכלעך.

ב.

אין סװעט־שאָפּ איז ניטאָ קײַן לופט און קײַן ליכט. לאַנגזאַם אָבער זיכער געהט דאָרט אוים דער אַרבײַטער. דאָרטען, לעבען דער נײ־מאַשין, שטאַרבט אַװעק אַ גליד נאָך אַ גליד בײַ דעם, װאָס נײט אונ־זערע קלײדער. דאָרטען װערען זײ דערצויגען די קאַנדידאַטען אויף שװינדזוכט.

העסעלס פ נ י ם האָט גענומען װערען בלאַסער; די קנײטשען האָבען זיך אײַנגעשניטען טיפער, דער הוסט האָט גענומען מער שטי־קען, דער אָטעם איז געװאָרען שװערער און שװערער.

און אײן פריהמאָרגען, װען העסעל איז געזעסען בײַ דער מאַשין

און געניִיט העמדלעך, האָט זיך ביַי אים אַזאַ מאָדנער הוסט אַ ריס געטאָן פון האַרצען און... און אַ העמדעל האָט זיך פאַרפלעקט מיט אַ שטיקעל בלוט.

העסעל האָט זיך דערשראָקען.

קיַין גרויסע „ביזי“ איז דאָן ניט געווען, און דער העמדעל־ניִיער איז גלייַך פון שאַפּ אַוועק אין „דיספּענסערי“ פרעגען, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

האָט ער דאָרט דערגאַנגען, אַז ער פאַרמאָגט שוין די „דער“, און אַז אים איז פאַרבליבען גאַנץ וויִיניג צייַט צו ניִיען העמדלעך.

קיַין ליאַרעם האָט דערפון העסעל ניט געמאַכט. ער איז גאַר אַהיים ניט פאַרגאַנגען און איז צוריק אין שאַפּ אַוועק. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביַי דער מאַשין, נאָר אַרבייַטען האָט ער געאַר־בייַט מיט האַלבען חשק. די מערסטע צייַט איז ער געזעסען פאַר־טראַכט.

וואָס ער האָט געטראַכט, ווייס איין גאָט; יעדענפאַלס — קיַין פריִיליכע מחשבות זיַינען דאָס ניט געווען. וואָרום ניט איין מאָל זיַינען דעם אָפּריִיטערס אויגען פאַרלאָפען געוואָרען מיט טרערען; ניט איין מאָל האָט זיך אַ טיפער, שווערער זיפץ אַרויסגעריסען פון זיַין סאַמע האַרצען; ניט איין מאָל האָט ער אַזוי פאַרצוויִיפעלט גע־בראָכען די הענט.

און די איבעריגע אָפּריִיטערס קוקען אויף זיִיער אַרבייַט־חבר און באַטראַכטען אים מיט וואונדער.

אין סוועט־שאַפּ, אַן אָפּריִיטער, ביַי דער מאַשין זאָל גאַר זיצען פאַרטראַכט — ווירקליך אַ וואונדערבאַרע ערשייַנונג!

נו, טרייַבט חברה ליצנות פון דעם אָרימען העסלען.

— העי, מיסטער העסעל, — פרעגט אַן אָפּריִיטער, — וואָס באַ־טראַכט איר די וועלט מיט אַמאָל?

העסעל שווייַגט. און ווען די חברים דאָקוטשען אים ווידער, זאָגט ער מיט האַרץ: „לאָזט צופרידען, שדים!“ — און אַלע צעלאַ־כען זיך.

האָט העסעל געוויזען דאָס העמדעל מיט דער רויטער פּגימה און האָט אין קורצען דערציִילט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

אוים ליצנות, אוים שפּאַסען!

אַלע האָבען אַרומגערינגעלט דעם אָפּריִיטער; מען קוקט אויף העסלען מיט רחמנות, מען רעדט צו אים ווייך, סימפּאַטיש און מען גיט אים פאַרשידענע עצות.

— הייַנט אָדער מאָרגען — דאָס איז דער סוף פון אַלע אָפּריִי־טערס, — האָט באַמערקט פּנחס דער קורנאַסער, און אין שאַפּ

איז געוואָרען שטיל ווי אין אַ ק ב ר.

בײַנאַכט, ווען עס איז געקומען די צײַט צו געהן אַהיים פון דער אַרבײַט, האָט העסעל אײַנגעפּאַקט אַ „באַנדעלע“: עטליכע צוגעשני־טענע, ניט־געמאַכטע העמדלעך, די שער און די פאָדים; נאָכדעם האָט ער אָפּגעשרויפט דעם קאָפּ פון מאַשין.

— וואָס טוט איר דאָס, מיסטער העסעל? — האָבען געפרעגט אײניגע אָפּערײטערס.

— איך רעכען נעמען לערנען מײַן זון די העמדעל־נײעריי. — האָט העסעל געענטפערט, און זײַנע ליפען האָבען זיך דערבײַ אַזוי נערוועז אויסגעקרימט.

— דאָט׳ס רײַט, דאָט׳ס רײַט! — האָבען צוגעשטימט די אָפּ־רײטערס.

— און אַ „סטענד“ צום קעפּעל פון מאַשין וואו וועט איר נעמען? — האָט אַ פרעג געטאָן אַן אָפּערײטער.

— אַ סטענד האָב איך אין דער היים. — האָט העסעל מיטגע־טײלט. און נעמענדיג די ח פ צ י ם אין די הענט, איז דער העמדעל־מאַכער אַוועק אַהיים.

ווען פרומע־ל א ה האָט דערזעהן איר מאַן טראָגענדיג די ח פ צ י ם איז איר די זאַך געוואָרען פאַרדעכטיג. די אידענע האָט זיך דער־שראָקען און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער מער, העסעל? וואָס טראָגסטו דאָס?

— גאָרנישט. — האָט העסעל געענטפערט.

— „סלעק“?

— עס איז ניט סלעק.

— „געסעקט“?

— ניט געסעקט.

— ניטאָ קײן אַרבײַט?

— עס איז דאָ אַרבײַט. — האָט העסעל געענטפערט. געוואָלט האָט ער צוגעבען: „נאָר קײן לונגען און קײן האַרץ איז ניטאָ“. ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט.

— וואָס זשע איז דאָס? — האָט פרומע־ל א ה געצײַגט אויפ׳ן קעפּעל פון דער מאַשין און אויפ׳ן פּעקעלע און האָט געדריקט מיט די פּלײצעס.

— וועסט שוין זעהן, — האָט העסעל שטיל און טרויעריג געענט־פערט.

אײבי איז געזעסען אין „פראָנט רום“ און האָט געלײענט אין אַ ביכעל. העסעל האָט געוואָרפען אַ טרויעריגען בענקענדיגען בליק אויף זײַן קינד; דער אָפּערײטער האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען.

אויסטרינקענדיג אַ גלעזעל „וואָרימס“, האָט זיך העסעל גענומען פאַר דער אַרבײַט. ער האָט צוגעשרויפט דאָס קעפּעל פון דער נײ־

מאשין צום סטענד, וועלכען ער האָט פאַרמאָגט אין דער היים, האָט צוגעריכט דעם גומענעם שטריק, האָט אָנגעגרייט די פאָדים און האָט אַ רוף געגעבען:

— איבי!

איבי איז צוגעקומען צום פאָטער.

— קוק זיך צו, מיין זון, ווי מען שפּאַנט איין אַ ניי־מאַשין. — האָט העסעל געזאָגט מיט אַזאַ מאָדנער שטימע און ער האָט גענומען אַריינציהען דעם פאָדים אין מאַשין.

איבי האָט זיך גוט צוגעקוקט.

— איצט פּרואוו אַליין, מיין קינד!

איבי האָט זיך געזעצט לעבען דער מאַשין און האָט אַריינגעצויגען דעם פאָדים.

— גוט, מיין זון, — זאָגט העסעל, — און איצט קוק זיך צו, ווי מען לייגט אונטער די וואָרע און ווי מען דרייט די ראָד.

איבי האָט זיך צוגעקוקט.

— איצט פּרואוו אַליין.

איבי האָט געפּרואווט.

— גוט, טאַטע?

— גוט, מיין זון!

און פרומע־ל א ה שטעהט און וואונדערט זיך.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — פרעגט זי.

— עס איז אַמעריקע, עס איז בעסער, אַז מען קאָן אַ מ ל א כ ה.. — האָט העסעל געענטפערט און זיינע ווערטער האָבען לייכט געציטערט.

— זעה נאַר, איבי, — איז העסעל וויי־טער אָנגעגאַנגען מיט זיין לערנען די מ ל א כ ה זיין קינד, — זעהסט, אַז איז אַן אַרבעל, אַז אַזוי לייגט מען עס צוזאַמען. זעהסט... קוק זיך צו... און אַזוי מאַכט מען אַ זוים. נו, וועסט קענען אַליין?

— יע, איך וועל קענען. — ענטפערט איבי. און דאָס קינד נעמט אַ שטיקעל צוגעשניטענע ס ח ו ר ה און נייט עס צוזאַמען.

— ריכטיג, טאַטע?

— ריכטיג.

העסעל האָט אַרומגענומען זיין קינד און האָט צוגעדריקט איבים קאָפּ צו זיין ברוסט.

— האָסט אַ גאָלדען קעפּעל, מיין קינד! אָבער האָסט באַדאַרפט געבאָרען ווערען ניט ביי העסעל דעם אָפּרייטער... — די ווערטער האָבען זיך איבערגעריסען. עפּעס האָט דעם קראַנקען אָפּרייטער גע־וואָרגען אין האַלז און איבער זיינע בלאַסע איינגעדאַרטע באַקען האָבען זיך גענומען קייקלען טרערען... אָפּרייטערשע, זודיגע, ברענענדיגע

טרערען; און די טרערען זײַנען געפאַלען אויף דעם יונגען קאָפּ פון דעם יונגען קינד.

---

די ערשטע לעקציע, וואָס העסעל, דער קראַנקער אַפּריזיטער, האָט געגעבען זײַן קינד, איז ניט אין ניוועץ געגאַנגען. מיט עטליכע ח ד ש י ם שפּעטער איז אײַבי שוין אַ י ת ו ם געווען, און ער איז געזעסען און האָט געאַרבײַט אין דעם זעלבען שאָפּ, אויף דער זעלבער נײַמאַשין, אויף וועלכער דער טאַטע האָט געאַרבײַט.

ז. ליבין.

---

# דאָס מעסערל.

## א.

צו קײַן זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קײַן ח ש ק ניט געהאַט, ווי צו אַ מעסערל; קײַן זאַך האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבען, ווי צו האָבען אַ מעסערל, אַן אײַגען מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגען אין קעשענע, און ווען איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדען.

און איך האָב גיך באַקומען אַ מעסערל, טאַקע אַן א מ ת'ען מעסערל: אַ הילצערן קלעצעל, אַ קײַלעכדיגס, אַ בײַכיגס, ענליך צו אַ פּעסעל, מיט אַ האַרבאַטע קלינגעל, וואָס האָט זיך אי געעפּענט, אי פאַרמאַכט. אירווילט וויסען, וואו ארום האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צענויפגעשלאָגען אַ קאַפּיטאַל פון די אַנבײַסענס און האָב אָפּגעקויפט בײַ ש ל מ ה'לען פאַר זיבען גראָשען מ ז ו מ ן און דרײַ בין איך אים געבליבען שולדיג.

אוי האָב איך דאָס מעסערל ליב געהאַט! געקומען אַהיים פון'ם ח ד ר אַ דער'ה ר ג'עטער, אַ הונגעריגער, אַ שלעפּערדיגער, איז דאָס ערשטע געווען אַרויסנעמען דאָס מעסערל פון אונטער דער שוואַרצער שאַפע (דאָס איז דאָרט געלעגען אַ גאַנצען טאָג). נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטען, איבערשנײַדען דערמיט אַ שטיקעל פּאַפּיר, איבערהאַקען אַ שטרוי אויף דער האַלב און ערשט נאָכדעם צעשנײַדען מײַן ח ל ק ברויט אויף קלײַנטשינקע, קלײַנטשינקע שטיקעלעך, אַנשטעקען אויפ'ן שפּיץ פון'ם קלינגעל און ערשט נאָכדעם לײַגען אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פאַר'ן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערײַניגט, אויסגעשײַערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפשטײַנדעל, וואָס איך האָב געפונען בײַ אונז אויפ'ן בוידים, אָנגעשפּיגען און גענומען זיך שטילערהײַט צו דער אַרבײַט — שאַרפען דאָס מעסערל, שאַרפען, שאַרפען.

דער טאַטע, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, זיצט איבער אַ ס פ ר און לערנט. פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף ווי פון שלאָף:

— ווער סוויסטשעט דאָרטען? ווער אַרבײַט דאָס? וואָס טוסטו,

שוויגעז איינער ?
ער גערט צו צו מיר און ביוגט זיך אן איבער מיין שארפשטיינדעל און כאפט מיך פאר'ן אויער.
—א־א־א ? מעסערלעך !? — זאגט דער טאטע און נעמט צו ביי מיר דאס מעסערל מיט'ן שארפשטיינדעל. — אזא יונגאטש, קראנק נעמען א ספר אין האנט !
איך הייב אן צו וויינען און איך טראכט : „גוואלד, וואס האט ער געהאט צו מיין מעסערל ? וואס האט דאס ביי אים אזוי פארזינדיגט?“
און דאס מעסערל מיינס האט מען פארווארפען ; פארווארפען אזוי וויים, אז איך האב דאס אכט טעג געזוכט און געזוכט און האב דאס נישט געקאנט געפינען אין ערגעץ !

ב.

פון יענער צייט אן איז איבערגעגאנגען א יאר און אפשר אנ־דערהאלבען. איך האב שוין כמעט אנגעהויבען צו פארגעסען דאס הארבאטע מעסערל ; איז געבוירען געווארען א ניי מעסערל אויף מיין אומגליק, נאר א שפאגעל ניי מעסערל, אן אנטיקעל, מיט צוויי קלינגלעך, שארפע ווי חלפים, מיט א וויים ביינערן קלעצעל, מיט רויטע מע־שענע שטיפטיקלעך — איך זאג אייך אן אנטיקעל.
ווי קומט צו מיר דאס דאזיגע טייערע מעסערל ? דאס איז א גאנצע מעשה.
ביי אונז איז געשטאנען סטאנציע דער פאדראטשיק, הער הערץ הערצענהערץ. אז איך האב זיך גוט באקענט מיט דעם דאזיגען הער הערץ הערצענהערץ (ער איז אפגעזעסען ביי אונז אין שטוב א יאר כמדר), האב איך אים שטארק ליב געקראגען. מיין טאטע האט אים תמיד אפגעטראטען דעם אויבען־אן, און אויך אלע אנדערע אידען, וואס פלעגען אריינקומען צו אונז אין שטוב אריין, פלעגען אים שטארק אפגעבען כבוד.
איינמאל קום איך אריין אין חדר, וואו עס שלאפט תמיד דער הער הערץ הערצענהערץ. אך, ווי שיין, ווי ליכטיג דארט איז ! די לאמפען ברענען, און די שפיגלען גלאנצען ; אויפ'ן טיש א גרויסער, א זילבערנער טינטער מיט שיינע פענעס, מענשעלעך, מיט פערדעלעך, מיט צאצקעלעך, מיט ביינדעלעך, מיט שטיינדעלעך און ... א מעסערל. אך, וואס פאר א שיין מעסערל ! ... ווען איך א שטייגער זאל האבען אזא מעסערל ! ווי גליקליך וואלט איך געווען ! וואס פאר א מינים זאכען וואלט איך מיט דעם אויסגעשניצט ! אנו, מען דארף דאס פרוא־ווען — עס איז עפעס שארף ? אך ! עס כאפט א האר ! עס האקט אי־בער א האר ! אי־אי־אי, א מעסערל !
איין מינוט — דאס מעסערל איז ביי מיר אין האנט. איך קוק זיך ארום אויף אלע זייטען און פרוואו זיך דאס אריינלייגען אויף א מינוט־קעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האנט... עס קלאפט

מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער ווי עס מאַכט: „טיק־טיק־טיק!"... איך הער, ווי עמיצער גערהט, עמיצער סקריפּעט מיט די שטיוועל; דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצענהערץ! אײ־אײ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַנידערלײגן, דערווײַל דאַרף מען אַרויסגעהן פון דאַנען, אַנטלויפן! אַנטלויפן...

איך קאָן שוין קײן וועטשערע ניט עסן. די מאַמע טאַפּט מיך בײַם קאָפּ. דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בײזע אויגען און שיקט מיך אָפּ שלאָפן... שלאָפן? איך קאָן דען צומאַכן די אויגן? איך בין אַ טויטער!... וואָס טוט מען מיט'ן מעסערל? ווי אַזוי לײגט מען דאָס אַנידער צוריק?..

ג.

קום נאָר אַהער, ת כ ש י ט מײַנער! מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע. — האָסט ניט געזעהן ערגעץ דאָס מעסערל?

ת ח י ל ת בין איך געוואָרן זעהר דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער ווײס, אַז זײ ווײסען אַלע... שיר, שיר האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: האַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואָרג געטאָן אין האַלז, און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— וואו, וואָסער מעסערל?...

— וואו, וואָסער מעסערל! — קרימט מיך איבער דער טאַטע. — דאָס גילדענע מעסערל, אונזער א ו ר ח'ס מעסערל! דו ב ח ו ר'עץ, דו שײגעץ אײנער!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? — מישט זיך אַרײַן די מאַמע. — דאָס קינד ווײס ניט פון קײן פּ ו ת ר און פון קײן ח ל ו ם, און ער דולט אים אַ ספּאָדיק: מעסערל, מעסערל.

איך דאַנק דיר, ר ב ו נ ו ש ל ע ו ל ם, וואָס זײ האָבען מיך כאָטש ניט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? מען באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטען ערגעץ אויף אַ גוט אָרט... וואו באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אויפ'ן בוידים. איך כאַפּ דאָס אַרויס פון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוועל אַרײַן...

און באַלד בין איך שוין אויפ'ן בוידים... ווײַט, ווײַט אין קראָקווע ליגט דאָס ווײַסע מעסערל; עס ליגט און שווײַגט.

— וואָס קלעטערסטו אויף בוידימס? — שרײַט דער טאַטע — דו יונגאַטש אײנער!

— איך זוך דאָ עפּעס, אַן אַלטע ג מ ר א...

— האַ? אַ ג מ ר א? אויפ'ן בוידים? קריך שוין אַראָפּ קריך, וועסט שוין לײזען!...

נאָר עס אַרט מיר שוין ניט דעם טאַטענס כ ע ס, ווי ס'אַרט מיך דאָס, וואָס איך האָב מ ו ר א, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל. אַ

ק ש י א? טאָמער גראָד הײַנט קריכט מען אַרויף אויפ'ן בוידים גרעט אויסהענגען? מען דאַרף דאָס פון דאָרטען אַראָפּנעמען און באַשטאַטען אויף אַ בעסערען אָרט! איך גײ אַרום אין אײַן ציטערניש! יעדער קוק פונ'ם טאַטענס אויגען ווײַזט מיר אויס, אַז ער ווייס, אַז אָט, אָט טוט ער מיך אַ כאַפּ מ כ ו ח דעם א ו ר ח'ם מעסערל.

איך האָב שוין אַן אָרט אויף דעם, אַ טײַער אָרט. — וואו? אין דער ערד, אין אַ גריבעל בײַ דער וואַנט אַרײַנגעשטעקט און פון אויבען לײַכט פאַרשאַרט מיט שטרוי, פאַר אַ ס י מ ן.

ד.

זומער־לעבען. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואָס קילער. דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען, און שטיקער כמאַרעס פליהען דורך, אָהן רעגען, פאַרבײַ דער ל ב נ ה, ווילען זי אײַנשלינגען; די ווײַסע זילבערנע ל ב נ ה באַהאַלט זיך אַלע מינוט און באַווײַזט זיך ווידער. דאַכט זיך, זי שוועבט און שוועבט — און שטעהט אויף אײַן אָרט.

דער ע ו ל ם שלאָפט. שאַ, שטיל אַרום און אַרום. פּאַוואָלינקע הײב איך זיך אויף אַלע פיער און שטיל, ווי אַ קאָץ, ג נ ב'ע איך זיך אין הויף אַרויס. די נאַכט איז שטיל, די לופט איז פריש. מ ח י ה נ פ ש ו ת. פּאַמעליך קריך איך צו צו יענעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבען. פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטען און באַטראַכט דאָס בײַ דער ל ב נ ה; עס גלאַנצט, עס בלישטשעט. ווי גינגאָלד, ווי אַ בריליאַנט. איך הײב אויף די אויגען אַרויף און דערזעה די ל ב נ ה קוקט גלײַך אַראָפּ צו מיר, אויף מײַן מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אַזוי אײַן? איך דרײ זיך אויס צוריק — זי קוקט מיר נאָך. איך פאַרשטעל דאָס מעסערל מיט'ן העמדעל — זי קוקט מיר נאָך. זי ווייס געוויס, וואָס דאָס איז פאַר אַ מעסערל און וואו איך האָב דאָס גענומען... גענומען?... איך האָב דאָס גע'גנב'עט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט דאָס מעסערל איז מײַנס, קומט מיר דאָס דאָזיגע שרעקליכע וואָרט אויף די געדאַנקען. גע'ג נ ב'עט? בין איך, הײסט דאָס, אַ ג נ ב! פ ש ו ט, א ג נ ב? אין דער ת ו ר ה שטעהט געשריבען, אין די ע ש ר ת ה ד ב ר ו ת, מיט גרויסע א ו ת י ו ת:

ל א ת ג נ ו ב!

זאָלסט ניט ג נ ב'ענען! און איך האָב גע'ג נ ב'עט! אוי, ווײ! מען באַדאַרף אָפּגעבען דאָס מעסערל, מען באַדאַרף אַנידערלײגען צוריק דאָס מעסערל, מען באַדאַרף נישט קײן ג נ ב'יש מעסערל! מאָרגען לײג איך אַנידער צוריק דאָס מעסערל.

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם אַרײַן — פיל איך, אַז סע בריהט מיך, סע בראָט מיך. נײן, מען באַדאַרף עס צוריק באַהאַלטען, באַגראָבען אין דער ערד אַרײַן ביז מאָרגען.

און די ל ב נ ה פון אויבען קוקט אויף מיר. וואָס קוקט זי? די ל ב נ ה זעהט, זי איז אַן ע ד ו ת. און איך קריך צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַריין אויף מיין געלעגער און לייג זיך שלאָפען. נאָר איך קען ניט שלאָפען... מיט'ן טאָג גלייך שוין בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען, און עס האָט זיך מיר גע'ח ל ו מ'ט אַ ל ב נ ה און עס האָבען זיך מיר גע'ח ל ו מ'ט מעסערלעך... גאַנץ פריה האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָפּ־געכאַפּט דעם אָנבייסען אויף איין פוס — און מאַרש אין ח ד ר אַריין.

ה.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַקוק אַהער! — האַלט מיך דער ר ב י פיר און ווייזט מיר אָן מיט'ן פינגער אויף מיין ח ב ר „בערעל דער רויטער", וואָס שטעהט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ. — זעהסטו, ווייסער־ח ב ר ה'ניק? זאָלסטו וויסען זיין, אַז פון היינטיגען טאָג אָן און ווייטער איז שוין זיין נאָמען ניט „בערעל דער רויטער", ווי ער האָט געהייסען ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערען נאָמען: אַצינד הייסט ער: „בערעלע דער ג נ ב!" — שרייט זשע, קינדערלעך: בערעלע דער ג נ ב!

די דאָזיגע ווערטער ציהט אוים דער ר ב י מיט אַ נ י ג ו ן, און אַלע ת ל מ י ד י ם כאַפּען אים אונטער, ווי די מ ש ו ר ר י ם:

— בערעלע דער גאַ־אַ־נב! בערעלע דער גאַ־אַ־נב!

איך בלייב אַ פאַרשטיינערטער, און אַ פּראָסט געהט מיר איבער איבער'ן לייב. איך פאַרשטעה ניט, וואָס דאָס באַטייט.

— אַנו, הערשעלע, — רופט דער ר ב י אַרויס איינעם פון די ת ל מ י ד י ם אַלץ מיט אַ נ י ג ו ן — געה נאָר אַרויס פונ'ם טיש. אַהער, צו מיר, געשווינדער, אָט אַזוי; און דערציייל אונז אַקאָרשט די מ ע ש ה פון אָנהייב ביז'ן ס ו ף, ווי אַזוי אונזער בערעלע איז גע־וואָרען אַ ג נ ב. הערט, ח ב ר ה, מיט קאָפּ!

און הערשעלע הייבט אָן צו דערציילען אַ מ ע ש ה, ווי אַזוי בערעל האָט זיך דערשלאָגען צו ר ב ־ מ א י ר ־ ב ע ל ־ נ ס־פּושקע, וואָס זיין מאַמע וואַרפט אַהין אַלע פרייטאג פאַר ליכט־בענשען אַ קאָפּיקע, אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערעל האָט זיך דאָביוועט צו דער דאָזיגער צ ד ק ה־פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלעסעלע; ווי אַזוי בערעל האָט מיט אַ שטרייעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען אַלע קאָפּיקעס איינציגווייז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זיינע האָט זיך גע־כאַפּט; ווי אַזוי זי האָט אים „צוגעשטעלט אַ בענקעלע"; ווי אַזוי בערעל האָט זיך באַלד נאָך ר ב י'נס שמיץ מ ו ד ה געווען, אַז אַ גאַנץ יאָר האָט ער געשלעפּט פון דער צ ד ק ה־פּושקע די קאָפּיקעס; ווי אַזוי ער האָט זיך יעדען זונטאג געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— אַצינד, קינדער, מ ש פ ט אים! — זאָגט דער ר ב י. — לאָז

יעדער זאָגען זיין מ ש פּ ט, וואָס קומט אַ ג נ ב, וואָס שלעפּט קאָפּי־קעס פון אַ צ ד ק ה־פּושקע. זאָג נאָר דו ש ל מ ה׳ניו מיין טייערינקער, דיין פּ ס ק, — ווענדט זיך צו מיר דער ר ב י, — וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צ ד ק ה־פּושקע?

איך וויל ענטפערען, פאָלגט מיך ניט די צונג. איך ציטער ווי אין ק ד ח ת; עס ווערגט מיך אין האלז. אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט מיך פון אויבען ביז אַראָפּ. עס פּייפט מיר אין די אויערן, איך זעה שוין פאַר זיך ניט דעם ר ב י׳ן, ניט „בערעל דעם גנב“, ניט די ח ב ר י ם; איך זעה פאַר זיך נאָר מעסערלעך, מיט אַ ס ך קלינגלעך... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער ח ד ר, מיט׳ן טיש, מיט די ס פ ר י ם, מיט אַלע ח ב ר י ם, און מיט אַלע מעסערלעך; איך פיל ווי די פיס ווערען מיר אונטערגעהאַקט. נאָך אַ מינוט — פאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כ ו ח ו ת און האַלט זיך איין, איך זאָל ניט פאַלען.

פאַרנאַכט קום איך אַהיים און פיל, אַז דאָס פּ נ י ם ברענט מיר. די בעקלעך פלאַמען און אין די אויערן זשומעט מיר. איך הער — מען רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך ניט... איך הער גאָר ניט, איך וויל גאָר ניט הערען. איך וויל נאָר, ס׳זאָל שוין ווערען גיכער נאַכט, איך זאָל קאָנען מאַכען אַן עק מיט׳ן מעסערל... וואָס טוט מען מיט דעם? מ ו ד ה זיין זיך און אָפּגעבען דאָס? וועל איך האָבען בערעלעס פּ ס ק. אונטערוואַרפען דאָס? טאָמער כאַפּט מען מיך... פאַרוואַרפען און אַן עק, אַבי פּ ט ו ר ווערען! וואוהין פאַרוואַרפט מען דאָס, אַז מען זאָל ניט געפינען? אויפ׳ן דאַך? וועט מען הערען אַ קלאַפּ. אין גאַרטען? וועט מען דאָס געפינען. אַהאַ! איך ווייסט שוין, איך האָב אַן ע צ ה: אַריינוואַרפען אין וואַסער אַריין, אין ברונעם טאַקע אָט דאָ ביי אונז אויפ׳ן הויף!..

איך כאַפּ דאָס מעסערל און לויף צום ברונעם. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעסערל, נאָר עפּעס אַ מ י א ו ס׳קייט, אַ מין ש ר ץ, פון וועלכען עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער באַפרייען זיך, פּ ט ו ר ווערען... איך לאָז דאָס מעסערל מיט אַמאָל אַרוים פון די פינגער — „פליוך!“... עס טוט אַ פלעשטשע דאָס וואַסער. און מען הערט מער נישט... ניטאָ קיין מעסערל! איך שטעה נאָך אַ מינוט ביים ברונען און הער זיך צו — מען הערט גאַרנישט. דאַנקען גאָט, פּ ט ו ר געוואָרען!

איך געה צוריק צו מיין געלעגער און זעה, ווי די ל ב נ ה קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזעהן אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געטאָן, און איך הער ווי אַ ק ו ל פון ווייטענס: „אַבער דו ביסט פאָרט אַ ג נ ב!“ איך ג נ ב׳ע זיך אַריין צוריק אין הויז אַריין און לייג זיך שלאָפען. און עס ח ל ו מ׳ט זיך מיר, אַז איך לויף, איך שוועב, איך פליה אין דער לופטען מיט׳ן מעסערל, און די ל ב נ ה

קוקט אויף מיר און זאָגט: „כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ ג נ ב! אַ גאַ־אַ־נב!!!"

אַ לאַנגער, לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זעהר אַ שווערער ח ל ו ם! עס ברענט אין מיר אַ פייער. עס זשומעט מיר אין קאָפּ: אַלץ וואָס איך זעה, איז רויט ווי בלוט. ברענענדיגע רי־טער פון פייער קאַטעווען מיין לייב, און איך קאַטשע זיך אין בלוט. אַרום מיר דרייען זיך שלאַנגען און עקדישען; זיי האַלטען אָפען זייערע מיילער און ווילען מיך איינשלינגען. און איינער שטעהט איבער מיר און שרייט אויף אַ ק ו ל מיט אַ נ י ג ו ן צום טאַקט: „שמייסט אים, ער איז אַ גאַ־אַ־נב!" און אַליין שריי איך: גוואַלד! נעמט צו פון מיר די ל ב נ ה! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז ניט שולדיג — דאָס בין איך אַ ג נ ב!!!

ו.

און ווייטער געדענק איך ניט...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזעהן, ווי די מאַמע זיצט לעבען מיר און וויינט. און דער טאַטע זיצט איבער אַ ס פ ר און זאָגט עפּעס שטילערהייט און זיפצט און קרעכצט...

אין די נאָהענטסטע טעג האָט מען מיך זעהר אָפּגעהיט. יעדער געהט צו און טוט מיך אַ טאַפּ ביים קאָפּ. אַלע דרייען זיך אַרום מיר: מען היט מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג; מען האָדעוועט מיך מיט ייכלעך און מיט קאַטשקעלעך, ווי אַ פּיצעל קינד, און מען לאָזט מיך ניט אַליין. עס זיצט ת מ י ד לעבען מיר די מאַמע און דער־ציילט מיר איבער אַלע מאָל איבער אַ נייעס די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט מיך אויפגעהויבען פון דער ערד כ מ ע ט אַ טויטען; ווי אַזוי איך בין געלעגען צוויי וואָכען כ ס ד ר אין אַ הע־ליש פייער און איך האָב נאָר געקוואַקעט ווי אַ זשאַבע און עפּעס כ ס ד ר גערעדט פון שמיץ און פון מעסערלעך... מען האָט שוין גע־רעכענט, אַז איך בין שוין ח ל י ל ה געשטאָרבען... און נאָכדעם, פלוצים, האָב איך אַ ניס געגעבען זיבען מאָל, מ מ ש פון טויט לע־בעדיג געוואָרען...

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום נאָך מיין אויפשטעהן פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מיין זון, אַצינד געה אין ח ד ר אַריין און האָב שוין מער ניט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטען...

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין ח ד ר אַריין צו אַ נייעם מ ל מ ד. די מאַמע גיט מיר אין ח ד ר אַ גאַנצען עפּעל מיט צוויי גראָשען. איך נעם די ג מ ר א אונטער דער האַנט און געה אין ח ד ר אַריין, ווי אַ ניי־געבאָרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערען קאָפּ, מיט נייע מ ח ש ב ו ת. מיט פרישע, ערליכע, פרומע געדאַנקען.

איך קוועטש צו די ג מ ר א צום הארצען שטארק, שטארק און לויף אין ח ד ר אריין געשמאק, געשמאק, און איך שווער ביי דער ג מ ר א, אז איך וועל קיינמאל, קיינמאל נישט ג נ ב'ענען, קיינמאל, קיינמאל ניט לייקענען, ת מ י ד זיין אן ערליכער, אן ערליכער, אן ערליכער.

שלום־עליכם.

---

# דער ליגנער.



נחום יערוסאלימטשיק.

פון וויטע לענדער קומענדיג צוריק,
האט איינער פאר זיין פריינד, שפאצירענדיג
אין פעלד,
גערימט זיך מיט די וואונדערבארע שטיק,
וואס ער געזעהן האט אויף דער וועלט
(און האט דערביי געהאקט א היבשע ביסעל
ליגען).
— ניין, ניין! וואס כ'האב געזעהן,
וועל איך נישט זעהן שוין מער.
דו נאר באקלער
וואס איז ביי אונז דא פאר א געגענט!
היינט שיינט די זון — און מארגען רעגענט;
דאס צופיעל היץ — דאס צופיעל שאטען;
און דארטען, זאג איך דיר, איז טאקע א ג ן ־ ע ד ן.
ס'איז נאר א פארגעניגען
דערמאנען זיך און וועגען דארט צו רעדען.
קיין ליכט, קיין פוטער, — דארטען ווייס מען ניט דערפון.
ס'פארגעהט דארט קיינמאל ניט די זון,
און פרילינג נאר
איז דארט דאס גאנצע יאר.
מען דארף ניט אקערן, ניט זייען.
און וואלסטו נאר געזעהן, ווי דארטען איז געראטען!
עס טוט דאס הארץ זיך פרייען!
איך האב צום ביישפיל דארטען אין א שטאט
אן אוגערקע געזעהן —
מיין גאט!
זי איז געווען
די גרייס... נו, ווי א בארג געוויס."

„—וואָס ח י ד ו ש'סטו זיך?" — האָט געענטפערט אים זײַן פֿרײַנד.—
„עס איז
פֿיעל וואונדערליכעס דאָ אין יעדען אָרט באַזונדער.
ניט אַלע אָבער לײַגען אויף דעם אַכט.
אָט האָבען מיר דאָ איצט פֿאַר זיך אַ גרויסען וואונדער:
איך קען דיר שווערען, האָסט אַזאַ ביז הײַנט
נאָך זיכער נישט געזעהן.
אָן, זעהסטו דאָרט אויף אונזער וועג די בריק?
אַזוי ווען מען באַטראַכט,
איז זי אַן אײַנפֿאַכע פֿון ערשטען בליק;
זי האָט אָבער אין זיך אַ וואונדערליכע מאַכט:
אַ ליגנער קען אויף איר ניט געהן; און ווען
ער געהט זיך דורך אויף איר אַ ביסעל, גלײַך
פֿאַלט ער אַרײַן אין טײַך.
און נישט אַ ליגנער — קען
אויף איר מיט פֿערד זיך יאָגען!"

— „ווי טיף איז דאָ בײַ אײַך?"

— „גאַנץ טיף. נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגען?
דײַן אוגערקע אין פֿלוג
איז וואונדערליך גענוג.
איאָ, געזאָגט האָסטו,
אַז ווי אַ באַרג איז זי די גרײַס?"

— „אַ באַרג, ניט ווי אַ באַרג, נאָר זיכער ווי אַ הויז..."

— „עס גלויבט זיך קוים; נאָר דאָך
איז וואונדערליכער נאָך
די בריק, צו וועלכער אָט מיר קומען צו.
זי קען אויף זיך קײַן ליגנער ניט פֿאַרטראָגען;
עס האָבען פֿרילינג־צײַט זיך דאָ דורך איר דערטרונקען
אַ שנײַדער און באַרימטע זשורנאַליסטען צוויי
(עס האָט מיט דעם די גאַנצע שטאָט געקלונגען).
נאָר אויך דײַן אוגערקעלע, ווי אַ שטוב די הייך,
איז וואונדערבאַר און וויכטיג,
אויב ס'איז נאָר ריכטיג..."

— „ס'איז גאָר ניט וואונדערליך אַזוי!
מען מוז דאָך וויסען, ווי די זאַך צו שאַצען;
פֿאַרשטעה,

עס זײַנען דאָך ניט אומעטום פּאַלאַצען.
די הײַזלעך זײַנען דאָרטען אַזױ קלײנ,
אַז קױם, קױם צװײען קענען אין זײ שטעהן...״

— „כ׳פאַרשטעה; נאָר װאונדערליך איז פּאָרט
אַן אוגערקע, װאָס גיט פאַר צװײען אָרט.
נאָר װאָס זאָגסטו צוריק
אויף אונזער בריק!
אַ ליגנער קען אויף איר קײן טראָט ניט געבען,
װאו ער זאָל ניט באַצאָלען מיט זײן לעבען!
עס מעג זיך זײן דײן אוגערקע װי גרױס...״

— „הער אױס!״ —
האָט אָפּגעהאַקט דער ליגנער שטאַרק צעטראָגען. —
„איך װיל דיר זאָגען,
אַז אײדער דורכצוגעהן די בריק,
איז בעסער שױן זיך אומקערען צוריק.״

נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָװ.

---

# דאָס ליד פון פײגעלע.

## א.

אין אַ גרױסער שטאָט אין אונגאַרן איז אין אַן ענגער און שטאַרקער תּפיסה געזעסען אַ פאַר׳מ ש פּ ט׳ער. שלעכטע מענשען האָבען אים אין קײטען פאַרשמידט און אין תּפיסה אַרײַנגעװאָרפען.

אין דער תּפיסה איז געװען פינסטער, פײַכט און קאַלט. אָנשטאָט אַ בעט האָט מען אים אַרײַנגעװאָרפען נאַסע שטרױ. מען האָט אים נאָר געגעבען ברױט מיט װאַסער. ער איז דאָרטען געזעסען פיעל יאָרען — אָרים, קראַנק און אומעטיג. זעלטען פלעגט די זון שײַנען אין זײַן פענסטער. די פרישע לופט פלעגט ניט אַרײַנדרינגען צו אים אין תּפיסה. מיט טרױער האָט ער געקלערט װעגען זײַנע ליבע קרובים, װעגען זײַנע קינדערלעך; ער האָט געטראַכט: װער װײס, אפשר האָבען זײ שױן אַלע אים פאַרגעסען, אפשר מײנען זײ, אַז ער איז טױט. װאָס טוט זיך איצטער אין דער פרײַער װעלט? װאָס הערט זיך אין דערהײם?

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. עס איז געװעזען אַ זעלטענער זומער־אָװענט. די זון איז פאַרגאַנגען הינטער׳ן װאַלד און האָט באַלױכטען מיט אַ רױטליכען שײַן די שפּיצען פון די בײמער. מענשען זײַנען זיך אומגעפאָרען און אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער די גאַסען. די תּפיסה האָט זיך געפונען אין דער הײך, און די מענשען האָבען אױסגעזעהן קלײנטשינקע. ער האָט צו זײ הױך אױפ׳ן קול געשריען, אָבער קײנער פון זײ האָט זײן קול ניט געהערט.

ב.

אויפ׳ן בלויען הימעל זײַנען אומגעפלויגען פויגלען. פאַרבײַ זײַן פענסטער איז דורכגעפלויגען אַן אָדלער.

— אָדלער, אָדלער! — האָט צו אים גערופען דער פאַר׳מ ש פּ ט׳ער — זעץ זיך צו מיר אויפ׳ן פענסטער, דערצײַל מיר, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אויף דער ערד. זינג מיר עפּעס אַ ליד.

— נײַן, — האָט דער אָדלער געענטפערט, — דײַן פענסטער איז קלײַן, און איך קאָן זיך ניט זעצען אויף אים. איך וועל דיר ניט דערצײַלען, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד, ווײַל זעלטען לאָז איך זיך אַהין אַראָפּ. מײַנע נעסטען בוי איך אויף די העכסטע פעלזען אָדער אויף די עלטסטע דעמבעס, ווײַט פון די שלעכטע מענשען, כ ד י זיי זאָלען ניט צעשטערען מײַן נעסט. איך וועל דיר קײַן לידער ניט זינגען, ווײַל איך זינג קײנמאָל אויף דער ערד ניט, איך הײב זיך הויך, הויך און מײַנע לידער הערט נאָר די אײביגע זון.

און מעכטיג פאָכענדיג מיט זײַנע ברײטע פליגלען, האָט זיך דער אָדלער שטאָלץ אויפגעהויבען צום הימעל און איז גיך פאַרשוואונדען געוואָרען פון די אויגען.

— שוואַן, שוואַן! דערצײל, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד. זינג מיר אַ ליד!

— נײַן, — האָט געענטפערט דער שוואַן. — איך וועל דיר ניט דערצײלען, וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. איך שווים שטענדיג אין וואַסער אַרום, אין רײנעם, קאַלטען וואַסער צווישען אײער. ווען דאָס וואַסער הײבט זיך אָן צו רײטלען אין דערפריה, אײדער די זון געהט אויף, שרײַ איך דעם זונען־אויפגאַנג: „גוט מאָרגען!“ איך וועל דיר ניט זינגען קײַן לידער. לידער זינג איך נאָר, ווען איך הײב אָן אוועקצושטאַרבען...

און דער שוואַן איז ווײַטער געשוואומען אין דער לופטען און געבלאַנקט מיט זײַנע ווײַסע פליגלען.

— וואָראָבײטשיקלעך! וואָראָבײטשיקלעך! זעצט זיך אויפ׳ן פענסטער צו מיר, דערצײלט מיר, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ערד! זינגט מיר אַ לידעלע!

— טשיליק, טשיליק! מיר האָבען קײַן צײַט ניט. מיר דאַרפען נאָך פּיקען די קערנדלעך, וואָס דער מילנער האָט אומגערן פאַרשאָטען...

ג.

נאָר פלוצלונג האָט אַ שוועב געטאָן אַ גרוי פײגעלע; עס האָט זיך אַ ווײַלע געדרײט הין און צוריק פאַרבײַ דעם פענסטער און זיך גע־זעצט אויף דער אײַזערנער גראַטע.

— גוט מאָרגען, ליבע נאַכטיגאַל! אַ דאַנק דיר, ליב פײגעלע, וואָס

דו ביסט צו מיר אין גּעסט געקומען! דערציייל מיר, וואָס ס'טוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס אַ לידעלע.

— יאָ, איך וועל דיר דערציילען, וואָס ס'טוט זיך אויף דער ערד, — האָט אָנגעהויבען די נאַכטיגאַל, — איך וועל דיר זינגען אַ לידעלע.

און עס האָבען זיך אַ גאָס געטאָן אַזוינע וואונדער־שיינע טענער, אַז דער אָרימער פאַר'מ ש פּ ט'ער האָט זיך פאַר פרייד צעוויינט, אומ־געפאַלען אויפ'ן שטרוי און אַלץ געהערט און געוויינט...

„נעכטען פריהמאָרגענס, ב ש ע ת דער הימעל האָט זיך פון דער אויפגעהענדער זון גערייטעלט, — האָט געזונגען די נאַכטיגאַל, — איז געווען אַזוי פריש און קיל. איך בין צוגעפלויגען צו דיין שטיבעלע, זיך געזעצט אויף דעם גרינעם נוסענבוים לעבען פענסטער און אַלץ גע־זונגען. דאָס קינד דיינס איז געלעגען אויפ'ן בעטעלע; עס האָט פאַנאַנ־דערגעעפענט זיינע ברייטע ליכטיגע אייגעלעך און געפרעגט: „וואו איז דער טאַטע?" און צוגעהערט זיך צו מיינע לידער.

„דיינע ק ר ו ב י ם וויינען, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן דיר. זיי האָבען דיך ליב, זעהר ליב; זיי וואָלטען דיך זעהר וועלען זעהן. פאַל ביט אַראָפּ! די שלעכטע מענשן וועלען דיך צוריק אָפּלאָזען און דו וועסט ווערען פריי און וועסט ווידער אַרוים אויף דער ליכטיגער פרייער וועלט!

„עס וועלען דיך האַלזען און קושען דיינע קינדערלעך. אַ שטילער זומעראָוונט וועט זיין; לאַנגע שאָטענס וועלען זיך ציהען פון די ביי־מער; די זון וועט אָפּגלאַנצען אין די שויבען פון די פענסטער. דו וועסט זיצען אויפ'ן גאַניק און וועסט די קינדערלעך דערציילען, ווי דו האָסט געליטען דאָ.

„דו וועסט זיי לערנען, קיינעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס ניט צאָ־לען, ווען זיי וועלען גרויסע ווערען; דו וועסט זיי לערנען, זיי זאָלען ניט זיין אין כ ע ס אויף די שלעכטע מענשען און זאָלען וועלען, אַז אַלע מענשען זאָלען איינע די צווייטע ליב האָבען, ווי ברידער...

„און די קינדערלעך וועלען זיך צו דיינע רייד צוהערען. ווען זיי וועלען ווערען גרויסע, וועסטו זיי זעהן גוטע, אָרענטליכע. וועסט זעהן, ווי זיי העלפען אָרימע.

„דו וועסט לעבען לאַנג, לאַנג! דיינע האָר וועלען גרוי ווערען, אָבער דיין האַרץ וועט אַלץ פריילייך שלאָגען.

„און ווען דו וועסט שטאַרבען, וועלען דיך אַלע באַוויינען און ת פ י ל ה טאָן פאַר דיר, און מען וועט דיך אַוועקטראָגען אין אַ ליכ־טיגען זונענדיגען טאָג אויפ'ן גרינעם ב י ת ־ ע ו ל ם. איבער דיין ק ב ר וועט מען פאַרפלאַנצען אַ רויזען־קוסט און פאַר'ן זונען־אויפגאַנג וועל איך אויף אים זינגען."

פון ה. אַנדערסען.

# שלאַנגען.

## א.

מיט'ן פרילינג זיינען געקומען הונדערטער הינדעלעך אין דעם נייעם גרויסען הינער־שטאַל, וואָס דער פאַרמער האָט אויפגעבויט הינטער'ן הויז.

ווען די טעג זיינען נאָך געווען קאַלטע, ווען די זון האָט נאָך ווייניג געוואָרימט די ערד, זיינען צעהנדליגער אַלטע הינער געזעסען אין היי און געוואָרימט אונטער זיך די אייער, פון וועלכע עס האָבען זיך נאָכ־דעם אַרויסגעפּיקעט קליינע געפליגעלטע ב ר ו א י מ'לעך אָהן פעדער־לעך.

דאַן איז געקומען דער פרילינג. די פעלדער האָבען זיך באַפאַרבט אין פאַרשידענע קאָלירען. די זון האָט געקושט דאָס גראָז, די ביימער, בערג און טייכען און האָט אַרויסגערופען לעבען און שפּראָצונג אויף דער ערד. די הינער־מאַמעס מיט בייזע אויגען און רויטע הייסע קאַ־מען האָבען געקוואָקטשעט, אומגעפירט זייערע פיעלע קינדערלעך, די הינדעלעך, און זיך געלאָזען וואוילגעהן אויף גאָטס באַנייטער ערד.

ווען דער זומער איז געקומען, די זונען־שטראַלען האָבען געבריהט די ערד און אַלע געוויקסען אויף די פעלדער; די קליינע הינדעלעך זיי־נען שוין געוואָרען גרויס און באַוואַקסען מיט פעדערן; פון די אַלטע הינער איז פאַרשוואונדען די מוטערליכע וואַרימקייט און די קאַמען זיינען אויסגעבלייכט געוואָרען, — זיינען געקומען די געסט פון שטאָט.

צעהן פאַמיליעס זיינען אָנגעקומען אויף דער פאַרם צו פאַרברענגען דעם זומער. די הונדערטער נייע הינדעלעך, וואָס זיינען מיט גרויס מיה געבראַכט געוואָרען אויף דער וועלט פון די עלטערע הינער, האָבען די מענשען גענומען בּיסלעכווייז אויפעסען. יעדען טאָג איז אין דעם הינער־שטאַל געוואָרען מיט עטליכע הינער ווייניגער, און אַרום דער פאַרם האָט דער ווינט אומגעטריבען פעדערן, און די הינט האָבען גע־הריזשעט קעפּלעך, וואָס האָבען נעכטען געלעבט אויף די באַפעדערטע ב ר ו א י ם.

ווען די מענשען האָבען נאָר געפייערט א י ו ם ־ ט ו ב, איז אין הינער־שטאַל געווען א ל ו י ה. וואָס די מענשליכע י מ י ם ־ ט ו ב י ם זיינען געווען גרעסער, וויכטיגער און פריילּיכער, אַלץ מערער ל ו י ו ת זיינען פאָרגעקומען אין הינער־שטאַל.

## ב.

עס איז געווען אַ שטילער זומער־פאַרנאַכט אויף דער פאַרם צווישען די בערג.

די דאַטשניצעס זיינען געזעסען אין די האָמאַקעס און אין די גע־פלאָכטענע וויג־שטולען. אַרום דער פאַרגעהענדיגער זון האָבען זיך

געשפּילט קליינע וואָלקענס אין אַ קאַראַהאָד, און די קליינע קינדער האָבען געטאַנצט אַ קאַראַהאָד אויף דער ערד, אויפ'ן גרינעם גראָז.

לעבען די דאַטשניצעס און זייערע טאַנצענדיגע קינדער, אַרום אַ קוסט הויכע גראָז און ביימלעך, זיינען אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר קליינע הינדלעך און געפּיקעט מיט זייערע שנאָבלען.

אַ הינדעל איז אַריין אין מיטען קוסט, האָט אַ פּיק געטאָן מיט איר שאַרפען שנאָבעל אין אַ לעבעדיגער זאַך. דאָס הינדעלע האָט גלייך געזעהן, אַז זי האָט דאָ געמאַכט אַ שרעקליכען ט ע ו ת, פאַר וועלכען זי קען באַצאָלען מיט איר לעבען. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון קוסט אַרויס מיט אַ געשריי. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. נאָך איר איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שלענגעל. פלינק האָט זיך דאָס שלענגעל געדרייט אַרום דעם הינדעלם העלזעל. דאָס הינדעל האָט געשריען און די דאַטשניצעס האָבען גענומען ח ל ש'ען.

„אַי, דאָס שלענגעל דערשטיקט אַ הינדעלע! אַזאַ שיין הינדעלע."

דער פאַרמער איז געקומען צולויפען און האָט מיט אַ שטעקעל גענומען שלאָגען דאָס שלענגעל. דאָס שלענגעל איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דעם הינדעל און גלייך האָט מען עס מיט שטיינער דער'ה ר ג'עט. דאָס הינדעלע, וואָס איז געבליבען געוואָרען פון דעם שלענגעל, האָט זיך געדרייט אַ פינף מינוטען, ווי אַ ש י כ ו ר'ע, איז געפאַלען ניט וויים פון דעם דער'ה ר ג'עטען שלענגעל, האָט פאַרוואָרפען דאָס קעפּעל און איז אויסגעגאַנגען אין שרעקליכע י ס ו ר י ם, באַוועגענדיג שווער און לאַנגזאַם מיט אירע פליגעלעך.

די קליינע קינדער זיינען אַזוי גערירט געוואָרען פון דעם טראַגישען טויט פון דעם הינדעלע, אַז זיי האָבען געוויינט און האָבען דעם גאַנצען פאַרנאַכט געוואָרפען שטיינער אויף דעם טויטען צעברעקעלטען שלענגעל. די פרויען האָבען דעם גאַנצען פאַרנאַכט ניט געקאָנט אָפּכאַפּען דעם אָטעם פון האַרץ־קלעמעניש און ספּאַזמעס.

אַז זיי זיינען געקומען צו זיך, האָבען זיי ערשט גענומען שילדערן איינע פאַר די אַנדערע, ווי גרוים די טראַגעדיע פון דעם הינדעל איז געווען, וואָסערע י ס ו ר י ם עס האָט געהאַט, און ווי גיפטיג די שלאַנג איז.

עס האָט גענומען טונקלען, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געצויגען הינער און העגער צום הינער־שטאַל. דער פאַרמער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלייפעדער און געפרעגט יעדע דאַטשניצע, וואָס זי פאַרלאַנגט אויף מאָרגען.

— איי, וויי איז מיר! — זיפצט אַרוים איין דאַטשניצע. — ווי דאָס הינדעלע האָט זיך עס נעבעך געמוטשעט. ברענגט מיר אויף מאָרגען צוויי פונט קאַלבען־פלייש.

אַ צוויִיטער דאַטשניצעס קינדער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געשלאָגען מיט שטייִנער דאָס טויטע שלענגעל, ווייַל זייִ האָט מערער ווי אַלעמען וויִי געטאָן די הערצעלעך אויפ'ן הינדעלע, האָבען געכאַפּט אַ יונג ווייַס הענדעל און זיך צעשריען:

— מאַ, זאָל מען פאַר אונז אויף מאָרגען אויסקאָכען אָט דאָס הענ־דעל. יע, יע, מאַ?

די מאַמע, בייַ וועמען דאָס האַרץ האָט נאָך געקוועטשט פון די ספּאַזמעס, וואָס זי האָט געקראָגען, ווען דאָס שלענגעל האָט געשטיקט דאָס אומשולדיגע הינדעלע, האָט געגעבען אַ באַפעל צום פאַרמער, אַז ער זאָל צוליב טאָן אירע קינדער און שעכטען אויף מאָרגען אָט דאָס ווייַסע הענדעלע.

ווען דער עולם האָט זיך געזעצט עסען וועטשערע, האָבען די גרויסע און קלייִנע דאַטשניקעס און דאַטשניצעס נאָר גערעדט וועגען דער שרעק־ליכער טראַגעדיע. צו יעדען בים אין די טשיקען־פאָלקעס, צו יעדען שטיקעל געפילטע העלזעל, וואָס מען האָט אַרונטערגעשלונגען, האָט מען אַלץ באַדויערט דעם ביטערען ס ו ף פון דעם הינדעלע.

שפּעט אין זומער, ווען דער ע ו ל ם האָט שוין געהאַלטען בייַם פאָרען אין שטאָט; ווען מען האָט שוין אויפגעגעסען אַלץ, וואָס האָט נאָר געלעבט אויף דער פאַרם; ווען אין דעם גרויסען הינער־שטאַל, וואו הונדערטער הינער און הענער האָבען געלעבט און געזונגען, זייַנען בלויז געבליבען זעקס אַלטע קוואָקטוכעס, — האָבען די דאַטשניצעס און דער פאַרמער מיט דער פאַרמערקע נאָך אַלץ געהאַלטען אין אייִן רעדען וועגען דער פּאַסירונג מיט דעם אומשולדיגען הינדעלע.

די גרויזאַמקייַט פון דעם שלענגעלע, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן הינדעלע, און ווי דאָס הינדעלע האָט נעבעך געשריען און געוואָר־פען זיך, דאָס געהט בייַ קייִנעם ניט אַרויס פון זינען. אין יעדערענס געדאַנק האָט זיך אייַנגעקריצט די טראַגעדיע פון יענעם הינדעלע. מען קען עס קייִנמאָל, קייִנמאָל ניט פאַרגעסען.

ב. באַטוויניק.

---

## דער גוטער פוקס.

אַ יעגער האָט אַמאָל אַ פייִגעלע דערשאָסען.
וואָלט זיך כאָטש צו דעם פייִגעלע אַלייִן
דאָס גרויסע אומגליק אויסגעלאָזען;
איז נייִן —
נאָך דרייַען מוזען אומקומען מיט אים צוזאַמען:
דרייַ קינדערלעך געבליבען זייַנען אָהן אַ מאַמען,
י ת ו מ י ם, אָהן פאַרשטאַנד, אָהן כ ו ח ו ת, ערשט פון אייִ.
זייִ לייַדען נעבעך הונגער, קעלט און פרואווען

מיט אַ ר ח מ נ ו ת'דיג געשריי
צוריק צו זיך די מוטער רופען...
— „אָ, וועמען טוט דאָס האַרץ ניט וויי
און ווער קאָן צוזעהן גלייכגילטיג אַ י ת ו מ'ס ליידען?" —
האָט צו די פייגעל דאָ דער פוקס געגומען רעדען,
פאַרטרויערט זיצענדיג אַנטקעגען אויף אַ שטיין. —
„פאַרלאָזט ניט, טייערע, די קינדערלעך אַליין,
אין זייער צ ע ר דערשלאָגען!
צו קערענדלעך וואָלט איר זיי ברענגען כאָטש צוטראָגען,
אַ פעדערל, אַ שטרוי.
מיר דוכט, אַז נאָר אַזוי
איז מעגליך צו פאַרהיטען זיי דאָס לעבען;
און קאָן פון דעם נאָך עפּעס העכערס געבען?
דו, קוקוק, זעה, פאַרלירסט דאָך סיי ווי סיי
די פעדערן. וואָס וואָלסטו אָנווערען דערביי,
ווען דו וואָלסט איצטער זיך געלאָזען דאָ
אַ ביסעלע אַ פליק טאָן אין אַ גוטער ש ע ה,
כ ד י ווארימער צו מאַכען זיי אין נעסט?
און דו, לערכע, זעהסט,
מיר דוכט, אַז איידער טראָגען זיך און פליהען
אין לופטען גלאָט אַזוי זיך אין דער וועלט,
וואָלסטו פאַר די י ת ו מ י ם בעסער זיך באַמיהען
און ברענגען שפייז פאַר זיי פון פעלד.
דו, טירקעל־טויב,
באַדאַרפסט ניט האָבען דיינע קינדער מער אין זינען:
זיי זיינען שוין געוואָרען גרעסער; און איך גלויב,
זיי קאָנען זיך אַליין דאָס עסען שוין געפינען.
דו וואָלסט צו די י ת ו מ י מ'לעך אין נעסט אַריין
און וואָלסט אַ מוטער זיי פאַרביטען, —
און גאָט דער האַר וועט דיינע קינדער היטען...
דו, שוואַלב, וואָלסט כאַפּען פאַר זיי פליגען;
און דו, מיין ליבע נאַכטיגאַל, וואָלסט זיי פאַרוויגען
אין קאַלטע טעג מיט דיינע לידער.
דו ווייסט דאָך, ווי עס איז
דיין שטימע צאַרט און זיס.
איך גלויב און זאָג אייך ווידער,
אַז ביי אַזאַ באַהאַנדלונג וועלען זיי געוויס
פאַרגעסען אויף דעם שווערען אָנווער באַלד.
איר הערט, מיר מוזען ווייזען, אַז אין וואַלד
געפינען זיך נאָך גוטע הערצער און עס ווערט"...

נאָר פלוצלונג, בײַ די ווערטער,
ניט קענענדיג פון הונגער זיצען אויף די ערטער,
אַראָפּגעפאַלען זײַנען די י ת ו מ י מ׳לעך אויף דר׳ערד.
און אונזער פוקס? ער האָט זיי גלײַך דערשלונגען
און האָט זײַן ד ר ש ה נאָך א פ י ל ו ניט דערזונגען.

---

מען פרײַדיגט אָפטמאָל גוטס צו טאָן,
ווײַל פון דעם רעדען ווערט מען גאָרנישט אָן;
נאָר פאַלט אַרײַן נאָך הילף צום פרײַדיגער אַלײן,
וועט ער באַהאַנדלען אײַך, ווי אונזער פוקס, געמײַן...

נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו.

---

# ד י ל ע ר ע פ ו ן ד י פ אָ ט ע ר ס.

## ג.

ר ב י ח נ י נ א דער זון פון ד ו ס א זאָגט: דער וואָס זײַן אָפּגעהיטקײַט פון שלעכטע מ ע ש י ם קומט בײַ אים פאַר זײַן באַלערנטקײַט, האָט זײַן באַלערנטקײַט אַ ק י ו ם; דער אָבער וואָס זײַן באַלערנטקײַט קומט בײַ אים פאַר זײַן אָפּגעהיטקײַט פון שלעכטע מ ע ש י ם, האָט זײַן באַלערנטקײַט קײַן ק י ו ם ניט.

ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס זײַנע גוטע מ ע ש י ם זײַנען מער ווי זײַן באַלערנטקײַט, האָט זײַן באַלערנטקײַט אַ ק י ו ם; אָבער דער וואָס זײַן באַלערנטקײַט איז מער ווי זײַנע גוטע מ ע ש י ם, האָט זײַן באַלערנטקײַט קײַן ק י ו ם ניט.

ר ב י ד ו ס א דער זון פון ה ר כ י נ ס זאָגט: שלאָפען שפּעט אינדערפריה, ווײַן אין מיטען טאָג, קינדערשע פּלוידערײַ און זיצען אין זאַמעל־פּלעצער פון גראָבע מענשען — ברענגען אום דעם מענשען פון דער וועלט.

ר ב י י ש מ ע א ל זאָגט: נעם אויף יעדען מענשען מיט פרײַנדליכקײַט.

ר ב י ע ק י ב א זאָגט: שפּאַס און לײַכטזיניגקײַט געוואוינען צו אַ מענשען צו צעלאָזענקײַט. ער פלעגט אויך זאָגען: אַ צוים אַרום ח כ מ ה איז שווײַגען.

ר ב י א ל ע ז ר דער זון פון ע ז ר י ה זאָגט: וואו עס איז ניטאָ קײַן לערנען, איז ניטאָ קײַן מענשליכקײַט, און וואו עס איז ניטאָ קײַן מענשליכקײַט איז ניטאָ קײַן לערנען. וואו עס איז ניטאָ קײַן קענטעניש, איז ניטאָ קײַן פאַרשטאַנד, און וואו עס איז ניטאָ קײַן פאַרשטאַנד, איז ניטאָ קײַן קענטעניש. וואו עס איז ניטאָ קײַן מעל, איז ניטאָ קײַן לערנען, און וואו עס איז ניטאָ קײַן לערנען, איז ניטאָ קײַן מעל.

ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס זײַן באַלערנטקײַט איז גרעסער

פֿאַר זײַנע גוטע מ ע ש י ם, צו וואָס איז ער גלײַך? — צו אַ בוים, וואָס זײַנע צווײַגען זײַנען פֿיעל און זײַנע וואָרצלען ווייניג, און ווען עס קומט אַ שטורעם, רײַסט ער אים אויס און קערט אים איבער מיט׳ן פּ נ י ם אַראָפּ. אָבער דער וואָס זײַנע גוטע מ ע ש י ם זײַנען גרעסער פֿאַר זײַן באַלערנטקייט, צו וואָס איז ער גלײַך? — צו אַ בוים, וואָס זײַנע צווײַגען זײַנען ווייניג און זײַנע וואָרצלען פֿיעל, וואָס אַ פ י ל ו אַלע שטורעמס פֿון דער וועלט מעגען קומען און בלאָזען אויף אים, רירען זיי אים ניט פֿון אָרט.

נאָך יהואָש, פֿון העברעאיש.

---

# ד ע ר ז ײ ג ע ר.


שלום־עליכם.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען דרײַצען (13)...

מיינט נישט, אַז איך שפּאַס. איך דערצייל אײַך גאַנץ ערנסט אַ מ ע ש ה, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿען אין מאַזעפּעווקע, בײַ אונז אין שטאָט טאַקע, און וואָס איך אַליין בין דערבײַ געוועזען.

מיר האָבען געהאַט אַ זייגער, אַ וואַנט־זייגער, אַן אַלטען־אַלטען י ר ו ש ה־זייגער פֿון דעם זיידען נאָך, וואָס דער זיידע האָט אים געהאַט פֿונ׳ם עלטער־זיידען, עטליכע ד ו ר ו ת כ ס ד ר, נאָך פֿון פֿאַר כמעלניצקעס צײַטען. אַן ע ב ר ה כ׳לעבען וואָס אַ זייגער איז ניט קיין לעבעדיגע זאַך, אַ שטומע צונג און קאָן נישט רעדען: ער וואָלט דאָס געהאַט צו דערציילען און צו דערציילען!... אין שטאָט האָט אונזער זייגער געהאַט אַ ש ם פֿאַר׳ן ערשטען זייגער, „ר ב נ ח ו מ׳ס זייגער“. מענשען פֿלעגען קומען אָנשטעלען אויף אים זייערע זייגערס, וואָרום זײַן גאַנג איז געווען דער אַ מ ת׳ער, ריכטיגער גאַנג. איר קענט פֿאַרשטעהן, אַז אַ פ י ל ו ר ב לייבוש ח ק ר ן, אַ איד אַ פֿילאָסאָף, וואָס איז געווען קלאָר אין „ש ק י ע ת ה ח מ ה“ פֿון דער זון אַליין און איז געווען קלאָר דעם ל ו ח אויף אויסוויינינג, — האָט ער אַליין געזאָגט (איך האָב דאָס געהערט פֿון זײַן מויל), אַז אונזער זייגער איז... אַ פ י ל ו קענען זײַן זייגערל אַ גרויסע שמאַטע, נישט ווערט קיין שמעקטאַביקע; נאָר וועדליג ס׳איז פֿאַראַן זייגערס, איז אונזער זייגער אַ זייגער... און אַז ר ב לייבוש ח ק ר ן אַליין האָט

געזאָגט, האָט מען געמעגט שטעלען אויף זײַנע רייד, וואָרום ר ב לייבוש האָט זיך ניט געפּוילט אַלע מיטוואָך פּאַרנאַכט בין מנחה למעריב, אַרויפקלעטערן פון אויבען אויף דער ווײַבערשער שול, אָדער אויפ'ן שפּיץ באַרג וואָס לעבען אַלטען בית־המדרש און גוט נאָכקוקען, כאַפּען די מינוט ווען די זון זעצט זיך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטען זײַן זייגערל, אין דער אַנדערער האַנט — דעם לוח; און בשעת די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענער זײַט מאָזע־פּעוּוקע, האָט ר ב לייבוש געמאַכט צו זיך אַליין: „געכאַפּט!" אָפּט־ליך פלעגט ער קומען צו אונז אויסגלײַכען זיך מיט די זייגערס. אַרײַנ־געקומען צו אונז אָהן „אַ גוטען אָוונט!", האָט ער נאָר אַ קוק געטאָן אויף אונזער וואַנטזייגער, אויף זײַן זייגערל און אויפ'ן לוח, עטליכע מאָל — און נישטאָ מיך.

נאָר איין מאָל האָט זיך געטראָפען, אַז ר ב לייבוש איז אַרײַנגע־קומען צו אונז אויסגלײַכען די זייגערס מיט'ן לוח, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד:

— נחום! גיכער! וואו ביסטו?

דער טאַטע, נישט טויט נישט לעבעדיג, קומט צולויפען.

— האַ, וואָס איז געשעהן, ר ב לייבוש?

— רוצח, דו פרעגסט נאָך? — מאַכט צו אים ר ב לייבוש און טראָגט אים אונטער זײַן זייגערל גלײַך אונטער דער נאָז און טוט אים אַ ווײַז אויף אונזער וואַנטזייגער און שרײַט אויס מיט אַזאַ קול, ווי אַ מענש וואָס מען האָט אים אָנגעטראָטען סאַמע אויפ'ן קראַנקען פינגער:

— נחום! וואָס שווײַגסטו? סטייטש, ער לויפט דאָך אויף אַנדערהאַלבען מינוט, אויף אַנ־דערהאַלבען מינוט! וואַרף אים אַרויס!!

דעם טאַטען פאַרדריסט די מעשה, וואָס הייסט — מע הייסט אים אַרויסוואַרפען דעם זייגער?!

— פון וואַנען — זאָגט ער — איז געדרונגען, ר ב לייבוש, אַז מײַן זייגער לויפט אויף אַנדערהאַלבען מינוט? טאָמער וואָלטען מיר גערעכנט דעם איינענעם פּשט פאַרקערט, אַז אײַער זייגערל געהט אײַנגעהאַלטען אויף אַנדערהאַלבען מינוט? אַ קשיה אויף אַ מעשה?

ר ב לייבוש טוט אַ קוק אויפ'ן טאַטען מיט אַזעלכע אויגען, ווי אויף אַ מענשען, וואָס האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז עס קען געמאָלט זײַן דרײַ טאָג ראש־חודש, אָדער אַז ס'איז מעגליך, אַז שבעה־עשר־בתמוז זאָל פאַלען אום ערב־פּסח, אָדער כדומה אַזעלכע משונה ווילדע געדאַנקען, וואָס אַז מען זאָל נאָר וועלען זיך צולאָזען צום האַרצען, קאָן מען דעם שלאָג באַקומען!... ר ב לייבוש ענטפערט נישט דאָס אַנדערע וואָרט; ער טוט אַ טיפען זיפץ, דרייט זיך אויס אָהן אַ „זײַ־געזונט!", טוט אַ זעץ מיט דער טיר און — נישטאָ

מיך! נאָר עס מאַכט נישט אויס; ר ב לײַבושען קען די גאַנצע שטאָט, אַז ער איז אַזאַ איד, וואָס אים געפעלט נישט קײן זאַך אויף דער וועלט. אויפ'ן בעסטען ח ז ן וועט ער אײַך זאָגען, אַז ער איז אַ קאַטשאַן, אַ שײַט האָלץ; אויפ'ן קליגסטען מענשען — אַז ער איז אַ ב ה מ ה ב צ ו ר ת פערד; און אויפ'ן גלײַכסטען מ ש ל, אַז עס קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. אָט אַזאַ איד איז זיך געווען ר ב לײַבוש ח ק ר ן.

נאָר איך קער זיך אום צוריק צו אונזער זײגער. דאָס איז שוין געווען, זאָג איך אײַך, אײן מאָל אַ זײגער! זײַן קלינגען האָט מען גע־הערט אין דער דריטער שטוב: באָם!... באָם!... באָם!... אויף זײַן קלינגען האָט כ מ ע ט אַ האַלבע שטאָט געלעבט: אויפגעשטאַנען צו ס ל י ח ו ת, פרײַטאָג צו דער ח ל ה, ע ר ב ־ ש ב ת געבענשט ליכט, ש ב ת ־ צו נאַכטס אָנגעצונדען פײַער, געזאַלצען פלײש ו כ ד ו מ ה נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס זײַנען ש י י ך צו אידישקײַט; ה כ ל ל, אונזער זײגער איז געווען אַ שטאָט־זײגער. ער האָט נעבעך געדינט זעהר, זעהר געטרײַ; ער האָט זיך קײנמאָל נישט געפּרואווט שטעלען אַ פ י ל ו אויף אַ מ ע ת ־ ל ע ת. ער האָט אויף זײַן לע־בען נישט פאַרזוכט דעם ט ע ם, וואָס הײסט אַ זײגערמאַכער. דער טאַטע איז אַלײן געווען איבער אים דער מײַסטער. (ער האָט געהאַט אַ י ד י ע ה אינ'ם „ש כ ל הזײגערמאַכערײַ". אַלע ע ר ב ־ פ ס ח האָט ער אים פאַוואָלינקע אַראָפּגענומען פון דער וואַנט, דורכגערײניגט די געדערים מיט אַ פלעדערוויש, אַרויסגענומען פון אינווײניג אַ פּאַק שפּינוועבס מיט גע'מ מ י ת'טע פליגען, וואָס שפּינען האָבען אַהינצו פאַרנאַרט, פאַרפלאָנטערט און אָפּגעריסען די קעפּלעך, מיט טויטע טאַ־ראַקאַנעס, וואָס האָבען אַלײן פאַרבלאָנדזשעט אַהין און געהאַט דאָרטען אַ מ י ת ה ־ מ ש ו נ ה... אויסגערײניגט און אויסגעפּוצט, האָט ער אים אויפגעהאַנגען צוריק אויף דער וואַנט און ער האָט געשײַנט, דאָס הײסט, זײ האָבען בײדע געשײַנט: דער זײגער האָט געשײַנט דורך דעם, וואָס מע האָט אים אויסגעצוואָגען און אויסגעפּוצט, און דער טאַטע האָט געשײַנט, וואָס דער זײגער שײַנט.

ב.

ו י ה י ה י ו ם האָט זיך געטראָפען אַ מ ע ש ה. דאָס איז געווען אײנמאָל אין אַ שײנעם נישט קײַן כמאַרנעם טאָג. מיר זײַנען אַלע געזעסען בײַם טיש און געגעסען אָנבײַסען. איטליכעס מאָל, ווען דער זײגער האָט געשלאָגען האָב איך ליב געהאַט צו צײלען און ד ו ק א אויף אַ ק ו ל:

— אײנס, צוויי, דרײַ... זיבען... עלף, צוועלף, דרײַצען... אוי, דרײַצען!!

— דרײַצען? — רופט זיך אָן דער טאַטע און צעלאַכט זיך. — ביזט אַ שײנער ב ע ל ־ ח ש ב ו ן, קײַן ע י ן ־ ה ר ע ניט! האָסט

אַמאָל געהערט זייגער דרייַצען?

— דרייַצען, — זאָג איך, — ווי איך בין אַ איד, אַז דרייַצען!

— דרייַצען פּעטש וועסטו פון מיר כאַפּען! — מאַכט דער טאַטע צו מיר מיט כ ע ס — זאָלסט דאָס אַנדערע מאָל נישט איבער'ח ז ר'ן אַזאַ נאַרישקייַט, ג ו י! אַ זייגער ק ע ן נ י ש ט שלאָגען קיין דרייַצען!

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר דערציילען, נ ח ו ם? — מישט זיך אַרייַן די מאַמע אין מיטען. — איך האָב מ ו ר א, אַז דאָס קינד איז געערעכט. מיר דאַכט, אַז איך האָב אויך איבערגעציילט דרייַצען.

— שוין! אַט האָסטו דיר די אַנדערע טעג י ו ם ־ ט ו ב! — מאַכט דער טאַטע, און עס ווייַזט אויס, אַז ער אַליין פאַלט אויך אַרייַן אין אַ שטיקעל ס פ ק. נאָכ'ן עסען געהט ער צו צום זייגער, שטעלט זיך אויף אַ בענקעל, טוט אַ פּאָרקע אינווייניג עפּעס אַ רעדעל און דער זייגער הייבט אָן צו קלינגען. מיר אַלע זאַלבאַדריט ציילען, שאָקלען צו ב ש ע ת מ ע ש ה מיט'ן קאָפּ נאָך יעדען קלונג: „איינס, צוויי, דריי... זיבען... ניין... צוועלף, דרייַצען!“

— דרייַצען?! — זאָגט דער טאַטע און קוקט אויף אונז ביידען מיט אַזעלכע אויגען, ווי ביי אַ מענשען, וואָס זאָל דערהערען פּלוצים, אַז די וואַנט האָט באַקומען ל ש ו ן און רעדט ווערטער. ער טוט נאָכאַמאָל אַ פּאָרקע דאָס רעדעל און דער זייגער קלינגט ווידער־אַמאָל דרייַצען! דער טאַטע קריכט אַראָפּ פון'ם בענקעל מיט אַ זיפץ, בלאַס ווי די וואַנט און בלייַבט שטעהן אין מיטען שטוב, קוקט אויף דער סטעליע, קייַט די באָרד און רעדט צו זיך אַליין:

— געשלאָגען דרייַצען... וואָס הייסט דאָס?... וואָס זאָל דאָס באַ־טייַטען? ער זאָל זייַן קאַליע וואָלט ער זיך געשטעלט... אלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּ ש ט און זאָגען — אַ שפּריזינקעלע?...

— דאַרפסו זיך ח ק י ר ה'ן אַ שפּריזינקעלע? — זאָגט אים די מאַמע. — אַמער נעמט מען אַראָפּ דעם זייגער און מען מאַכט אים צו־רעכט, ביסט דאָך עפּעס אַ מייַסטער.

— שאַ, א פּ ש ר ביסטו אויך גערעכט? — ענטפערט איר דער טאַטע און נעמט אַראָפּ דעם זייגער און פּאָרעט זיך מיט אים; ער שוויצט, האָרעוועט אָפּ אַ גאַנצען טאָג און הענגט אים אויף צוריק אויף זייַן אָרט. דאַנקען גאָט, דער זייגער געהט ווי עס געהער צו זייַן; און אַז עס קומט אַרום האַלבע נאַכט, שטעהען מיר שוין אַלע אַרום אים און ציילען אָפּ צוועלף. דער טאַטע קוועלט.

— האַ? קלינגט שוין ניט קיין דרייַצען? אַז איך זאָג אַ שפּריזינ־קעלע, ווייס איך וואָס איך זאָג.

— איך זאָג שוין לאַנג, אַז דו ביסט אַ ב ר י ה. — מאַכט צו אים די מאַמע. — איך פאַרשטעה נאָר ניט איין זאַך: ל מ אַ י כריפּעט ער? ער פלעגט, דאַכט מיר, קיינמאָל נישט כריפּען, ווי ער כריפּעט.

— עס ווײַזט זיך דיר אויס! — זאָגט דער טאַטע און הערט זיך צו, ווי דער זײגער כריפּעט  ב ש ע ת  עס קומט צום קלינגען. ווי אַן אַלטער מאַן, אײדער ער באַדאַרף זיך אויסהוסטען, מאַכט ער: כיל־כיל־כיל־טררר... און ערשט נאָכדעם: „באָם!.. באָם!.. באָם!.. און  א פ י ל ו  דער „באָם“ אַלײן איז שוין אויך גאָר נישט דער „באָם“ וואָס פריהער; דער פריהערדיגער „באָם“ איז געווען אַ פרײליכער „באָם“, אַ לעבעדיגער, און איצט האָט זיך אַרײַנגעַ'ג נ ב'עט אין אים עפּעס אַ מין אומעטיגקײַט, אַ טרויעריגקײַט, ווי אין דער שטימע פון אַן אַלטען, אויסגעדינטען  ח ז ן  י ו ם ־ כ פ ו ר  צו  נ ע' י ל ה... וואָס ווײַטער ווערט דאָס כריפּען גרעסער און דאָס קלינגען שטילער און אומעטיגער, און דער טאַטע ווערט  מ ר ה ־ ש ח ו ר ה'דיגער; מע זעהט, אַז עס קרענקט אים, ער האָט דערפון שטילע  י ס ו ר י ם,  עס עקט זיך אים דאָס  ח י ו ת  און ער קען דערצו גאָר ניט העלפען. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זיך דער זײגער גאָר אין גאַנצען אַנידערשטעלען; דער אומרוה הײבט אָן צו מאַכען עפּעס  מ י א ו ס'ע  ת נ ו ע ו ת, שיטערע גענג, ער הוידעט זיך אין אַ זײַט, פאַרטשעפּעט זיך אַלע מאָל, ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס עס שלעפּט זיך אים נאָך אַ פוס. מע זעהט, אַז דער זײגער פאַרקאַטשעט זיך אַנידערשטעלען זיך אויף  ת מ י ד,  אויף אײביג! אַ גליק וואָס דער טאַטע קוקט זיך אַרום באַצײַטענס און פאַרשטעהט, אַז דער זײגער איז דאָ נעבעך גאָט די  נ ש מ ה  שולדיג; שולדיג איז די וואָג: ווינציג וואָג! און ער טשעפּעט צו צו דער וואָג דאָס אויבערשטע פונ'ם שטײסעל (אַ  מ ש א  פון אַ פּאָר פונט). דער זײגער געהט אַוועק ווי אַ  מ ז מ ו ר,  און דער טאַטע ווערט פרײליך, אַ נײַער מענש.

נישט לאַנג געדויערט דאָס אָבער: דער זײגער הײבט ווידער אָן אונטערפוילען זיך; דער אומרוה הײבט ווידער אָן צו מאַכען  מ ש ו ג ע'נע  ה ע ו י ו ת:  אַ הוידע אין אײן זײַט פּאַוואָליע, אין דער אַנדערער זײַט גיך, מיט אַ קרעל — „קכי“. עס קרעלט בײַ דער  נ ש מ ה,  עס שלאָגט צום האַרצען! אַ  ר ח מ נ ו ת  צו זעהן, ווי דער זײגער  ג ו ס ס'ט.  און דער טאַטע, אויף אים קוקענדיג, צאַנקט, געהט אויס פאַר  י ס ו ר י ם,  ווערט אויס מענש.

ווי אַ גוטער דאָקטער אַ  מ ו מ ח ה,  וואָס איז זיך  מ פ ק י ר  פונ'ם  ח ו ל ה'ס  וועגען, ווענדט אָן אַלע  כ ו ח ו ת,  טראַכט צו וואו ס'איז פאַראַן אַ מיטעל אויף דער וועלט,  כ ד י  צו ראַטעווען דעם קראַנקען, נישט לאָזען אים שטאַרבען, אַזוי האָט זיך דער טאַטע גענומען ראַטעווען דעם אַלטען זײגער מיט אַלע מעגליכקײַטען.

— ווינציג וואָג, ווינציג  ח י ו ת!  — זאָגט דער טאַטע און הענגט אָן אויף דער וואָג אַלע מאָל נאָך און נאָך  מ ש א:  פריהער אַן אײַזערנע סקאָווערדע, נאָכדעם אַ קופּערנע קוואָרט, שפּעטער אַ פרעסעל אַן אײַזערנס, אַ זעקעלע זאַמד, אַ פּאָר ציגעל, — דער זײגער ציהט דערפון

אַלע מאָל פריש חיות און געהט, מיט צרות טאַקע, מיט אַנגס־טען, נאָר ער געהט. ביז עס האָט זיך געטראָפען איין מאָל בייַנאַכט אַ גרויס אומגליק.

ג.

דאָס איז געווען ווינטער, פרייַטאָג צונאַכטס. מיר האָבען אָפּגע־געסען די שבת'דיגע וועטשערע. די געשמאַקע געפעפערטע פיש מיט כריין, די הייסע יויך מיט לאָקשען, דעם פלוימענצימעס, און אָפּגע־בענשט, ווי עס געהער צו זיין. די שבת'דיגע בענשליכט האָבען נאָך געצאַנקט. די דינסט האָט דערלאַנגט פונ'ם אויווען פרישע, וואַ־רימע, גוט אויסגעטריקענטע סעמעטשקעס, און עס קומט אַריין די מומע יענטע, אַ שוואַרץ־חנ'עוודיג ווייַבעל אָהן ציין.

— גוט שבת! — זאָגט די מומע יענטע. — איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז ביי אייַך דאָ פרישע סעמעטשקעס; דער חסרון, וואָס ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו קנאַקען. ווי געפעלט דיר, מלכה, די הייַנטיגע פיש, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי זיי? איך פרעג איהם, מנשה דעם פיליער, וואָס אַזאַ יקרות אויף אייַך? שפּרינגט אונטער שרה־פּערעל די נגידית: „גיט מיר, גיכער, וועגט מיר אָפּ אָט דאָס העכטעל!" „וואָס אַזאַ היץ אויף אייַך? — זאָג איך, — דער טייַך ברענט ניט, און מנשה וועט צוריק די פיש ניט פירען; ביי די נגידים, זאָג איך, איז אַ פּנים געלט וואָלוועל און שכל טייַער?"... געהט זי דאָך מסתמא און עפענט אויף מיר אַ מויל: „קבצנים, זאָגט זי, האָבען דאָ נישט וואָס צו טאָן... אַן אָרימאַן, זאָגט זי, טאָר זיך נישט גלוסטען"... וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ הולטייַקע?

די ליכט הייבען אָן אויסגעהן. דער שאָטען אויף די ווענט קלעטערט, דראַפּעט זיך העכער און העכער. די סעמעטשקעס טרישטשען, דער עולם שמועסט, דערציילט מעשות, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, איינע צו דער אַנדערער געהער זיך ניט אָן. נאָר מער פון אַלע רעדט די מומע יענטע.

— שאַ! — רופט זיך אָן די מומע יענטע. — למאַי אָט האָט זיך ניט לאַנג געטראָפען נאָך אַ שענערע מעשה. ניט ווייַט פון יאַמפּעלע, אַ ווערסט דרייַ, זייַנען גזלנים באַפאַלען אַ אידישע קרעטשמע, אויסגעקוילעט אַ גאַנצע שטוב מיט מענשען, אַ פּיצעלע קינד אין וויגעלע אויך געקוילעט, איבערגעלאָזט נאָר איין דינסטמיידעל, וואָס איז געשלאָפען אין קיך אויפ'ן אויווען. זי האָט דערהערט — מע שרייַט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען, דאָס דינסטמיידעל, פונ'ם אויווען. זי טוט אַ קוק דורך דער שפּאַרינע פון דער טיר, זעהט זי, דאָס דינסטמיידעל, עס ליגט אויף דער ערד דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע געקוילעטע, און בלוט אַ גאַנצער טייַך. איז זי זיך מישב, דאָס דינסטמיידעל, און שפּרינגט אַרויס דורך אַ פענסטער, און לויפט

אוועק גלייך אין שטאָט אַריין מיט אַ גוואַלד: „אידישע קינדער, ראַטעווועט, גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!!!"...

פּלוצים, אַזוי ווי די מומע יענטע גוואַלדעוועט דאָ, הערען מיר: טררראַך — טאַ־ראַרראַך — באָם — דזין — באָם!... פּאַרטיפט אין דער מ ע ש ה, האָבען מיר גאָר געמיינט, אַז ג ז ל נ י ם זיינען אַנגעפאַלען אויף אונזער שטוב און האָבען אויסגעשאָסען פון צעהן האַרמאַטען, אָדער ס'איז איינגעפאַלען דער דאַך, אָדער ס'איז ערד־ציטערניש, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק געשעהן. מיר האָבען זיך נישט געקאָנט רירען פון די ערטער; אַ מינוט האָבען מיר געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע אָהן ווערטער און אַלע מיט אַמאָל האָבען מיר אַנגעהויבען צו שרייען: גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! — פון גרוים אימפּעט כאַפּט מיך די מאַמע אַרום, קוועטשט מיך צו צום האַרצען און שרייט:

— מיין קינד, מיר זאָל זיין פאַר דיר, וויי איז מיר!

— האַ? וואָס? וואָס איז אים? וואָס איז געשעהן? — שרייט דער טאַטע.

— גאָר ניט, גאָר נישט! שאַ, שאַ! — שרייט די מומע יענטע און מאַכט מיט די הענט; און דאָס דינסטמיידעל לויפט אַריין פון קיך אַ טויטע.

— ווער שרייט דאָ? וואָס איז? עס ברענט? וואו ברענט? וואו?

— ווער ברענט! וואָס ברענט? — שרייט די מומע יענטע אויפ'ן דינסטמיידעל — אָט איז זי אויך דאָ, טאָמער איז קאַרג! נאַ דיר גאָר סע ברענט! האָסטו געהערט אַן אַנטיק! וואָס שרייט איר וועלכע גוטע יאָר? וואָס גוואַלדעוועט איר? טפו אויף מיינע ש ו נ א י ם'ס קעפּ! מע האָט זיך דאָס אַביסעל איבערגעשראָקען! טאָמער ווייסט איר וואָס? פאַר אַ קלאָפּ! ניטאָ פון וועמען צו לאַכען! גאָט איז מיט אייך: דאָס איז דער זייגער, דער זייגער אַראָפּגעפאַלען. הייַנט ווייסט איר שוין? מע האָט אַנגעהאַנגען אויפ'ן זייגער פון כ ל מ א מ י נ י ם ש ה ו א, דריי פּוד מ ש א, איז ער אַראָפּגעפאַלען. וואָס איז דער ח י ד ו ש? ל ה ב ד י ל אַ מענש וואָלט אויך ניט בעסער געווען! האָסטו געהערט אַביסעל?

ערשט דעמאָלט קומען מיר צו זיך, אויפגעשטאַנען איינציגווייז פונ'ם טיש, געהען מיר צו צום זייגער און באַטראַכטען אים, ווי ער ליגט נעבעך מיט'ן פ נ י ם אַראָפּ, אַ דער'ה ר ג'עטער, אַ צעבראָכענער, אַ צעשאָטענער, אַ סקאַליעטשעטער אויף אייביג!

— אוים זייגער! — מאַכט דער טאַטע, טויט ווי די וואַנט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ב ש ע ת מע געהט צו אַ מ ת, צו אַ ב ר מ י נ ן; ער ברעכט די הענט און טרערען שטעהען אים אין די אויגען. איך קוק אויפ'ן טאַטען; עס גלוסט זיך מיר וויינען.

— שאַ, זעה נאַר, וואָס דאַרף מען זיך אַזוי עפּעסען דאָס האַרץ? — זאָגט די מאַמע. — מ ס ת מ א אַזוי באַשערט, אַז הייַנט אין דער

דאָזיגער מינוט באַדאַרף זײַן דער סוף זײַנער, ווי להבדיל אַ מענטש. אַ כפּרה פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר אונזערע קינדער, פֿאַר אַלע אונזערע ליבע און געטרײַע און פֿאַר כּל ישׂראל אמן סלה...

---

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט זײגערס. עס האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט — אונזער אַלטער זײגער ליגט אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין ווײַסע תּכריכים. עס האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט, אַז דער זײגער לעבט, נאָר אויפֿ'ן אָרט פֿונ'ם אומרוה וואַרפֿט זיך הין און צוריק אַ לאַנגע צונג, אַ צונג פֿון אַ מענטשען; און דער זײגער קלינגט ניט, נאָר ער קרעכצט, און איטליכער קרעכץ נעמט בײַ מיר צו אַ שטיק געזונט... און אויפֿ'ן ציפֿערבלאַט, דאָרט וואו איך בין געוואוינט צו זעהן תּמיד דעם XII, דערזעה איך מיט אַמאָל אַ ציפֿער XIII, טאַקע דרײַצען — איר מעגט מיר גלויבן אויף נאמנות!...

שלום־עליכם.

## ר' איטשע.



י. אָפּאַטאָשו.

דער בית־המדרש איז געווען געפּאַקט. מען האָט געשפּרײַזט אין די טליתים, אין די תּפֿילין: טײל מיט פֿאַרריסענע קעפּ, פֿאַרוואָרפֿענע הענט; אַנדערע האָבן אַריבערגע־געוואָרפֿען די טליתים איבער די פּנים'ער, געקלאַפּט מיט די הענט אָן די גלאַנציגע אָפּגעריבענע ווענט, זיך אויסגעענה'ט מיט'ן רבונו־של־עולם אויף פֿאַרשידענע אופֿנים, יעדער אויף זײַן שטײגער. אַרום די ווענט בײַ ברײטע טישען זײַנען געזעסען איבער גמרא'ס יונגע לײַט, בחורים, אײַנגלעך מיט ערנס־טע פּנים'ער, זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ בענקשאַפֿט, געלערנט מיט התמדה.

די געשרײען פֿון די אידען, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע גע־וואָלט באַפֿרײַען פֿון דאגת פּרנסה, זיך אָפּשאָקלען פֿון דער וואָכעדיגקײַט פֿאַר'ן רבונו־של־עולם; זײער זיפֿצען, זײער פּאַטשען מיט די הענט; דאָס שטילע פֿאַרבענקטע געזאַנג פֿון די יונגע לײַט, וואָס איבער די גמרא'ס, — דאָס אַלץ האָט זיך געטראָגען איבער'ן בית־המדרש ווי אַ ווײ־געשרײ, בלויז איבערגעריסען געוואָרען בײַם אויוון, וואו שנאָרערס זײַנען געזעסען מיט אויסגעווי־

קעלטע פּאַפּיראָסען, זיך געקריגט פון נישט האָבען וואָס צו טאָן, זיך געשאָלטען און בארעדט די גאַנצע וועלט.

ר׳ איטשע האָט גיך, ווי זײַן שטייגער, אָפּגעדאַוונט, אַרײַנגע־מאַכט די הענט אין די אַרבעל און אַ פּאָר׳מו ח׳טער געגומען שפּרייזען איבער׳ן ב י ת ־ ה מ ד ר ש. ביים אויוען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ שלעכטער ר י ח האָט אים אַ שלאַג געטאָן אין פּ נ י ם אַרײַן, אַז ס׳איז אים אַזש נישט גוט געוואָרען. ר׳ איטשע האָט אַהינטער־געקוקט הינטער׳ן אויוען. אויף אַ צעריבענעם זאַק מיט שטרוי איז געלעגען אַן עלטערער איד און געקרעכצט. דער אַרומיגער ע ו ל ם האָט אים דערציילט, אַז דער קראַנקער איז אַ פרעמדער, אַן א ו ר ח, קומט ערגעץ פון דער ליטע, ליגט שוין דאָ איבער אַ וואָך, טוט אַלץ אונטער זיך, און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל אים איבערבעטען.

— וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ? — האָט ר׳ איטשע זיך געוואונ־דערט. — און איר? איר זייט דאָך אויך אידען! ווי לאָזט מען דאָס ליגען אַזוי אַ קראַנקען?

— וואָס ד ר ש נ׳ט ער? — האָט אַ שנאָרער געלאָזט פאַלען צווישען דער ח ב ר ה אַ וואָרט.

— מ ס ת מ א אַ מ ג י ד. — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— פעטער, איר קענט האָבען ס׳פאַרגעניגען. — האָט אַ שנאָרער, בלינד אויף איין אויג, אײַנגערוימט ר׳ איטשען אין אויער. — ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ מ צ ו ה?

אַ באָרוועסער אינגעל, וואָס איז געשטאַנען צווישען דער ח ב ר ה, האָט שוין געהאַט צונויפגעדרייט אַ שמאַטע און זי געוואָלט פון דער זייט אַ לאָז טאָן ר׳ איטשען אין קאָפּ אַרײַן. האָט פונקט דעמאָלט ר׳ איטשע זיך אויסגעדרייט און צוגערופען זײַן ת ל מ י ד, מ ר ד כ י׳ן:

— הער זיך איין, מען דאַרף קריגען אַ טאָפּ מיט אַ באַליע; טאַקע באַלד. מיר וועלען מאַכען אין אויוען אַ פייער און אָנוואַרימען ס׳וואַ־סער. איבעריגענס, גיב דעם ש מ ש אַ פּאָר גראָשען, וועט ער אַלץ באַזאָרגען.

די שנאָרערס האָבען זיך איבערגעקוקט, געזעהן, אַז דאָס איז ניט קיין מ ג י ד; און יעדער פון זיי איז געוועזען וויליג צו ברענגען אַ טאָפּ מיט אַ באַליע.

זיי האָבען אָנגעהויבען קאָנקורירען איינער מיט׳ן צווייטען, זיך געקריגט, געלאָזט אַלץ ביליגער, ביז איינער, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט אַלעמען אָפּגעטאָן און זיך אונטערגענומען צו ברענגען אַלץ אומזיסט.

אַז דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעוואַרימט, האָט ר׳ איטשע איינער אַליין אויסגעטאָן דעם קראַנקען, אים אַרײַנגעזעצט אין דער באַליע און אים גענומען אַרומוואַשען.

אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער, אַרומגערינגעלט דעם אויוען, געקוקט ווי ר׳ איטשע וואַשט דעם קראַנקען. כ מ ע ט אַלע האָבען

זיך געהאַלטען פאַר די נעז, — אַזוי שווער איז געווען די לופט, — גע־שטאַנען און זיך געוואונדערט, ווי דער פרעמדער איז אויפגערוימט, פאַרעט זיך אַרום דעם ח ו ל ה, אָטעמט אַרײַן דעם שלעכטען ר י ח און טוט צומאָל קײן קרים נישט מיט׳ן פ נ י ם.

ר׳ איטשע האָט זיך פאַר אַלעמען אין די אויגען אויסגעטאָן, ווי קײנער וואָלט נישט געשטאַנען אַרום, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס העמד, די גאַטקעס, זײַ אָנגעטאָן דעם ח ו ל ה, אים געבענטשט, אויסגעשאָ־קעלט אַלע געלט פון די קעשענעס, זײַ אַוועקגעגעבען דעם קראַנקען און זיך גענומען אָנטאָן.

דער ע ו ל ם איז געשטאַנען פאַרגאַפט, זיך נישט געגלויבט; און אײַנציגווײַז איז יעדער צוגעגאַנגען צו מ ר ד כ י׳ן:

— ס׳איז דײַן פאָטער?

אַלע האָבען געקוקט אויף ר׳ איטשעס מאָטען פ נ י ם, אויפ׳ן שוואַרצען בערדעל, מיט די ווײַסע, קרומליכע צײַנער; געזעהן דעם שטילען שמײַכעל אַרום די ליפען, געזעהן, ווי די גרויסע שוואַרצע אויגען קוקען מיט אַזוי פיעל ר ח מ נ ו ת — האָט יעדער אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט אים דערקענט, כאָטש קײנער האָט אים קײנמאָל נישט געזעהן.

ר׳ איטשע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן, געזוכט מיט די אויגען מ ר ד כ י׳ן, געוואָלט וואָס שנעלער אַרויס פון ב י ת ־ ה מ ד ר ש. זײַן אַלײן. איז פונקט דעמאָלט אַרײַנגעקומען אַ נידעריג אידעל, זיך אײַנגעקוקט אין ר׳ איטשען, זיך גענומען דורכשטופען מיט די אײַלענ־בויגענס צווישען ע ו ל ם און זיך צעשריען:

— ס׳איז דאָך ר׳ איטשע!

דער ע ו ל ם, וואָס האָט איצט געוואוסט וועגען ר׳ איטשען פונקט אַזוי פיעל ווי פריהער, האָט מער נישט געדאַרפט. דער ע ו ל ם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו ר׳ איטשען, אים אַרומגערינגעלט פון אַלע זײַטען, געגעבען ש ל ו ם, איבערגעבעטען, אָנגערירט זײַנע קלײדער. ר׳ איטשע האָט זיך פון דער ערשטער מינוט ווי פאַרלאָרען, געבעטען מיט די אויגען, מען זאָל אים צורוה לאָזען און ביסלעכווײַז זיך באַרו־היגט.

מ ר ד כ י האָט קײן אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, געזעהן, ווי ר׳ איטשע שטעהט צווישען ע ו ל ם אַ צעשטראָלטער, מיט אַזוי פיעל ליבע אין די שוואַרצע אויגען, גיט ש ל ו ם, בענטשט. און דער ע ו ל ם האָט קוקענדיג אויף אים פאַרגעסען אָן דער וואָכעדיגקײַט, און זײַערע פאַר׳ח ו ש כ׳דיגטע פ נ י מ׳ער האָבען זיך גענומען לײַטערן.

ר׳ איטשע איז מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צו מ ר ד כ י׳ן, אַרויפגע־לײגט אויף אים אַ האַנט:

— קום, מ ר ד כ י, מיר מוזען שוין פאָרען. אָבער באַלד! דער ע ו ל ם ווערט צו גרויס. קום!

י. אָפּאַטאָשו.

# דער טרײַער חבר.

זײַ זײַנען געשטאַנען אויף לײַטערם אויף הויכע —
צװײַ אָרימע ארבײַטער, דאַרע און בלײַכע,
צעריסען, צעשליסען, נאָר בײַנער און הויט;
געברענט האָט די ארבײַט אין זײַערע הענט,
אַלץ העכער און העכער געוואַקסען די ווענט:
זײַ האָבען אַ פּראַכטיגען פּאַלאַץ געבויט.

איז פּלוצלונג אַ שרעקליכער ווינט אָנגעקומען
און האָט זיך צעוואָרפען די לײַטערם גענומען;
ער רײַסט זיך און ברומט, ווי אַ הונט אויפ'ן קײַט,
און טרײַסעלט די ברעטער, פאַרניכטען זײַ גרײַט,
די מויערעָר דראָהט ער, דער א כ ז ר, מיט טויט.

און פּלוצלונג — אַ גוואַלדיגער ריס און אַ ברום,
דער שטורעם מיט צאָרן די לײַטערם וואַרפט אום;
אײַן לײַטער נאָר אַ גאַנצע געבליבען צום גליק.
אַ, גאָט, האָב ר ח מ נ ו ת, אַ רעטונג זײַ שיק!

עס כאַפּען די בידנע זיך אָן פאַר דער לײַטער;
דער ווינט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטורעמט און רײַסט;
עס ציטערט די לײַטער שוין, זײַ האַלטען זיך קוים,
און אונטען — עס וואַרט זײַ אַ שרעקליכער ת ה ו ם.

אוז ס'זאָגט פון זײַ אײַנער: „די רעטונג איז ווײַט,
מיר וועלען צעברעכען די לײַטער פאַר דער צײַט;
ווען זי וואָלט כאָטש אײַנעם נאָך רעטען געקענט!
אָט בײַגט זי זיך ווידער — ניט לאָז אָפּ די הענט!"

און קרעכצענדיג שטיל, רעדט דער צווײַטער אַרויס:
„עס וואַרט מיך די פרוי און די קינדער אין הויז"...
— „און מיך ערוואַרט קײַנער!" — דעם צווײַטען עס האָט
דער ערשטער געענטפערט. — „נו, ס'העלפט דיר איצט גאָט!

דער ג ו ר ל איז קלאָר דאָ... אַזוי איז באַשערט"...
און גלײַך זיך געוואָרפען אַראָפּ אויף דער ערד.

ער האָט אָן אַ שטײַן זיך צעבראָכען דעם שאַרבען...
אַזוי קאָנען הײַליגע גײַסטער נאָר שטאַרבען.
כאָטש קײַנער געדענקט שוין זײַן נאָמען ניט הײַנט,
נאָר דאָס איז געוועזען אַן א מ ת'ער פרײַנד!

י. לוקאָווסקי, פון רוסיש.

# זיבען גוטע יאָר.

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשעהען אינ׳ם שטעטעל טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער; האָט ער געהייסען טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. איינמאָל, דאָנערשטאָג, שטעהט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פאַרשאַרצט אונטער׳ן שטריק אויף די לענדען און קוקט אויס, פון וואַנען וועט קומען זיין הילף — ער זאָל פאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטעהען די געוועלבען אַרום און אַרום ליידיג, אין יוצא ואין בא, מען זעהט נישט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפען, עס זאָל זיין, וואָס אָפּצוטראָגען. הייבט ער נעבעך אויף די אויגען צום הימעל מיט אַ געבעט, ער זאָל, חלילה, קיין פאַרשטערטען שבת נישט האָבען, און זיין ווייב סערעל מיט די קינדערלעך זאָלען, חס ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפלל, דערפילט ער, אַז עמיצער גיט אים אַ ציה פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעהט ער פאַר זיך אַ דייטשעל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויף׳ן קאַפּעליושעל, און דאָס דייטשעל זאָגט צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצען דאָ איבער אויף אידיש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרען זיבען גוטע יאָר פון מזל און הצלחה און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבען די גוטע יאָר. ווילסט — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיגען טאָג, און איי־דער עס וועט אונטערגעהן די זון, וואָס שטעהט דיר איבער׳ן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפען גאַנץ טורבין מיט דער סביבה. אָבער נאָך זיבען יאָר וועסטו צוריק ווערען אַן אָרימאַן, ווי דו ביסט געוועזען. און ווילסטו — וועט די גוטע געבענשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָרען און דו וועסט אַוועקגעהן פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געווען איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אליהו הנביא, וואָס האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דייטשעל פאַרשטעלט. טוביה האָט אָבער געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כישוף־מאַכער. ענטפערט ער אים:

— מיין ליב דייטשעל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרים איך בין, ניט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער עני ואביון. איך האָב אויף שבת נישט און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלען פאַר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אַז דאָס דייטשעל אָבער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און אים איבער־גע׳חזר׳ט די ווערטער איינמאָל, צווייאָל און דריימאָל, איז עס טוביה׳ן שוין אַריין אין קאָפּ. ענטפערט ער אים:

— ווייסטו וואָס, ליב דײַטשעל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט ניט קײַן ל ו ע ג ל ר ש, און דו פרעגסט מיך ב א מ ת, מוז איך דיר זאָגען, אַז איך בין מיר נ ו ה ג בײַ יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אָן ע צ ה צו האַלטען מיט מײַן ווײַב סערעל, און אָהן איר קאָן איך דיר קײַן קלאָרע ת ש ו ב ה נישט געבען.

זאָגט אים דאָס דײַטשעל, אַז עס איז זעהר אַ גוטע זאַך — זיך אָן ע צ ה צו האַלטען מיט דער פרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי געהן פרעגען, און ער, דאָס דײַטשעל הייסט עס, וועט שטעהן און ווארטען אויף אַ ת ש ו ב ה.

ט ו ב י ה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זײַטען; קײַן פאַר־דינסט זעהט ער נישט, טראַכט ער זיך: וואָס קאָן ער דאָ אָנווערען? ער וועט אַהיים געהן פרעגען. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און געהט אַרוים הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט כ מ ע ט שוין אויפ'ן פעלד אין אַ לײמען שטיבעל, איבערשמועסען זיך מיט סערעל זײַן ווײַב.

ווי סערעל האָט אים דערזעהן דורך דער אָפענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען מיט גרוים ש מ ח ה; זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַ ה ת ח ל ה אויף ש ב ת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערעל, זײַן ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קײַן פאַרדינסט נישט באַשערט; דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דײַטשעל..

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי: ב אַ ש ר ב כ ן, דאָס דײַטשעל זאָגט, אַז עס איז אים באַשערט זיבען גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלען קומען — אַצינד, אָדער פאַר דער פּ ט י ר ה. פרעגט ער בײַ איר אָן ע צ ה: ווען?

טראַכט סערעל ניט לאַנג און ענטפערט אים:

— געה, מײַן ליבער מאַן, און זאָג דעם דײַטשעל, אַז דו ווילסט די זיבען גוטע יאָר אויף דער ר ג ע!

— פאַרוואָס, סערעל? — פרעגט ט ו ב י ה פאַרוואונדערט. — נאָך זיבען יאָר וועלען מיר דאָך ווערען צוריק אָרימעלײַט, און דעם י ו ר ד איז דאָך ערגער, ווי אַ פראָסטען אָרימאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מײַן ליבער גוטער פרײַנד, די וועלט. דערווײַל נעם, וואָס מען גיט דיר, און זאָג: ב ר ו ך ה' י ו ם י ו ם! ב פ ר ט, אַז מען דאַרף ח ד ר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט; אָט זעה, ווי זיי שפּילען זיך אין זאַמד.

דאָס איז גענוג געווען, ט ו ב י ה זאָל צוריק לויפען צום דײַטשעל מיט אַ קלאָרער ת ש ו ב ה, אַז ער וויל די זיבען גוטע יאָר ת ו ך כ ד י ד י ב ו ר.

זאָגט אים דאָס דײַטשעל:

— רעכען נאָר איבער, ט ו ב י ה! הײַנט ביסטו אַ מענש מיט

כ ו ח און קאָנסט פאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניגער. וואָס וועט אָבער זײַן שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערען און וועסט זײַן אַ י ו ר ד און אַזוי פיעל כ ו ח צו דער אַרבײַט וועסטו אויך נישט האָבען.

ענטפערט ט ו ב י ה:

— הער, דײַטשעל, מײַן ווײַב סערעל וויל באַלד. ערשטענס, זאָגט זי, ב ר ו ך ה׳ י ו ם י ו ם, און הייסט אויף שפּעטער ניט זאָרגען; און צווייטענס האָט מען אונז די קינדער פון ח ד ר אַהיים געשיקט.

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דײַטשעל — גיה אַהיים; און איידער דו וועסט קומען אין שטוב, וועסטו זײַן אַן ע ו ש ר!

וויל ער אים פאָרט איבערפרעגען וועגען נאָך די זיבען יאָר, איז אים אָבער דערווײַל דאָס דײַטשעל פאַרשוואונדען געוואָרען.

געהט ער, ט ו ב י ה, אַהיים. געוואוינט, האָבען מיר שוין געזאָגט, האָט ט ו ב י ה אונטער דער שטאָט, כ מ ע ט אויפ׳ן פרײַען פעלד. קומט ער צו צו דער שטוב, זעהט ער, ווי די קינדער שפּילען זיך הינטער דער שטוב אין זאַמד. געהט ער צו, דערזעהט ער, אַז זיי שאַרען אַרוים פון אַ גריבעל נישט קײַן זאַמד, נאָר ריין גאָלד, טאַקע ז ה ב ט ה ו ר... פאַרשטעהט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפט. עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די זיבען יאָר, די זיבען מ ז ל׳דיגע יאָר.

די צײַט לויפט אָבער פײַל פון בויגען און זיבען יאָר געהען אַריבער געשווינט. קומט נאָך די זיבען יאָר דאָס דײַטשעל צו ט ו ב י ה׳ן אים אָנצוזאָגען, אַז די זיבען יאָר זײַנען אַריבער, און אַז הײַנט פאַרנאַכט וועט נ ע ל ם ווערען דאָס גאָלד אין שטוב און א פ י ל ו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבען געקאָנט באַהאַלטען בײַ לײַטען.

טרעפט ער ט ו ב י ה׳ן, ווי ער שטעהט אין מיטען מאַרק, ווי פאַר זיבען יאָר, מיט דיזעלבע פאַרשאַרצטע פאָלעס אונטער די לענדען און קוקט אוים אויף אַ פאַרדינסט. זאָגט ער אים: „הער, ט ו ב י ה, די זיבען יאָר זײַנען אַריבער!“

ענטפערט אים ט ו ב י ה: „גיה זאָג דאָס מײַן ווײַב סערעל, ווײַל דאָס ע ש י ר ו ת איבער די גאַנצע זיבען יאָר איז געווען בײַ איר.

געהען זיי ביידע אַרוים אונטער דער שטאָט און קומען צום זעלבען ליימענעם הײַזעל אויפ׳ן פעלד און טרעפען סערלען פאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרים געקליידט, ווי אַמאָל, נאָר איר פ נ י ם שמייכעלט.

זאָגט איר דאָס דײַטשעל מיט דיזעלבע ווערטער, אַז די זיבען גוטע יאָר זײַנען אַוועק.

ענטפערט זי אים, אַז זיי האָבען קײַן גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבען צו האָבען; אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט געהאַלטען דאָס גאָלד פאַר זייער אייגענס. ווײַל וואָס אַ מענש פאַרדינט מיט זײַנע צעהן פינגער, דאָס איז זײַנס, און אַזוי ע ש י ר ו ת, וואָס קומט אָהן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פ י ק ד ו ן, וואָס זײַן ליבער נאָמען

לאָזט איבער ביי מענשען אין די הענט פאַר אָרימעלייטס וועגען... זי האָט נאָר פון געלד אויף ש כ ר ־ ל י מ ו ד געגומען. דאָס איז גאָטס ת ו ר ה; מעג מען פאַר זיין ת ו ר ה מיט זיין געלד צאָלען, מער נישט! און אויב זיין ליבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערען ב ע ל ־ פ י ק ד ו ן פאַר זיין געלד, מ ח י כ א ת י ת א, זאָל ער צונעמען און איבערגעבען אַן אַנדערען!

א ל י ה ו ה נ ב י א האָט דאָס אויסגעהערט און איז נ ע ל ם געוואָרען. ער האָט עס איבערגעגעבען דעם ב י ת ־ ד י ן ש ל מ ע ל ה, און דער ב י ת ־ ד י ן ש ל מ ע ל ה האָט גע׳פ ס ק׳ענט, אַז עס איז קיין בעסערער ב ע ל ־ פ י ק ד ו ן נישט פאַראַן. און די זיבען יאָר האָבען זיך נישט אויסגעלאָזט כ ל ־ ז מ ן ט ו ב י ה און זיין ווייב סערעל האָבען געלעבט.

י. ל. פרץ.

---

## ד ע ר ה ו י פ ע ן ע ר ד.

פון לאַנד צו לאַנד, באַוואָפענט, בייז און שטאַרק,
טוט געהן דער גרויסער העלד און קיניג.
עס איז ניטאָ קיין רוה פאַר אים; זיין קראַפט,
זיין רייכטום, הערשאַפט — אַלץ נאָך ווייניג.

אַלץ ווייטער ציהט און רייסט זיך אים דאָס האַרץ
פאָרויס — דורך ווילדע, גרויסע וועלדער,
דורך היילען, פעלזען, איבער אייז און שניי,
דורך בערג און טאָלען, שטעט און פעלדער.

פיעל פעלקער זיינען אונטערטעניג אים,
פיעל לענדער האָט ער איינגענומען;
און, געהענדיג אַלץ ווייטער אין דער וועלט,
איז אין אַ מ ד ב ר ער געקומען.

לאַנג זיינען דורך דעם היימען, וויסטען פעלד
געגאַנגען זיינע מ ח נ ו ת־ריזען,
ביז פון דערווייטען האָט זיך זיי צום ס ו ף
אַ וועלדעלע אַ גרינס באַוויזען.

דער ח י ל האָט זיך אָפּרוהען געלייגט;
דער קעניג, אום זיין דורשט צו שטילען,
איז צוגעגאַנגען צו דעם שטראָם, וואָס איז
געפלאָסען אין דעם וואַלד, אין קילען.

און באַלד נאָר, אַז דער קיניג האָט פון שטראָם
דעם ערשטען קאַלטען טרונק גענאָסען,

האָט עפּעס זיך ביי אים אין יעדען גליד
א זיסע וואַרימקייט צעגאָסען;

א טיפער ח י ו ת איז זיך אין זיין ברוסט
צעגאַנגען; נייע, יונגע קרעפטען
און נייער פרישער מוט האָט אים געטאָן
זיין האַרץ באַשפּינען און באַהעפטען.

„וואָס קען דאָס זיין? — האָט ער געטראַכט. — דער שטראָם
מוז פון א גליקליך אָרט טאָן פליסען...
שטעהט אויף, איר ליבע העלדען מיינע, קומט!
איך וויל, איך מוז דאָס גלייך דערוויסען.

„אהין, אהין! זאָל זיין דאָרט ווער עס איז —
ער מוז מיר אונטערטעניג ווערען,
פון מיר אַליין דערוואַרטען גליק און פרייד
און מיך אַלס העלד און קיניג ערען.

„און אויב עס וועט דאָרט זיין ווער געגען מיר,
אַ, טויט וועט פון מיין שווערד ער פאַלען...
שטעהט אויף, איר ליבע העלדען מיינע, קומט“!...
עס קלאַפּט דער פּויק; די ש ו פ ר ו ת שאַלען;

די פאָנען טוען פלאַטערן; עס געהט
א קלינגעריי, א טומעל; הונדערט
ח י ל ו ת געהען נאָך דעם גרויסען העלד.
דער מ ד ב ר ליגט אַרום פאַרוואונדערט:

וואָס טוט זיך דאָס? ווער האָט זיין רוה, זיין שלאָף,
זיין טיפען שלאָף געשטערט?... די רייטער,
די פאָנען ציהען זיך פאָרויס, פאָרויס,
דער קיניג געהט אַלץ ווייטער, ווייטער...

פיעל טעג איז ער געגאַנגען אַלץ פאָרויס,
פיעל אויסגעשטאַנען שמערצען, לייַדען
און איז ל ס ו ף געקומען מיט'ן שטראָם —
וואוהין? — צום טויער פון ג ן ־ ע ד ן!...

* * *

באַפלאָכטען מיט גרינע, מיט בליהענדע בלעטער,
מיט פרישע, מיט שמעקענדע בלומען באַקראַנצט,
טוט לייכטען און שיינען דער הייליגער טויער;
מיט טויזענטער שטראַלען גליהט ער און גלאַנצט.

עס שלאָגען די קוואַלען, עס רוישען די שטראָמען,
עס געהט ווי פון זילבערנע גלעקער אַ קלאַנג;
עס הערען זיך שטימען פון טויזענטער פויגעל,
עס גיסט זיך אַ ליבעס, זיסעס געזאַנג.

נאָר דאָרט, ביי דעם טויער, זעהט שטעהן דער קיניג
אַ מ ל א ך מיט פלאַמענדען שווערד אין די הענט;
ער שטעהט צו באַשיצען דעם הייליגען טויער,
די הויכע, די שטאַרקע, הייליגע ווענט.

„ווער ביסטו? — טוט פרעגען דער מ ל א ך ביים קיניג. —
דו ביסט א ל כ ס נ ד ר? שטעה־זשע! פאַר דיר
וועט בלייבען אויף אייביג פאַרמאַכט צום ג ן ־ ע ד ן
די ליכטיגע, ריינע, הייליגע טיר.

נאָר די, וועלכע לעבען אין פריינדשאַפט, אין פרידען,
וואָס טוען און ברענגען גוטס אויף דער וועלט, —
נאָר זיי קאָנען קומען אין הייליגען גאָרטען,
אין ליכטיגען, אייביגען ב ו ר א'ס געצעלט.

און דו, וואָס פאַרגאָסען האָט טייכען פון טרערען
דיין אייזערנע, בייזע, בלוטיגע האַנט —
דיך האָט דער באַשעפער באַגליקט אין דיין לעבען
מיט הערשאַפט, מיט רייכטום, מוט און פאַרשטאַנד,

ביסט אָבער פאַרגאַנגען אויף זינדיגע וועגען,
פאַרדרייט זיך אין שרעקליכען שטורעם און ווינט;
דו פלעגסט ניט באַשוינען קיין יוגענט, קיין עלטער...
צו גרויס זיינען דיינע שרעקליכע זינד!

אומזיסט איז געוועזען דיין מיה, א ל כ ס נ ד ר!
דו קאָנסט אין ג ן ־ ע ד ן ניט קומען: פאַר דיר
וועט בלייבען אויף אייביג פאַרמאַכט פון ג ן ־ ע ד ן
די ליכטיגע, ריינע, הייליגע טיר..."

* * *

„—אַך, דו גרויסער מ ל א ך! — האָט מיט הייסע טרערען
שטיל געזאָגט דער קיניג. — שרעקליך איז דיין שטראָף:
שטעהן גאָר נאָהענט לעבען טויער פון ג ן ־ ע ד ן,
פילען שוין דעם זיסען ר י ח... און ל ס ו ף...

גיב זשע, גיב כאָטש עפּעס מיר אַן א ו ת ־ ז י כ ר ו ן
אַז איך בין געוועזען דאָ, ביי אָט דער טיר,
מענשען זאָלען זעהן, מענשען זאָלען גלויבען,
אַז דאָס האָט געטראָפען אויפ'ן וואָר מיט מיר."

— „נאַ, — האָט דאָ דער מ ל א ך אים געזאָגט, — אַט האָסטו...
גײה צוריק, און שטאַרקען זאָל דיר גאָט דײַן האַרץ,
זאָלסט פאַרברענגען דײַנע איבעריגע יאָרען,
ניט צו װיסען אײביג פון קײן נויט און שמאַרץ...“

* * *

דער קיניג איז געקומען אין אַ שטאָט
און האָט געשיקט צונויפרופען די ז ק נ י ם,
די פײַנסטע און די קליגסטע פון דעם פאָלק:
— „איר זעהט? — האָט ער געזאָגט — איר זעהט דעם שײנעם,

דעם ליבען א ו ת ־ ז י כ ר ו ן, װאָס פון דאָרט
איך האָב געבראַכט? װי זאָל איך זיך ניט שעמען!
אַ שטיקעל בײן! אַ שטיקעל פוילען בײן!
איך, א ל כ ס נ ד ר מ ו ק ד ו ן, איך, פאַר װעמען

עס האָט אַ גאַנצע װעלט געקניהט,
געציטערט נאָר פאַר מיר אַלײן, פאַר אײנעם...“
— „אָ, שטראָף מיך ניט, מײַן קיניג, פאַר די רײד —
האָט אים געענטפערט אײנער פון די ז ק נ י ם:

„פאַראַכט ניט די מ ת נ ה, װאָס דער גײַסט
האָט דיר געגעבען: אין דעם טויטען
און פוילען בײנדעל ליגט אַ טיפער זין,
װאָס קען דיר א פ ש ר נוצען אין פיעל נויטען.

„עס טרעפט ניט זעלטען, אַז די קלענסטע זאַך
װערט זעהר װיכטיג אין דעם מענשענס לעבען.
דערלויב, איך װעל דאָס דיר באַװײַזען באַלד,
באַפעל דו נאָר, מען זאָל אַ װאָג מיר געבען.“

מען האָט געבראַכט. דער ז ק ן האָט געלײגט
דאָס בײנדעל אויף אײן װאָג־שאָל, אויף דער צװײטער —
צװײ הויפענס גאָלד. די װאָג־שאָל מיט'ן בײן
האָט גלײַך געטאָן זיך איבערװעגען בײדע.

— „װאָס איז דאָס? — פרעגט דער קעניג; שיט אַרויף
נאָך זילבער, גאָלד!...“ מען האָט פון אַלע זײַטען
געשאָטען, — עס האָט אָבער ניט געװירקט...
— „װאָס קען דאָס זײַן? װאָס זאָל די זאַך באַטײַטען?“...

דער קיניג האָט זײַן שװערען, גרויסען שװערד,
זײַן קרוין, זײַן פאַנצער — אַלץ אַראָפּגעריסען
און אויף דער צװײטער שאָל געװאָרפען... נײן!
דער בײן האָט ניט געװאָלט פון גאָר ניט װיסען,

ער האָט זיך ניט גערירט ניט אויף אַ האָר
אונ אויף זײַן וואָג־שאָל רוהיג זיך געלעגען.
דער קיניג האָט געציטערט, ווי אַ בלאַט:
— „אָ, זאָג זשע מיר! איך גיב מײַן גאַנץ פאַרמעגען,

אַלץ, וואָס איך האָב, — צו וויסען, וואָס באַטײַט
דאָס שטיקעל בײַן... עס ברענט אין מיר מײַן מ ו ח!
מיט וואָס קאָן אָפּגענומען זײַן פון דעם
דער וואונדערבאַרער, צויבערליכער כ ו ח?

מיט וואָס זשע?...״
— „מיט אַ קלײַניגקײַט״ — האָט אים
געזאָגט דער ז ק ן, האָט זיך אָנגעבויגען
און אויף דעם שטיקעל בײַן אַ הויפען ערד
אַרויפגעשאָטען פאַר דעם קיניגס אויגען.

אונ וואונדערליך! — די וואָג־שאָל מיט׳ן גאָלד
האָט טאַקע באַלד אַ פאַל געטאָן פון אויבען,
און געגענפאַלס די צווייטע מיט׳ן בײַן
האָט ווי אַ פעדער שנעל זיך אויפגעהויבען!...

און דער גרויער ז ק ן האָט געזאָגט צום קיניג:
„אָט דאָס דאַרע בײַנדעל, וואָס דו האָסט געבראַכט,
איז ניט מער — אַ שטיקעל פון אַ מענשענס שאַרבען;
זעהסט אין דעם אַ לעכעל? קוק זיך אײַן, באַטראַכט...

יאָ, מײַן האַר, אַ שטיקעל פון אַ מענשענס שאַרבען:
אין דעם קלײַנעם לעכעל יאָרען פיעל צוריק
איז אַן אויג געזעסען... אוי, ווי נאַריש, נאַריש
איז דער מענש צוזאַמען מיט זײַן גאַנצען גליק!

קלײַן און שלאָף איז אונזער אויג, און וויפיעל אָבער
אין דעם מענשענס לעבען גלוסט עס און באַגערט,
רײַסט זיך, ברענט מיט ת א ו ה — וויניג, אייביג וויניג!
עס פאַרכאַפּט אַלץ ווײַטער... גיב די גאַנצע ערד,

הימעל, זון און שטערען גיב אַוועק — אַלץ וויניג!
יאָג זיך, מענשעל, אַרבײַט, קלעטער, שפּרינג און לויף,
ווײַטער, מענשעל, ווײַטער!... נו, און פאַרט ביז וואַנען? —
ביז מען שיט דעם ערשטען הויפען ערד אַרויף.

אָט געענוג, ניט ווײַטער, ניט אײַן טריט, אײַן ר ג ע...
נאָט אײַך, גאָר דעם גאַנצען ח ש ב ו ן אָפּגעמעקט...

אַך, אַ ביסעל קאַלטע  ק ב ר־ערד — און זעהט נאָר,
זעהט, אַקאָרשט, איך בעט אײַך, האַ? — ווי שווער
דאָס וועגט !...״

ש. פרוג.

---

# די לערע פון די פאָטערס.

## ד.

ווער איז אַ געלערנטער? — דער וואָס לערנט פון יעדען מענשען.
ווער איז אַ העלד? — דער וואָס באַצווינגט זײַנע שלעכטע שטרע־בונגען.

ווער איז אַ רײַכער? — דער וואָס איז צופרידען מיט זײַן ח ל ק.
ווער פאַרדינט אַכטונג? — דער וואָס אַכט אַנדערע מענשען.

בן ע ז א י זאָגט: לויף צו אַ קלײנער גוטער טאַט, ווי צו אַ גרויסער, און אַנטלויף פון שלעכטע טאַטען. ווײַל אײן גוטע טאַט ברענגט נאָך זיך אַ צווײטע גוטע טאַט, און אײן שלעכטע טאַט שלעפּט נאָך זיך אַ צווײטע שלעכטע טאַט; די באַלוינונג פון אַ גוטער טאַט איז — אַ גוטע טאַט, און דער באַצאָלט פון אַ שלעכטער טאַט איז — אַ שלעכטע טאַט.

ער פלעגט אויך זאָגען: זאָלסט קײן מענשען ניט פאַראַכטען און זאָלסט קײן זאַך ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנט; ווײַל עס איז ניטאָ קײן מענש, וואָס האָט ניט זײַן צײַט, און ניטאָ קײן זאַך, וואָס האָט ניט איר פּלאַץ.

ר ב י י ש מ ע א ל דער זון פון ר ב י י ו ח נ ן זאָגט: דער וואָס לערנט אַלײן, כ ד י צו לערנען אַנדערע, גיט מען אים די מעגליכקײַט אי אַלײן צו לערנען, אי אַנדערע צו לערנען; און דער וואָס לערנט כ ד י צו טאָן, גיט מען אים די מעגליכקײַט אי אַלײן צו לערנען, אי צו לערנען אַנדערע אי אָפּצוהיטען און צו טאָן.

ר ב י צ ד ו ק זאָגט: זאָלסט זיך ניט אָפּזונדערן פון דעם צ י ב ו ר. מאַך זיך ניט פון דײַן באַלערנטקײַט קײַן קרוין, מיט וועלכער זיך צו גרײסען, אָדער אַ גראָבאײַזען, מיט וועלכען צו גראָבען. ה ל ל פלעגט אויך אַזוי זאָגען: דער, וואָס באַנוצט זיך מיט דער קרוין פון גע־לערנטקײַט, מוז אונטערגעהן.

ר ב י י ו ס י זאָגט: ווער עס אַכט דאָס לערנען, ווערט אַלײן געאַכט פון לײַטען; און ווער עס פאַרשוועכט דאָס לערנען, ווערט פאַר־אַכט פון לײַטען.

ר ב י מ א י ר זאָגט: מאַך וואָס װײניגער דײַנע געשעפטען און פאַרנעם זיך מיט לערנען.

ר ב י א ל ע ז ר דער זון פון ש מ ו ע זאָגט: זאָל דער כ ב ו ד פון דײַן ת ל מ י ד דיר זײַן אַזוי טײַער, ווי דײַן אײגענער, און דער כ ב ו ד פון דײַן ח ב ר — ווי די מ ו ר א פאַר דײַן לערער.

ר ב י ש מ ע ו ן זאָגט: דרײַ קרוינען זײַנען פאַראַן: די קרוין פון לערנען, די קרוין פון כ ה ו נ ה און די קרוין פון קעניגשאַפט. אָבער די קרוין פון אַ גוטען נאָמען שטײַגט זיך אַלע אַריבער.

ר ב י נ ה ו ר א י זאָגט: וואַנדער אַוועק צו אַ פּלאַץ פון לערנען און דענק ניט, אַז עס וועט קומען צו דיר; ווײַל דײַנע ח ב ר י ם וועלען עס אײַנפעסטיגען אין דיר.

ר ב י מ ת י א דער זון פון ח ר ש זאָגט: געה יעדען מענשען אַנטקעגען מיט אַ באַגריסונג, און זײַ בעסער אַ ווײַדעל בײַ לײבען, אײדער אַ קאָפּ בײַ פּיקס.

ר ב ש מ ע ו ן דער זון פון א ל ע ז ר זאָגט: זוך ניט צו באַרוהיגען דײַן ח ב ר, ווען ער איז אין כ ע ס, און טרײסט אים ניט, ווען זײַן געשטאָרבענער ליגט פאַר אים, און מײַד אים אויס צו זעהן, ווען ער איז אין אַ מ י א ו ס'ער לאַגע.

א ל י ש ע דער זון פון א ב ו י ה זאָגט: דער וואָס לערנט קינדווײז, צו וואָס איז ער גלײַך? — צו טינט, וואָס איז געשריבען אויף נײַעם פּאַפּיר. אָבער דער וואָס לערנט אַלטערהײט, צו וואָס איז ער גלייך? צו טינט, וואָס איז געשריבען אויף אויסגעריבענעם פּאַפּיר.

ר ב י י ו ס י דער זון פון י ה ו ד ה זאָגט: דער וואָס לערנט פון די יונגע, צו וואָס איז ער גלײַך? — צו דעם, וואָס עסט זויערע ווײַנטרויבען; און דער וואָס לערנט פון די אַלטע, צו וואָס איז ער גלײַך? — צו דעם, וואָס עסט צײַטיגע ווײַנטרויבען.

ר ב י זאָגט: קוק ניט אויף דעם קרוג, נאָר אויף דעם, וואָס עס איז אין אים; ווײַל עס איז פאַראַן אַ נײַער קרוג, וואָס איז פול מיט אַלטען ווײַן, און פאַראַן אַן אַלטער קרוג, וואָס א פ י ל ו קײַן נײַער ווײַן איז אין אים אויך ניט פאַראַן.

נאָך יהואָש, פון העברעאיש.

---

# דרײַ שײנע מעשים.

## 1.—ד אָ ס ז ע ק ע ל ע ע ר ד.

פון אַ הויך פענסטער שלאָגט אַ פלאַם...

ג ז ל נ י ם זײַנען אַ אידען באַפאַלען, ג ז ל נ י ם מיט מאַסקעס אויף די פ נ י מ'ער. אײנער האַלט אַ ברענענדיגען שטורקאַץ אין דער האַנט און לײַכט; אַ צווײטער שטעהט בײַם אידענס ברוסט מיט אַ בליצענדיג מעסער און ח ז ר'ט אים אַלץ אײנאײנעם איבער: „ריר זיך, איד, איז דײַן ס ו ף! געהט דיר די שפּיץ פון מעסער פון יענער

זייט רוקען אַרוים"!... און די רעשט עפענט קאַסטען און שרענק און רויבט.

און דער איד שטעהט ביים מעסער און קוקט געלאַסען צו... קיין ברעם איבער זיינע קלאָרע אויגען, קיין האָר פון דער ווייסער באָרד ביז צו די לענדען — רירט זיך נישט... נישט זיין זאַך... „גאָט האָט גע־געבען, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער, — געלויבט איז זיין הייליגער נאָמען!" „מיט דעם ווערט מען נישט געבאָרען און דאָס גיט מען נישט מיט אין ק ב ר אַריין". — שעפּטשען זיינע בלאַסע ליפּען.

און ער קוקט גאַנץ רוהיג צו, ווי מען עפענט די לעצטע שופלאַד פון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרוים זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טייערע כ ל י ם, — און ער שווייגט...

און א פ ש ר איז ער זיי גאָר מ פ ק י ר!

נאָר פּלוצלונג, אַז די ג ז ל נ י ם טרעפען צום לעצטען באַהעלטע־ניש און ציהען אַרוים אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטענ־סטע, — פאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפלאַמט זיך אים די אויגען, ציהט ער אוים צום ווערען די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשריי טאָן:

„ריר נישט!"

נאָר אויפ'ן אָרט פון אַ געשריי שפריצט אַרוים אַ רויטער שטראַל פון רויכערדיגען בלוט. — דאָס מעסער האָט זיינס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פון האַרץ און שפּריצט אויפ'ן זעקעל אַרויף!

ער פאַלט און געשווינד רייסען די ג ז ל נ י ם אויף דאָס זעקעל — דאָ וועט זיין דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע!

זיי האָבען אָבער אַ ביטערען ט ע ו ת געהאַט; אומזיסט בלוט פאַרגאָסען: נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקעל געוועזען; גאָרנישט פון דעם, וואָס איז טייער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיגער וועלט! עס איז געוועזען אַביסעל ערד, א ר ץ־י ש ר א ל ערד אין ק ב ר אַריין, און דאָס האָט דער איד געוואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגען און מיט זיין בלוט באַשפריצט...

## 2. — ד י ש פּ י ל ק ע ס.

עס הערען זיך ק ו ל ו ת פון טראָמפּייטען און הערנער...

אַ דייטשע שטאָט (פאַרשטעהט זיך, אַ פּאַרציייטישע), אַלערליי אוים־געבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַר'ן מאַגיסטראַט, און פול מיט פאַרשידענפאַרביג־געקליידטע מענשען איז דער פּלאַץ; פול קעפּ אין די פענסטער; מענשען ליגען אויף די דעכער אַרום, טייל זיצען ריי־טענדיג אויף די באַלקען, וואָס שטאַרען אַרוים ביי די ווענט אונטער די דעכער, פול געפּראָפּט זיינען די באַלקאָנען...

פאַר׳ן מאַגיסטראַט שטעהט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזען און טראָלבען. ביים טיש זיצען די הערען פון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבעלנע היטלען מיט ווייסע פעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבען־אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין. אַ פּרעסיגער אָדלער וויזט אים איבער׳ן קאָפּ...

אָן אַ זייט שטעהט געבונדען אַ אידיש מיידעל. נישט ווייט האַלטען צעהן קנעכט אַ ווילד פערד, און דער פּרעזידענט הייבט זיך אויף און לייענט פאַר׳ן אידישען מיידעל אַ פ ס ק פון אַ פּאַפּיר. און ער ווענדט זיך מיט׳ן פּ נ י ם צום מאַרק:

„אָט די אידין דאָ, די אידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַגאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרוס זיין בארמהארציגקייט זאָל נישט זיין, וואָלט איר נישט געקאָנט מ ו ח ל זיין...

„זי האָט זיך אַרויסגע׳ג נ ב׳עט פון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונזער הייליגען לעצטען י ו ם ־ ט ו ב, אויף אונזערע ריינע גאַסען...

„און זי האָט באַפלעקט מיט אירע אומפאַרשעמטע אויגען אונזער הייליגע פּראָצעסיע; אונזערע הייליגע בילדער, וואָס מיר האָבען מיט לויב־געזאַנג און קעסעל־פויקען איבער די גאַסען געטראָגען...

„מיט אירע פאַרשאָלטענע אויערן האָט זי איינגעזאַפּט דאָס געזאַנג פון אונזערע ווייס־געקליידטע, אומשולדיגע קינדער און דאָס קלאַפּען פון די הייליגע פויקען... און ווער ווייס, צי האָט דער טייוועל, דער אומריינער טייוועל, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פון דער אידישער טאָכטער, פון פאַרשאָלטענעם ר ב׳ס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפלעקט אונזערע אַ ריינינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוועל אין דער שיינער געשטאַלט? וואָרים לייקענען קאָן איך ניט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טייוועל קאָן זיך מאַכען. — זעהט די ח ו צ פּ ה־שטראַלענדיגע אויגען פון אונטער די צ נ ו ע ה׳דיג אַראָפּגעלאָזטע זיידענע ברעמען... זעהט דאָס אַלבאַסטער פּ נ י ם, וואָס איז אין דער לאַנגער ת פ י ס ה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרען!... זעהט אירע פינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פינגער פון די הענט; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוועל? אָפּרייסען אַ נ ש מ ה פון ד ב ק ו ת אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטען":

„ — זעהט דאָס שיינע מיידעל! — האָט אויסגערופען אונזערער אַ ריטער פון איינער פון אונזערע שענסטע מ ש פּ ח ו ת...

„און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס: האַלעבאַרדניקעס האָבען זי באַמערקט און געכאַפּט, — ער האָט זיך אפילו ניט געווערט, דער טייוועל, — וואָרים, ווי אַזוי? ריין זיינען זיי דאַמאָלט געווען, אָפּגערייניגט פון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין ש ל י ט ה נישט געהאַט...

„און דאָס איז דעם טייוועלס, אין געשטאַלט פון דעם אידישען מייד־

דעל, פ ס ק: „צובינדען זאָל מען זי ביי די האָר, ביי די לאַנגע טײַוואָ־נישע צעפּ, צום ווײַדעל פון אַ דעם ווילדען פערד...

„זאָל עס לויפען און שלעפען זי ווי „אַ ה ו ר ג“ איבער די גאַסען, וואָס אירע פיס האָבען געטראָטען געגען אונזער הייליגען געזעץ...

„זאָל איר בלוט באַשפּריצען און אָפּוואַשען די שטיינער, וואָס זי האָט פאַראומרייניגט מיט אירע פיס“! —

אַ ווילד פרייד־געשריי האָט זיך אויסגעריסען פון אַלע מײַלער אַרום; און אַז די פאַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פּאַר׳מ ש פ ט׳ע צום טויט, אויב זי האָט זיך ניט עפּעס וואָס צום לעצ־טען מאָל צו ווינשען.

— איך האָב, — ענטפערט זי גלאַסען, — עטליכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז דול פון שרעק! — מיינען די הערען פון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפערט זי רוהיג און קאַלט — דאָס איז מיין לעצטער ווילען און פאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס גיהען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדען צו מיט ציטערדיגע הענט דעם ר״ב׳ם טאָכטער׳ס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווײַדעל פון ווילדען פערד, וואָס מען קאָן שוין קוים דערהאַלטען...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום ע ו ל ם אויפ׳ן פּלאַץ. און עס ווערט אַ גערודער. דער ע ו ל ם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פון די הײַזער, און אַלע הייבען אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיץ־רוט ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגען דאָס ווילדע פערד. יעדערענס אָטעם איז געשטיקט, אַלע פּ נ י מ׳ער פלאַמען, אַלע אויגען בליצען, און אין גערודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פּאַר׳מ ש פ ט׳ע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּילעט זיך צו די זוים פון׳ם קלייד צו די פיס און שטעקט טיף, טיף אַריין די שפּילקעס זיך אין לייב — עס זאָל איר לייב ניט אַנטפּלעקט ווערען, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפען אין די גאַסען...

— לאָזט דאָס פערד! — קאָמאַנדירט דערווייל ווייטער דער פּרע־זידענט. און די קנעכט זײַנען דערפון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַמאָל האָט עס זיך אויסגעריסען. און אויסגעריסען האָט זיך אויך אַ געשריי פון אַלע מײַלער. און עס ווייען און פּײַפען אין דער לופט אַלע בײַטשען, שפּיץ־רוטען און טיכער. און ווילד דערשראָקען יאָגט דאָס פערד אי־בער׳ן מאַרק, איבער גאַסען און הינטער־גאַסען אַרוים, אַרויס פון שטאָט...

## 3. — די יאַרמולקע.

אַ פלאַץ פאַר אַ תפיסה. אויף די אײַזערנע גראַטעס אין די קלײנע פענסטערלעך ציהען זיך שפּילענדיג די שטראַלען פון דער זון... זײ גליטשען זיך אויך אויף די שטיקען פון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטען האָבען אין האַנט אַרײַן — ריטער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלען דורכגאַנג אין דער־מיט, האָט מען זײ אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטרוי״ וועט מען טרײַבען... וועמען?

עפּעס אַ אידעל מיט אַ צעריסען העמד אויפ׳ן מאָגערען לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן האַלב־געגאָלטען קאָפּ. אָט פירט מען אים צו.

פאַר וואָס קומט עס אים? ווער ווייס? אַ פאַרצײַטישע זאַך! אפשר פאַר אַ גנבה, אפשר פאַר אַ גזלה צי אַ רציחה. און אפשר אַ בלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצײַטען...

און די זעלנער שמײכלען און טראַכטען: נאָך וואָס האָט מען אונז אַזוי פיעל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטען די העלפט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישען די שורות אַרײַן, אָט געהט ער... און ער געהט גלײַך און ער שטרויכעלט נישט און פאַלט נישט... ער לײזט שמיץ און האַלט זײ אוים...

אַ גרימצאָרן כאַפּט אָן דאַמאָלט די סאָלדאַטען! ער געהט נאָך, ער געהט!

און די ריטער פײַפען אין דער לופט ווי די רוחות און כאַפּען אַרום דעם לײַב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פון מאָגערען גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצען!

הו—האַ! הו—האַ!

אין מיטען טרעפט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פאַר־משפּט׳ען אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ. נאָך עטליכע טריט באַמערקט ער עס, דער פאַר׳משפּט׳ער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ ישוב, און איז זיך מישב, און דרײט זיך אום: ער וועט נישט געהן בגלוי־הראש, און ער געהט צוריק ביז צום אָרט, וואו די יאַרמולקע ליגט. ער בײגט זיך אײַן און הײבט זי אויף, און דרײט זיך צוריק אוים און געהט ווײַטער, רוהיג, רויט פאַרבלוטיגט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ. אַזוי געהט ער, ביז ער פאַלט...

י. ל. פרץ.

## צווישען פעלזען.

און עס איז אָנגעשטאַנען אַ טרויעריגע צײַט פאַר יהודה. אײן שלעכטער קעניג האָט איבערגעביטען דעם צווײטען, און עס האָט זיך פאַרמערט די צאָל פון די פאַלשע נביאים; און וואו עס איז נאָר געווען אַ פונק אמת, אַ פונק גערעכטיגקײַט, פלעגט ער גלײַך ווערען אויסגעלאָשען. און דאָס לאַנד יהודה איז פול געוואָרען מיט שלעכטס און מיט רויב. און אַלע גרויסע גאָטס שלוחים, די אמת'ע נביאים, האָבען געהאַט אויסצושטעהן די גרעסטע רדיפות. אַסך האָבען זיך אין גריבער און אין פינסטערע הײלען פאַרבאָרגען. און שטום איז געוואָרען גאָטס וואָרט אין יהודה, און יהודה איז געגליכען געוואָרען צו אַ מדבר אָהן וואַסער.

נאָר אויף אײנעם פון די נביאים האָבען די רשעים נאָך אַלץ קײַן שליטה ניט געקאָנט באַקומען: דאָס איז געווען אַ גרײַז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, מיט אַ פאָר פײַערדיגע אויגען, — דער עלטסטער פון אַלע נביאים. אַ באָרוויסער, אין אַ לאַנגען שוואַרצען אויבערמאַנטעל, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ ברײטען פעלענעם גאַרטעל, איז ער מיט זײַן שטעקען אין האַנט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען, פון שטאָט צו שטאָט, און אומעטום האָט ער מיט זײַנע ווערטער די הערצער געוועקט...

ניט אײנמאָל האָבען זיך די פאַלשע נביאים שוין געקליגט צו מאַכען אַ סוף צו זײער שונא; אָבער דער בליק פון זײַנע ליכטיגע הימעל־אויגען פלעגט וואַרפען אַן אימה אויף זײערע זינדיגע נשמות, און זײ פלעגען זיך מוזען באַלד אַהינטער אַוועק־רוקען. און אין אַלע טויערן, אויף אַלע מערק און גאַסען־ווינקלען האָט ער זײַנע שטראָף־רײד צווישען די מענשען פאַנאַנדערגעטראָגען.

האָבען זיך אײנמאָל די פאַלשע נביאים צונויפגעקליבען אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט און האָבען זיך עצות געהאַלטען, ווי אַזוי פטור צו ווערען פון דעם אַלטען, וואָס שטערט זײ אין זײערע שענדליכע מעשים. און האָבען באַשלאָסען אַוועקצורויבען בײַ אים זײַנע געטליכע אויגען, אין וועלכע עס איז געווען זײַן כוח פאַר־באָרגען. און זײ האָבען געדונגען אײנעם אַ רשע, און זײ האָבען אים באַצאָלט דרײַסיג זילבער־שטיק; און אין אײנער אַ פינסטערער נאַכט איז ער פון הינטער אַ ווינקעל אָנגעפאַלען אויפ'ן אַלטען און האָט אים אויסגעשטאָכען זײַנע ליכטיגע אויגען. איז בלינד געוואָרען דער נביא און האָט שוין מער די שײַן ניט געקאָנט זעהן. האָט ער דאַמאָלסט גענומען בעטען בײַ גאָט, ער זאָל אים פון די מענשען צונעמען, ווײַל זײַנע לײדען זײַנען גרויס; אָבער גאָט האָט נישט צו־געהערט זײַן געבעט און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געגעבען מײַן וואָרט אין דײַן מויל; געה און זאָג

נ ב י א ו ת, ווערים אזוי איז מיין באפעל!

האט דער אלטער א וועג־פירער געדונגען, און יענער האט אים געפירט איבער שטעט און איבער דערפער; און גאטס געהיימע קראפט האט נאך שטארקער געקוועלט אין זיין ברוסט, און זיין ווארט איז געווארען נאך גליהענדיגער.

זיינען זיך ווייטער צונויפגעקומען די פאלשע נ ב י א י ם און האבען ארומגערינגעלט דעם אלטען און זיינען שוין גרייט געווען ארויפצוואורפען זיך אויף אים; אבער ווי זיי האבען זיך נאר צו דעם נ ב י א צוגערירט, האט ער באלד אויפגעהויבען זיין שטימע, אזוי ווי א לייב, און עס האט זיך אזוי ווי א מעכטיגער דונער צעקייקעלט איבער די קעפ. און דערשראקען זיינען געווארען די פאלשע נ ב י א י ם, און זיי זיינען אפגעטראטען מיט שאנדע.

און דער אלטער האט זיך אפגערופען צו זיין וועגפירער:

— פיר מיך אין די רוישענדיגע שטאט־גאסען.

און עס האבען געזעהן די פאלשע נ ב י א י ם, אז זיין קראפט איז זעהר גרויס, האבען זיי באשלאסען ארויסצושטעלען אים צו שאנד און צו שפאט אין די אויגען פון דעם פאלק י ש ר א ל. און זיי פלעגען לאכען פון זיינע אויסגעשטאכענע אויגען, און פון זיינע בארוויסע מאגערע פיס פלעגען זיי לאכען. און איינמאל האבען זיי אונטערגעקויפט זיין וועגפירער, ער זאל אפנארען דעם אלטען נ ב י א און זאל גרינג מאכען אין די אויגען פון פאלק דעם בלינדען גרייז־גרויען מאן.

— קום, אלטער, — האט זיך צו אים אפגערופען איינמאל זיין וועגפירער, — איך ווייס אן ארט, וואו עס האבען זיך איצט פארזארמעלט די פאלשע נ ב י א י ם, און ארום זיי אן ע ם ר ב, אן ע ם כ ב ד; איך וועל דיך פירען, וועסטו אויפהייבען מיט שטראף־רייד דיין שטימע און וועסט די פארפירטע צום א מ ת'ען גאט אומקערען...

האט דער אלטער געגומען זיין שטעקען אין האנט, און ער איז אוועק מיט'ן וועגפירער הינטער'ן שטאט. און זיי זיינען געגאנגען איבער בערג און איבער טאלען, און דער אלטער האט זיינע בארוויסע פיס אויף די הארטע שארפע שטיינער געוואונדעט; און זיי זיינען געגאנגען ש ע ה'ן לאנג, ביז זיי זיינען געקומען אויף א זאמדיג פעלד, וואו ארום זיינען געלעגען נאר שטיינער, גרויסע פעלזען; און בערג האבען זיך געזעהן פון דערווייטען, שטיינערנע בערג, וועלכע זיינען שטום געשטאנען מ ש ש ת י מ י ב ר א ש י ת, און ערגעץ האט זיך קיין ברעקעל גרינס ניט געזעהן. און דא האט זיך אפגעשטעלט דער וועגפירער און האט זיך אפגערופען צום אלטען:

— אלטער! דא זיינען זיי, די צוהערער, פון ווייטען האבען זיי דערזעהן, זיינען זיי אנטשוויגען געווארען און גארען צו הערען

דיַין וואָרט. אַט שטעהען זיי אַלע אויף די שפּיצען פון די פעלזען און דאָס גאַנצע פעלד איז מיט זיי פול.

און דער אַלטער האָט פּלוצלונג אַזוי ווי צוריק זייַנע אויגען באַקומען. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַט זעהט ער אַ פאַרזאַמלונג פון טויזענטער מענשען, און אַלע שטעהען זיי מיט איַינגעהאַלטענע אָטעמס און מיט אָנגעצונדענע אויגען, און אַלע דאָרשטען זיי נאָך גאָטס וואָרט. און דער אַלטער האָט אויפגעעפענט מיט כ ו ח זייַנע ליפּען... דאָ האָט ער צוגעזונגען און האָט אַזוי ווי געגלעט מיט די ליבליכע קלאַנגען, און דאָ האָט ער אָפּגעשטויסען; אַמאָל געבענשט, אַמאָל געשאָלטען; אַמאָל געמורמעלט, אַזוי ווי אַ שטיל ווינטעל צווישען די גראָזען אויפ׳ן ברעג פונ׳ם דרעמלענדיגען טייַכעל, אַמאָל געשטורעמט, אַזוי ווי אַ שלעכטער מ ל א ך, וואָס איז פון די וויַיטע הימלען מיט אַ שלעכטער ב ש ו ר ה געקומען צופליהען... און פון די פאַלשע נ ב י א י ם האָט ער גערעדט און פון זייַנע אומגעבראַכטע ברידער. גאָטס ש ל ו ח י ם, האָט ער גערעדט. און עס איז געוואָרען אָוונט און עס איז געוואָרען נאַכט, און ער איז אַלץ געשטאַנען, און ער האָט אַלץ גערעדט...

— גענוג, אַלטער, — האָט אים פּלוצלונג איבערגעריסען דער וועגפירער, — שוויַיג שוין; אַלע זייַנען זיך שוין צעגאַנגען, און קייַנער הערט דיך נישט מער...

און אַ שפּאָטישער געלעכטער איז שוין גרייט געווען אַרויסצורייַסען זיך פון דעם וועגפירערס מויל. אָבער ער האָט נאָך קייַן צייַט נישט געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען, די ליפּען אין אַ שמייכעל צו פאַרקריימען, ווי עס האָט זיך פּלוצלונג דורכגעטראָגען אַ געמורמעל צווישען די פעלזען; און אַ ציטער האָבען אַלע פעלזען געגעבען פון זייערע ערדטער. און גלייַך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ דונערנדער ק ו ל פון אַלע שטיינער און פעלזען, וועלכע האָבען זיך אינאייגעם צונויפגעגאָסען אין איין שטיינער־כאָר און האָבען געענטפערט: „א מ ן, א מ ן, א מ ן!“ און וואָס וויַיטער, אַלץ העכער און העכער... און דער ערשטער א מ ן האָט זיך איבער׳ן גרויסען טאָל אָפּגערופען; און דער צווייטער האָט די גאַנצע אַרומיגע געגענט פאַרקלונגען; און דער דריטער האָט זיך ביז דער וויַיטער שטאָט דערטראָגען און האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט פון די הויכע טעמפּלען און רייַכע פּאַלאַצען, און האָט זיך אין די גאַסען מיט אַ שטורעם צעקייַקעלט. און די מענשען האָבען זיך מיט פאַרוואונדערונג און שרעק איינער מיט די אַנדערע איבערגעקוקט, צי איז דאָס נישט אַ דונער פון הימעל אויף זייערע קעפּ אַראָפּגעפאַלען...

און דער וועגפירער, וואָס האָט נאָך זייַנע ליפּען קייַן צייַט נישט געהאַט אויסצוגלייַכען און האָט נאָך פון איבעראַשונג קייַן צייַט נישט געהאַט צו זיך צו קומען, איז אַ צעשראָקענער צו די פיס פונ׳ם אַלטען געפאַלען און האָט זיך מיט די ליפּען צום זוים פון זיין קלייד

צוגערירט. און דאַמאָלסט האָט ער דערפילט, ווי עפּעס אַ האַרטס און אַ שווערס, אַזוי ווי אַ שטיין, איז אין די טיפענישען פון זיין האַרצען צעגאַנגען און האָט זיך ווי אַ הייסער, אַ זודיגער שטראָם פון זיינע אויגען גענומען גיסען. און דערשפּירט האָט ער, ווי עמיץ האָט אים אויפ'ן קאָפּ אַ האַנט אַרויפגעלייגט, און גלייך נאָכדעם האָט אים עפּעס פאַר די אויגען דורכגעבליצט, און די גאַנצע וועלט האָט אין זיינע אויגען אַן אַנדער אויסזעהן באַקומען.

און אַז ער האָט די אויגען פון דער ערד צום אַלטען אויפגעהויבען, האָט ער געזעהן, ווי דער אַלטער האָט אויף אים מיט אָפענע אויגען געקוקט, האָט די האַנט אויף זיין קאָפּ געהאַלטען און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— איך בין דיר מ ו ח ל, מיין זון, ווייל איך זעה, וואָס אין דיין האַרצען טוט זיך.

און אַז דער וועגווייזער האָט אַ צווייט מאָל זיינע אויגען צום אַלטען אויפגעהויבען, האָט ער שוין מער קיינעם לעבען זיך ניט געזעהן, אויסער פון ווייטען איז דעם אַלטענס לאַנגער שטעקען געלעגען אויף דער ערד, און ער איז איינער אַליין צווישען די וויסטע פעלדער געוועזען.

דער וועגווייזער האָט דעם אַלטענס שטעקען אין זיין האַנט גענומען און האָט זיך אין שווערען וועג אַריין געלאָזט געהן.

מ. טייטש.

# רב עקיבא.



דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, ב ר
כ ו כ ב א איז שוין טויט;
דער לעצטער שטראַל י ה ו ד ה'ס
טונקעלט און פאַרגעהט;
די לעצטע פעסטונג ב י ת ר שטירצט,
אין בלוט דערטרונקען;
עס ליגט דאָס הייליגע לאַנד צום
דעספּאָטס פיס געזונקען.
עס טראָגט דער אָדלער רוימס פאַר־
וויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרויס דער שווערד ביים
מוטיגען פון האַנט.
דער שוואַכער און דער שטאַרקער
לויפען זיך באַהאַלטען
אין וועלדער און אין היילען און אין
פעלזען־שפּאַלטען.

א. ליעסין.

עס בלייבט נאָר ר ב י ע ק י ב א — איינער אין דעם פעלד:
עס לויפט ניט פאַר דעם פיינד דער אַלטער ת נ א־העלד!
עס קומט צוגעהן דער פיינד און נעמט דעם גרייז געפאַנגען;
עס הייסט דער ר ש ע רופוס רייסען אים מיט צוואַנגען.

דאָך רוהיג קוקט דער גרייז ביים ת ל י ו ן אין די הענט,
און ווילד און ווילדער אַלץ דעם זיגערס כ ע ס ברענט.

„די ערגסטע שווערסטע מ י ת ה!“ — איז דער ר ש ע ג ו ז ר. —
„י ה ו ד ה'ס גרעסטען מאַן זאָל זיין דער ס ו ף וואָס ביזער!“

דאָך מונטער קוקט דער גרייז; עס רייסט דער צוואַנג פון אים
קיין איינציג וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ, קיין זיפץ, קיין קרים.

און ווילד און ווילדער אַלץ, פון בלוט און ראַכע שי כ ו ר,
דער ת ל י ו ן רייסט זיין לייב און צופט און פליקט אויף שטיקער.

דאָך פריילעך קוקט דער גרייז און שטראַלט מיט גליק און שיינט.
דער ת ל י ו ן בלייבט דערשטוינט, פאַרוואונדערט בלייבט דער פיינט.

און זעלבסט דער ר ש ע רופוס קוקט אים אָן דערשראָקען,
דעם בלוטענד שטראַלענדען, דעם גרויסען וואונדער־ז ק ן.

„ווער ביסטו, זאָג, ווער ביסטו, שטאָלצער גרייז־רעבעל?
צי ביסטו אַ מ כ ש ף, צי גאָר אַ ש ד פון העל?“

און מיט אַ מילד־אַנטציקטער, הימליש־העלער מינע,
געלייטערט אין דעם טויט־שמערץ, לויכטענד ווי די ש כ י נ ה,

דער ת נ א טוט אַ בליק, און ווי אַ הייליג־שיין
עס גיסט זיך שטיל זיין וואָרט און דרינגט אין האַרץ אַריין:

„אָ, שווארצען כ י ש ו ף, רופוס, שוואַרצע ש ד י ם־ ט ו מ א ה
געפינסטו ניט אין מיר, געפינסט ניט אין מיין א ו מ ה!

„אָ, ניט ג ה י נ ו ם־פייער, אַ הימליש־זיסע גלוט
דורכפלאַמט מיין לעצטע ש ע ה, מיין לעצטען טראָפּען בלוט!

„עס גליהט אין מיר דער וואונש, עס פלאַמט אין מיר דאָס שטרעבען,
אין ק ד ו ש ה פאַר מיין גאָט מיין נ פ ש אָפּוצגעבען.

„איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצען לעבען לאַנג,
געטרוימט פון דיזער ש ע ה, פון ת ל י ו ן און פון צוואַנג.

„געוואָלט האָט אָבער גאָט באַלאָדען מיך מיט יאָרען
און מאַכען מיך דעם ע ד ו ת פון זיין גרויסען צאָרן.

„איך האָב געזעהן דעם ח ו ר ב ן אונטער טיטוס'ס האַנט;
„איך האָב געזעהן דעם מ ק ד ש קראַכענדיג אין בראַנד.

„איך האָב מיין פאָלק געמונטערט, דאָך אין האַרצענס־ברומען
גערופען צו דעם טויט: דער טויט איז ניט געקומען.

„איך האָב געזעהן אין רוים דעם ווילד־טריאומף און גלאַנץ —
דעם מערדער פון מיין פאָלק אין פראַכט און לאָרבער־קראַנץ.

„עס האָבען אַלע ז ק נ י ם װיסט די הענד פאַרבראָכען;
איך אײנער האָב געשמײכעלט, שטאַרק אין מײן ב י ט ח ו ן.

„איך האָב געזעהען די ח ו ר ב ו ת אויף דעם ה ר ־ ה ב י ת;
איך האָב געזעהן אין מ ק ד ש װאָװינען װילדע ח י ו ת.

„עס האָבען אַלע ז ק נ י ם ביטערליך געקלאָגט;
איך אײנער האָב געשמײכעלט, טרײסט־װערטער געזאָגט.

„דאָך האָב איך טיף געפילט אַ ק נ א ה צו די שטײנער,
װאָס ליגען אויסגעמישטע מיט די ק ד ו ש י מ 'ס בײנער.

„גאָטס װילען איז געװען — איך האָב געלעבט, געלעבט,
װען טויזענט טויטען האָבען איבער מיר געשװעבט!

„איך האָב געלעבט צו זעהן דעם בלוט־מאַרשרוט דעם רויטען,
דעם װעג פון ג ל ו ת ־פאָלק, װאָס רײסט זיך פון די קײטען.

„איך האָב געלעבט צו זעהן ב ר ־ כ ו כ ב א'ן אין זײן קאַמף,
צו זעהן מײן פאָלק געהט אויס אין לעצטען פרײהײטס־קראַמף!

„איך האָב גערעדט צום פאָלק, געװעקט זײן גלויבען, האָפען,
װען ענדליך האָט מיך דאָ דער ת ל י ו ן אָנגעטראָפען.

„אָ, זײ געגריסט דו ת ל י ו ן, זײ געגריסט, דו לײד!
איך האָב אויף אײך געװאַרט, איך נעם אײך אויף מיט פרײד!

„אָ, זײ געגריסט, דו מ י ת ה, זײ געגריסט, באַשערטע!
איך גיב זיך איבער דיר, געװינשטע און באַגערטע!

„װאָס הער איך? ל ו ו י ם־קלאַנג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
װאָס זעה איך? ל ב נ ו ן־שנײ? עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט!

„דאָס רופט מען מיך, איך געה, דערפילט איז מײן פאַרלאַנגען.
געבענשט זײ גאָט, א ח ד!"

דער גרײז איז אויסגעגאַנגען.

א. ליעסין.

---

# מען װעקט.

איבער דעם קלײנעם אײנגעשלאָפענעם שטעטעל שװעבט אַ העלע, פראַסטיגע װינטערנאַכט. די ל ב נ ה אין בלויען הימעל איז קײ־לעכדיג און רײן, און אַ בלוליך, דין ליכט דערפילט די לופט און באַ־דעקט די קלײנע, אײנגעבויגענע הילצערנע הײזלעך. נאָר דער קוימען פון דער אײנציגער גרויסער פאַבריק אין שטעטעל און דער הויכער טורעם פון דער קירכע רײסען זיך אין דער הײך און מאַכען שװאַרצע פלעקען אין דער רײנער לופט.

אַקעגען די טויזענטער שטערען, וואָס פינקלען אין ריינעם הימעל, שיקען די געפרוירענע שניישטערנדלעך צוריק פון דער ערד מיליאָנען שטראַלען, וואָס ציטערן אין דער לופט. די לופט איז קאַלט, שטייף און רוהיג, עס באַוועגט זי נישט קיין מינדעסטער ריר, און שטיל איז אַרום. די קליינע, הילצערנע הייזלעך בייגען זיך צו דער ערד, איינגעשלאָפען און פאַר'ח ל ו מ'ט, און פון זייערע פענסטער קוקט אַרוים די פינסטערניש. פון עפּעס אַ פענסטער שלאָגט אַרוים אַ שוואַכע ציטריגע שיין, און פון דאָרט דערהערט זיך טיילמאָל אַ וויינענדיג, דערשטיקט ק ו ל: אַ קראַנק קינד וועקט זיך און וויינט. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט דאָס געקלאַפּ פון וויגעל, וואָס באַוועגט זיך מיט אַ גלייכען טאַקט. דאָס ק ו ל פאַרשטומט, דערנאָך אויך דאָס געקלאַפּ פון וויגעל — און די רוהיגע, פראָסטיגע נאַכט הערשט ווידער שטיל און רוהיג.

און פעסט אַרומגענומען פון דער נאַכט, שווייגט שטיל די וועלט, אַ שטייגער, זי וואָלט מ ו ר א האָבען אַ מויל צו עפענען פאַר דער שיינער מעכטיגער נאַכט־קיניגין. נאָר דער פאַרשייטער שטאָטזייגער איז נישט איבערגעשראָקען: יעדעס פערטעל ש ע ה קלינגט ער אָן, און גיט איבער דער נאַכט אַ קורצען לאַקאָנישען באַריכט, ווי שפּעט עס איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשען איבער דער וועלט.

קלום... קלום... עס האָט פיער געשלאָגען. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־ל ש ו ן נישט פאַרשטאַנען און ווי זי וואָלט איבערצייגט געווען, אַז זי וועט אויף אייביג הערשען, בלייבט ווידער שטיל, רוהיג און מאַיעסטעטיש.

מענשען שלאָפען שוין לאַנג מיט אַ פעסטען נאָך־האַלבנאַכטיגען שלאָף, רוהען אויס די מידע ביינער און דעם דאַרען מ ו ח, יעדער אויף וואָס ער קאָן: דאָס יונגוואַרג ליגט אויף האַלב צעבראָכענע בעטלעך, צוגערוקט איינס צום אַנדערען, כ ד י צו דערוואַרימען דעם קאַלטען ג ו ף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָפּגעקילטע אויוועגס. אין די אידישע הייזער איז דער אויווען לער, פאַרדאָס ליגען זיי צוזאַמענגעפּרעסט, ווי ס ח ו ר ה אין אַ קאַסטען איינגעפּאַקט, אויף מאָדנע שלאָף־בענק, פאַרוויקעלטע הענטלעך מיט פיסלעך; עטליכע קליינע, בלייכע קינדערשע פ נ י מ'ער קוקען אַרויס, און יאַרמולקעס וואַרפען זיך לעבען דעם אַרום. און אויף די אַלע פ נ י מ'ער, אין די בעטען און אויף די אויוועגס, אין אידישע און אין קריסטליכע הייזער, ליגט אויסגעגאָסען עפּעס אַ מין צופרידענהייט, און מיט די נעזער שנאָרכען זיי אויס אַ לויב־ליד צו דעם גוטען דערבאַרמהערציגען באַשעפער, וואָס האָט באַשאַפען פאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסען שלאָף.

דער קליינער ווייזער פון שטאָטזייגער רוקט זיך אָפּ פון פיער און געהט נעהענטער צו פינף. פון די טרעפּען פון אַ געוועלב הייבט זיך אויף דער מאַרקוועכטער, געניצט אָפּ מיט אַ ברייט אָפען מויל און געהט

אהיים שלאפען. די רוהיגע לופט צערודערט א שרייענדיגער „קוקערי־קו“.

עס דאכט, די נאכט האט אינגאנצען א ציטער געגעבען, זי שרעקט זיך פאר איר ס ו ף.

— קלום... קלום.. — עס האט פינף געשלאגען.

און אין דערזועלבער סעקונדע דערהערט זיך א לאנג אויסגעצויגען פייפען פון דער פאבריק. דאס פייפען ציהט זיך דורך דער לופט, באוועגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט און דרינגט אריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פסס... שטעהט אויף, מענשען! שטעהט אויף צו דער ארבייט!

אין עטליכע סעקונדען ארום הייבט זיך דאס יונגוואַרג אן צו הייבען אויף די בעטען, דרייען זיך נאך עטליכע מאל איבער פון איין זייט אויף דער אנדערער, גענעצען און שטעהען אויף.

א יונגע מוטער, וואס האט ערשט די אויגען געעפענט, כאפט איר קינד אנזויגען, שטופט מיט געוואלט דעם קינד די ברוסט אין מויל אריין, דאס קינד ברויך דאס זויגען גענוג צו האבען ביז צוועלף, ווען זי קומט אהיים אויף מיטאג. דאס יונגוואַרג וואשט זיך איילענדיג, לייגט אין די טאשען דאס ברויט, וואס ליגט אנגעגרייט אויף די טישען פון נעכטען.

די לופט אינדרויסען איז ווידער שטיל; נאר דער קירכגלאק הייבט זיך יעצט אן צו באוועגען.

גלייך און געלאסען קלינגט ער; באלד רופט זיך אן א צווייטער, וואס קלינגט נידעריגער פאר'ן ערשטען, נאר גיכער, און די שטימען פאראייניגען זיך אין א טרויעריגער הארמאניע.

און דאס קלינגען טראגט זיך אין דער לופט, ג נ ב'עט זיך דורך די פענסטער אין די שטובען אריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטעהט־אויף, שטעהט־אויף, מענשען, אין קירכע געהן.

עס רודערט זיך אויף די אויוועגס, די אלטע גענעצען און שטעהען אויף.

אויף דער גאס הייבט זיך אן צו רירען, עס דערזעהען זיך מענשליכע פיגורען: אלטע און יונגע. מענער און ווייבער איילען אין צוויי זייטען: די יונגע אין דער פאבריק און די אלטע אין דער קירך.

עס עפענען זיך די אידישע געוועלבער, דער ש מ ש שלאגט מיט'ן האמער און וועקט דעם ע ו ל ם דאווענען. ב ע ל י ־ מ ל א כ ו ת מיט ט ל י ת ־ און ־ ת פ י ל י ן אונטער'ן ארעם איילען אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש אריין.

נאך אין א צייט ארום האט דער שטאטזייגער אויסגעקלונגען זיבען און האט פארציילט, אז באלד וועט די זון זיך באווייזען. און פון אונטער די נידעריגע הייזער איז ארוים די זון, רויט און פריש, און האט צעשיקט

אין אַלע זײַטען ליכטיגע, דערקוויקענדע שטראַלען, און די שטראַלען האָבען דורכגעוועבט מיט מאָרגענליכט די לופט, און דורך די שויבען אַרײַנגעשלאָגען און געוועקט:

שטעהט אויף, מענשען, שטעהט אויף צו דינען זיך גופא! היריגע איז דער מענש!

נאָר די שטראַלען האָבען שוין קײנעם אין בעט נישט געטראָפען, מענשען דינען שוין לאַנג: ווער בײַ לײַטען, ווער בײַ גאָט.

די זון האָט אַ בײזען בליק געוואָרפען אויף דער ערד און זיך באַהאַלטען אונטער אַ שווערען וואָלקען...

ה. ד. נאָמבערג.

---

# די לערע פון די פאָטערס.

## ה.

זיבען זאַכען זײַנען דאָ בײַ אַ נאַר און זיבען זאַכען בײַ אַ קלוגען. דער קלוגער רעדט ניט פאַר דעם, וואָס איז גרעסער פאַר אים אין וויסען; ער רײַסט זיך ניט אַרײַן אין די רײד פון אַ צווײטען; ער אײַלט זיך ניט צו ענטפערן; ער פרעגט צו דער זאַך און ענטפערט צום פונקט; ער רעדט פון דער ערשטער זאַך צוערשט און פון דער לעצטער צולעצט; אויף וואָס ער פאַרשטעהט ניט, זאָגט ער: „איך פאַרשטעה ניט" און ער גיט צו דעם אמת. און דער היפך דערפון איז בײַ אַ נאַר.

פיערערלײ נאַטורען זײַנען דאָ צווישען מענשען. דער וואָס זאָגט: מײַנס איז מײַנס און דײַנס איז דײַנס, — דאָס איז אַ מיטעלמעסיגע נאַטור. דער וואָס זאָגט: מײַנס איז דײַנס און דײַנס איז מײַנס — דער איז אַ פּשוט'ער מענש. דער וואָס זאָגט: מײַנס איז דײַנס און דײַנס איז דײַנס, — דער איז אַ גוטער מענש. דער וואָס זאָגט: דײַנס איז מײַנס און מײַנס איז מײַנס, — דער איז אַ פאַרדאָרבענער מענש.

פיערערלײ כאַראַקטערען זײַנען פאַראַן. ווער עס קומט לײַכט אַרײַן אין כעס און לאָזט זיך לײַכט איבערבעטען, — בײַ אים ווערט דער שאָדען געדעקט מיט'ן געווינס. ווען עס איז שווער אַרײַנצוברענגען אין כעס און שווער איבערצובעטען, — בײַ אים ווערט דאָס געווינס געדעקט מיט'ן שאָדען. ווען עס איז שווער אַרײַנצוברענגען אין כעס און לײַכט איבערצובעטען, — איז אַ גוטער מענש; ווער עס קומט לײַכט אַרײַן אין כעס, אָבער עס איז אים שווער איבערצובעטען, — איז אַ שלעכטער מענש.

פיער גראַדען פעהיגקײַטען זײַנען דאָ בײַ תלמידים. ווער עס באַגרײַפט גיך און פאַרגעסט גיך, — בײַ אים ווערט דאָס געווינס געדעקט מיט'ן שאָדען. ווער עס באַגרײַפט ניט גיך, אָבער פאַרגעסט אויך ניט גיך, — בײַ אים ווערט דער שאָדען געדעקט מיט'ן געווינס. ווער עס

באגרייפט גיך און פארגעסט ניט גיך, — דאס איז א גליק. ווער עס בא־גרייפט ניט גיך און פארגעסט גיך, — דאס איז אן אומגליק.

פיער סארטען זיינען דא צווישען די, וואס זיצען פאר געלערנטע און הערען דאס לערנען: א שוואם, א לייקע, א זייער און א זיפ. א שוואם — וואס זאפט איין אלצדינג; א לייקע — וואס נעמט אריין פון איין זייט און לאזט ארויס פון דער אנדערער; א זייער — וואס לאזט ארויס דעם ווייין און פארהאלט די הייוועו, און א זיפ — וואס לאזט ארויס דאס גראבע מעל און פארהאלט דאס פיינע זעמעל־מעל.

ב ן ב ג ־ ב ג זאגט: בלעטער די ת ו ר ה נאך א מאל און נאך א מאל, ווייל אלצדינג איז אין איר פאראן. און ווער גראה און אלט איבער איר, און זאלסט זיך ניט רירען פון איר, ווייל עס איז ניטא קיין בעסערע זאך, ווי לערנען.

ר ב י מ א י ר זאגט: דער וואס באשעפטיגט זיך מיט'ן לערנען בלויז צוליב'ן לערנען אליין, דערדינט זיך צו פיעל זאכען, און די גאנצע וועלט קומט אים. דאס לערנען מאכט אים ערליך און געטריי; עס דער־ווייטערט אים פון שלעכטע מע ש י ם און ברענגט אים צו טאן גוטס; עס מאכט — מען זאל געניסען פון אים אן ע צ ה און קענטעניש, פאר־שטאנד און שטארקייט; עס גיט אים די פעהיגקייט צו אורטיילען ריכ־טיג; עס אנטפלעקט פאר אים אלע געהיימנישען און עס מאכט — ער זאל ווערען ווי א קוואל, וואס האקט זיך ניט אפ, און ווי א שטראם, וואס האלט זיך אין איין שטארקען.

דער וואס לערנט פון זיין ח ב ר איין קאפיטעל, אדער איין דין, אדער איין פ ס ו ק אדער איין אויסדרוק אדער א פ י ל ו איין א ו ת, דארף אים ארויסווייזען זיין אכטונג.

אזוי איז די ארט פון לערנען: ברויט מיט זאלץ זאלסטו עסען, און וואסער מיט א מאס זאלסטו טרינקען, און אויף דער ערד זאלסטו שלאפען, און א לעבען פון נויט זאלסטו לעבען. אויב דו טוסט אזוי, — וואויל איז דיר און גוט איז דיר.

זאלסט ניט זוכען קיין גרויסקייט פאר זיך און זאלסט ניט באגערען קיין כ ב ו ד.

מ ע ר  ו ו י פ י ע ל  ד ו  ל ע ר נ ס ט,  ז א ל ס ט ו  ט א ן!

נאך יהואש, פון העברעאיש.

# די נאַטור.

## די נאַטור.

ליכטיג שײַנט דער אָװענט־שטערן,
שאָטענס ליגען אויף די פעלדער;
פײַכטע קילהײַט װײַט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די װעלדער.

און די גרויסע אַלטע בײַמער
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער;
און מיר דאַכט זיך, אַז זײַ רוישען:
— „זעה, װי פריש איז דאָ דאָס װעטער!



„טראָפּענס טוי, װי פּערעל, גלענצען
אין די לעצטע אָװענט־שטראַלען;
אין די פײַכטע, גרינע טאָלען
שלאָגען פרישע, קאַלטע קװאַלען...

„קום אַרײַן אין װאַלד! מיר װעלען
דיך דערפרישען און דערקרעפטען,
װי מיט װײַכע, גרינע פאָדים
דיך באַשפּינען און באַהעפטען...

„מיט אַ שטילען, זיסען דרימעל
וועלען מיר דיין האַרץ באַוויִיען,
מיט אַ ליבען, זיסען חלום
דיך דערקוויקען און דערפריִיען"...

און פון וואַלד, מיט זיסער פרישקייט
אָנגעטרונקען, אָנגעזויגען,
בעה איך צו דעם גרויסען אָפּגרונט,
וועלכער ליגט פאַר מיינע אויגען.

ליכטיג שיינען, לייכטען, גלענצען
אין דעם רויטען, פורפּול־העלען
לעצטען אָפּשיין פון די שטראַלען
די גאָלדענע לאָקען — דאָס אויג ווערט אַזש בלינד.

אויף די בלויע שטילע וועלען,
וועלכע גלענצען ווי אַ שפּיגעל,
שוועבט אַ זעגעל, שוועבט און פלאַטערט
ווי אַ גרויסער, ווייסער פליגעל.

אויף די שטילע, בלויע וועלען
שווימט אַ שיפעלע אַ קליִינע;
און פון שיפעל הער איך שטימען,
יונגע שטימען, זיסע, ריִינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען
פון די שטורעמס, פון די ווינטען,
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטען
מיט די גרויסע, ביִיזע אינדען,

וועלכע שווימען אויף דעם אָפּגרונט
ווייט, אין יענע שיִינע, פרייע
לענדער, וואו די זון שיינט איִביג,
וואו עס לעבען גוטע, טרייע,

ליבע מענשען, גלייך ווי איִינע,
גרויסע, גליקליכע משפחה, —
און ווי שטאַרק איז זייִער פריינדשאַפט,
זייִער פרידען און הצלחה...

„ — נו־זשע, ברידער! — אין דעם זעגעל
בלאָזט דער ווינט!... נו, גיכער, גיכער!...
אונזער שיפעלע וועט פליהען
אויף די אינדען, ווי אַ וויכער...

„וואָלקענס שוועבען אויף דעם אָפּגרונט:
שוועד אין שטורעם איז דאָס שווימען.
נאָר — פאָרויס, מיט האָפנונג, ברידער!...“
זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זיי צוזאַמען;
טיף אין הארצען פיל איך פליסען
נייע קרעפטען, נייע פלאַמען:

נייע האָפנונג טריפט, ווי טראָפּענס
קאַלטע וואַסער אויף דעם גומען
פון דעם קראַנקען... אַך, אַ דאַנק אייך,
ביימער, זאַנגען, גראָז און בלומען,

פרייע פויגעל, בלויע וועלען,
פונ'ם טיפען, הייסען הארצען;
צווישען אייך האָב איך פאַרגעסען
מיינע אַלטע, גרויסע שמאַרצען!...

ש. פרוג.

---

## בין־השמשות.

האָבען וואָלקענס אויסגעמאָלען
אויף דעם הימעל בערג און טאָלען,
אַנגעשליידערט איינס אויף צווייטע;
און ביים ברעג — די זון, אַ רויטע,
גיסט, באַגיסט מיט רויטען פייער
פעלד און וואַלד און הויז און שייער.

ליגט אַזוי דער טייך צעשניטען,
מיט אַ גאָלדענעם פאַס אין מיטען;
שטעהען ביימער אַנגעצונדען,
קוקען וויים אין רוים אין רונדען,
און דער ווינט, שוין אויך אַנטשוויגען,
וויל זיך מער מיט קיינעם קריגען.

שאַ און שטיל, און קיין געררודער.
בלויז אַ שיפעל מיט זיין רודער
שניידט זיך פלייסיג דורך דעם וואַסער,
הילכט עס, ווי אַ פאַטש אַ נאַסער
פון אַ פאַרעל, ווען זיי שפּילען,
באָדענדיג אין טייך אין קילען.

ציהט דער שיפער שטיל אַ נ י ג ו ן,
הוידען זיך די אינדען, וויגען,
אינד נאָך אינד וויגט זיך און הוידעט,
ווי זיי וואָלטען זיך געַ׳ם ו ד׳עט.

און דערוויילי די זון, ווי צונטער,
זינקט אַלץ מער און מער אַרונטער;
איז די זון שוין האַלב פאַרשלונגען,
נאָר מיט פייער־רויטע צונגען
לעקט זי נאָך די וואָלקענס זוימען
און די שפּיצען פון די בוימען.

אויסגעלאָשען אַלע שטראַלען,
און די גרינע שאָטענס פאַלען.
הייבט אַ ווינטעל אָן צו בלאָזען,
פערעלט זיך דער טוי אויף גראָזען.

קומט די נאַכט אָן פול מיט ס ו ד ו ת,
פינקלען שטערען — שטומע ע ד ו ת, —
שווימען שטערען, גאַנצע וועלטען,
פריי אין גרויסע הימעלס צעלטען.

ווילט זיך אין דער לופטען רייטען,
אין דעם ברייטען רוים, דעם ווייטען;
ווילט זיך טראַכטען און באַקלערען,
וואָס עס טוט זיך אויף די שטערען.

שאַ און שטיל. אַרומגענומען
אין אַ זיסען שלאָף, אַ שטומען,
שלאָפט די ערד שוין, אָטעמט וואַרים
אויף די קינדער אין איר אָרעם.

און אין י ם באָדט זיך דער הימעל,
שווענקט אַראָפּ פון זיך דעם שימעל
און דעם שטויב פון טאָג־געַרודער
און אַ ריינער בלויט ער ווידער.

הייליג שטיל אין אַלע רוימען.
ווילט זיך ליבען, ווילט זיך טרוימען
און באַהעפטען זיך מיט בלומען,
ביז דער שטרענגער טאָג וועט קומען.

אַב. וויקטאָר.

## אַ לבנה־נאַכט.

פאַרהילט האָט דאָס וועלדעל אַ זילבערנער נעבעל,
באַהאַלטענדיג דאָרטען אַ שטיק פון דער נאַכט.
און איבער די פעלדער, די בלייכליכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבען מער נישט ווי שאָטענס פאַרטראַכט.

פאַרוויגענדיג שטיל זיינע זילבערנע וועלען,
איז ערגעץ אַ טייכעל געשוואומען פאַרבענקט
און, שווימענדיג, נעצען געפלאָכטען פון שטראַלען,
וואָס ס'האָט אים די קאַלטע לבנה געשענקט.

פון ווייטען געצאַנקט האָבען פייערלעך קליינע —
דאָס האָט ערגעץ שטיל וואו אַ דערפעל גערוהט;
אין לופטען געוועיט האָבען וואַרימע ווינטלעך
און ליבליך געס'ם ו ד'עט: „ווי אַלץ איז דאָ גוט!"

דוד איינהאָרן.

---

## אַ רעגען.

די שטיקלעך אָפּגעריסענע וואָלקענס האָבען זיך צוזאַמען באַהעפט איינס מיט'ן צווייטען, און עס שוועבט שוין אַ לייכטער פאַנצער אי־בער'ן הימעל. אין טייל ערטער איז דער פאַנצער דורכגעריסען, און פון די אויפגעריסענע ערטער גלענצט עפּעס ווי באַשטויבטע ליכט אַזוי ווייך און פאַרהילט די לייכטע רייזענדע וואָלקענס.

אַ רעגען וועט זיין!

אַ שטילע ליבע אימה הערשט איבער אַלץ. די גרעזער בייגען איין די קעפּ, רוימען אין דער שטיל איינס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זיין!" פון ערגעץ ווייט קומט אַ פויגעל אָן צו פליהען און פליהט מיט רעש דורך, אָנזאָגענדיג: אַ רעגען וועט זיין! און דאָרט אין פעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווייגען רוישען מיט אימה.

דאָרט ווייט דערהייבט אַ ווינט דעם שטויב; אַ געדיכטער שטויב ווערט. עס הייבט אָן לייכט צו טריפען. די ערד זאַפּט איין די טראָפּענס.

עס טריפט, און די טראָפּענס בלייבען הענגען אויפ'ן גראָז, ווי גוטע טרערען. און פאַרוואָלקענט איז דער הימעל נאָר פון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט אַ גוט געלעכטערל.

עס הערט זיך אַ ווייטער דונער, גלייך פורען וואָלטען דורכגעריטען אויף אַ האַרטען וועג. עס ווערט שטיל.

מיט אַמאָל ווערט ליכטיג אין די אויגען. אַ שטאַרקער דונער האָט געלאָזט זיך הערען; אַ גוס רעגען האָט גענומען געהן...

די וואָלקענס ציהען זיך ביסלעכווייז ערגעץ אַוועק. עס לייטערט זיך

אוים. דער הימעל ווערט קלאָר. די נאַסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאַנקען פאַר דער ש פ ע. און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלויע פאַרטונקענע וואָלקענס בייגט זיך אוים א גאָלדענער רעגענ־בויגען מיט בלויע קאַנטען. און דער הימעל טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליבשאַפט, ווי אַ מאַמע ווישט אָפּ די בעקלעך פון א פאַר־וויינט קינד.

נאָך ש. אַש.



## דאָס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ;
אָ, גאָט! האָב ר ח מ נ ו ת, די אָרימע
פון בייזען געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבייטען איצט אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האָבען קיין אָרט, וואו זיך שיצען,
קיין שייער, קיין דעכעל, קיין בוים;

וואָס זיינען אַצונד אונטערוועגענס,
די פורען מיט מ ש א פאַרלייגט,
און ווייט איז פאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערען פון רעגען צעווייקט;

וואָס שטעהען אין מאַרק מיט די קוישען:
מיט עפעל, מיט גרינס און מיט ברויט —

און אַלע, וואָס זײַנען איצט דרויסען,
וואָס ס'טרײַבט זײ דער הונגער און נויט;

און אַלע, וואָס זײַנען פאַרוואָגעלט,
וואָס ד'ערד גיט קײַן ווינקעל זײ ניט, —
די אַלע פון בײזען געוויטער
באַשירעם זײ, גאָט, און באַהיט!

א. רייזען.

## אַ זון מיט אַ רעגען.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס לאַכען מיר גאָלדענע טראָפּענס אַנטקעגען;
זײ לויכטען אין לופטען און פאַלען אויף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אויף זײַדענע שניר.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס צאַנקען די גראָזען בײַם ראַנד פון די וועגען,
עס שמײכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אזוי ווי עס שמײכעלט דורך טרערען אַ קינד.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס וויגט זיך דער בלאָהליכער טײַך אין די ברעגען,
עס פאַלען די טראָפּענס אין וואַסער, און גרינג
צעלויפען זײ ווײַט אין אַ גאָלדענעם רינג.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
און ווײַט, ערגעץ ווײַט וואַרפט זיך איבער אַנטקעגען
אין הימעל אין בלויען אַ פאַרביגע בריק,
אזוי ווי אַ וועג צו דעם אײביגען גליק.

ל. נײדוס.

## אַריבער דער רעגען.

אַריבער דער רעגען און שטיל איז געוואָרען...
עס האָט זיך די זון העל צעלאַכט, ווי אַ קינד,
און האָט אויפ'ן ראַנד פונ'ם הימעל צעוואָרפען
די גאָלדענע לאָקען — דאָס אויג ווערט־אַזש בלינד.

עס קלינגען די פויגעל, ווי זילבערנע גלעקלעך,
אין זײַדענעם הימעל, וואָס טיף איז און בלוי;
עס שטעהען די פעלדער מיט פערל באַצירטע
און דאַנקען שטיל גאָט: א ד ו נ י, א ד ו נ י!

און דאָרט, הינטער וועלדעל, באַהאַלט זיך דאָס טײַכעל,
עס זעהט זיך פון ווײַטען אין זוניגען שײַן;
עס באָדען זיך מענשען און ס׳שימערן, בלישטשען
די קערפּערס די קלאָרע אַרויס און אַרײַן.

באַלד רוקט זיך דער אָוועגט אַרויף אויף די פעלדער,
און לענגער די שאָטענס, און לופטיגער ווערט:
עס האָט הײַנט דער הימעל די ערד אויסגעבאָדען —
זאָל זײַן צו רפואה דיר, בליהענדע ערד!

מ. טייטש.

---

# נ אָ כ ׳ ן ר ע ג ע ן.

אויסגעפּוצט זיך נאָכ׳ן רעגען
האָט דער הימעל שטילערהײט,
אָנגעטאָן זײַן זילבער־צירונג
און דאָס בלויע י ו ם ־ ט ו ׳ב קלײד.

די ל ב נ ה אויף דער ברוסט אים
שימערט, ווי אַ העלער קנאָפּ;
ווײַסע וואָלקען־קרײַזלעך טראָגט ער,
ווי אַ צירונג אויף זײַן קאָפּ.

רײן גע׳ט ו ב ל׳ט, פריש פאַרצוואָגען,
שלאָפט דער טונקעל־גרינער וואַלד;
דאָ און דאָרט אַ רעגען־טראָפּען
ווי אַ דימענט בליצט און שטראַלט.

ס׳שווײַגט דער ווינט, די פויגלען דרעמלען,
פונ׳ם רעגענוועטער מיד;
בלויז די גרילען אין דער פינסטער
קלאַפּען זײער זומער־ליד.

יהואָש.

# מען האַקט װאַלד.

אַ לענגערע צײַט זײַנען מ ר ד כ י און ש ר ה'קע געפֿאָרען און געשװיגען. מ ר ד כ י איז געװען פֿאַרטיפֿט אין זײַנע געשעפֿטען, און ש ר ה'קע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסען פֿון דעם פֿאַרשנײַטען װאַלד, װאָס האָט זיך געטוקט און געשפּיגעלט אין זונענשײַן.

דער שליטען האָט זיך האַסטיג געטראָגען, און ש ר ה'קע איז װי אַ פֿאַר'כ י ש ו פֿ'טע געזעסען און געקוקט, װי די הונדערטער אײַזליכטלעך, װאָס האָבען אַראָפּגעהאַנגען פֿון די הויכע, װײַסע סאָסנעס, האָבען געבלענדט די אויגען, זיך געצונדען אין בלוי־גרין, רויט־פֿאָנס, פּונקט װי געשליפֿענע פּריזמע־גלעזלעך בײַ זילבערנע הענגלײַכטער.

פֿון װאַלד האָט זיך געטראָגען: האָפּ! האָפּ!

האָט מ ר ד כ י שוין ניט געקענט אײַנזיצען אין שליטען, געהײסען װאַצעקען אויסדרײען און צופֿאָרען צום פּלאַץ, װאו זײַנע פּויערים האָבען אַראָפּגעלאָזט בײמער.

קופּקעסװײַז זײַנען די פּויערים געװען צעװאָרפֿען איבער'ן װאַלד. טײל האָבען אַראָפּגעלאָזט בײמער, אַנדערע — געזעגט קלעצער און אויפֿגעשטעלט האַלבע־קלאַפֿטער; טײל זײַנען געשטאַנען בײַ אַ קיניגער קאַרפּע, װאָס האָט געפֿלאַקערט מיט אַ געדיכטען רויך, און זיך געװאַרימט. דער רויטער פֿלאַם האָט זיך געשפּיגעלט אין דעם זילבערנעם שנײ, אָפּגעגאָסען די פּויערים מיט אַ קופּערנעם שײַן.

מיט אַ װילדער ה נ א ה האָט ש ר ה'קע אָפּגעװאַרט יעדען קראַך פֿון אַ געזונטען, פֿאַרצװײַגטען בוים, װאָס איז געפֿאַלען, מיטרײַסענדיג יונגע בײמלעך אונטער די פּויערישע ק ו ל ו ת — האָפּ, האָפּ — טיף אין שנײ אַרײַן.

ש ר ה'קען האָט זיך געדאַכט, אַז די געזונטע פּויערים מיט די פֿוטערנע היטלען, מיט די קאָלירטע גאַרטלען אַרום די שעפּסענע פּעלצלעך, מיט די שאַרפֿע, בלאַנקענדע העק אין זײערע הענט — דאָס איז אַ באַנדע ג ז ל נ י ם. איר פֿאָטער, דער פֿירער פֿון דער באַנדע, לויפֿט פֿון אײן קופּקע צו דער צװײטער, זײַן לאַנגע באָרד טײלט זיך אויף צװײען און רעדט, שרײַט...

די ג ז ל נ י ם װאַרפֿען זיך אויפֿ'ן װאַלד מיט די בלאַנקענדע העק און זעגען.

אָט לויפֿען צו אַכט יונגע פּויערים מיט שאַרפֿע העק, מיט זעגען, שטריק און דרענגער צו אַ געזונטען, פֿאַרצװײפֿעלטען דעמב. די פּויערים פֿאַרציהען פֿעסט די גאַרטלען, און מיט אַ קרעכץ נעמט זיך די זעג אײַנבײַסען מיט אירע צײן אין אײן זײַט פֿון בוים, פֿון דער צװײטער — אַרבײַטען צװײ העק צום טאַקט. מען פֿאַרװאַרפֿט שטריק, מען שפּאַרט אונטער דרענגער, די פּויערים רוקען זיך אָפּ, די אויגען גלאַנצען מיט אַ קאַלט פֿײַער.

ש ר ה׳קע האָט געזעהען, ווי דער דעמב שטעהט שטײַף, טוט זיך ניט קײַן ריר, כאָטש ער ווײַס, אַז באַלד איז נאָך אים, נאָר נאָכגעבען וויל ער נישט. זי האָט גרויס ח ש ק געהאַט צוצוגעהן צו די פויערים און זאָגען:

— וואָס אָנטלויפט איר, וואָס? אכט אויף אײנעם! אַז איר ג נ ב׳עט זיך אונטער, בינדט אים מיט שטריק און איצט אַנטלויפט איר? שעמט זיך!

טראַ־טראַך!

דער אַלטער דעמב האָט זיך אַ ציה געטאָן ווי גרויס ער איז געוועזען, געפאַלען מיט אַ קראַך פון אַ ווײַטען דונער.

מ ר ד כ י איז אַרײַנגעשפרונגען אין שליטען אַ פרײליכער, זיך גוט צוגעדעקט, צוגעטוליעט צו זיך ש ר ה׳קען:

— איצט פאָרען מיר גלײַך אין שטאָט אַרײַן, צו דער מומע גיטעל!



די פערד, אַרויסקומענדיג אויפ׳ן שאָסע האָבען זיך פאַנאַנדערגע־טראָגען ווילד, אויפהײבענדיג גאַנצע וואָלקענס שטעכיגע שנײעלעך.

דער וואַלד האָט נאָך אַלץ געקרעכצט: „האָפ־האָפ“! — איז ש ר ה׳קען אומעטיג געוואָרען. זי האָט אָנגעשפאַרט איר קעפעל אויפ׳ן פאָטערס ברוסט און זיך פאַרטראַכט.

י. אָפּאַטאָשו.



# הערבסט אין וואַלד.

שאַ, שטיל איז סליחות־צײַט אין דעם וואַלד, ווי אין שטעטעל שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג; און די שטילקײַט דאָרט וואַרפט אַ מרה־שחורה. די בײמער שטעהען פאַרטראַכט. פאַרזאָרגט, גאָר ניט דער פּנים, דאָס געשטאַלט, וואָס פריהער. זײער שאָקלען מיט די צווײַגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענט; זײער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרײַער מוטער, וואָס בלײַבט איבער אַלײן, נאָכדעם ווי אירע קינדער צעפאָרען זיך אין אַלע זײַטען.

דאָרט וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גע'רעש'ט, געזונגען, געשפּרונגען אין איטליכען ווינקעלע, איז אַצונד שטיל, רוהיג ווי אויף אַ בית־עולם. ניטאָ די פריהערדיגע לעבעדיגקײַט די פרישקײַט און אויפגעראַמטקײַט. אַלצדינג שטעהט עפּעס ווי ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויך ניט פרײַנדליך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזען.

וויסט איז די נעסט — די פײגעלעך זײַנען זיך צעפלויגען... פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט שטעהט דער וואַלד, גלײַך ווי ער פילט, אַז דאָס אויפהײבען זיך און אַוועקפליהען פון זײַנע שפּיל־פײגעלעך באַווײַזט ניט אויף גוטס. ער מעג זיך ריכטען, אַז באַלד באַלד וועט זיך אָנרוקען אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זײַנע ביטערע קעלטען, און ער איז אַצונד דעריבער פאַראומערט, שטאַרק באַטריבט.

ממו"ס.

# דער טאָפּאָל.

בײַ מײַן פענסטער שטעהט א טאָפּאָל,
ביז'ן הימעל איז ער הויך.
װעלכע װאונדער ער דערזעהט דאָרט,
װײַס מײַן הארין דערפון באלד אויך.

אויפ'ן טאָפּאָל רוהט א פויגעל,
װײַס ער לידער שײַנע פיעל;
זינגט דער פויגעל... און אין הארצען
זינגט װער נאָך די לידער שטיל.

װינטער פליהט אװעק דער פויגעל,
און דער טאָפּאָל טרויעריג װערט.
זינג איך דאַן אים יענעמס לידער,
שטעהט דער טאָפּאָל שטיל און הערט.

ב. לאפּין.

---

# אין װאַלד.

קום אין װאַלד, מײַן ליבער פרײַנד,
װאו עס ס ו ד'ען זיך די בלעטער;
װאו עס אָטעמט פרײַ די ברוסט,
װאו דערקװיקענד איז דאָס װעטער.

קום, מײַן פרײַנד, פון שטאָט אנטלויף,
פון גערודער, פון געטומעל;
דאָרט אין װאַלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בלוי דער הימעל.

קום אין װאַלד, מײַן אָרימער פרײַנד,
װעסט פארגעסען אנגסט און לײַדען;
הערען װעסטו דאָרט קײַן פאַלשס,
נאָר פון גאָט די פײגעל רעדען.

קום, מײַן פרײַנד! דו ביסט דאָך קראַנק,
מענשען האָבען דיר דערעסען;
דאָרטען װעסטו זײ ניט זעהן
און דו װעסט דײַן זאָרג פארגעסען!

א. רײזען.

# דער האָדסאָן.

.1

דער האָדסאָן, דער האָדסאָן, דער גוטער, רײַכער האָדסאָן!

אין אַ הײסען און ליכטיגען זומער־טאָג קנײטשט ער זיך אויף פֿאַרשידענערלײ אופֿנים, ווי ער וואָלט געווען אָנגעפֿילט מיט פֿאַרשידענערלײ וואַסערן, וואָס ווילען זיך ניט אויסמישען. און יעדער שטיק וואַסער שפּיגעלט זיך מיט דער זון אויף זײַן אײגענעם שטײגער. עס שווימען אום שטיקער וואַסער מיט צעשטראַלטע האַלבע זונען, און וואַסערן מיט רונדע זוניגע פּאַסען, וואָס וואַרפֿען זיך אין אַלע זײַטען ווי צערײצטע גאָלדענע שלאַנגען; עס שווימען אויך אום שטיקער וואַסער, אין וועלכע עס נעסטען זיך צו דרײַ, פֿיער גאַנצע זונען אויף אײן מאָל, און שטיקער, וואָס קנײטשען זיך אַרײַן אין צעהאַקטע קלײנע פֿאַלדען, און די קלײנע וואַסער־פֿאַלדען ברעקלען די זון אויף פּיצלעך.



און אַזוי שווינדעלט אַרײַן אין די אויגען אַ זוניגע וואַסער־נעץ וואָס ציהט זיך ברײט און ווײַט אויף לינקס, און נאָך ברײטער און ווײַטער אויף רעכטס. דער פֿאַנאַנדערגעצויגענער, צעשטראַלטער טײַך גיסט זיך אַזוי אַרויס פֿון ערגעץ דאָרט פֿון דעם גרויסען, בלויען רוים און לאָזט זיך אַזוי אַוועק ערגעץ אַהין ווײַט, אין דעם בלויען רוים אַרײַן; און ער ציהט זיך פֿאַרבײַ די הויכע פּאַליסאַדען ווי אַ ברײטער און רײַך געשטיקטער גאַרטעל.

.2

בײַ דער נאַכט איז דער האָדסאָן אויך אָנגעפֿילט מיט פֿאַרשידענע שטיקער וואַסער. און די לבנה שפּיגעלט זיך אין יעדען שטיק אַרײַן אויף אַ באַזונדער אופֿן. עס שווימען אום גרויסע לבֿנה־פֿעלדער, בײטען און גערטנער מיט בליצענדיגע לבֿנה־קווײטען; וואַסערן, וואו עס נעסטען זיך עטליכע לבֿנות אויף אײן מאָל, און

וואַסערן מיט טאַנצענדיגע ל ב נ ה־שפריצען; וואַסערן מיט פאַרשידע־ נערליי ווייך־פאַלירטע ווימלענדיגע ל ב נ ה־פּאַסען, וואָס וואַרפען זיך ווי שלאַנגען און ווי רייך צעשפּינטע זילבער־נעצען.

אַ פינטעל מיט׳ן אויג, און עס שטייגט פון די וואַסערן אויף אַ זילבערנער וואַלד. אין וואַלד — אַ זילבערנער שלאָס, און קליינינקע זילבער־מענשלעך מיט הויכע זילבערנע שטעקענס געהען איבער די זילבערנע וואַסערן צום וואַלד און צום שלאָס.

און די אַנטקעגענדיגע פּאַליסאַדען שפּיגלען זיך דורך אַלץ אריין אין דעם וואַסער מיט זייערע פעלזען און וועלדער, אָבער נאָך טיפער פון זיי ליגט טיף אין האַדסאָן אויסגעשפּרייט דער וועלטס גרויסער הימעל. און די אויסגעשפּיגעלטע הויכע פּאַליסאַדען קאָנען אַ פ י ל ו מיט זייערע העכסטע שפּיצען דעם גרויסען הימעל, וואָס ליגט אין וואַ־ סער, ניט דערלאַנגען.

גוט איז דאַמאַלט צו קוקען אויף דעם האַדסאָן, אויף זיינע שטאָלץ־ באַוועלדערטע פּאַליסאַדען, אויף זיין הימעל, אויף זיין גוטסקייט, אויף זיין שטילקייט, אויף זיין זיכערקייט און אויף זיין פראַלענדיג ליכט אָהן אַ ש י ע ו ר. ווי גרויס און רייך עס איז דער האַדסאָן, אַזוי שטיל איז ער דעמאָלט און דורכזיכטיג און גרינג.

דוד איגנאַטאָוו.

---

## ב יי ם ט יי ך.

רויט ווי צונטער ברענט דער מ ע ר ב;
ס׳האַלט דער טאָג ביים שטאַרבען.
הענגט אַ נעץ פון ליכט און שאָטען,
שפּילען זיך די פאַרבען.

די ל ב נ ה קוקט צעשראָקען
אויף די מ ע ר ב־פ ל אַ מ ע ן.
אין דעם וואַסער גאָלד און זילבער
גיסען זיך צוזאַמען.

שטיל באַוועגען זיך די וועלען,
קוים די שיפלעך הוידען.
רונד אַרום אין טיפען ערנסט
בוים און גראָז זיך ס ו ד׳ען.

האַרציג־שטילע ליוב־געזאַנגען
טראָגען זיך אין לופטען.
וואַסער־רויזען, גראָזען, בלומען
בייטען זיך מיט דופטען.

אויף די ברעגען צינדען אַן זיך
שײַבלעך דורך אַ צויבער...
ווילט זיך, ווילט זיך אַזוי גלויבען,
אַז די וועלט איז זויבער.

אב. וויקטאָר.

## דאָס טײַכעל.

זים און הײמיש רוישט דאָס טײַכעל,
גלאַנצענדיג אין זונען־שײַן,
פלוידערט קינדערש דורכ'ן וואַלד־באַרג,
און די בײמער שלאָפען אײַן.

אײַנגעליוליעט מיט זײַן מורמעל
האָט ער אויך די בערג אַרום;
ער אַלײן נאָר רעדט און פלאַפּעלט,
ערד און הימעל האָרכען שטום.

כ'ליג האַלב וואַך און האַלב פאַרדרעמעלט,
ווי פאַרנעבעלט איז דער זין;
דורכ'ן שלעפערדיגען מ ו ח
פלאָנטערט זיך דאָס וועלדעל גרין.

לאַנגזאַם מישען זיך צוזאַמען
באַרג און הימעל, גראָז און קוואַל,
און דער ח ל ו מ'דיגער טומעל
פון אַ ווײַטען וואַסער־פאַל.

יהואָש.

## דער אימאַטראַ־וואַסערפאַל.

אין אַ ש ע ה אַרום האָט זײ שוין אַ פינלענדישער שליטען געפירט צום וואַסערפאַל „אימאַטראַ".

באַלד האָבען זײ דערהערט פון דערווײַטענס דאָס קלאַפען פון וואַסער. זײ זײַנען אַראָפּ פון שליטען, אַריבערגעכאַפּט זיך איבער אַ פעלד, און פאַר זײערע אויגען האָט זיך אויפגעעפענט אַ בילד, וואָס האָט זײ דערשראָקען און קלײן געמאַכט.

איבער אַן אומענדליך ברײט, ווײַס־באַשנײט פעלד איז אָנגעקומען צולויפען אַ ברײטער שטראָמענדיגער טײַך. דאָס וואַסער האָט זיך ווײַזיג וואָס געענדערט פון דעם בלישטשענדיגען ווײַסען שנײ־פעלד; עס איז געלאָפען מיט אַן אומגעהײערער שטראָמיגקײַט. און פלוצלונג, ווי אין מיטען, האָט זיך דער גאַנצער ברײטער טײַך איבערגעריסען און איז — אַזוי ברײט און לאַנג, ווי ער איז געווען — אַראָפּ אין אַ הונדערטפוסיגען טיפען טאָל, איבער וועלכען עס זײַנען געלעגען קאָלאָסאַלע גרויסע פעלזען און שטײנער; נאָר מיט אַזאַ אימפעט און מיט אַזאַ געשרײ, אַ

פאַלענדיג אויף די שטיינער, איז ער צוריקגעשפּרונגען און צעשפּריצט געוואָרען אין בליסטשענדען רעגען־וואָלקען, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון פעלד. די זון איז אַריין אין דעם וואַסער און געלאָזט זיך איניאיינעם מיט'ן שטראָם אַראָפּ איבער די פעלזען, איבער די שטיינער און צעשפּריצט געוואָרען איניאיינעם מיט'ן וואַסער. און עס האָבען זיך אויסגעמישט וואַסער און זון אין איין בליסטשענדיגען זיבען־קאָלירטען רעגענבויגען, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער'ן גאַנצען ברייטען ווייס־באַשנייטען פעלד.



זיי זיינען ביידע געשטאַנען, ווי צעמישט. ווי קליין, ווי אומענדליך קליין האָבען זיי ביידע אויסגעזעהן דאָ, ביי דער גרויסער נאַטור ערשיינונג, געגען דעם גרויסען ברייטען טייך, וואָס קומט אָן יעדע ר ג ע מיט נייע וועלען און וואַרפט זיך מיט'ן קאָפּ אַריין אין דעם קאָכענדיגען, ברייטען ים, וואָס שפּרינגט און געהט אויף אין אַ בליסטשענדיגען וואָלקען! און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט, אַלץ, אַלץ קומט אַהער אָן צושווימען אין דעם טייך אַריין און וואַרפט זיך מיט דער גאַנצער פרייד און גאַנצען ווילען אין דעם ת ה ו ם אַריין.

זיי האָבען זיך ביידע אויסגעזעהן ווי צוויי שפּענדלעך. זיי האָבען זיך אָנגענומען פאַר די הענט און געהאַלטען זיך איניאיינעם, ווי זיי וואָלטען מ ו ר א געהאַט, אַז דער כ י ש ו ף, אַז דאָס גרויסע וועלט־צונויפמישעניש זאָל זיי ניט מיטשלעפּען, וואָרים עס האָט זיי אַהין געצויגען, דאָרט אַהין, צו דער וועלט־ח ת ו נ ה, מיט כ י ש ו ף.

ש. אש.

# צווישען בערג.

די שטאָט קופשטיין איז געלעגען אײַנגעהילט אין אַ טיפען נעבעל. מיר האָבען א פ י ל ו נישט דערזעהן די הײַזער פון דער קעגענאי־בערדיגער זײַט אין מאַרק. דאָס איז נים געווען קײַן געוויינטליכער נעבעל, נאָר אַ דיקע כמאַרע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַרײַן פון די בערג און האָט שווער געלויערט איבער אַלץ און איבער אונז.

טראָץ דעם נעבעל זײַנען מיר דערגאַנגען ביז צום באַרג און האָבען אָנגעהויבען אַרויפצוגעהן. מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ היבשע צײַט, פּאַמעליך שלעפענדיג די פיס, פאַרשלאָפען און פאַרטראַכט. אַז מיר האָבען זיך אויפגעהויבען אויף צוויי הונדערט און פופציג מעטער הויך, האָבען מיר באַמערקט, אַז דער נעבעל איז פאַרשוואונדען. די לופט איז געווען קלאָר און דורכזיכטיג, כאָטש אַרום זיך האָבען מיר גאָרנישט נים געקאָנט זעהן. מיר האָבען זיך געפונען צווישען ביימער; פון ביידע זײַטען וועג איז געלעגען דער פאַרפראָרענער שניי, און דער וועג אַליין האָט זיך טיף אײַנגעשניטען אין מיטען. און מיר האָבען אים געזעהן פאַר זיך נאָר איינינע מעטער, ווײַל באַלד האָט ער זיך געבויגען און גענומען אין אַ זײַט און געפירט אונז מיט זיגזאַגען, ווי אַלע בערג־וועגען.



געהענדיג אַזוי, האָבען מיר אָנגעהויבען צו באַמערקען ליכט־פלעקען אין די שאָטענס פון די ביימער, וואָס האָבען זיך אויסגעריסעוועט אויפ׳ן שניי. מיר האָבען אויפגעהויבען די אויגען און דורך דעם געפלעכט פון צווײַגען האָבען מיר דערזעהן שטיקער בלויען הימעל. אונז אַלע איז מיט אַמאָל געוואָרען פריילליכער. מיר האָבען לאַנג שוין נישט

געפילט קיין קעלט אין קערפּער, זייענדיג דערוואַרימט פון אונזער אייגענער באַוועגונג, און מיר האָבען זיך גענומען געהן מיט מער קוראַזש. אונזער וועג האָט זיך געדרייט און געדרייט ווי אַ שלאַנג; דערזעלבער צעטראָטענער שניי פון אונטען, דערזעלבער פאַרפראָרענער שניי פון די זייטען און אַזוי אָהן אויפהער. די ליכט-פלעקען און די שטיקער בלויער הימעל זיינען צייטענווייז אין גאַנצען פאַרשוואונדען.

נאָר אָט האָט אונזער וועג שוין אַרויסגעדרייט זיך פון וואַלד; און פלוצלונג האָבען מיר זיך דערפילט באַגאָסען מיט אַ העלער און וואַרימער ליכטיגקייט; אַ גלאַנצענדיגע, קריסטאָל-לויטערע ווייסקייט האָט אָנגעשלאָגען אויף אונזערע אויגען פון אַלע זייטען. גאָר אומגעריכטערהייט זיינען מיר אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ נייער, ווייסער ליכטיגער וועלט אַריין. מיר האָבען אויפגעהויבען די אויגען: דער הימעל איז געווען קלאָר, אָהן איין וואָלקענדעל, און האָט געבלישטשעט און געבלענדט, ווי אַ געשליפען גלאָז. אַרום איז געווען אַ וועלט פון שניי. ער האָט געפינקעלט אַרום אונז, פון אונטען, פון אויבען, פון אָפּגרונטען, פון די טיפע פלענער, פון די שפּיץ בערג, וואָס האָבען אונז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. דאָס אויג האָט זיך געבאָדען אין דער העלער ליכטיגקייט, ווי אין אַ קוואַל פון נ ח ת. און האָט זיך געקוויקט ביז צו ווייטאָג, ביז צו טרערען. מיר זיינען געבליבען שטעהן איבערראַשט און אַנטציקט.

אונזער וועג האָט איצט געפירט אויפ'ן סאַמע ראַנד פון באַרג, און די גאַנצע אומגעגענד אַרום עטליכע מייל האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען. צופוסען פון באַרג איז געלעגען דער „אין"-טאָל, באַגרעניצט פון דער צווייטער זייט מיט הויכע בערג; איבער דעם טאָל האָט זיך געשלענגעלט דער טייך א י ן, וואָס האָט אויסגעזעהן אויפ'ן פאָן פון ווייסען שניי, ווי אַ שמאָלער, גראָהער פּאַס. אין ווינקעל פון טאָל האָבען מיר דערזעהן די הייזער פון קופשטיין, צוזאַמענגעוואָרפען אין איין קופּע און קליינע, ווי קאָרטען-שטיבלעך. איבער זיי האָט זיך נאָך געטראָגען אַ דינע פאַרע, וואָס האָט מיט אַ פליגעל באַרירט דעם קעגענאיבערדיגען באַרג: דאָס איז געווען דער נעבעל, וואָס האָט געלויערט אויף דער שטאָט, ווען מיר האָבען זי פאַרלאָזט.

און אַרום זיינען געשטאַנען די בערג פון פאַרשידענער הייך, פון פאַרשידענע געשטאַלטען. זיי האָבען זיך צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערען, אָדער געקראָכען איינער דעם אַנדערען אויף דעם קאַרק. טייל האָבען אויסגעזעהן מ ו ר אַ'דיג מיט זייערע שאַרפע איבערגעריסענע ליניען; טייל זיינען געווען אויסגעגאָסען אין ווייכע פיינע געשטאַלטען און אַלץ דאָס האָט געבלאַנקט און געפינקעלט, באַדעקט מיט שניי און באַגאָסען מיט ליכט. אין דער זייט האָבען מיר געזעהן אַ קליינע גרופּע בערג, מיט דריי ווילדע, הויכע שפּיצען, וואָס האָבען זיך גלייך געצויגען צום הימעל. זיי האָבען אַראָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם שניי,

ארויסגעוויזען זייער נאַקעטען, גרויען, פעלזיגען קערפּער, און האָבען אויסגעזעהן, ווי פאַרשאָלטענע ריזען, בייזע און שלעכטע, גרייט אַלץ אומצוברענגען. נאָר זיי זיינען צוגעשמידט צום אָרט מיט נאָך אַ שטאַרקערער מאַכט... מיר האָבען דערקענט דעם „ווילדען קייזער". פיעל שרעקליכע לעגענדעס, זעהר פּאָפּולערע אין טיראָל, זיינען פאַרקניפּט מיט דעם נאָמען.

— אָ, ווי שיין! — האָבען מיר אַלע אויסגערופען כ מ ע ט מיט איין מאָל.

ה. ד. נאָמבערג.

---

## בערג.

### I.

מאַרמאָר־פּאַלאַצען און זילבערנע טורעמס
שיינען אין אייביגען גלאַנץ.
שטאָלץ, ווי די פעלזען, וואָס לאַכען פון שטורעמס,
שימערט פון שנייען אַ קראַנץ.

רונד אַרום ריזען אין פּראַסטיגען שוויגען
שטעהען מיט שניי־הויט באַדעקט;
נאַקעט די לענדען; אין בליהענדע צווייגען
האַלטען די פיס זיי פאַרשטעקט.

הוילע זיי שטעהען און פרירען, די ריזען,
ביז אין דעם מאָרגען אַריין.
קומט אָן די זון דאַן און שטעכט זיי מיט שפּיזען,
גיסען זיי טרערען פון פּיין.

כאַפּען די טאָלען די טרערען באַצייטען,
ביימען אויף בלומען זיי אויס.
ווינטער און זומער אָהן אויפהער דאָ שטרייטען,
שיין דער געפעכט איז און גרויס.

### II.

אַלץ העכער עס דראַפּעט דער וועג זיך, גאַנץ הויך,
די מעכטיגע רוקענס אַריבער.
עס רויכערט אַ שפּאַלט וואו אין בלויליכען רויך,
און מ ו ר א'דיג גלאַנצען די גריבער.

איינס איבער'ן צווייטען צוויי שטיבלעך צי דריי,
זיי הענגען ווי אָדלערשע נעסטען.
און טאָלען פול צויבער עס פליהען פאַרביי,
ווער קאָן זייער טיפקייט גאָר מעסטען?

און דאָרט שיסט אַ גײזער צום הימעל מיט שוים,
צעשיט זיך מיט טויזענטער פונקען.
דו קוקסט און דו וואונדערסט: עס גלויבט זיך דיר קוים,
דו זיצסט, ווי אין חלום פאַרזונקען.

און אַט זעצט די זון זיך, די גאָלדענע זון,
אין גאָלדענעם מערב אַרונטער
און וואַרפט מיט קאָלירען אַ טון נאָך אַ טון;
דער הימעל ביז האַלב איז ווי צונטער.

און אַט קומט די נאַכט שוין פון באַרג־גאָט געבראַכט,
די שטערען צעשאָטען אין רוימען;
און שלעפערט די בערג איין, פאַרדעקט זײ מיט פּראַכט,
פאַרשליסט זײ די אויגען מיט טרוימען.

אַב. וויקטאָר.

---

# אַ שטורעם אין די בערג.

אין אַ הײסען און ליכטיגען זומער־טאָג, ווען די היץ איז אַנגעגליהט, די לופט — כאָטש בײס זי מיט די צײן, דער הימעל אַ פאַרשמאַכטער, אַ בלאַס־בלויער, און אויפ׳ן סאַמע מיטען הימעל שטעהט די זון, ווי אַ דורכ־געשלאָגענע רונדע לאָך ערגעץ אין אַ זונען־וועלט אַרײן, פון וואַנען עס שטראָמט אָהן אויפהער מיט היץ און מיט זון, — דעמאָלט קוקען די פּאַ־ליסאַדען וואָס בײ די ברעגען פון האַדסאָן אַרויס ווי פון אונטער אַ שטראָ־ליגען שלײער, די שײנע און גרויסע פּאַליסאַדען, לעבען וועלכע מען דער־פילט זיך אַזוי מילביג קלײן, לעבען וועלכע מען צעעפענט אַזוי משונה־דיג ברײט די אויגען, ווי מען וואָלט פאַר זיך פּלוצלונג אומדערוואַרטעטע וואונדער דערזעהן... אַט איז דער ריזיגער פּאַליסאַד מיט זײנע וועלדער, מיט זײן גרויסען, טיף־געקנײטשטען שטערן, דער שטערן פון פעלזען, וואָס מאַכט אַ מחיצה צווישען די וועלדער פון אונטען און די וועלדער, וואָס וואַקסען אויבען, אויף זײן קאָפּ. און זײן קאָפּ רײסט זיך הויך און הײבט זײנע שטאָלצע וועלדער אין דער וועלטס הימעל אַרײן...

פּלוצלונג אָבער טרעפט, אַז איבער די אויבערשטע שטאָלצע וועלדער גיט זיך מיט אַמאָל אַ באַוועז אַ גרויער, פאַררויכערטער הימעל.

בײז און פאַרביסען נעמט זיך אַט דער נײער, פון ערגעץ אָפּגעשפּאָל־טענער הימעל שפּאַרען אויף דעם דורכזיכטיגען, מאַט־בלויען הימעל, און נעמט זיך נעהענטערן צו דער זון. ציטערט מיט אַמאָל אויף די לופט און ווערט גלײך אַן אַנדערע. די פּאַר׳ש יכו ר׳טע לופט ניכטערט זיך מיט אַמאָל אויס, וואַרפט פון זיך פּלוצלונג אַראָפּ איר פאַרשטראַלטען שלײער. דער טײך נעמט מיט אַמאָל אָן אַ געוואוינליכען וואַסער־קאָליר, גיסט זיך גלײך צונויף אין אײן שטיק, און אַ ווינטעל נעמט איבער זײן גאַנצער

לענג און ברייט שטיל און גיך בינדען און קייטלען קליינע און האלב־רונדע פעלדען. די פאליסאדען פארלירען זייערע שלייערן, קומען צונויף נעהענטער און נעמען זיך רוי און אפגעדעקט ארויספרעסען מיט זייערע וועלדער און מיט זייערע שווערע גרויע פעלזען, און נעמען וואקסען אזוי ווי עמיצען אין פ נ י ם אריין. די וועלדער נעמען זיך באוועגען און וויגען און זעהען אוים ווי אנגעלאפענע טשערעדעס, וואס יאגען זיך פון אריבער די פאליסאדען, און איילען זיך צום וואסער.

דער שווארץ־גרויער הימעל נעמט זיך טראגען אלץ העכער און העכער. די זון פארשטראלט מיט גאלד זיין פארוויכערטען ברעג. אבער ער קומט צו פעסט צו דער זון און גיט זיך מיט בייזקייט א טראג אריבער איר גאלדענעם רייף. ווערט די לופט מיט אמאל איינגאנצען ערנסט, גרוי און פול מיט ווינט. די ביימער ווערען ווי פון דאס ניי אויפגעטרייסעלט און נעמען זיך וויגענדיג בייגען אלע אויף איין זייט. די צווייגען נעמען פאטשען מיט די בלעטער, ווי זיי וואלטען זיך וועלען אפרייסען און אוועקפליהען. און דער ווינט פרעסט אלץ מער און מער, בייגט אוים די בלעטער מיט די לינקע כ מ ע ט ווייסע זייטען ארויף. מאדנע נעמען אויסזעהן די וועלדער ביים האדסאן: רווישענדיגע, האסטיגע, ווייסע!... און דעם האדסאנס וואסערן נעמען זיך מיט אמאל פרייכענדיג הייבען אין פארגרעסערטע און וויים־פארשוימטע כוואליעס. אין דעם האדסאן זיינען מיט אמאל פון ערגעץ אנגעשוואומען ווילדע ווייסע פערד מיט גרויסע ווייסע גריוועס; און דער ווינט רייסט די גריוועס אין דער לופטען און טרייבט זיי און פלאנטערט זיי איבער'ן טייך.

אנטקעגען דעם שווארץ־גרויען הימעל, וואס האלט נאך אלץ אין וואקסען פון אריבער דעם גרויסען פאליסאד־בארג, באווייזען זיך נאך וואלקענס, נייע און נייע. מחנות־ווייז נעמען זיי זיך טראגען, איינע העכער, איינע נידעריגער. די זון איז שוין לאנג ניטא, אבער אירע שטראלען שפארען זיך ארוים פון אונטער דעם נייעם שווארצען הימעל אין ברייטע פאסען און פארבען די אנגעקומענע וואלקענס; די העכערע ווערען דורך די שטראליגע זונפאסען וויים־ראז. נאר די וואלקענס, וואס הענגען נידעריג, בלייבען ערנסט־גרוי.

איבער די פאליסאדען ווערט מיט אמאל שטאק־פינסטער. די אויבערשטע וועלדער ווערען איינגאנצען פארשוואונדען. די בערג גיסען זיך דארטען איינגאנצען צונויף מיט די וואלקענס, און עס נעמען זיך פון דארטען טראגען דונערדיגע ק ו ל ו ת, ווי געשרייען פון מענשען צי גאר פון ריזען, צווישען וועלכע עס האט אויסגעבראכען א געשלעג, א שלאכט אויף טויט און אויף לעבען. אויפ'ן שווארצען הימעל נעמען זיך גלייך ווייזען צעריסענע אין שטיקער, צעבראכענע פייער־פאסען. עס דערהערט זיך ווי מען שליידערט דארט פעלזען אויף פעלזען; פעלזען שלאגען זיך אין דער לופטען אן אויף פעלזען! מען ברעכט וועלדער, מען רייסט די פאליסאדען אין שטיקער. און אט איז, ווייזט

אוים, אַ ריז אַרײַנגעפּאַלען אין פּלען. עס איז געוואָרען אַ ווילדער טומעל. עס האָבען גענומען אויפפּלאַקערען לאַנגע בליצען אײַנס נאָכ׳ן אַנדערען. די לופט האָט זיך אַנגעצונדען אויף מינוטען און גענומען ברענען אַ פּאַרציטערטע. און דער געפּאַנגענער ריז רײַסט און ראַנגעלט זיך דאָרט, ביז צולעצט לאָזט ער אַרויס אַזאַ ווילדען געשרײ, פון וועלכען די שטאַרקסטע בײמער, וואָס שטעהען אויפ׳ן וועג פון זײַן ק ו ל, נעמען זיך ברעכען ווי שפּענער.

די כוואַליעס נעמען זיך שפּרינגען אין דער לופטען. און אָט יאָגען זיך אָן עטליכע שווערע רעגען־טראָפּענס, קלאַפּען זיך אָפּ אָן די בלעטער פון די בײמער, ווי אָנזאָגענדיג און וואָרנענדיג. און גלײַך דערויף דערהערט זיך מיט אַמאָל אַ גוואַלדיגער קראַך. דער הימעל פּלאַצט מיט אַמאָל אין עטליכע שטיקער. בליצען נעמען זיך שפּרינגען אויף רעכטס און אויף לינקס, באַווײַזענדיג אויף ר ג ע׳ס דעם טײַך און די ריזיגע בערג מיט אַלע זײערע אויבערשטע און אונטערשטע וועלדער. און נאָכדעם נעמט אָן אַנגעלאָפּענער רעגען איבער אַלץ פּאַטשען מיט אַ טראַציגער שווערקײַט. דער רעגען ווערט אַלץ געדיכטער און שווערער. די לופט ווערט שווער אַנגעלאָדען מיט רעגען, ווינט און בײמער־רויש, מיט גרינע בלעטער און נאַסע צווײַגען, וואָס רײַסען זיך און שלאָגען זיך מיט׳ן ווינט.

דוד איגנאַטאָוו.

---

# נאָכ׳ן שטורעם.

עס ציטערט העל אין יעדען טראָפּען
אַ זיבענפאַרבענדיגער ס ו ד;
עס ווײַט מיט פרישע ווילדע האָפּען,
מיט ערד מיט פײַכטער שמעקט דער סאָד.

אַ קילקײַט שטרוימט פון רויזען־בעכער,
פון יעדען קוסט, פון יעדער בײַט,
ווי ס׳וואָלט דאָ עמיץ מיט אַ פעכער
די גאַנצע אומגעגענד באַווײַט.

און אין דעם טײַך, וואָס פּלאַפּעלט לויטער
און ציהט זיך אויסגעבויגען רונד,
שײַנט אָפּ דער ברעג זיך, אַ באַטויטער,
און רײנער לויכט דער זאַמד פון גרונד.

און רײַן באַזונגט און באַוואַשען,
דערמאָנט דאָס פענסטער, דוכט זיך, איצט
זײַן אויסגעשרײ דעם הילכיג־ראַשען,
ווען ס׳האָט דער שטורעם זיך צעבליצט.

עס פאלען טראפענס זוניג־רונדע
מיט לייכטען קלונג פון צווייג און דאך —
דאס ווײנט פאר פרײד די שטילקייט־שטונדע
און בענשט דעם הימעל אויף איר שפראך.

ל. נײדוס.



## ביים ים.

דער ים איז אפען, ברײט און טיף.
איך שטעה ביים ים אלײן.
איך זעה פון ברעג דארט ווייט א שיף
אין ווייטע לענדער געהן.

איך קוק איר נאך; די זון פארגעהט,
דער נעבעל וואקסט; דער ווינט
מיט נאכט און קעלט אין פנים ווײט;
די ווייטע שיף פארשווינדט.

דער ים איז פינסטער, גרויס און טיף
און רוישט ביי מיינע פיס.
„א גוטע נאכט, אוי, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גרים!“

מאני לייב.

# אויפ׳ן ים.

שווימט אַ שיף אין מיטען ים,
שווימט און וויגט זיך הער און הין.
שיף, פון וואַנען? שיף, וואוהין?...
גיהט אַ שיף אין ברייטען ים...

## א) ביינאַכט.

כמורנע, אומעטיג אויפ׳ן ים. אומרוהיג שלײַדערן זיך אײַנע אויף די צווייטע די טונקעל־גרעדיכטע וועלען מיט די גרויע שוים־קעפּ. שווער איז דער אומעט פון פאַרטרויערטען ים און גרויס איז זײַן אויפרעגונג. מענשעל, וואוהין קריכסטו! מענשעל, וואוהין רוקסטו זיך! אויף אַ שאַל פון אַ ניסעל האַסטו זיך געלאָזען איבער די מעכטיגע וואַסערן. אָך, דו נעבעך־נעבעכעל!...

פון אַלע מעגליכע זײַטען: פון טונקעלען אויבען, פון קאַלט־פײַכטען אונטען, פון אומקלאָרען, אומבאַשטימטען האָריזאָנט־רינג — רוקט זיך אויף דעם שיף אַ געהײַמניספולע, שטאָק־בלינדע נאַכט. און ווי דאָס קרעכצען פון שיף אין דעם אָהן־אויפהער־געוויש פון די וועלען, אַזוי ווערט פאַרשלונגען דער אומדרײַסטער שײַן פון די פענסטער אין צוזאַמענגע־גאָסענעם נעבעל פון הימעל, וואַסער און נאַכט. און בלויז איבער דער „נאָז" פון שיף איבער זײַן הינטערטײַל ציטערן קינדעריש־הילפלאָז צוויי עלענדע, פאַרלאָרענע וואַנדער־פײַערלעך.

טיפער און טיפער זעצט זיך אויף אונז די אַרומיגע נאַכט. שטיל און דערשראָקען קרעכצט אונזער שיף, און צײַטענווײַז כליפּעט עס, ווי אַ קינד פון שלאָף, און געהט. מ׳זעהט נישט קײַן פירער: געטרי־בען פון קרעפטען געהײַמע, ווי אַ נאַכטוואַנדלער לויפט עס אין שלאָף.

געזאַלצענער, שאַרפער ווערט דער אָטעם פון שוואַרצען, צערו־דערטען ים.

מו־או־או! — האָט זיך פלוצים אַרויסגעריסען בײַם שלאָפענדען שיף פון דער ברוסט.

אַ ווײַסער נעבעל האָט אַרומגערינגעלט אונזער שיף, קריכט אויפ׳ן דעק, אין פּנים, אין די בײַנער אַרײַן. דער טרײַב־שרויף הײַבט אָן צו אַרבײַטען לאַנגזאַמער און שווערער. אַ רויער, הײַזעריגער פײַף שפּרינגט פון דעק אין נעבעל אַרײַן, נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צעהנטער און מער. יעדער פון זיי לאָזט זיך זוכען זײַנע פאַרשוואונדענע ברידער און ווערט פאַרלאָרען, אַזוי ווי זיי.

שטיל און אומקלאָר, ווי אַן אַלטער לאַנגאַניגער חלום, קומט אָן פון ערגעץ עפּעס אַ קלאַנג. מעגליך — אַ קרעכץ, מעגליך — אַ לאַנגער אויסגעצויגענער געניץ פון אַ ברייטען האַלז און מויל. אונזער שיף טוט אַ דערשראָקענעם צאַפּעל און ענטפערט הײַזעריג און פאַרצווייפעלט. אַ צווייטער קלאַנג, אַ ביסעל דײַטליכער דערגרייכט צום אויער, און אויפ׳ן

וויסטען וואסער־פּלײַן פאנגט זיך דאן אָן אַ מאָדנער דועט צוגישען צוויי וועלטען, וואָס זעהען נישט אײַנע די צווייטע. עס איז שווער צו זאָגען, פון וואנען עס קומט די פרעמדע שטימע: פון גאַנץ ווײַט אָדער פון גאָר נאָהענט; פילײַכט פון פאָרענט און א פ ש ר ערגעץ פון אַ זײַט..

דער פייף פון ווײַטען גערט פארבײַ אין אַ זײַט און לאָזט זיך הערען שוואכער. דערנאָך ווערט ער אינגאנצען דערטרונקען אין דער נאכט.

אונזער שיף האָט זיך ארויסגעשלאָגען פון שלאָף און לויפט זיך שטאַרקער און מונטערער זײַן וועג.

## ב) ד ע ר  ט אָ ג  ק ו מ ט.

די נאכט איז ווי וואסעריג געוואָרען. אַ בלאַסע, שיטערע פליסיגקײַט דרינגט פון ערגעץ אין דער פינסטערניש אַרײַן, מישט זיך לאַנגזאַם מיט איר און פארבט זי אַלץ גרויער און גרויער. דער גרויער אָפּגרונד שווינדעלט אין די אויגען, און פון אים איז נאָך שווערער ארויסצובאַקומען כאָטש אַ וועלכען עס איז באַשטימטען שטריך.

דער טאָג געהט.

די וואָלקענס ווערען דורכזיכטיג, שיטערער, רײַסען זיך ערטערווײַז און אנטפּלעקען דעם מאָט־אויסגעבלײַכטען הימעל; דאָס גערויש פון די וואסערן פארלירט זײַן שרעקענדען כאַראַקטער; די וועלען שפּילען זיך פארשײַט און לוסטיג, אַ ביסעל ווילד, ווי צעלאָזענע קינדער. גרויס און שטראַלענד שטײַגט עמיצער ארויף דאָרט ווײַט, בײַם ברעג פון י ם און הימעל און זײַנע בליקען פארטרײַבען די לעצטע שאָטענס פון דער פאַרשטאַרבענער נאכט. שיין וועט זײַן דער טאָג, וואָס קומט אָן אויף אונז!

אַ מאַטראָז מיט אַ בעזעם אין האַנט שפּרינגט פּלוצים פון ערגעץ ארויס אויפ׳ן דעק, שוואַרץ ווי אַ טײַוועל. ער לויפט פארבײַ און פאַרזינקט אין עפּעס אַ לאָך אַזוי געשווינט, ווי ער האָט זיך באַוויזען...

דער טאָג איז געקומען.

איבער׳ן י ם האָט געברענט דער טאָג אין זײַן גאַנצער הערליכקײַט. די מעכטיגע בלויע ברוסט האָט זיך נאָך געוויגט ארויף און אַראָפּ נאָך דער שווערער, אומרוהיג־פאַרבראַכטער נאכט; אָבער מיט יעדען מעגליכען טריט, וואָס די זון האָט געמאַכט איבער׳ן הימעל, האָט זיך דאָס וואסער געשטילט אַלץ מער און מער. אַ ברייטער שנײ־ווײַסער שוים־וועג, געפּלעקט מיט גרין און בלוי, האָט זיך געצויגען פון הינטער אונזער שיף און איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין דער העלער גאָלדענער ווײַטקײַט. און פון פאָרענט איז געלעגען פונקט אַזאַ העלע גאָלדענע ווײַטקײַט, און פון אַלע זײַטען האָט זי אויף אונז געקוקט; און אונזער שיף איז געוועזען דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט.

ל. שאַפּיראָ.

# ים־ליד.

אָנגעב׳ר ו ג ז׳ט האָט דער י ם זיך
און געקנײַטשט זיך און געקרימט.
פלוצלונג האָט ער זיך צעבײַזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנטקעגען
ווילד און בײַז, מיט ווײַסען שוים,
כוואַליעס לײַבען, כוואַליעס שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם ת ה ו ם.

אָט האָט זיך אַ טאָל געעפענט,
אָט שטעהט אויף אַ הויכער באַרג.
פלאַטער, זעגעל, בײַג זיך, מאַסטבוים!
דו, מײַן האַרץ, בלײַבסט פעסט און שטאַרק!

ר׳ יהודה הלוי, איבערזעצט ח. נ. ביאַליק.

---

# דער אײַזבאַרג.

## א.

העלע, וואַרימע טעג האָבען געבלאַנדזשעט איבער׳ן י ם.

אויף דער י ב ש ה זײַנען איצטער שאַרפע גראָזענע צינגעלעך געקראָכען פון דער ווײַכער, שמעקעדיגער ערד, האָבען געשטיגען און געשאָסען אַרויף, צו דער ווײַטער, ווײַטער זון. און אויף די האַלב־הוילע צווײַגען פון די בײַמער האָבען, ווי פאַרגליווערטע טראָפענס טוי, געשפּראָצט גרינע פולע קנאָספען, שטײַף פאַרפאַקטע און פאַרוויקעלטע, טראָגענדיג אין זיך די טונקעלע שאָטענס, וואָס די בײַמער וועלען שפּעטער אַרום זיך פאַרשפּרײַטען. און דאָ, אויף דער גלאַטער וואַסער־פלאַכע — קײַן בערגעל, קײַן בײַמעל, קײַן גרעזעל, קײַן אײַנציגער געגענשטאַנד אויסער אונזער שיף, דאָס אויג זאָל האָבען אויף וואָס זיך אָפּצושטעלען.

וואַרים איז געוועזען די לופט און ווײַך, ווי בוימעל.

און פלוצים, אין אַ וואַרימען גאָלדענעם פריהמאָרגען, האָט ערגעץ פון אַ זײַט אַ ציה געטאָן אַ דינער, שאַרפער און קאַלטער שטראָם.

די זון האָט געברענט אין הימעל, ווי פריהער; די לופט האָט זיך באַוועגט ווײַך און שוואַך, ווי דער אָטעם פון אַ קינד אין שלאָף, און דאָך איז אויפ׳ן י ם געוואָרען קעלטער און קעלטער. געשפּירט האָט זיך, אַז ע מ י צ ע ר געפינט זיך אָט דאָ, ערגעץ גאָר נאָהענט, אַז עמיצער קומט; און זײַן נאָהענטקײַט האָט אַרויסגערופען אין אַלעמען אַ פאַרבאָרגענע שרעק. מיט אַנגסט האָבען מיר אַלע געקוקט אויפ׳ן

י ם, אויפ׳ן הימעל, איינער אויפ׳ן אנדערען און ווידער אויפ׳ן י ם, און געוואַרט, און געציטערט...

ב.

לאנגע מאנאטען נאכאנאנד האט גאט געוויזען זיין שטארקע האנט אין דעם ווייטען צ פ ו ן. שווער האט דער י ם זיך געראנגעלט מיט דער קאלטער, אייזערנער האנט, וואס האט געדריקט זיין מעכטיגע ברוסט. ער האט זיך געווארפען, געדרייט און געשליידערט און שרעקליך אנגעשטרענגט זיינע אומגעהייערע ביינער און מוסקולען. און אזוי איז ער פארגליווערט געווארען אין זיין גרויסער אנשטרענגונג, מיט אומגעלומפערט אויסגעבויגענע און צעווארפענע גלידער, מיט׳ן שטעמפעל פון טויט־שרעק און מ ו ר א׳דיגער ג ס י ס ה אויף זיין געזיכט.

אונטער׳ן טויטען אפשיין פון פארפרארענעם הימעל האבען זיך געצויגען אין אלע זייטען פון דער וועלט צעבראכענע, שארף־געשניטענע בערג און טיפע טאלען; און בייזע ווינטען האבען געפייפט צווישען זיי זייערע טייוועלשע לידער און געשמיסען איבער זיי מיט וואלקענס שטעכיגע שניי־נאדלען. ביי די נעכט האט א פייערדיגע האנט זיך געהויבען פון צ פ ו ן ־ זייט, געשטיגען ביז׳ן זעניט, פארדעקט א האלבען הימעל מיט איר פאנטאסטישען גלאנץ, און אירע ריזיגע פינגער האבען זיך שטום און לאנגזאם באוועגט און ווי „גע׳ד ו כ נ׳ט" איבער דער פארשטארבענער וועלט... צייטענווייז האבען די ווינטען און שטורמען זיך פארשטעקט צווישען די אייזבערג און זיינען פארשטומט געווארען אויף א ווייל. און דאן איז די שווייגעניש געווען גרויס, שרעקליך גרויס; די לופט — שארף און אומבאוועגליך, ווי שטיין, און נאר גאט אליין האט אין שטאלצער איינזאמקייט געקוקט און געקוקט אויף דעם וועלט־מ ד ב ר.

שיין און מ ו ר א׳דיג האט גאט געוויזען זיין האנט איבער׳ן ווייטען צ פ ו ן!

דער אלטער, פאראומערטער, ווייסער בער, א מעכטיגער עקזעמפלאר פון זיין מעכטיגען מין, וועלכער האט שוין געזעהן א ביסעל גאטס גרימצארן אויף זיין וועלט, האט דעם דאזיגען ווינטער כ מ ע ט איינגאנצען פארבראכט אין זיין הייל פון שניי און אייז. מיט יעדען טאג זיינען די פאסען שמאלץ אונטער זיין פעל געווארען דינער און דינער. א שווערער דרימעל האט געליימט זיינע גלידער און אנגעגאסען זיין קאפ מיט בליי. ער האט אומקלאר געהערט, ווי דער ווינט מיט׳ן שניי פייפען און קלאגען צווישען די הויכע אייזבערג; און צייטענווייז האט די פייפעריי דערגרייכט צו אזא פארביטערטער שארפקייט, אז דער שלאפענדער בער האט ניט געקאנט איינהאלטען זיינע געפילען און האט ארויסגעלאזען דורכ׳ן שלאף עפעס א מין שנארכענדען ברום, און נאכדעם איז ער ווידער שווער זיך פארגאנגען אין זיין פאר׳ש י כ ו ר׳טען דרי־

מעל. ענדליך האָט ער זיך דערפילט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט שוין אַ פּ י ל ו דרימלען ניט געקאָנט, און זײַנע אויגען האָבען זיך געעפענט פון זיך זעלבסט, און אַ לאַנגע צײַט האָבען זיי שטומפּיג געקוקט דורך דער עפענונג פון זײַן היֵיל אויף די אומגעהײַערע הויפענס שנײַ, וואָס זײַנען צעזײַט געוועזען אַרום, ווי ק ב ר י ם פון ריזען. דערנאָך האָט ער פאַרזיכטיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ ריר'געטאָן מיט אײַנעם פון זײַנע פעדערשטע פיס. דאַן האָט ער זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבען צו רוקען און איז אַרויסגעקראָכען פון זײַן היֵיל, אַן אָפּגעקראָכענער און צעשויבערטער, אַ באָוועגליכער זאַק מיט ביֵינער.

עפּעס אַזוינס האָט זיך געטאָן; נאָר וואָס — האָט ער ניט פאַרשטאַנען. עס איז געוועזען ליכטיג, צו ליכטיג; עס האָבען געוויֵיט ווינטען; ערגעץ האָט עפּעס אונטערגעקנאַקט און אונטער די פיס האָט עס געציטערט. ער האָט זיך געמאַכט פון דעם אַלעם גאַנץ ווײניג און האָט גענומען בלאָנקען זיך איבער'ן אײַז, האָט געגראַבעלט ערטערווײַז אין שנײַ און עפּעס געזוכט. ער האָט גאָרנישט געפונען. און אַז עס איז געוואָרען פינסטער, האָט ער ווידער אײַנגעדרימעלט. ווען ער האָט דערוואַכט, איז ווידער געווען ליכטיג; ער האָט ווידער עפּעס געזוכט און, ווי פריהער, גאָרנישט ניט געפונען. דאָס מאָל איז ער געוואָרען בייז און האָט גאַנץ לאַנג געברומט, ס ת ם אין דער וועלט אַרײַן. די צווײַטע נאַכט האָט עס שטאַרק געקנאַקט; אַלצדינג האָט זיך ווי געשאָקעלט און געדרייט; און דער בער איז אין שלאָף געווען זעהר אומרוהיג. צום טאָג איז געוואָרען רוהיגער. ער איז אַרוים פון דער היֵיל און זיך אַוועקגעלאָזען זוכען עסען; נאָר אָפּגעהענדיג אַ קורצע שטרעקע, איז ער געקומען צו אַ וואַסער. פיעל מאָל האָט ער גענומען אַן אַנדער ריכטונג, אָבער וואוהין ער האָט זיך געווענדט, האָט ער און ווידער און ווידער באַגעגענט וואַסער. זײַן היֵיל האָט זיך געפונען בײַם פוס פון אַ גאַנץ הויכען שנײַ־באַרג. אויף דעם דאָזיגען באַרג האָט דער בער אַרויפגעקלעטערט און זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, דול און צעטומעלט. פון דאַנען האָט ער געזעהן, אַז זײַן מ ל ו כ ה איז געגוג קלײַן, און אַרום אים בלויז וואַסער און וואַסער. אין דער ווײַטענס זײַנען געשוואומען נאַקעטע, ווײַסע אײַזבערג און האָבען בלענד און שטעכיג געברענט קעגען דער זון. דער בער האָט ניט פאַרשטאַנען, ל ח ל ו ט י ן גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט אויפגעהויבען אַ לאַפּע און אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען, דערשראָקענעם און קלאָגעדיגען ברום, ברײַט און פאַרדומפּען, ווי פון אַ פוסטער פאַס.

טעג און וואָכען איז דער אײַזבאַרג געשוואומען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. פון י ם צו י ם וואַנדערט ער, פון וואַסער צו וואַסער; און מיט יעדען טריט דערנעהערט ער זיך לאַנגזאַם און זיכער — צו

זײַן אײגענעם טויט. נישט אײנמאָל פֿאַרלירט ער פּלוצים זײַן גלײַכגעוויכט און קערט זיך איבער; און דאַן אַנטפּלעקען זיך אין זײַן ריזיגען קערפּער טיפֿע, צעגעסענע וואונדען. דער שניי איז שוין לאַנג פֿון אים אַראָפּ. איצט באַשטעהט ער פֿון רײנעם לויטערען דורכזיכטיגען אײַז, ערטערווײַז פֿאַרוואַשען און פֿאַרקײַלעכדיגט, ערטערווײַז שאַרף און שפּיציג, ווי אַ גאָלמעסער. ער געהט, און זײַן קאַלטער אָטעם געהט פֿאָרויס און דערציילט וועגען זײַן קומען. ער געהט — און דערציילט אויף שטום־ל ש ו ן, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכער ווינטער עס איז געוועזן אין ווײַטען צ פ ו ן, ווי שווער געשמידט דער י ם איז געוועזען, און ווי עלענד גאָט איז אין יענע מ ק ו מ ו ת.

ג.

אַלע זײַנען געוועזן אויפֿ'ן דעק פֿון שיף. אַלע האָבען זיך צונויפֿגעשלאָגען אויפֿ'ן דעק און האָבען געשיקט זײערע אַנגעשטרענגטע בליקען אין י ם אַרײַן, אויף וועלכען מען האָט נאָך דערווײַלע גאָרנישט געזעהן.

רעכטס בײַם האָריזאָנט האָט זיך פּלוצים אַרויסגעשטעקט פֿון וואַסער אַ גליהענדער גאָלדענער שטרײַף, ווי אַ בלאַנקער שווערד, האָט זיך אַרײַנגעשטאָכען אין הימעל, האָט זיך איבערגעדרײט און איז מאָמענטאַל פֿאַרלאָשען געוואָרען. עטליכע סעקונדען זײַנען פֿאַרבײַ; דער עולם אויפֿ'ן שיף האָט ניט געעטעמט. און ווידער האָט עס אַ פֿינקעל געטאָן אין דער ווײַטען. דאָס מאָל איז אַ שאַרפֿער שפּיז געשלײַדערט געוואָרען אַרויף, און באַלד נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער גאַנצער אײַזבאַרג אָפּגעצייכענט אויפֿ'ן י ם, ברענענדיג אין אײן העלישען פֿײַער. די זון האָט געמאַכט אויף אים אַ שטורמישען אָנפֿאַל און האָט אים באַשאָסען מיט דינע, לאַנגע און הייסע פֿײַלען. ער האָט זיי געצויגען פֿון זײַנע וואונדען, געבראָכען זיי אויף שטיקלעך און שוין אָפּגעקילטע, ה ג ם פֿינקלענדיגע, געשמיסען זיי צוריק איר אין פּ נ י ם אַרײַן. שטום און פֿאַרביסען איז אָנגעגאַנגען די שלאַכט אויף לעבען און טויט. דער באַרג האָט זיך לאַנגזאַם געדרייט אַרום זיך און געוויזען אַלע זײַנע באַטאַרייען. ער איז געגאַנגען געגען זײַן טויט אין קאַלטען, שטאָלצען און שטראַלענדען עלענד, אין וועלכען ער איז געבאָרען געוואָרען דאָרט, אין ווײַטען צ פ ו ן.

ער איז פֿאַרבײַגעשוואומען בײַ אַ זײַט און האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבען צו פֿאַרשווינדען.

ל. שאַפּיראָ.

# הײַאַוואַטאַס נסיעה.

„גיב, בעריאָזע, מיר דײַן קאָרע,
גיב מיר פון דײַן געלער קאָרע,
דו, וואָס וואַקסט בײַם שטראָם, דעם שנעלען,
הויך און פּראַכטיג אין די טאָלען!
כ'וועל אַ לײַכטעם שיפעל בויען,
אַ „טשימאַן" אַ פלינקען בויען,
וואָס וועט שווימען אויפ'ן וואַסער,
ווי אַ בלאַט אַ געלם אין הערבסט־צײַט,
ווי אַ געלע וואַסער־ליליע."

„טו דײַן מאַנטעל אויס, בעריאָזע,
נעם דײַן ווײַסע הויט אַרונטער;
באַלד שוין וועט דער זומער קומען,
ס'וואַרימט שוין די זון אין הימעל,
און דו דאַרפסט דײַן ווײַסע הויט ניט."

אַט אַזוי אין שטילען וואַלד האָט,
בײַ דעם שנעלען טעקוועמינאַ,
הויך געררופען הײַאַוואַטאַ,
ווען געטרעלט די פויגלען האָבען,
העל געטרעלט אין בלעטער־מאָנאַט.
און דערוואַכענדיג פון שלומער,
האָט די זון געזאָגט: „קוק אָן מיך!
„מיך, די גרויסע זון, די „גיזים"!"

און דער בוים מיט אַלע צווײַגען
האָט גערוישט אין מאָרגען־ווינטעל,
מיט אַ זיפץ אים נאָכגעגעבען:
„נעם מײַן מאַנטעל, הײַאַוואַטאַ!"

דאַן דעם בוים־שטאַם מיט זײַן מעסער
האָט ער רונד אַרומגעשניטען
סאַמע אונטער ד'ערשטע צווײַגען,
סאַמע איבער זײַנע וואָרצלען,
ביז די זאַפט אַרויסגעשפּריצט האָט.
דאַן פון אויבען ביז אַרונטער
האָט ער דורכגעהאַקט די קאָרע,
לויז געמאַכט זי מיט אַ האָלץ־קלין
און זי אָפּגעשײַלט אַ גאַנצע.

„גיב מיר, צעדער, דײַנע צװײַגען,
דײַנע בײגיק־שטאַרקע צװײַגען,
צו באַפֿעסטיקן מײַן שיפֿעל,
מאַכען זיכערער און שטאַרקער."

דורכגעררױשט דעם שפּיץ פֿון צעדער
האָט אַ קלאַנג, אַ קרעכץ פֿון מ ו ר א,
האָט פֿון װידערשטאַנד אַ מורמעל;
דאָך פֿאַרבײגט זיך האָט דער צעדער
און געשושקעט: „נעם די צװײַגען."

אָפּגעהאַקט די צװײַגען האָט ער,
האָט געמאַכט פֿון זײ אַ רײף־װערק,
האָט געמאַכט פֿון זײ צװײ בױגענס,
אײנער צוגעבױגט צום צװײטען.

„גיב מיר, לערכענבױם, די װאָרצלען,
„טעמרעק", גיב די פֿעדים־װאָרצלען;
כ ד י מײַן שיפֿעל צו פֿאַרבינדען,
אַלע עקען צו פֿאַרבינדען,
ס'זאָל דאָס װאַסער ניט אַרײַנגעהן,
ס'זאָל דער טײַך מיך ניט באַנעצען."

אין דער מאָרגען־לופֿט געציטערט
האָט דער בױם דורך אַלע װאָרצלען,
מיט די פֿרענז באַרירט זײַן שטערען
און געזאָגט מיט שװערע זיפֿצען:
„נעם זײ אַלע, הײַאַװאַטאַ!"

פֿון דער ערד אַרױסגעריסען
האָט ער פֿון דעם בױם די פֿעדים,
אױסגעפּליקט די שטײַפֿע װאָרצלען,
פֿעסט צונױפֿגענײט די קאָרע,
פֿעסט געקניפּט זי צו די רײפֿען.

„גיב מיר, טענענבױם, דײַן באַלזאַם,
גיב דײַן באַלזאַם און דײַן פּעך־זאַפּט
צו פֿאַרקלעפּען אַלע שפּעלטלעך,
ס'זאָל דאָס װאַסער ניט אַרײַנגעהן,
ס'זאָל דער טײַך מיך ניט באַנעצען."

הױך און פֿינסטער האָט דער טענענבױם
אין זײַן שװאַרצען קלײד געכליפּעט,

האָט געשאַרכט ווי וואַסער־שטײנדלעך,
האָט געענטפערט מיט געיאָמער:
„נעם מײַן באַלזאַם, הײַאַוואַטאַ!“

און ער האָט די באַלזאַם־טרערען,
האָט דעם טענען־זאַפט גענומען;
און דערמיט פאַרשמירט די זוימען,
יעדען שפּאַלט באַשיצט פון וואַסער.

„גיב מיר, „קאַג“, די שפּילקעס דײַנע,
גיב מיר, יאַזשיק, דײַנע שפּילקעס,
כ׳וועל פון זיי אַ האַלזבאַנד מאַכען,
און אַ גאַרטעל פאַר מײַן שײַנדעל,
אויף איר ברוסט צוויי שטערען שײַנע“.

פון אַ פּוסטען בוים דער יאַזשיק
האָט אים אָנגעקוקט פאַרשלאָפען,
האָט ווי פײַלען אָפּגעשאָסען
זײַנע שפּילקעס און געפּרעפּעלט
דורך דעם קנויל פון זײַנע וואָנצעס:
„נעם זיי אַלע, הײַאַוואַטאַ!“

פון דער ערד האָט אויפגעקליבען
אַלע שפּילקעס הײַאַוואַטאַ,
האָט די גלאַנצענדיגע פײַלכלעך,
רויט און געל און בלאָה געפאַרבט זיי
מיט דעם סאָק פון ווילדע יאַגדעס
און פון זיי געמאַכט זײַן שיפעל
אויפ׳ן בויך אַ העלען גאַרטעל,
אויפ׳ן פאָדער־שפּיץ אַ האַלזבאַנד,
אויף דער ברוסט צוויי שטערען שײַנע.

אַט אַזוי געבויט זײַן שיפעל
האָט ער אין דעם טאָל בײַם וואַסער,
פון דעם וואַלד אַרומגערינגעלט.
ס׳האָט געהאַט פון וואַלד דאָס לעבען,
זײַנע ס ו ד ו ת, און זײַן צויבער;
פון בעריאָזע־בוים די לײַכטקייט,
פון דעם צעדערבוים די פעסטקייט,
און די בייגיגקייט און ווייכקייט
פון די לערכענביימערס אָדערן.
און עס איז אין טײַך געשוואומען,

ווי א בלאט פון הערבסט א געלעם,
ווי א געלע וואסער־ליליע.

הײַאַוואטאַ האָט קײַן רודערס
ניט געהאַט און ניט געדאַרפט אויך.
מיט געדאַנקען בלויז פאַר רודערס,
מיט זײַן ווילען בלויז אַלס פירער —
רעכטס און לינקס, דאָ שנעל, דאָ לאַנגזאַם,
לויט זײַן וואונש געפאָרען איז ער.

יהואש, פון לאָנגפעלאָו.

---

## דאָס בענשען פון די קוקורוזע־פעלדער.

מ׳האָט די בלוטיגע האַק באַגראָבען
און דעם מ ו ר א׳דיגען קריגס־שטאָק;
מ׳האָט באַגראָבען אַלע וואָפען
און דעם שלאַכט־געשרײַ פאַרגעסען.
אײַין פאָלק — פרידליך מיט דעם צווײַטען.
רוהיג אומגעהן פלעגט דער יעגער,
בויען זיך זײַן בירקען־שיפעל,
פאַנגען פישען אין די טײַכען,
שיסען הירשען, כאַפּען ביבערס;
רוהיג פלעגט די פרוי דעם צוקער
זאַמלען פון די צוקער־בוימען,
קלײַבען ווילדע רײַז אין לאָנקע,
גאַרבען הירש־ און ביבער־פעלען.

גרין אַרום דעם רוהיגען דערפעל
האָט געגלאַנצט די קוקורוזע,
האָבען זיך געוויגט די פעדערן
און די גאָלד־לאָקען „מאָנדאַמינס“,
פילענדיג דאָס לאַנד מיט ש פ ע.
פרויען פלעגען אין דעם פרילינג
ס׳ברײַטע, פעטע פעלד פאַרזײַען
און באַגראָבען דעם „מאָנדאַמין“;
פרויען פלעגען אין דעם אָסיען
אָפּשײַלען די רײַפע שאָלעכץ
און מאָנדאַמינס קלײַדער אויסטאָן,
ווי געטאָן האָט הײַאַוואטאַ.

אײַנמאָל, נאָך דער צײַט פון ז ר י ע ה,
האָט געזאָגט צו מיניהאַהאַ׳ן,
צו זײַן װײַב, צו „לאַכיג־װאַסער“,
הײַאַװאַטאַ, פול מיט פאַרזיכט:
— „זאָלסט בײַנאַכט די פעלדער בענשען,
מיט אַ כ י ש ו ף ־קרײַז אומרינגלען
זײַ צו שיצן פון צעשטערונג,
פון דעם מעל־טוי, פון אינזעקטען,
„װײַגעמין“, דעם פעלד־באַרױבער,
„פּײַמאַסעד“, דעם זאַנגען־גנב.

„בײַ דער נאַכט, װען אַלץ איז שטילקײַט,
בײַ דער נאַכט, װען אַלץ איז ח ו ש ך,
װען דער גײַסט פון שלאָף „ניפּאַהװין“
שליסט די טירען פון זײַן װיגװאַם, —
ס׳זאָל קײַן אױג דיך ניט באַמערקען,
און קײַן אױער דיך ניט הערען,
שטילערהײַט, שטעה פון דײַן בעט אױף,
װאַרף אַראָפּ דײַן גאַנצע קלײַדונג
און שפּאַציר אַרום די זױמען
פון די קוקורוזע־פעלדער,
בלױז באַדעקט מיט דײַנע לאָקען,
בלױז געהילט אין נאַכט אַלס מאַנטעל.

„ס׳װעט דערפון דאָס פעלד געראָטען;
דײַנע פוס־טריט װעלען מאַכען
רונד אַרום אַ כ י ש ו ף ־ צירקעל.
ניט דער מעל־טוי, ניט אינזעקטען,
ניט די װערעם װעלען קענען
דורכגעהן דורך דעם כ י ש ו ף־צירקעל,
ניט די שלאַנגען־פליג „קװאַנישי“,
ניט די שפּין, די „סוביקאַשי“,
ניט דער הײַשריק „פּאַ־פּאַק־קינע“,
ניט דער שטאַרקער פליגען־װאָרעם,
„װײַ־מאַק־קװענע“ מיט דער בער־פעל,
קיניג פון די פליגען־װערעם.“

נאָהנט פון פעלד, אױף בױמען, זײַנען
קראָהען הונגעריג געזעסען,
„קאַגאַדזשי“, דער ראָבען־קיניג,
מיט זײַן שװאַרצער רױבער־באַנדע

און געלאַכט פון הײַאַוואַטאַן,
ביז די בוים־שפּיצען געוויגט זיך
האָבען פון דעם וויסטען לאַכען
איבער הײַאַוואַטאַס ווערטער:
„הערט נאַר,“ — האָבען זײ גע׳חוזק׳ט, —
„הערט נאַר אונזער חכמ׳ס פּלענער.“

ווען די שטילע נאַכט אַראָפּ איז,
שוואַרץ צעשפּרײט אויף וואַלד און פעלד זיך,
און באַטריבט די „וואַוואָנײַסע“
אין די בוימען האָט געטרויערט,
און דער גײַסט פון שלאָף „ניפּאַהווין,“
האָט זײַן וויגוואַם־טיר פאַרשלאָסען,
דאַן איז פון געלעגער אירען
אויפגעשטאַנען מיניהאַהאַ,
אויסגעטאָן די קלײדער אירע
און פאַרדעקט, באַשיצט מיט חושך,
איז אָהן בושה און אָהן מורא
אַרום פעלד אַרומגעגאַנגען,
מאַכענדיג אַ צויבער־צירקעל
אַרום פעלד מיט אירע פוס־טריט.

מאָרגען גלײַך אויף טאָג פאַרזאַמעלט
„קאַגאַדזשי“, דער ראָבען־קיניג,
האָט זײַן שוואַרצע רויבער־באַנדע, —
ראָבען, קראָהען אַלע מינים,
קרעכצענדיג אויף נאָהנטע בײמער,
און אָהן מורא שנעל געלאָזט זיך
אויפ׳ן פעלד פון הײַאַוואַטאַ,
אויף דעם קבר פון „מאַנדאַמין“
און געשריען: „פון זײַן קבר
וועלען מיר „מאַנדאַמין“ שלעפּען,
אויף צו להכעיס אַלע קרײַזען,
וואָס געמאַכט האָט מיניהאַהאַ,
און די טריט די אײַנגעווײַטע,
וואָס געשטעלט האָט לאַכיג־וואַסער.“

דאָך דער כיטרער הײַאַוואַטאַ,
תמיד קלוג און אויסגערעכענט,
האָט געהערט, ווי פון די בוימען
האָבען זײ פון אים געחוזק׳ט,

„קאַ“, — געזאָגט האָט ער, — „איר ראָבען,
„קאַגאַדזשי“, מײַן ראָבען־קיניג,
כ׳וועל אײַך אָנלערנען אַ פּאַס איצט,
וואָס איר וועט ניט גיך פאַרגעסען.“

אויפגעשטאַנען איז פאַרטאָג ער,
אָנגעשטעלט אויף אַלע פעלדער
פּאַסטקעס פאַר דער שוואַרצער ח ב ר ה,
דאָן געלעגען און געלויערט,
נאָהנט דערבײַ אין סאָסנע־וועלדעל;
דאָרטען אָפּגעוואַרט דאָס קומען
פון די קראָהען און די ראָבען.

מיט אַ קלאַפּערײַ פון פליגלען,
מיט אַ קרעכצערײַ געקומען
זײַנען זײ צו דער פאַרוויסטונג
און דאָס פעלד גענומען גראָבען
מיט די שנאָבלען און די נעגעל,
זוכענדיג „מאַנדאַמינס“ קערפּער.
דאָך מיט זײער גאַנצער קריגס־קונסט
און פאַרשפּיצטקײַט, ניט פאַרשטאַנען
האָבען זײ דאָס נאָהנטע אומגליק,
ביז מיט נעגעל אײַנגעפּלאָנטערט
אין די נעצען הײַאַוואַטאַס
זײַנען זײ געווען געפאַנגען.

פון זײַן לויער־פּלאַץ דאָן איז ער
צווישען זײ אַרויסגעטראָטען
מיט אַזאַ געזיכט פון צאָרן,
אַז דער שטאַרקסטער האָט געציטערט.
לינקס און רעכטס צו צעהן, צו צוואַנציג,
האָט ער אויסגעטײט אָהן מיטלײד
און די העסליכע פּ ג ר י ם
פאַר סטראַשידלעס אויפגעהאַנגען
בײַ די אײַנגעווײַטע פעלדער
אַלס אַ ס י מ ן פון זײַן ראַבע,
אַלס אַ וואָרנונג פאַר ג נ ב י ם.

אָבער „קאַגאַדזשי“, דעם פירער,
„קאַגאַדזשי“, דעם ראָבען־קיניג,
האָט פאַרשוינט ער און געהאַלטען
אַלס אַ מ ש כ ו ן פון זײַן ש ב ט;

מיט זײַן שטריק פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע
אים אַרומגעבונדען האָט ער,
אים אַוועקגעפֿירט צום װיגװאַם
און מיט קאָרע־שטריק געפּענטעט
צו די קראַקוועס פֿון דעם װיגװאַם.

דאַן געזאָגט: „מײַן ראָבען־קיניג,
דו, דער פֿירער פֿון די רויבער,
דו, דער בײזער פּלאַנען־מאַכער,
דו, די ס י ב ה פֿון דעם אָנפֿאַל, —
כ׳װעל דיך פֿאַר אַ מ ש כ ו ן האַלטען,
פֿאַר אַן ע ר ב ו ת, אַז דײַן ש ב ט
זאָל זיך אויפֿפֿירען געהעריג.“

און געלאָזט אים אויס׳ן װיגװאַם
האָט ער, פֿינסטער און פֿאַרערגערט,
זיצענדיג אין מאָרגענזונליכט,
קרעכצענדיג פֿון שטאַרקען צאָרן,
קלאַפּענדיג די שוואַרצע פֿליגלען,
קעמפֿענדיג אומזיסט פֿאַר פֿרײַהײַט,
רופֿענדיג אומזיסט זײַן ש ב ט.

זומער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען,
און געאָטעמט „שאָוואָנדײַסי“
דורכ׳ן פֿעלד האָט זײַנע זיפֿצען,
האָט געהויכט זײַן גלות פֿון ד ר ו ם,
האָט געװײַט מיט הײסע קושען,
ביז די קוקורוזע פֿאַרטיג
איז אין פֿולער פּראַכט געשטאַנען
אין אַ געל־און־גרינעם מאַנטעל,
אויסגעפּוצט מיט פֿרענז און פֿעדערן,
און די גלאַנציג־פֿולע זאַנגען
האָבען דורכגעפּלאַצט די שײדען.

מיט דער אַלטיטשקער נאָקאָמיס
פֿרײליך איז אַרויסגעגאַנגען
לאַכיג־װאַסער פֿון איר װיגװאַם;
מיטגערופֿען אַלע ש כ נ ו ת,
אַלע ב ח ו ר י ם און מײדלעך,
אום די ת ב ו א ה אײַנצוזאַמלען,
אום די זאַנגען אָפּצושײלען.

און די קריגס־לײַט, און די  ז ק נ י ם
זײַנען בײַם ברעג װאַלד געזעסען
און געררויכערט אין דעם שאָטען;
שװײַגענדיג זיך צוגעקוקט בלויז
צו דער שפּילענדיגער אַרבײַט
פון די  ב ח ו ר י ם  און מײדלעך;
צוגעהערט זיך, װי זײ פּלוידערן,
װי זײ לאַכען און זײ זינגען,
פּלוידערנדיג װי די סאָראָקעס,
לאַכענדיג װי  פּאָפּוגײַען,
זינגענדיג װי דער קאַנאַריק.
װען אַ מײדעל בײַ דעם שײלען
אָפּגעגליקט האָט צו געפינען
דאָרט אַ זאַנג אַ בלוטיג־רויטע —
„נושקע", — האָבען זײ געזאָגט דאַן, —
„נושקע" — װעסט אַ  ח ת ן  קריגען,
װעסט אַ מאַן אַ שײנעם קריגען."
„יוג!" — פון זײער סאָסנע־שאָטען
האָבען צוגעבאָמט די  ז ק נ י ם.

יהואָש, פון לאָנגפעלאָו.

---

# ה אָ נ י ק   אַ ר ו י ס נ ע מ ע ן.

דער פריהמאָרגען איז אַ ליכטיגער, רײנער זומער־פריהמאָרגען. אויפ'ן העל־בלויען הימעל זעהט זיך קײן אײן װאָלקענדעל ניט. די לופט איז פריש. ס'איז גרינג און פרײליך צו עטעמען. מישקע כאַפּט זיך אויף גאַנץ פריה. עס ליגט זיך אים ניט אין בעט. ער דאַרף געהן צום פעטער  י ע ק ב'ן. דער פעטער  י ע ק ב  האָט אים נעכטען אָנ־געזאָגט, ער זאָל קומען — ער נעמט הײַנט אַרויס דעם האָניק פון זײַנע בינשטאָקען.

מישקע לויפט טאַנצענדיג. ער נעמט אויפ'ן װעג זײַן  ח ב ר, סיאָמקען, און זײ קומען בײדע צום פעטער  י ע ק ב 'ן. נו, װעלען זײ דאָס הײַנט האָבען צו טאָן מיט די בינען! דער  ע י ק ר  דאַרף מען זיך היטען פאַר אַ בים. אַ בין אַז זי גיט אַ בים, טוט טאַקע זעהר װײ, און ס'װערט אַ גרויסער געשװויר אויפ'ן  פ נ י ם  אָדער אויפ'ן האַנט.

— שוין געקומען,  ק ו נ ד ס י ם? — באַגעגענט זײ דער פעטער  י ע ק ב  מיט אַ פרײליכען שמײכעל. — נו, װאָס הערט זיך בײַ אײַך,  ש מ ח ה?

סיאָמקע דערצײלט. דער פעטער  י ע ק ב  בינדט זיך אַרום  ב עת־ מ ע ש ה  דעם קאָפּ מיט אַ טיכעל. די אינגלעך גיט ער אויך צו טיכ־

לעך און שמאַטעס אויף אַרומצואוויקלען די הענט. צוליב זיך האָט ער הענטשקעס, אָבער ער טוט זיי ניט אָן — זיי זײַנען בײַ אים פאַר־שטעקט הינטער׳ן גאַרטעל. די בינען, זאָגט ער, קענען אים און טשע־פּען אים ניט.

דער פעטער י ע ק ב צינדט אָן אַ האַלב צעקוועטשט בלע־כערן לעמפּעל אָהן אַ גלעזל. דאָס לעמפּעל ברענט מיט אַ שוואַך פײַערל, נאָר דערפאַר וואַרפט עס אַרויס גאַנצע הויפענס שוואַרצען, גע־דיכטען רויך.

— מ׳דאַרף גאָר ניט שרעקען זיך, מ׳דאַרף זײַן רוהיג, — זאָגט אָן דער פעטער י ע ק ב, — אַניט ווערען זיי אויך צעשראָקען... פאַר שרעק בײַסען זיי זיך... און אַזוי זײַנען זיי גוטע... איר מיינט, אַז אַ בין האָט קיין ש כ ל ניט? אָהאַ, נאָך אַ מין ש כ ל! גלאַט אַזוי וועט זי זיך אויף קיינעם ניט וואַרפען. זי ווייס, וועמען מען דאַרף בײַסען און וועמען מען דאַרף ניט. אַ פרעמדער זאָל קומען, אַ ג נ ב, למשל, אָדער אַ ח י ה, אַ וואָסערע ס׳איז — וועלען זיי מעגען דאַנקען גאָט, אַז זיי וועלען אַוועקגעהן גאַנצע, און דעם ב ע ל ־ ה ב י ת ווייסען זיי! וויפיעל זיי דאַרפען האָניק צוליב׳ן ווינטער, לאָז איך זיי איבער און נעמען נעם איך דאָס רעשט, וואָס איז זיי סײַ־ווי־סײַ ניט נייטיג. נו, פאַר דער ט ר ח ה, וואָס איך געה אַרום אַרום זיי, קומט דאָך מיר עפּעס. — דער פעטער י ע ק ב שמייכעלט גוטמוטיג. — נו, איצטער וועלען מיר זיי שיקען שפּאַצירען. זאָלען זיי געהן אַ ביסעל דורכלופ־טערן זיך.

אין אַ ווינקעל פון אַ קליין גערטענדעל שטעהען די בינשטאָקען — פינף דיקע, גלאַט־אַרומגעהובעלטע, פון אינווייניג אויסגעהוילטע קלע־צער. די מײַלער פון די בינשטאָקען זײַנען פאַררוקט מיט דינע, אַקוראַט צוגעפּאַסטע ברעטלעך. אין די ברעטלעך זײַנען דורכגעמאַכט קליינע שפּעלטעלעך — די געוויינטליכע גענג פון די בינען. אַרום די קלעצער קאָכט אָן אומאויפהערליך זשומען. קליינע שוואַרצע הודזשענדיגע קײַקעלעך דרייען זיך אין דער לופטען, אַרום די קוויטען און עפּעלביי־מער פונ׳ם גערטענדעל, אַרום די בינשטאָקען, קריכען אַרײַן כ ס ד ר אין די קלעצער דורך די שפּעלטעלעך און פליהען פון דאָרטען צוריק אַרויס.

דער פעטער י ע ק ב נעמט אַוועק דאָס ברעטעל פון איינעם פון די בינשטאָקען. עס דעקט זיך אויף אַ גרויסע שוואַרצע עפענונג. פון אינווייניג גיבען זיך אַ שיט אַרויס אַ סך שוואַרצע, זשומענדיגע, בייזע באַשעפענישען. עס דוכט זיך עפּעס אַ מ שו נ ה׳דיגע, שטראָמיגע, שוואַרצע ח י ה פויזעט אַרויס פון דעם אויסגעהוילטען קלאָץ און ציהט זיך אַרויף... דער פעטער י ע ק ב בורטשעט עפּעס, רעדט זיי אײַן און בייזערט זיך אויף זיי.

— נו, נו, טײַערינקע, רוקט זיך... קריכט אַרויס... געהט, לופּטערט זיך דורך... קײנער װעט אײַך ניט טאָן קײן שלעכטס... נו שױן!... גי־כער!.... כ'קאָן דאָ ניט שטעהן אַרום אײַך אַ גאַנצען טאָג.

זײ קלײַבען זיך געדיכט אַרום דעם ב ע ל ־ ה ב י ת. זײ װילען פאַרטײדיגען זײער הײם — מעג דער ש ו נ א זײן װער עס װיל! זײער מ ח נ ה װערט ת מ י ד גרעסער, דאָס הודזשען דראָהענדי־גער. נאָר ס'איז שװער עפּעס צו טאָן. די פעל פון'ם פײנד איז אַ האַר־טע — קוים װאָס מען קען זי דורכשטעכען, און פון זײן לעמפּעל שלאָגט אַזאַ געדיכטער און עקעלהאַפטער רױך, אַז דער קאָפּ הײבט זיך אָן צו דרײען, און ס'װערט ניט גוט. די בינען קאָנען ניט אַריבערטראָגען דעם רױך; זײ פליהען אָפּ פון'ם פעטער י ע ק ב 'ן, אָפּגעשװאַכטע, פאַר'ח ל ש'טע. נאָר באַלד װי זײ אַטכײען זיך אָפּ אַביסעל, לאָזען זײ זיך צוריק צו אים; עס קומען אויך אָן נײַע פון'ם בינשטאָק, ראַנגלען זיך און דרײען זיך װי ש י כ ו ר'ע. און אַזױ שטעהט ער אַ צײַט אין מיטען פון אַ טאַנצענדיגען, שװאַרצען געמיש פון רױך און בינען. נאָר ביסלעכװײַז װערט אַרום װי ליכטיגער און גערױמער: דער רױך איז שטאַרקער.

די אײנגלעך זײַנען אומרוהיג, זײ װיקלען זיך בעסער אין די טיכ־לעך, טרײסלען מיט די קעפּ מאַכען מיט די הענט, טרײַבענדיג פון זיך די בינען.

— דרײט זיך ניט! בלײַבט רוהיג! אַז איר שרעקט זיך — װעלען זײ זיך בײַסען... מיכעלע, קום אַהער! האַלט דאָס לעמפּעל!

מישקע נעמט דאָס לעמפּעל אין אײן האַנט און מיט דער אַנדערער װיקעלט ער שטײַפער דאָס טיכעל אַרום דעם פּ נ י ם. ער פאָכט אַרום מיט'ן לעמפּעל, און דער פעטער י ע ק ב לײגט אָן דעם האָניק אין טאָפּ. אין דעם בינשטאָק זײַנען נאָך אַלץ פאַראַן בינען. עטליכע בינען פאַלען אַרײַן אין טאָפּ צוזאַמען מיט'ן האָניק. דער פעטער י ע ק ב נעמט זײ פאָרזיכטיג אַרויס. זײ פּויזען אומבאַהאָלפען איבער זײַנע גראָבע קלאָציגע פינגער. ער ברענגט צו די האַנט צו דער עפענונג פון'ם בינשטאָק און זײ שלעפּען זיך לאַנגזאַם צו זיך אין נעסט אַרײַן.

נאָכדעם װי מען איז פאַרטיג מיט אַלע בינשטאָקען, פאַרקלײַבען זיך די אײנגלעך אין אַ שאָטען, אונטער אַן אַלטען באַרענבױם, װאָס שטעהט אין הויף לעבען דעם פעטער י ע ק ב'ס הױז, און עסען ברויט מיט פרישען האָניק.

א. ראובני.

# דאָס יאָר.

## סוף זומער.

די זון — זי געהט שוין אויף אַלץ שפּעטער,
און פריהער קלינגט איר „זײַ געזונט!“
עס מערען זיך אויף דר׳ערד די בלעטער,
און רויט איז יעדעס ווי אַ וואונד.
אַ דינער פאַרגעפּיל פון קעלט
שטײַגט אויף און ציטערט אין דער וועלט.

דער ווינט — ווי אײַנגעהאַלטען שטיפט ער,
ער שעמט זיך איצט פאַר זײַן קאַפּריז;
דער הימעל — בלויער ווערט, פאַרטיפטער,
און טראַכט פון דעם, ווי שטיל עס איז;
עס דוכט — עס איז געוואָרען נ פ ט ר
אַ הייליגער, אַ גרויסער ריז.
דאָס פעלד איז פול מיט זאַנפטען ווײ,
וואָס שוועבט מיר נאָך, וואוהין איך געה.

עס איז אין הימעל לאַנג פאַרגאַנגען
דער לעצטער ציטערדיגער בליץ;
ס׳האָט שוין דערזונגען צווישען זאַנגען
דער סערפּ זײַן ליד אין גאָלדענער היץ;
פאַרבענקטער ווערען די געזאַנגען
פון גרינליך־געלען ווערבע־שפּיץ;
און אין די נעכט אַלץ מער און מער
וואַרפט שטערען טרויעריגע ווער.

ל. נײדוס.

## הערבסט־לידער.

.1

עס גיסט די זון נאָך מילד און ווייך איר שײַן,
און לויטער־בלאָה איז נאָך דער טיפער הימעל;
נאָר קאַלט איז שוין דאָס זילבער אין דעם טײַך,
און שטיל פאַרוועלקט דאָס לעצטע, לעצטע בלימעל.

פאַר'ן ת ו מ ' ט בלײַבט דאָס בערגעלדיגע פעלד,
דער פויער פירט אַראָפּ די לעצטע גאַרבען ;
און אויף דער ברייטער שטעכעדיגער באַרשט
פאַרגליווערט בלײַבען א ב ל'דיגע פאַרבען.

אַ קילער ווינט קומט אָן אין עפּעל־סאָד,
און אומרוהיג צעשורשען זיך די ביימער...
עס קריכט אַרויס פון בײַדעל קרעכצענדיג
און קלײַבט דעם אַפּפאַל אויף דער אַלטער ש ו מ ר.

2.

ווי ליב האָב איך די קלאָרע טעג פון הערבסט,
ווען שפּינוועבס־פעדים שווימען אין דער לופטען,
און אין די שטעטעלדיגע גערטענדלעך
די כריזאַנטעמען וועלקענדיג נאָך דופטען.

ווען פון די ביימער פאַלט און פלאַטערט גאָלד,
עס שמעקט אין סאָד מיט קאַרשען און מיט עפּעל,
און פריה פאַרטאָג אין מ ז ר ח פלאַקערט אויף
דאָס מאָרגענרויט אין גרויען קאַלטען נעפּעל.

ווען אויף די לאַנקעס שרײַען ווילדע גענז,
ווען אין דעם בינשטאָק דרעמלען אײַן די בינען,
און דורך די שײַבלעך בליהען אויף בײַנאַכט
אין שטומען דאָרף די רויכערדיגע קינען.

ווען אויף דעם גרונד פון שטומער, קאַלטער נאַכט
איז ב ו ל ט יעדער בוים מיט שוואַרצע קאַרבען,
און דורך די צווײַגען גלאָצט אַרויס אַ שרעק,
ווי פון די אויגען־לעכער פון אַ שאַרבען.

ל. יפת.

---

# ימים־נוראים.

די עלטערע אינגלעך זײַנען פרימער געוואָרען אין דער דאָזיגער צײַט, האָבען געדאַוועֶנט מיט מער כ ו נ ה און זיך געהיט פאַר ע ב י ר ו ת.

שטעהט אַ אינגעלע און דאַוועֶנט. דאָס אינגעלע איז אַ יאָר צעהן אַלט, בלייך און מאָגער, אין פאַרלאַטעטע הויזען. ער האַלט אַ ס י ד ו ר אין די הענט און דאַוועֶנט מיט כ ו נ ה, הויך אויפ'ן ק ו ל.

קומט אַרײַן זײַן מאַמע פון דרויסען, פאַרהאַוועט, מיט אַ קערבעלע אין די הענט, מיט אַ פאַטשיילע איבער די אַקסלען און אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ. זי טוט אַ שטעל דאָס קערבעלע אויפ'ן טיש און הייבט

אַן אַרויסצוליִיגען פון דאָרט לעקעכלעך, צייִלט זיי מיט אַ שעפּטשען. אײַ־בערגעצייִלט, לייִגט זי זיי צוריק אויס אין דעם קערבעלע און קוקט זיך אומרוהיג אַרום אויף אירע קלענערע קינדער, וואָס שלאָפֿען נאָך: אייִנס אין אַ וויגעל און צוויי אויף אַ קאַנאַפּע. זי דאַרף לויפֿען אויפ׳ן מאַרק, אַרויסשטעלען איר טישעל.

זי געהט צו צו די שלאָפֿעדיגע קינדער, גלעט זיי און וועקט זיי:

— קינדערלעך, שטעהט אויף! אַ גוטינקען, גוטינקען יאָר זאָלט איר האָבען, פייִגעלעך מייַנע, איך פאַרשפּעטיג איבער אייַך...

און ב ע ת זי איז דאָרט פאַרנומען מיט די קלענערע קינדער, דאַוועגט דערווייַל דאָס עלטסטע אינגעל פון דעם ס י ד ו ר און כאַפּט יעדע ווייַלע אַ קוק אויף די לעקעכלעך אין דעם קערבעל... זיי ציהען אים צו זיך און טומלען זייַן מ ו ח.

אין זייַן קלייִן הערצעלע שלאָגען זיך אַרום דער י צ ר ־ ה ר ע און דער י צ ר ־ ט ו ב. „אַזוי געשמאַק! נעם!“ — ט ע נ ה׳ט דער י צ ר ־ ה ר ע. „מען טאָר ניט, דאָס איז ג נ ב ה. אַזאַ׳ן ע ב י ר ה!“ — ענטפערט דער י צ ר ־ ט ו ב.

און דאָס אינגעל שטעלט זיך מיט׳ן רוקען צום קערבעלע, מאַכט צו די אויגען און דאַוועגט העכער. „דו וועסט דערנאָך זאָגען דער מאַמען, וועסט בייַ איר מ ח י ל ה בעטען. אַזוי געשמאַק, אַזוי זיס!“ — לאָזט אים ניט אָפּ דער י צ ר ־ ה ר ע.

ער ג נ ב׳עט זיך צו הינטערוויַילעכס צום טיש, די אויגען אויף דער מאַמען אויסגעשטעלט מיט מ ו ר א, טאַפּט אָן פון הינטען אַרום אַ לעקעכעל אין קערבעלע, שלעפּט עס פאַרזיכטיג אַרויס און באַהאַלט עס פלינק אונטער׳ן אַ ר ב ע ־ כ נ פ ו ת. ער דאַוועגט וויַיטער, אָבער שוין צעטומעלט, נישט מיט אַזאַ כ ו נ ה ווי פריהער.

די מאַמע מיט׳ן קערבעל איז אַוועק. דאָס אינגעל האָט אָפּגעדאַוועגט, איז אַרויס מיט׳ן לעקעכעל אויף דער גאַס. ער געהט אין ח ד ר. ער געהט און טראַכט: עסען, צי ניט? „יאָ עסען!“ — „נישט עסען!“ „אַזוי געשמאַק!“ — אָבער אַזאַ ע ב י ר ה! צו־ל ה כ ע י ס דעם י צ ר ־ ה ר ע וועט ער נישט עסען, אָט ד ו ק א ניט! „אַזוי געשמאַק, אַזוי זיס!“ — איכ׳ל דערציילען דער מאַמען: „מאַמע, איך האָב אַ לע־קעכעל גענומען...“

גענומען? — גע׳ג נ ב׳עט! גע׳ג נ ב׳עט! — האָט ער זיך גענומען בייִזערן אויף זיך אַלייִן אין די מ ח ש ב ו ת. — דאָס איז ג נ ב ה!

ער דערזעהט פּלוצים זייַנעם אַ ח ב ר, וואָס געהט מיט אים אין אײַין ח ד ר — ש ל מ ה׳קעלע די ווילדע ב ר י א ה. דער דאָזיגער ש ל מ ה׳קעלע איז טאַקע אַ ווילדע ב ר י א ה. וואו אַ פּאַרקאַן, דאָרט קריכט ער. דערזעהט ער אַ ציג, מוז ער אויף איר פאָרען רייַטענדיג. אויף אַ וואָגען מוז ער זיך אָנהענגען. אין ב י ת ה מ ד ר ש שלאָגט ער זיך ת מ י ד מיט די אַנדערע קינדער און געהט שטענדיג אַרום מיט

א צעריסען היטעל און א צעקראצט פ נ י ם. אבער איצט, פאר י מ י ם נ ו ר א י ם, האלט זיך ש ל מ ה'קעלע אויך גאר אנדערש, שטיל געווא־רען ווי א טויב.

— ש ל מ ה'קעלע, איך האב א לעקעכעל!

— וואו?

— אט דא!

— גיב א שטיקעלע!

— מען טאר נישט...

— פארוואס?

— מען טאר נישט... איך האב גענומען שטילינקערהייט...

— אוי! — טוט זיך ש ל מ ה'קעלע א כאפ — ג נ ב!

— נישט ביי א פרעמדען, ביי מיין מאמען.

—אלץ איינס א ג נ ב... מען טאר נישט. פרעג א פ י ל ו דעם ר ב י'ן. געה, גיב אוועק צוריק!

— איך האב אליין געוואלט געהן און אפגעבען צוריק. דערפאר האב איך דאך דיר געזאגט, אז מען טאר נישט...

— עפעס א גוט לעקעכעל? — פרעגט מיט אמאל ש ל מ ה'קעלע — עס קארטשעט דיר עפעס אויפצועסען אים, הא? גיב א קוק טאן!

— מען טאר נישט! — טוט יענער א שאקעל דעם קאפ, און לאזט זיך שנעל לויפען צום מארק צו.

דארט שטעהט זיין מאמע ביי איר טישעל מיט לעקעכלעך, קאנ־פעקטען און קוואס. צוגעלאפען צו איר, שטעלט ער זיך אפ, שלעפט ארויס פון אונטער'ן א ר ב ע ־ כ נ פ ו ת דאס לעקעכעל, דערלאנגט זיין מאמען און קוקט נישט אויף איר.

— וואו האסטו עס גענומען? — פרעגט זי אים.

— גענומען... — שטאמעלט ער, ציהט אוים דעם מאגערען ארעמ־איבער'ן פ נ י ם, רייבט די נאז אן אים און כליפעט.

— וואס וויינסטו?

— איך האב גענומען פון דיין קאשאלקע — כליפעט ער ווייטער, און זיין אויסגעצויגענער ארים איז שוין געגען זיין שטערען, און ער קוקט פון אונטער אים אויף זיין מאמען מיט א פארקרימט פ נ י ם און ווארט אויף א פאטש.

די מאמע אבער פאטשט אים נים. זי האט אים נאר אויסגערעדט:

— נישט שיין, זון מיינער, אן ע ב י ר ה... איך וואלט דיר אליין געגעבען...

און די דאזיגע גוטע רייד אנשטאט דעם פאטש, וואס ער האט דער־ווארט, האבען אים גאר אינגאנצען צענומען, און ער האט זיך נאך העכער צעוויינט, ר ח מ נ ו ת'דיגער, מיט א מ ת'ער ח ר ט ה אין הארצען.

דאן האט אים די מאמע ביידע באקען א גלעט געטאן: „שא, שא.

דו וועסט שוין דאָס ווײַטער ניט טאָן", אַרײַנגעשפּאַרט אים דאָס לעקער-בעל אין הענטעל און געזאָגט:

— נו, גיה אין ח ד ר, אַ זים יאָר זאָלסטו האָבען!

און ער איז אַוועק פון איר מיט שײַנענדיגע אײַגלעך. פאַר ש מ ח ת האָט ער אַזש גענומען פאַבריקעווען, ווי אַ יונג קעלבעל.

לעאָן קאָברין.

---

# צו כל־נדרי.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר ת ק"צ — דרײַ יאָר נאָך דער כאָלערע. ניט היינט געדאַכט, ניט פאַר קײַן אידען געדאַכט — אין אײַנער פון די נ ס י ע ו ת, ווען ר ב י י ש ר א ל סאַלאַנטער איז געקומען אָפּגעבען כ י ב ו ד ־ א ב. זײַן פאָטער ר ב י וועלוועלע איז שוין געווען אַ ש ו כ ן ־ ע פ ר און דער מ א ו ר ־ ה ג ו ל ה איז געקומען אין שטעטעל אַ ל ו ל־צײַט מיט דער ד ע ה צו זײַן אויפ'ן רײַנעם אָרט, אויף ק ב ר ־ א ב ו ת.

די ר ב י'צין, די אַלטע צ ד ק נ י ו ת, ז כ ר ו נ ה ל ב ר כ ה. האָט פאַרלאַנגט, אַז ר ב י י ש ר א ל'ינקע זאָל בלײַבען מיט איר איבער ר א ש ־ ה ש נ ה און י ו ם ־ כ פ ו ר. ער האָט, כ י ד ו ע, קײַן מאָל ניט ווידערשפּענסטיגט זײַן מוטערס ר צ ו ן און איז געבליבען אויף די ע ש ר ת ־ י מ י ־ ת ש ו ב ה.

דער ר ב פון שטאָט, ר ב י צ מ ח'ל ג ר ו י א י ר, איז אַלס מ ר א ־ ד א ת ר א געגאַנגען אין ש ל י ח ו ת צו ר ב י י ש ר א ל'ינקען און אים געבעטען האַלטען אַ ד ר ו ש אין גרויסען ב י ת ־ ה מ ד ר ש צו כ ל ־ נ ד ר י. דער ג א ו ן האָט דערפילט די ב ק ש ה פון ר ב און מ ב ט י ח געווען צו האַלטען אַ ד ר ש ה.

צו כ ל ־ נ ד ר י איז דער ב י ת ־ ה מ ד ר ש געווען איבערגעפּאַקט, מ ל א אין אַלע ווינקעלעך. מען איז געשטאַנען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ, כ ד י צו הערען דעם ג א ו נ'ס דרוש.

ר ב י י ש ר א ל'ינקע איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער ג א ו ן, נאָר אויך אַ גוואַלדיגער ב ע ל ־ ד ר ש ן. ווי פּערעל פלעגען זיך די ווערטער שיטען פון זײַן מויל; ער פלעגט ב פ ו ע ל מ מ ש פאַנגען הערצער מיט זײַנע רייד. ווען ער פלעגט רעדען, פלעגט ווערען אַזוי מ ח י ה'דיג, אַזוי לײַכט אויפ'ן האַרצען, אַז מען פלעגט פאַרגעסען אַלע מ ג ו ש מ'דיגע ד א ג ו ת פון טאָג.

פאַר זונען־אונטערגאַנג איז שוין דער גרויסער ע ו ל ם געשטאַנען אָנגעטאָן אין די ווײַסע קיטלען און מיט די ט ל י ת י ם איבער'ן קאָפּ און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויפ'ן ג א ו ן.

דער ג א ו ן האָט זיך אָבער פאַרשפּעטיגט... די זון האָט שוין בײַם אונטערגעהן. אירע לעצטע שטראַלען, וואָס קומען פון מ ע ר ב־

זײַט, מישען זיך דורך מיט דעם צאַנקעדיגען טונקעלען פלאַם פון די וואַקסענע ליכט; עס קומט דער בין־השמשות און ער איז נאָך ניטאָ. דער עולם ווערט אומרוהיג, אָבער מען שווײַגט: מען האָט מורא אויסצורעדען די איבערקלערענישען, וואָס פרעסען אויפ'ן האַרצען.

די נאַכט־שאָטענס פאַנגען זיך שוין אָן צו באַווײַזען, עס איז שוין אַ צײַט נאָך תפילה־זכה, און ער איז נאָך ניטאָ.

דער רב האָט אַרונטערגענומען דעם טלית פון קאָפּ, אָנגעטאָן דאָס שטרײַמעל און איז בכבודו ובעצמו אַוועק זעהן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט רבי ישראל'ינקען. בײַ דער מוטער אין דערהײם איז ער געוואָר געוואָרען, אַז דער גאון האָט שוין לאַנג גענומען די ברכה פון דער צדקניות און האָט פאַרלאָזען דאָס הויז צו געהן אין בית־המדרש.

אַ פּחד איז בעפאַלען דעם רב. ער האָט געאײַלט צוריק אין בית־מדרש, אפשר וועט ער איצט דעם גאון דאָרט געפינען. דער גאון איז אָבער דאָרט ניט געווען, און בײַ די מתפּללים האָבען די צײן געקלאַפּט פון אימה.

אָט, אָט געהט אַוועק דער לעצטער רויטער שטראַל און עס וועט זײַן עבר־זמן צו זאָגען כל־נדרי, אָבער פון גאון — אין קול ואין עונה.

כל־נדרי וואָלט מען שוין ווי עס איז אָפּגעזאָגט אָהן אים, האָט ער שוין אָבער פון פריהער אָנגענומען דעם כבוד צו שטעהן בײַ דער רעכטער האַנט פון חזן לעבען עמוד מיט דער ספר־תורה און זאָגען פאַר כל־נדרי „על דעת הקהל“.. ווי אַזוי קאָן מען דאָס אָפּנעמען דעם כבוד פון אים און געבען אַן אַנדערען?

אין אַלע שולען און קלויזען האַלט מען שוין אין מיטען מעריב. אָבער אין בית־מדרש איז נאָך פאַר כל־נדרי. דער גאון איז נאָך ניטאָ און אָהן אים וויל קײנער ניט עפענען דעם ארון־קודש און אַרויסנעמען די ספר־תורה.

נאָך אַ לאַנגען שווײַגען האָט דער רב זיך געווענדט צום עולם און מיט אַ ציטעריגער שטימע געזאָגט: רבותי, דער גאון איז ניטאָ, ווײס השם־יתברך, וואָס מיט אים האָט חס־וחלילה פּאַסירט. מיר מוזען געהן זוכען דעם גאון.

דער עולם האָט זיך צעטײלט אין מנינים און זײ האָבען זיך, אַוועקגעלאָזט אין אַלע גאַסען און געהעפטען זעהן, אפשר האָט וואו עס איז מיט'ן גאון געטראָפען אַ סיבה.

שוין צעהן אַ זײגער בײַנאַכט. די שלוחים זײַנען שוין געקומען צוריק, אָבער פון גאון — קײַן שום ידיעה...

פלוצלונג עפענט זיך האַסטיג די טיר פון בית־המדרש און אײנער פון די לעצטע פאַר שלוחים, וואָס זײַנען געגאַנגען זוכען דעם

ג א ו ן, לויפט מיט גרויס אימפעט אַרײַן און שרײַט אויס מיט גרויס פרייד: „דער ג א ו ן געהט!“

דער גאַנצער ע ו ל ם האָט אַרומגערינגעלט דעם אַנזאָגער און מיט נײַגעריגקײַט געוואַרט, ער זאָל דערציילען, וואו ער האָט געפונען דעם ג א ו ן און וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט.

דער אַנזאָגער האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען און האָט אָנגעהויבען: „מיר האָבען דעם ג א ו ן געפונען אויף דעם ג ו י׳ס גאָרטען. ער האָט דאָרטען געהאַלטען דער א ל מ נ ה׳ס קוה פאַר די הערנער און זי געשלעפּט פון דעם נ כ ר י׳ס פּלאַץ... פאַרהיטען אַן אָרימאַן פון אַ ה ז י ק — האָט דער ג א ו ן געזאָגט — איז מער מ צ ו ה, ווי צו זאָגען כ ל ־ נ ד ר י. וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זיך ניט גע־מאַכט וויסענדיג און די ב ה מ ה וואָלט געבליבען אין ג ו י׳ס גאָרטען? דער ג ו י וואָלט זי געוויס שפּעטער פאַרנומען און איינגעשפּאַרט. די אָרימע א ל מ נ ה נעבעך וואָלט דאַן ניט געהאַט די מילך פאַר אירע קינדען און אירע ע ו פ׳עלעך וואָלטען געהונגערט. ווי מיינט איר, וואָלט דאָס נ י ח א געווען דעם ר ח ו ם ו ח נ ו ן?“

דער ע ו ל ם איז בּיסלעכווייַז צו זיך געקומען פון דעם איבערגע־לעבטען שרעק: ר ב י י ש ר א ל׳ינקע איז אַרײַנגעקומען און מען האָט זיך געשטעלט זאָגען כ ל ־ נ ד ר י.

א. ש. זאַקס.

---

# ג ע ג ע ס ע ן.

## א.

א מ ע ש ה פון דרײַ, וואָס האָבען געגעסען.

ניט אין אַן איינפאַכען געוויינליכען טאָג האָבען זיי געגעסען, נאָר י ו ם ־ כ פ ו ר; ניט באַהאַלטענערהייט, וואו קיינער זעהט ניט, נאָר עפענטליך, אין דער גרויסער שול, פאַר דעם גאַנצען ע ו ל ם; און ניט עפּעס פּראָסטע גאַסענמענשען זײַנען עס געוועזען, וואָס קיינער קען זיי ניט און קיינער ווייס זיי ניט, נאָר די גרעסטע ח ש ו ב י ם די אָנגעזעהענסטע, די גרעסטע לײַט פון שטאָט; דער ר ב און די ביידע ד י נ י ם. און דאָך זײַנען זיי געבליבען אויך ווײַטער, נאָך דער מ ע ש ה פונ׳ם עסען, די גרעסטע ח ש ו ב י ם פון דער שטאָט, און גאַנץ ק ה ל האָט אויף זיי געקוקט, ווי מען קוקט אויף הייליגע...

איך בין געוועזען דענסטמאָל נאָך אַ קליין קינד און האָב ניט רעכט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך; אָבער געפילט האָב איך פאָרט שוין, אַז דאָ ווערט עפּעס אַ גרויסע זאַך געטאָן.

עס זײַנען דענסטמאָל געווען ביטערע, פינסטערע טעג, ווי קיינ־מאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אַן אומגליק איז געווען

פון הימעל געקומען — צום ערשטען מאָל איז עס געקומען — און גערופען האָט מען עס מיט דעם נאָמען: כאָלערע!..

פון ווײַטע לענדער, פון אַזיע, איז זי געקומען צופאָרען צו אונז, צו אונזער קלײַן שטעטעל איז זי דערגאַנגען. אין דער גאַס האָט זי געאַרבײַט אומדערבאַרמליך און אין די הײַזער האָט זי געשטיקט אָהן אַן אויפהער. שטיל האָט זי זיך געשלעפט דורך די נעכט און אומגעזעהען דעם העלען ליכטיגען טאָג. ווער קען צײַלען די טויטע, וועלכע זײַנען געפאַלען יענע טעג? ווער קען זײַ אָנרופען בײַ די נעמען און ווער ווײַס דעם ח ש ב ו ן פון די פרישע בערגלעך, פון די נײַע ק ב ר י ם?...

איבערהויפט האָט די מ ג פ ה מ ע ש י ם געאַרבײַט אין דער אידישער גאַס. ווי די פליגען זײַנען דאָרט געפאַלען, יונג און אַלט, קלײַן און גרויס. עס איז נישט געווען קײַן הויז, וואו עס זאָלען נישט זײַן כאָטש עטליכע טויטע.

אויבען, אין דעם דאַך־שטיבעל, איבער דער וואוינונג פון מײַנע עלטערן, זײַנען געפאַלען אין אײַן טאָג נײַן נ פ ש ו ת; אונטען, אין דער קעלער־שטוב אונטער אונז, איז געשטאָרבען אַ מאַמע מיט פיער קינדערלעך, און אין דעם הויז אַקעגען האָבען מיר געהערט די גאַנצע נאַכט נאָר אַ קרעכצען און אין דער פריה האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָרט קײַן אײַנציגער מענש נים געבליבען לעבען...

און אַזוי איז אַוועק דער זומער; און דערנאָך זײַנען געקומען די הײַליגע טעג, און נאָך זײַ דער הײַליגסטער טאָג פון אַלע, דער י ו ם־כ פ ו ר.

און דאָס איז דער טאָג, וועלכען איך וועל שוין קײַנמאָל נ י ט פאַרגעסען, אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען.

אָט איז דער כ ל ־ נ ד ר י...

פאַר'ן ע מ ו ד בײַם אָ ר ו ן ־ ק ו ד ש שטעהט דאָס מאָל נישט דער ח ז ן מיט צוויי ח ש ו ב'ע ב ע ל י ־ ב ת י ם, ווי דער מ נ ה ג איז פון ק ד מ ו נ י ם, נאָר עס שטעהט דער ר ב מיט זײַנע בײדע ד י נ י ם. אַרום און אַרום ברענען די ליכט, און ברענענדיג קנאַקען די פלאַמען פאַמעליך. דער ע ו ל ם שטעהט צו דער וואַנט צו, אײַנגעהילט אין די ט ל י ת י ם און אין די ווײַסע קיטלען, מיט ווײַסע יאַרמולקעס און ווײַסע גאַרטלען. אויף די ווענט פליסען די שאָטענס אַהין און אַהער און שאָקלען זיך אָהן אַן אויפהער.

שטיל. דעם ר ב'ס ק ו ל הערט זיך איצט, און דערנאָך דער ק ו ל פון די ד י נ י ם — און דערנאָך ציטערט עס ווי אַ קרעכץ דורך דעם גאַנצען ע ו ל ם.

און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער. אַ! מען זאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָטס ד ע ה און מיט ק ה ל'ס ד ע ה זײַנען מיר מ ת י ר צו דאַווענען איצט“.

און אַ מ ו ר א, אַ פינסטערע, וויסטע מ ו ר א פאַלט אָן אויף מיר פּלוצלונג, און איך מיין, אַז די זעלביגע מ ו ר א פאַלט אָן ב ז ה ה ר ג ע אויף אַלעמען, וואָס זיינען דאָ אין שול, אויף אַלט און יונג...

און פּלוצלונג דערזעה איך, ווי דער ר ב געהט אַרויף אויף דעם באַלעמער.

וועט ער היינט זאָגען אַ ד ר ש ה? וויל ער דעם ע ו ל ם טרייסטען און שטאַרקען?...

אָבער איך הער, אַז ער זאָגט נ י ש ט קיין ד ר ש ה. עפּעס נייעס איז עס, אַ נייער מ נ ה ג, וועלכער איז פריהער גאַר נישט באַקאַנט געוועזען: ער שטעהט און איז מ ז כ י ר - נ ש מ ו ת אַלע טויטע, וועלכע זיינען געשטאָרבען אין דער לעצטער צייט, אין די לעצטע טעג. אַך! ווי לאַנג איז די מאָס פון'ם דאָזיגען צעטעל, ווי גרויס איז די צאָל פון די נעמען, וועלכע ער דערמאָנט איצט! די מינוטען שווינדען, אַ מינוט נאָך אַ מינוט, און דער ר ב האַלט נאָך אַלץ נישט ביים ס ו ף. וועט גאַר קיינמאָל נישט אויפהערען די לאַנגע ר ש י מ ה?

און יענעם אָווענט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסען. נאָך קיינמאָל נישט האָבען אידען געדאַווענט מיט אַ מער צעבראָכען און צעריסען האַרץ. נאָך קיינמאָל נישט האָבען געברענט הייסערע טרערען אין מענשענס אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער מער ניט פאַרלאָזט די שול. נאָך דעם דאַווענען האָט מען געזאָגט ש י ר י - ה י ח ו ד, און נאָך די ש י ר י - ה י ח ו ד האָט מען זיך גענומען צו ת ה ל י ם-זאָגען, און נאָך דעם ת ה ל י ם צו די מ ש נ י ו ת'ער, און נאָך דעם מ ש נ י ו ת-לערנען האָט מען זיך גענומען צו די אַנדערע הייליגע ס פ ר י ם.

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט פאַרלאָזט די שול — און פאַרט האָבען אין דער פריה עטליכע געפעלט: זיי זיינען געשטאָרבען אין דעם מ נ י ן. צוויי זיינען ביינאַכט פּלוצלונג אַנידערגעפאַלען אין שול, צווישען דעם גאַנצען ע ו ל ם, נאָך איינגעהילט אין די ט ל י ת י ם מיט די קיטלען.

און פון דער אידישער גאַס קומען אָן נאַכריכטען אין שול אַריין, — נאַכריכטען ווי נאָך קיינמאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אָבער אין דער שול הערט קיינער נישט און פרעגט קיינער נישט און קיינער איז נישט נייגעריג. יעדער איינציגער האָט מ ו ר א צו הערען, יעדער איינציגער האָט מ ו ר א צו וויסען וואָס עס טוט זיך ביי אים אין דער היים...

ב.

טויזענט מאָל פירכטערליכער ווי די נאַכט איז געווען דער טאָג דאַרויף, דער י ו ם - כ י פ ו ר.

אַט איז י ו ם ־ כ י פ ו ר נאָכמיטאָג.

אויף דעם באַלעמער אין שול שטעהט דער ר ב מיט זײַן הויך געשטאַלט, און זײַן קאָפּ האַלט ער פאַררִיסען.

ליגט אַ באַהאַלטענער כ י ש ו ף אין דעם פ נ י ם פון דעם דאָזיגען מענשען? איז עפּעס אַ באַזונדערע מאַכט אין זײַן געשטאַלט פאַראַנען, וואָס ציהט צו צו זיך יעדעמס אויג?

אין ווינקעל שטעהט אַ אינגעלע, — איך אַלײן בין עס, — און זײַנע אויגען זײַנען צו יענעם מענשען ווי צוגעקלעפּט און ער קען זיי פון אים נישט אַראָפּנעמען...

א מ ת, אַזאַ ה ד ר ת ־ פ נ י ם, אַזאַ שײנקײט, אַזאַ ליכטיגע געשטאַלט האָב איך נאָך קײנמאָל נישט געזעהען! דער ר ב איז דאָך אַלט, אַן אַלטער גרײַז־גרויער מאַן, א פ ש ר אַכציג אָדער עטליכע און אַכציג יאָר אַלט; און דאָך איז זײַן געשטאַלט אַזוי פּראַכטפול און אַזוי גלײַך און הויך, אַז ער גרײכט אַריבער איבער יעדען גאַנצען ע ו ל ם. זײַן באָרד איז ווײַס, ווי זילבער ווײַס, און נאָר די געדיכטע האָר פונ'ם קאָפּ זײַנען ווײַסער, ווי דער געפאַלענער שנײ ווײַס. אויך זײַן פ נ י ם איז ווײַס, אַזוי אַז מען קען עס קוים אָפּשײדען פון זײַן ווײַסען קיטעל. און אַזוי זײַנען דאָס מאָל אויך די ליפּען; און נאָר די אויגען, די גרויסע ברענענדיגע אויגען, זײַנען שוואַרץ, ווי אַ סאַמעט שוואַרץ, און זיי לײַכטען און גלאַנצען, גאָר נישט ווי די אויגען פון אַן אַלטען מאַן.

פון מײַן פריהעסטער קינדהײט אָן בין איך געוואוינט געוואָרען דעם דאָזיגען מענשען צו ערען און צו אַכטען. און נאָך אַ קינד זײַענדיג האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ הײליגער, געטליכער מאַן, אַ ג א ו ן ע ו ל ם, וואָס אַלץ וואַרט אויף זײַנס אַ וואָרט, און וואָס ר ב נ י ם מ ו פ ל ג י ם פון דער גאַנצער וועלט קוקען אים אין מויל אַרײַן און בײגען זיך פאַר אים און זײַן וואָרט; און זײַן פ ס ק איז פאַר דער גאַנצער וועלט ת ו ר ת ־ מ ש ה.

אויף דעם באַלעמער שטעהט דער ר ב און זײַנע ברענענדיגע שוואַרצע אויגען לײַכטען און גלאַנצען אַרויס פון דעם ווײַסען בלאַסען פ נ י ם, וואָס איז אַרײַנגערינגעלט אין די ווײַסע האָר מיט דער ווײַסער באָרד. מ ו ס ף איז שוין לאַנג אָפּגעדאַווענט, און דער ע ו ל ם שטעהט און שווײַגט און וואַרט אויף דעם, וואָס דער געטליכער מאַן וועט רעדען. קײנער וואַגט זיך נישט א פ י ל ו דעם אָטעם הערענדיג צו ציהען.

און דער ר ב רעדט...

זײַן שוואָך, נידריג ק ו ל ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל העכער, ביז עס ווערט הויך און שטאַרק, ווי איך האָב עס נישט געהערט נאָך קײנמאָל נישט בײַ אים. ער שטעהט און רעדט פון דער הײליגקײט פון אַ י ו ם ־ ט ו ב; ער רעדט פון לעבען און שטאַרבען

און פון די לעבעדיגע און טויטע. איבערהויפּט האָט ער לאַנג גערעדט וועגן דער גרויסער מ ג פ ה, וואָס איז אַרײַנגעקראָכן ווי אַ רײַסענ־דיגער שטראָם, פּלוצלונג, שרעקליך, פירכטערליך, און זי רויבט און זאָגט נישט גענוג, עסט און ווערט נישט זאַט, טרינקט און שטילט נישט איר דאָרשט — ווי לאַנג, ווי לאַנג זשע נאָך?

זײַנע בלייכע באַקן רויטלען זיך ביסלעכווײַז; זײַנע בלויע ליפּען פאַרבען זיך וואָס אַמאָל רויטליכער; און פּלוצלונג הער איך, ווי ער זאָגט: „און זעהט דער מענש, עס קומען אויף אים י ס ו ר י ם, דאַ איז ער מ ח ו י ב ב ו ד ק צו זײַן אין זײַנע מ ע ש י ם; אַלץ נאָכ־זוכען, א פ י ל ו ב נ ו ג ע צו די מ ע ש י ם צווישען זיך און זײַן אייגענעם ג ו ף, צווישען זיך און זײַן אייגען פלייש, צווישען זיך און זײַן טעגליך לעבען"...

און ער שטעהט נאָך אַלץ און רעדט. ער רעדט פון דער ריינליכ־קײַט, וואָס דערהאַלט דעם מענשענס לעבען, און פון דער שמוציגקײַט, וואָס ברענגט אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט; ער רעדט פון הונגער און דאָרשט, און אַז הונגער און דאָרשט זײַנען די שלעכטע מ ל א כ י ם, וועלכע ברענגען אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט, ב ש ע ת עס קומט אַ מ ג פ ה ב כ ד י צו טייטען און אומצוברענגען, אומצו־ברענגען און אויסצוראָטען...

און דאַן הער איך ווי ער זאָגט: „עס שטעהט: ו ח י ב ה ם ו ל א ש י מ ו ת ב ה ם, איז דער טײַטש: ל ע ב ע ן זאָל מען דורך זיי, דורך די מ צ ו ת, אָבער נישט ש ט א ר ב ע ן דורך זיי! און ווידער זאָגען די הייליגע ח כ מ י ם: טיילמאָלס איז פאַראַנען, אַז אַ מענש מעג צעשטערען ת ו ר ה כ ו ל ה, אַבי דאַדורך צו דער־האַלטען אַ גאַנצע וועלט בײַם לעבען!..."

און פּלוצלונג הער איך אַ געוויין, און מיר ווערט אַזוי וואַרים און אַזוי ווייך בײַ דער נ ש מ ה. פאַרוואָס זשע וויינט ער? פאַרוואָס זשע וויינט ער?...

און ווי איך שטעה אין ווינקעלע, ציטערדיג און פלאַטערדיג, הייב איך אָן אַליין צו וויינען און די טרערען גיסען זיך.

איך זעה, ווי דער ר ב שטרעקט אויס די האַנט און ווינקט צו די ד י נ י ם, און אויך ביידע ד י נ י ם זעה איך, ווי זיי געהען צו אים אַרויף אויף דעם באַלעמער.

און אַלע דרײַ שטעהען זיי דאָרט אויף דעם באַלעמער, דער ר ב, דער העכסטער פון אַלע, און ביידע ד י נ י ם, די נידעריגערע פון אים, איינער פון זײַן רעכטער און איינער פון זײַן לינקער זײַט.

וואָס עפּעס רוימט זיי איין דער ר ב איצט אין זייערע אויערן? פאַר וואָס עפּעס איז זייער פ נ י ם געוואָרען פּלוצלונג בלייך ווי קרײַט?

און פּלוצלונג הער איך ווערטער און פאַרשטעה זיי נישט. די

ווערטער גרייַכען בלויז ביז צו די אויערן און אין האַרץ אַרײַן דערלאַנגען זיי נישט. און פּאַרט זײַנען די ווערטער אַזוי קלאָר און אַזוי דײַטליך פון אַלע דרײַ מײַלער אַרויסגעקומען!

און ווי אַ רײַסענדיגער קרעכץ צוקט עס דורך דעם גאַנצען ע ו ל ם, פון דעם באַלעמער ביז צו די פיער ווינקעלעך — און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער:

ע ל ד ע ת ה מ ק ו ם ו ע ל ד ע ת ה ק ה ל — מיט גאָטס ד ע ה און מיט ק ה ל׳ס ד ע ה זײַנען מיר מ ת י ר צו ע ס ע ן און צו ט ר י נ ק ע ן ה י י נ ט!"

אַ פירכטערליכע שטילקײַט, אַ טויט־שטילקײַט הערשט אין דער גאַנצער שול. עס רירט זיך קיינער נישט. עס ציהט קיינער נישט קײַן אָטעם.

און פלוצלונג פאַרשטעה איך קלאָר און דײַטליך וואָס דער ר ב פאַרלאַנגט דאָ פון אונז. דער ר ב פאַרלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען עסען הײַנט; דער ר ב פאַרלאַנגט, אַז אידען זאָלען עסען אום י ו ם ־ כ פ ו ר און זאָלען נישט פאַסטען איבער דער מ ג פ ה... איבער דער מ ג פ ה...

און איך שטעה און הייב פלוצלונג אָן הויך און שטאַרק צו וויינען.

און וואונדערליך איז עס! נישט איך אַליין שטעה דאָ אין דער שול און וויין, נאָר פיעלע, פיעלע שטעהען און וויינען הויך און שטאַרק. אויך די דרײַ דאָרט אויף דעם באַלעמער שטעהען און וויינען, און דער העכסטער פון זיי שטעהט און וויינט ווי אַ קליין קינד.

און ווי אַ קליין קינד בעט ער זיך, און זײַנע ווערטער זײַנען אַזוי ווייך, אַזוי ווייך. טייל־מאָלם נאָר קומען די טרערען און שטיקען אים די ווערטער אין האַלז. — „עסען! געהט עסען! די צײַט איז אַזעלכע! עס מאַכט זיך אַ מאָל אַ צײַט, אַז עס איז פראַסט אַ מ צ ו ה אַ זאַך פון דער ת ו ר ה מ ב ט ל צ ו זײַן! לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מ צ ו ו ת, אָבער נישט שטאַרבען דורך זיי!"

אָבער אין דער שול רירט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און ער שטעהט נאָך אַלץ און בעט זיך. ער זאָגט, ער נעמט אויף זיך די גרויסע ע ב י ר ה פון עסען אום י ו ם ־ כ י פ ו ר; זיי אָבער וועלען אַלע ריין זײַן, אָהן אַן ע ב י ר ה, אָהן אַ זינד.

אָבער אין דער שול רירט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און פלוצלונג ענדערט זיך זײַן ק ו ל. ער בעט זיך נישט מער. נאָר ער באַפעהלט: „איך בין מ ת י ר! איך! איך!" —

ווי פײַלען פליהען די ווערטער, ווי דונערס שלאָגען זיי אײַן.

און דער עולם הערט — עס רירט זיך אָבער קיינער נישט פונ׳ם אָרט.

און דאָ הייבט ער ווידער אָן מיט זיין ערשטען ק ו ל, ער בעט זיך און וויינט ווי אַ קליין קינד: „וואָס האָט איר זיך אַלע צעבונטעט

וועט געגען מיר? פאַר וואָס ווילט איר ד ו ק א טרייבען מיך ביז צו דעם נויטוועגדיגסטען? איז איינך דען ווייניג, וואָס איך האָב שוין אַלץ היינט איבערגעליטען פון דערפריה ביז איצט?"...

אויך די ד י נ י ם העלפען אים אונטער און בעטען זיך ביי דעם ע ו ל ם.

און פלוצלונג איז דאָס פ נ י ם פון דעם געטליכען מאַן נאָך בלייכער געוואָרען ווי פריהער. טיף זינקט זיין קאָפּ אַראָפּ אויף זיין ברוסט. א מינוט לאַנג — און אַ קרעכץ, אַ טיפער, האַרץ־צערייסענדער קרעכץ הערט זיך פון איין עק שול ביז צום אַנדערען עק, און נאָך דעם קרעכץ הערט זיך ווי אַ מורמלען: „גאָטס ווילען איז עס", — זאָגט ער מיט אַ טרוקענער שטימע, און עס האָט אַ פ נ י ם, ווי ער וואָלט רעדען צו זיך גאַר אַליין, — „צוויי און אַכציג יאָר בין איך אַלט און בין קיינמאָל נאָך נישט דערצו געבראַכט געוואָרען, אויף אַ ד י ן ע ו ב ר צו זיין ב י ד י ע ה. אָבער אויך דאָס איז אַ ד י ן, אַ מ צ ו ה איז עס, אַ ת ו ר ה איז עס. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז עס גאָטס ווילען אַזוי, איך זאָל נישט שטאַרבען פריהער, ביז איך וועל נישט אויך אַזעלכעס מ ק י ם זיין!"

און שטיל איז געווען אַ מינוט לאַנג, שטיל ווי אויף אַ ב י ת־ ע ל מ י ן.

און פלוצלונג הערט זיך די שטימע פונ'ם ר ב ווי ער רופט:

— ש מ ש!

און דער ש מ ש געהט אַרויף, און דער ר ב רוימט אים איין עפּעס אין אויער. דערנאָך רעדט ער עפּעס איבער שטילערהייט אויך מיט די ד י נ י ם; די ד י נ י ם שאָקלען אים צו מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטען אים מ ס כ י ם זיין צו עפּעס. דערווייל איז דער ש מ ש צוריקגעקומען פונ'ם ר ב'ס וואוינונג און האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשעל וויין און גלעזלעך מיט אַ פּאָר שטיקלעך לעקעך.

און ווען איך זאָל גרייז־גרוי אַלט ווערען, וועל איך יענעם טאָג און יענע דערהויבענע סצענע קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסען. נאָך איצט, ווען איך פאַרמאַך מיינע אויגען, זעה איך זיי נאָך פאַר מיר: די דריי, וואָס האָבען געגעסען. דריי גרויסע, הייליגע מענער שטעהען אויף דעם באַלעמער אין שול און עסען אום י ו ם־ כ פ ו ר פאַר דעם גאַנצען ע ו ל ם...

אַך, ה ע ל ד ע ן זיינען זיי געווען!... ווער קען וויסען, ווי שווער עס איז געווען די מ ל ח מ ה אין דער טיפעניש פון זייער האַרץ?

— „איר האָט עס ד ו ק א פון מיר געוואָלט — און איך האָב עס געטאָן", — זאָגט דער ר ב, און זיין שטימע איז קלאָר און פעסט און ציטערט נישט מער ביים רעדען.

און פיעלע פונ'ם ע ו ל ם עסען, עסען און וויינען...

ד. פרישמאַן.

# דער נײַער ניגון.

מען האָט געגעבען אַ בלאָז אין ש ו פ ר. דער ע ו ל ם האָט אָנגעהויבען ר ע ש׳ן: „ל ש נ ה ה ב א ה ב י ר ו ש ל י ם!“ ווײַסע ח ב ר ה האָט זיך שוין צוגעכאַפּט צום וואַקס פון ש ו ל ח ן; בײַם ע מ ו ד איז שוין געשטאַנען אַ וואַכעדיגער ח ז ן; מען האָט גערדאַוועט שוין דעם וואָכעדיגען מ ע ר י ב מיט׳ן וואָכעדיגען נ י ג ו ן.

פײַל פון בויגען האָט זיך געדאַוועט, פײַל פון בויגען אָפּגעלייגט קיטעל און ט ל י ת און אָנגעהויבען אָנטאָן די שטיוועל. — ווער האָט צײַט?

קיינער האָט קיין צײַט נישט געהאַט צו באַמערקען דעם בלאַסען יונגענמאַן, וואָס האָט גערדרייט זיך אַרום ע ו ל ם און נאָכגעשלעפּט אַ שוואַך און נאָך אַ בלאַסער קינד. דאָס דריטע מאָל געהט ער שוין אַרום די שטעט: קיינער זעהט אים נישט. דער ליגט אונטער אַ באַנק און זוכט אַ שטיוועל; יענער איז פאַרנומען: מען האָט אים אַ קאַלאַש פאַרטרישט, אַ היטעל פאַרשמירט מיט ח ל ב; און אַלע זײַנען הונגעריג...

אומזיסט קוקט ער יעדען אין פ נ י ם; ער קאָן קיינעמס בליק ניט כאַפּען.

— טאַטע, קום שוין אַהיים! — בעט זיך דאָס קינד.

נאָך איינמאָל וועלען מיר אַרומגעהן, — האָט ער געענטפערט, — איך וויל נאָך דורכגעהן פאַר׳ן פעטער.

דערווײַל אָבער האָט זיך דער ע ו ל ם אַ ריר געטאָן. דער לעצטער ק ד י ש, דער לעצטער „א מ ן!“.

דער ע ו ל ם יאָגט און שלעפּט מיט דעם יונגענמאַן מיט׳ן קינד.

אויפ׳ן שולהויף שטעלען זיך די מענער מ ק ד ש זײַן די ל ב נ ה. די ווײַבער ציהען זיך אין ביידע זײַטען פון שול־גאַס, ווי צוויי ווײַסע שנורען.

בײַ יעדען הויז געזעגענען זיך צוויי־דרײַ און פאַרשווינדען. ב ש ע ת ווען אויפ׳ן שולהויף שטעהט נאָך דער גרויסער ע ו ל ם און טאַנצט קעגען דער ל ב נ ה. צווישען ע ו ל ם דרייט זיך ווײַטער אַרום דער בלאַסער יונגערמאַן מיט׳ן בלאַסען קינד. דער ע ו ל ם הייבט אָן ווערען קלענער, און זײַן פ נ י ם — פינסטערער. אָפּגעזאָגט; דער לעצטער פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ ליק. דער יונגערמאַן שטעהט נאָך:

— קיינער... נו, מ י ל א, מוז מען זיך באַגעהן... איך וועל נישט בעטלען אויפ׳ן נײַעם יאָר, באַלד, מ ו צ א י י ו ם ־ כ פ ו ר — האָבען זײַנע ליפּען געציטערט.

דאָס קינד האָט געמיינט, ער איז מ ק ד ש די ל ב נ ה.

— גענוג שוין, טאַטע! — האָט ער אים געשלעפּט פאַר דער פאָלע.

— קום שוין אַהיים! — זיין ק ו ל איז געווען אָנגעזאָפּט מיט טרערען.

— נאַריש קינד, וואָס יאָגסטו זיך אַהיים?

— עסען! איך בין הונגעריג.

— פּ ש י ט א! א ו ד א י ביסטו הונגעריג... ש ו ט ה איינער! וואָס דערציילסטו מיר, אַז דו ביסט הונגעריג; אַנישט, וואָס וואָלט איך געמיינט, אַז דו פאַסט אַפּ אַ י ו ם ־ כ פּ ו ר און דו ביסט נישט הונגעריג?

— קום שוין אַהיים! — האָט זיך ווייטער געבעטען דאָס קינד.

— הער, ד ו ד'ל, אין דערהיים איז אויך נישטאָ וואָס צו עסען...

— כאַטש אַ שטיקעל ברויט!

— קיין ברעקעל ברויט!

דאָס קינד איז געבליבען שטעהן דערשראָקען.

— ד ו ד'ל, — מאַכט צו אים דער פאָטער, — דו ווייסט, וואָס היינט איז געוועזען?

דאָס קינד שווייגט און כליפּעט שטיל.

— היינט, ד ו ד'ל, איז געווען י ו ם ־ כ פּ ו ר... י ו ם ־ ה ק ד ו ש. ווייסט וואָס דאָס איז טייטש?

— יאָ, — האָט קוים דאָס קינד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו זאָג, ד ו ד'ל, וואָס האָבען מיר געטאָן?

— געדאַווענט. — וויינט דאָס קינד.

— גוט! און ה ש ם י ת ב ר ך וואָס האָט געטאָן?

— מ ו ח ל געווען. — האָט קוים דאָס קינד אַרויסגעכליפּעט.

— ווייסטו וואָס, ד ו ד'ל, אַז גאָט ב ר ו ך ־ ה ו א האָט מ ו ח ל געווען אונזערע זינד, דאַרפען מיר, דאַכט זיך, זיין פריילין! וואָס? דאָס קינד ענטפערט נישט.

— דו געדענקסט, ד ו ד'ל פאַראיאָרען, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָבען מיר געזונגען נאָך דער וועטשערע אַ נייעם נ י ג ו ן. געדענקסט דעם נ י ג ו ן?

— ניין!

— איך וועל דיך דערמאָנען, נאָר העלף מיר אונטער!

און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבען זינגען מיט אַ הייזעריגער שוואַכער שטימע אַ נ י ג ו ן; נישט קיין ס י נ י, נישט קיין וואַלאַך, נאָר עפּעס אַ גרויליכען נ י ג ו ן, וואָס האָט געשניטען אין האַרצען.

דאָס קינד האָט וויינענדיג צוגעהאָלפען.

י. ל. פּרץ.

# פארשפעטיגט.

## א.

עס האט זיך אונטערגערוקט דער אסיען. די טעג זיינען געווארען קלענער און די נעכט גרעסערע. אין קליינעם שטיבעלע ביי אנטאשען — אן ארימען פויער אין א קליינעם דערפעל — האט מען שוין באדארפט ביינאכט א לעמפעלע ברענען. דאס ליימענע פלעשעל, וואס אנטאש האט ביי א טעפער מיט דריי יאר צוריק געקויפט פאר אכט גראשען, איז א טרוקענס געשטאנען און ס'איז ניט געווען פאר וואס נאפט צו קויפען. אויסערדעם איז שוין ביי אים דאס זאלץ אויך באלד אויסגעגאנגען; און פון זייף איז נאר א שטיקעלע געבליבען; און פון דער מאכארקע איז נאר געבליבען אויף א פאר טעג. אנטאש האט זיך אלץ געקראצט אין פאטילניצע, געשפיגט און אלץ געווארטשעט:

— קיין זאלץ ניטא, קיין זייף ניטא, קיין מאכארקע ניטא, גארנישט ניטא! ס'איז שלעכט.

פארדינען האט אנטאש ניט געהאט וואו. דער איינציגער איד, וואס האט אין דארף געוואוינט, איז אליין זעהר ארים געווען; און אנטאש האט געהאט נאר איין האפענונג: פאר סוכות אנצוהאקען א פולען וואגען סכך און פירען עס אין שטעטעל אריין און פארקויפען עס פאר א פאר פערציגער. אלע יאר טוט ער אזוי, זייט ער האט דאס פערדעל זיינס, פאר וועלכען ער האט אפגעצאלט אויפ'ן יאריד זעקס רובעל.

— ווען וועט ביי אייך זיין סוכות? — האט ער גלייך נאך ראש השנה אלע טאג אנגעהויבען פרעגען דעם אידען, וואס האט געוואוינט אין דארף.

— נאך לאנג! — פלעגט אים דער איד ענטפערן.

— אבער ווען? — פלעגט אנטאש רוהען ניט לאזען.

— דער איד, וועלכער האט נישט געפילט אנטאשס נויט, האט איס איינמאל א זאג געטאן, ניט פיעל טראכטענדיג:

— נאך א וואך.

אין אמת'ן איז ניט מער געווען ווי פינף טעג צו סוכות, און אנטאש האט אויסגערעכענט, אז צוויי טעג פאר סוכות איז די רעכטע צייט צו פירען די סכך אין שטעטעל: דאס איז געווען אקוראט דער ערשטער טאג יום־טוב.

ער איז דעם טאג פריה אויפגעשטאנען, איבערגעביסען א שטיק גראב, שווארץ ברויט, וואס ער האט געטונקט אין זאלץ, פון אים אליין צעשטויסען, פארטרונקען מיט א קווארט קאלט וואסער, האט איינגעשפאנט דאס האלב הונגעריגע האלב פארשלאפענע פערדעל, גענומען די האק און זיך געלאזען אין נאהענטען וועלדעל.

ער האט זיך גענומען האקען די שטעכעדיגע צווייגען איינע נאך די אנדערע. געקליבען האט ער אלץ געדיכטערע און לענגערע. „בע־

סערע׳ס חורה פאַרקויפט זיך גיכער!" — האָט ער דערביי געטראַכט. דער וואָגען איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען. ער האָט גערעכענט לכל הפחות ליוזען פאַר זיין ס חורה אַ גילדען דריי, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ס׳איז נאָך ווייניג און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלייגט די צווייגען.

ענדליך איז דער וואָגען פול געוואָרען. אַנטאָש האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטען און איז צופרידען געבליבען.

— גענוג וועט זיין! — האָט ער פאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גענומען דאָס פערד פאַר׳ן צוים.

אַז ער איז אָבער אָפּגעפאָרען אַ פאַר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם וואָגען.

— און אפשר וועט זיין ווייניג? — האָט ער זיך פלוצים דערשראָקען, האָט אויסגעהאַקט נאָך פינף צווייגען און האָט זיך גענומען פאָרען שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָרען לאַנגזאָם, טריט ביי טריט, און לאַנגזאָם, טריט ביי טריט, זיינען אויך אַזוי אין קאָפּ זיינע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטען ניט וועלען געהן גיכער פאַר דעם פערדעל. אַנטאָש האָט גערעכענט, וויפיעל זאַלץ וועט ער קענען קויפען און וויפיעל זייף, וויפיעל „גאָזע" און וויפיעל מאַכאָרקע, פאַר דעם געלט, וואָס ער וועט אָפּלייזען אין שטעטעל ביי די אידען. ענדליך האָט אים דער חשבון פאַרמאַטערט און ער האָט באַשלאָסען, אַז ער וועט האָבען די צוויי גילדען אין האַנט, וועט אים גרינגער זיין צו באַרעכענען, ווי אַזוי אַלץ איינצוקויפען, און נאָך דעם באַשלוס איז פון אים ווי אַ משא אַראָפּ.

ב.

אַז ער איז מיט זיין וואָגען אַריינגעפאָרען אין אָנהייב שטעטעל און האָט דערזעהן די סוכות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים ווי עפּעס אָפּגעריסען אינווייניג און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכות און די הייזער — אַלע דרייען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר, איז אַזוי: אַ סך אידען דעקען צו פריהער און אַ סך שפּעטער. דערפאַר איז שפּעטער טייערער.

— כ׳וועל נעמען טייערער! — האָט ער באַשלאָסען, און אָנגסטען האָבען אים באַשלאָגען.

ער איז געפאָרען ווייטער. אויף אַ גאַניק זיינען געשטאַנען צוויי ווייבער: איינע אַ יונגע און איינע אַן עלטערע; זיי האָבען געטייט מיט די פינגער און האָבען געקייכט פאַר געלעכטער.

— וואָס לאַכט איר? — האָט אַנטאָש מיט כעס געפרעגט.

— וואָס דו פירסט שוין אַזוי פריה דעם סכך! — האָבען זיי אים לאַכענדיג געענטפערט.

— ווי הייסט פריה ? — האט אנטאַש דאָס לאָכען ניט פאַרשטאַנען.
— פריה, פריה... — האָבען די פרויען געלאַכט.
— טפו ! — האָט אַנטאָש מיט צאָרן אויסגעשפּיגען און זיך גע־לאָזט ווייטער, טראַכטענדיג:
— ווי קאָן דאָס זיין ? בערקע האָט אַליין געזאָגט — אין אַ וואָך אַרום. איך האָב דאָך אַזוי גוט גע'ח ש ב ו נ'ט: נאָך צוויי טעג.
אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט. אַז ער האָט פון יענער צייט אָן, זייט בערקע האָט אים געזאָגט, אַ פּ ש ר ניט גוט געציילט. ער האָט פאַרשפּעטיגט ! געוויס, געוויס ! אַלע ס ו כ ות זיינען שוין באַדעקט מיט ס כ ך... ער וועט בלייבען אָהן זאַלץ, אָהן מאַכאָרקע, אָהן זייף, אָהן „גאַזע“...
טרויעריג האָט ער געפירט דאָס פערדעל, וואָס האָט קענטיג גע־שפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטעהט פאַר זיין ב ע ל ־ ה ב י ת, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אַראָפּגעלאָזען דעם מידען קאָפּ זיינעם.
דערווייל האָבען די ב ע ל י ־ ב ת י ם שוין גענומען געהן ביס־לעכווייז פון שול, אויסגעפּוצט י ו ם ־ ט ו ב'דיג מיט די ט ל י ת י ם און די מ ח ז ו ר י ם אין די הענט.
דערזעהענדיג ל כ ת ח י ל ה דעם פויער מיט'ן וואָגען ס כ ך, האָבען זיי ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבען ערשטווינט געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערען. נאָך זייער קוקען האָט זיך גערדאַכט. אַז זיי האָבען זיך דערשראָקען: אַ פּ ש ר האָבען זיי אַ ט ע ו ת גע־האָט און פריהער ס ו כ ו ת געמאַכט ?...
— וואָס פירסטו ? — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן.
— ווי הייסט וואָס ? — האָט אַנטאָש ת מ'עוואַטע אויסגעשטעלט די אויגען — כ'פיר ס כ ך אויף ס ו כ ו ת. קויפט, טייערע, קויפט !
— האָט ער זיך גענומען בעטען מיט אַ וויינענדיגען ק ו ל.
די אידען האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.
— וואָס דאַרף מען איצטער ס כ ך ? נאַר דו ! עס איז דאָך שוין י ו ם ־ ט ו ב, — האָט אים איינער געטרייסט.
נאָר אַנטאָש איז פון גרויס אומגליק ווי צעטומעלט געוואָרען און האָט געשריגען, קראַצענדיג זיך אין דער פּאַטילניצע און האַלב וויינענדיג:
— קויפט, קויפט ! כ'דאַרף זאַלץ, כ'דאַרף זייף, כ'דאַרף קעראָסין...
דער ע ו ל ם אידען, וועלכער האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון דער גאַנצער סצענע, איז גערירט געוואָרען. זיי האָבען אַ קוק געטאָן אויפ'ן אָרימען דאַרען פויערל, דערזעהן דעם פאַרצווייפעלטען פּ נ י ם, און אַ געפיל פון מיטלייד האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.
— אַן אָרימער ג ו י, אַ ביטערער ר ח מ נ ו ת ! — האָט איינער אַרויסגעזאָגט, פאַרקרימענדיג מיט ווייטאָג זיין פּ נ י ם.
— ער האָט געהאַפט נעבעך גאַנצע גליקען מאַכען פון די ס כ ך, מיט אַ מאָל — נאַ דיר ! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— עס וואָלט געווען אַ י ו ש ר אָפּצוקויפען ביי אים די ס כ ך, — האָט נאָך איינער פאַרגעלייגט.

— אום י ו ם ־ ט ו ב, ווי אַזוי? — האָט אַ צווייטער אָפּגעשלאָגען די פאַרלייגונג.

— עס איז אויף האַלץ ווערט דאָס געלט — האָט איינער געשאַצט, באַטראַכטענדיג דעם פּולען וואָגען מיט דעם ס כ ך.

— ווערט היינט, ווערט מאָרגען! אַז ס'איז י ו ם ־ ט ו ב...

— ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין קעראָסין, ניטאָ קיין זייף... — האָט דער פּויער געזונגען זיין לידעלע, ניט פאַרשטעהענדיג, וואָס די אידען רעדען אויף זייער ל ש ו ן, נאָר פילענדיג, אַז מען טראַכט וועגען אים עפּעס גוטס.

—שאַ! ער דאַרף גאָר קיין געלט ניט, ער דאַרף ס ח ו ר ה. ס ח ו ר ה אָהן געלט מעג מען געבען אום י ו ם ־ ט ו ב אויך! — האָט איינער געבוירען גאָר אַ נייע אידעע.

דער ע ו ל ם איז לעבעדיג געוואָרען. עס האָט זיך געפונען צווי־שען רעדעל אידען אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערביי אַ קראָם.

— גיב אים, ח י י ם, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאָרטען, וואָס ער דאַרף. גיב אים אויף אַ פּאָר גילדען. אַ ר ח מ נ ו ת! מיר וועלען אַלע ליידען דעם ה ז י ק.

— נו, נו, מ ה י כ א ־ ת י ת י! — האָט זיך ר' ח י י ם אָנגע־כאַפּט — אַן אָרימער ג ו י טאַקע, אַ ר ח מ נ ו ת...

— אַ מ צ ו ה, אַ מ צ ו ה! ווי איך בין אַ איד! — האָט יעדערער פון ע ו ל ם געוואָרימט.

ח י י ם האָט צוגערופען דעם ג ו י, נאָך וועלכען דאָס גאַנצע רעדעל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפענט די קראָם און האָט אים געגעבען: צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פלעשעל נאַפט און צוויי פעקלעך מאַ־כאָרקע.

דער פּויער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר ש מ ח ה, צי לאַכען, צי וויינען. ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמלען:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— נאַ דיר נאָך אַ שטיקעל ח ל ה! — האָט אים פּלוצלונג, אַז ער האָט שוין די ס ח ו ר ה איינגעפּאַקט, עמיצער אונטערגעטראָגען. — דו וועסט ברענגען אַהיים.

— נאַ דיר נאָך! — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— נאַ דיר נאָך!

— נאָך!

— נאָך!

און מען האָט אָנטאַשען גענומען טראָגען פון אַלע זייטען ח ל ה. ער איז אַ צעטומעלטער געוואָרען און האָט קוים געקאָנט אויסרעדען: „כ'דאַנק אייך!"

דער ע ו ל ם איז געווען צופרידען. און יענקעל ליִבעס, א פריילי־כער איד, וואס האט געמאכט י ו ם ־ ט ו ב פון דער פולער האנט און אראפגעבראכט א ח ת ן צו גאסט, האט אים ארויסגעטראגען א גלע־זעל בראנפען.

— נא, טרינק און פאר געזונטערהייט אהיים!

אנטאש האט אין דער גיך אריינגעגאסען דאס גלעזעל בראנפען איז מויל, פארביסען מיט א שטיקעל ח ל ה און האט פריילין אויסגעשריען:

— כ׳וועל עס קיינמאל ניט פארגעסען!

א. רייזען.

---

# הערבסט.

פארשוואונדען, פארשוואונדען די טעג פון דעם זומער,
פארשוואונדען די ליכטיגע בלויקייט פון הימעל.
נאר צייטענווייז לייכט נאך די זון ווי אין טרויער,
און קוקט אויף דער ערד מיט א קרענקליכען שמייכעל
און זעגענט זיך לאנגזאם...

עס בליהען נאך בלומען — ווי, ארימע בלומען!
דער אטעם פון זומער האט זיי נאך געבארען,
עס האט זיי דער ווארימער טוי נאך דערצויגען, —
פארגליוועט און בלייך זיינען זייערע פארבען,
זיי שטארבען, זיי שטארבען.

עס שטעהען פארטראכטע, פאר׳ח ל ו מ׳טע ביימער
אין גאלדענע קליידער פון שפעטיגען זומער.
דאס ווינטעל רייסט אפ פון זיי בלעטעל נאך בלעטער...
עס דרייען זיך לאנגזאם די בלעטער אין לופטען
און פאלען ווי טרערען.

און טרויעריג, טרויעריג קוקען די פעלדער,
די נאקעטע, הוילע, פארלאזענע פעלדער.
עס דוכט זיך, זיי וועלען שוין קיינמאל ניט גרינען;
ניט לאנג האבען זיי נאך געהילכט פון געזאנגען
און פריילינגע לידער.

און באלד וועלען קומען די רעגענס און ווינטען
און וועלען די ערד ווי א טויטען באקלאגען;
און באלד וועלען קומען די הערבסטיגע נעפלען
און וועלען אין שווערער און קלעפיגער גרויקייט
דאס לעבען פארהילען...

נחום יערוסאלימטשיק.

# רעגענס.

עס הודזשעט דער ווינט אין די שפּיצען פון די ביימער און ברענגט פון עק הימעל א כמארע נאך א כמארע, ווארפט זיי איינע אויף די אנדערע, רייסט זיי אויף שטיקער, פליקט זיי אויף פּיץ־פּיצלעך, גיט א ווילדען פייף איבער פעלדער און וועלדער און פארשווינדט הינטער בערג און הינטער טאלען. אבער נאר אויף איין ר ג ע. באלד קומט ער ווידער צופליהען אויף זיינע קאלטע מעכטיגע פליגעל, גיט געשווינט א כאפּ אראפּ מיט זיינע ריזיגע הענט א וואלקען וואסער פון הימעל, צער־הוידעט אים אין זיינע הויפענס און גיט אים א שליידער אויפ'ן גאנצען ש ט ח, פון האריזאנט ביז האריזאנט, און עס צעפליהען זיך קאלטע געדיכטע טראפּענס אין אלע פיער זייטען און צעפאלען אויף די ניט אפּגעקאשעטע לאנקעס, אויף די ניט אפּגעשניטענע פעלדער, און אזוי נאך אמאל און נאך אמאל, אהן א ציל און אהן א ח ש ב ו ן, דורך טאג און דורך נאכט.

און עס הייבען אן שווארץ צו ווערען די ת ב ו א ו ת אין די פעל־דער און הייבען אן פוילען. די צייטיגע קערנער שיטען זיך אוים פון די קעפּלעך און וואלגערן זיך נאסע פארבלאטיגטע אויפ'ן גאנצען פעלד, און עס הייבט אן פוילען א פ י ל ו דער זאנג, דער שטרוי...

וואו ניט וואו אהינטער א פעלד, הינטער א וואלד האט זיך צוגעטו־ליעט א דארף, א דערפעל. אזוי ווי זיי וואלטען זיך וועלען באהאלטען פון ווינט און רעגען, האבען זיך צוגעבויגען די שווארצע קליינע הייזלעך מיט די צעפוילטע שטרויענע דעכער נידעריגער צו דער ערד, און האלטען איין זייער אטעם... און אויף צעהנדליגער מיילען ארום און ארום ציהען זיך וועלדער און פעלדער, פעלדער און וועלדער. און עס הוליעט דער ווינט און שפּילט זיין ווילדע שפּיל מיט'ן רעגען, און לויפט אן אויף די דערפער און דערפלעך מיט זיין וואסערדיגען רייטוואגען און שמייסט אין די שייבעלעך פון די פענסטער מיט דראבנע, געדיכטע־געדיכטע טראַ־פּענס.

און די ערד איז שוין מיד געווארען אריינצוזויגען אין זיך דעם מ ב ו ל, און עס בלייבען די וואסערן שטעהן אויבען, אויף די פעלדער, אויף די לאנקעס, אויף די וועגען, און זיי מישען זיך צוזאמען מיט'ן זאמד, מיט דער שווארצער ערד, און עס ווערען לוזשעס, און עס ווערען בלאטעס. דער שליאך ווערט פארוואנדעלט אין א ליימיגען טייך, און די זייטיגע וועגלעך ווערען צעגאסען. די טייכלעך ווערען איבערפולט מיט וואסער און פאר־טרינקען די ברעגען, די בריקלעך, די קלאדקעס — אלץ ווערט אויסגע־מישט אינאיינעם, און עס איז ניטא קיין אונטערשיד פון וואסער ביז טרי־קעניש, פון ערד ביז הימעל, — אלץ איז אנגעטאן אין א גראהען וואַ־סערדיגען רעגען־מאנטעל.

און אין דער לופטען טראגט זיך א שרעקליכער שאטען פון דארף צו

דאָרף. אינ'ם געשטאַלט פון אַ שוואַרצען פויגעל מיט רויבערישע אויגען טראָגט ער זיך און פאָכט מיט זײַנע פליגעל, אַזוי ווי אַ נישט־גוטער, און פאָכט אַן אויף'ן לאַנד הונגער און י ק ר ו ת, הונגער און י ק ר ו ת...

עס הודזשעט דער ווינט אין די שפּיצען פון די בײַמער און ברענגט אַלץ נײַע און נײַע כמאַרעס, און וואַרפט זיי גאַנצע בערג אײַנע אויף די אַנדערע. און אַט גיט ער ווידער אַ כאַפּ אַ גאַנצען וואָלקען אין זײַנע ריזיגע הויפענס און גיט אים אַ שלײַדער פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט. און עס צעפּליהעט זיך אַ מ ב ו ל פון קאַלטע טראָפּענס, און גיט אַ לײַג די ת ב ו א ו ת מיט די גראָזען, און זיי בײַגען זיך אַלץ נידעריגער, נידעריגער, און די קעפּלעך פון די זאַנגען ווערען אַלץ לײַדיגער און שוואַר־צער. עס נעצט און עס פוילט, עס נעצט און עס פוילט.

מ. טײַטש.

---

# דער הערבסט.

טרויעריגע בילדער! וואָלקענס אָהן אַ ש י ע ו ר;
נאָכאַנאַנד דער רעגען, טײַכעלעך בײַם טיר.

אַ פאַרדאַרטעס בײַמעל שאָקעלט זיך אַ שרעק!
ס'קוקט דאָס גאַנצע שטעטעל, ווי אַ גראָהער פלעק...

וואָס ביסטו געקומען, הערבסט, גאָר אומגעריכט?
ס'וויל דאָס האַרץ נאָך האָבען וואַרימקײַט און ליכט.

קײַנער ניט צופרידען איז מיט דײַן באַזוך;
פאַר'ן אָרימען מענשען ביסטו גאָר אַ פלוך.

שוין באַצײַטענס פילט ער גאָר דײַן בײַזע מאַכט,
ווי פאַר קעלט די קינדער ציטערן בײַנאַכט.

נישט קײַן האָלץ אין אויווען, אָהן אַ קלײד דער ג ו ף.
וואָס האָסטו געאײַלט זיך, הערבסט, אויף ווערעם רוף?

זעהסט, דער בלײַכער, קראַנקער אײַנגעהאָרבעט שטעהט.
ווי האָט אים דער זומער פריש געמאַכט, געפרײַט!

און אַצונד — דאָס רווישען פון די בלעטער־געל
טרײַבען אָן אַן אומעט אויף זײַן קראַנקער זעל...

פריה געקומען ביסטו, הערבסט, צו גאָסט אַהער;
פיעלע וועלען זומער ניט דערוואַרטען מער...

א. רייזען, פון פלעשטשייעוו.

# די פאַרשפּעטיגטע רויז.

דער הימעל איז באַדעקט מיט אַ בלײַערן־גרויען װאָלקען. דער װינט בלאָזט און שאָקעלט מיט די בלױזע בײמער. איבער דער ערד איז שױן דורכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עטליכע דערנער. די ערד איז הויל און װיסט... דער קאַלטער װינטער געהט!

ערשט דאַמאָלט האָט זיך מ י ש ב געװען אַ רויז און האָט אָנגע־הויבען אַרויסשפּראָצען אײנע אַלײן אויף אַ קושאַק אויפ׳ן פרײען פעלד.

און שאַרלאַך־רויט איז זי געװען, און געציטערט און געצאַפּעלט שױן פאַר קעלט.

זי האָט מיט אַלע כ ו ח ו ת אויסגעצויגען אירע לאַנגע, שװאַכע בלעטלעך צו כאַפּען נאָך אַ װאַרימען, נאָך אַ ליכטיגען שטראַל.

אומזיסט! צו־שפּעט!

ערגעץ אַנדערשװאו איז איצט זומער! ערגעץ אַנדערשװאו דער־װאַכט ערשט דאָס נײַע לעבען; נײַע האָפנונגען, נײַע פרײד, נײַע לוסט! ערגעץ אַנדערש בליהען נײַע פרישע רויזען — אָבער דאַ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבען!

דער װינטער, דער מ ל א ך ־ ה מ ו ת, געהט! זײַן אָטעם איז פראָסט, זײַן הויך איז שנײ...

— אַך, גאָט, — װײנט די רויז — האָב ר ח מ נ ו ת אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך װיל אַזוי לעבען! פאַרװאָס באַהאַלט זיך פון מיר די זון? פאַרװאָס זאָל מיך פאַר דער צײַט אונטערשנײדען דער פראָסט, פאַרשיטען דער שנײ? װאָס בין איך שולדיג אַז איך בין צו שפּעט גע־קומען? פאַרװאָס זאָל איך שטאַרבען גאָר אומגעלעבט? פאַרװאָס זאָל איך אַװעקגעהן פון דער װעלט אָהן אַ שטראַל פון דער זון, אָהן אַ װאַרי־מער, גוטער ר ג ע?

— האַלט ס׳מויל! — האָט אַ פײַף געגעבען דער בײזער װינט און האָט פאַרשאָטען די װײנענדיגע בלום מיט שטויב און פוילע בלעטער.

י. ל. פּרץ.

---

# דער פאַרפראָרענער טײַך.

ניט אײן טאָג, ניט צװײ און ניט דרײַ טעג האָט דער פראָסט זיך געפּרואװט אָפּצושטעלען דעם טײַך; אַלע טאָג פלעגט ער קומען אויף אַ בײזען װינט און פלעגט װילד בלאָזען. עס האָט אים אָבער ניט געהאָל־פען — דער טײַך האָט זיך געטאָן זײַנס: געפּליסקט און פרײליך גערוישט.

און דער פראָסט האָט זיך ניט געקאָנט באַרוהיגען; ער מוז װײַזען דעם טײַך, װער עלטער איז! און װאָס אַ טאָג פלעגט זײַן צאָרן ברע־נענדיגער װערען, און מיט אַלערלײ בײזע װינטען, שטורעם און שנײען פלעגט ער דעם טײַך באַלאַגערן.

און ביסלעכווײַז האָט זיך דער טײַך אָנגעהויבען אונטערצוגעבען. ער האָט זיך מיט ווײַטאָג איבערצײַגט, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט א מער שטאַרקען, מיט א מער בײזען.

פּאַרפּאַלען — עס מוז געשעהן!

אין אײן פריהמאָרגען האָט ער זיך דערפילט ווי פאַרצויגען מיט א בעלמע און נאָר ווי דורך א נעפּעל זעהט ער דעם הימעל. דעם צווײטען טאָג האָט ער זיך נאָך ערגער געפילט: די בעלמע איז דיקער געוואָרען און דער הימעל איז שוין אינגאַנצען פאַרשטעלט. דאָס באַוועגען זיך ווערט אים אַלץ שווערער, און שפּילען זיך מיט די כוואַליעס איז שוין גאָר אוממעגליך.

ער האָט זיך געשטעלט!

שווער איז אים זיך צוגעוואוינען צו אַזאַ שטילקײט, צו אַזאַ טויטקײט; ער רײַסט זיך, ער וויל אַרויסשפּרינגען — אומזיסט!

און וואָס א טאָג פּילט ער אַלץ נעהנטער דעם טויט. און דער דיקער אײַז פּרעסט אים ווי מיט טויזענטער שטײנער.

א. רייזען.

---

# ווינטער-ליד.

ס'האָבען דרויסען מיך באַגעגענט
גאַנצע מ ח נ ו ת קאַלטע שטראַלען,
האָבען מיר פאַרבלענדט די אויגען,
גלעטענד־שטעכענד מיך באַפאַלען.

וואו נאָר ס'קאָן דאָס אויג דערגרײכען,
גלאַנצט גאָטס וועלטעל, שעמערירט,
אויסגעשאָטען מיט בריליאַנטען
און מיט דימענטען פאַרצירט.

ס'איז דער פראָסט אַלײן דער מ ו ש ל,
שטאַרק און קרעפטיג איז דער ריז;
ס'דינען קעלט און שײַן צוזאַמען:
דער אַלס נאָדעל, דער אַלס שפּיז.

און עס האָט א שנײ א ווײכער —
שפּאָגעל־נײַ, אַט ערשט פון הימעל —
צוים און בערגעל אײַנגעהילט
און פאַרדעקט אויף װײ דעם שימעל.

קלאָרע לײַליכער צעקײַקעלט,
הויפען, גאַסען אויסגעשאָטען,
זילבער־קווײטלעך אָנגעהאַנגען
אויף די טעלעגראַפנע דראָטען.

ח. נ. ביאַליק.

# חנוכה־שפיל.

— „קינדער! הערט, וואָס כ'וועל אייך פרעגן, —
האָט געזאָגט אונז נחום־מענדעל
חיים־בערס — אַ יונג מיט ביינער
און דערצו אַ קלוגער קאָפּ: —

„פורים־שפיל איז פון פאַרצייטענס
דאָ ביי אונז; דאָס גאַנצע שטעטעל
קאָכט און אַרבייט, ברענט און פלאַקערט,
אַ יריד, אַ טאַראַראַם!

„קומט אַ חנוכה — איז גאָר ניט;
אָפּגעבענשט די ליכטלעך, לאַטקעס
אָפּגעגעסען, מיט'ן דריידעל
אָפּגעדריידעלט — און אַ סוף.

„סטייטש, מיט וואָס איז, זאָגט מיר, ערגער
געבעך חנוכה פון פורים,
און פאַרוואָס ניט מאַכען טאַקע
אויך אויף חנוכה אַ שפּיל?

„וואָס? איר מיינט מען דאַרף דאָ עפּעס
גרויסע חכמות? גאָר ניט. נעמט אונז
ווי מיר שטעהען דאָ, איז האָט איר
גאָר אינגאַנצען, גיך און גוט:

„איך וועל זיין דער מלך־יון,
דו, אברהמ'על, שפּילסט, למשל,
מתתיהו כוהן־גדול,
און יונים וועלען זיין

חיים, טאָדרעס, איצע, בערקע,
חנה, נחמן, פיצע, שמערקע,
עוזר, לייזער, גרשון־בער,
ווער עס וויל — אַבי וואָס מער.

„דאַרף מען וואָס? אַ פאָן? אַ קיצור —
צו אַ לאָפּעטע אַ פראָסטער
בינדט מען צו אַ טלית־קטן, —
פּאָך מיט אים און שריי: „הורראַ!"

„הייבט זיך, אידען, אַ מפּלה
אויפ'ן יון! איינגעזונקען

זאָל ער ווערען!"... האַ? וואָס ווײַטער?
ב ג ד י ם, פרעגט איר? אויך אַ זאָרג!

„איך, ל מ ש ל... ס'איז אַ פענדעל
דאָ בײַ אונז פון רויטען קופּער
מיט אַ שפּיצעכדיגען הענטעל;
כ'טו עס אָן, פאַרוויקעל זיך

„פון דער נאָז און ביז די פּיאַטעס
אין אַ קאָלדרע אין אַ רויטער
און, פאַרשטעהט איר? אָט־אַ בין איך
אַ נ ט י ו כ ו ס אויסגעטאָקט.

„איר, י ו נ י ם, ס'הײַסט סאָלדאַטען,
טוט זיך אָן אין קלײדלעך, קאַפּטעס,
ווי דער מ נ ה ג איז בײַ גרעקען;
שטעקענס, קאַטשערעס און העק

„ווּעלען זײַן בײַ אײַך כ ל י ־ ז י ן, —
סמירררנאָ!... שאַגאָם... מאַרש!... פאַרשטאַנען?
דו, אַ ב ר ה מ'על — מ ת ת י ה ו —
נעם בײַם טאַטען דעם כאַלאַט

„מיט די קוטאַסען, אַ ב ג ד
פאַר אַ כ ו ה ן ־ ג ד ו ל — פּ ש ו ט
אויסגעגאָסען; דאַרף מען בעסערם?
אָן אַנטיק — אי ברײט, אי לאַנג.

„חוץ־דעם, ברודער, נעם אַ גרויסען,
לאַנגען, שאַרפען מעסער, מ ח מ ת,
ווי דו ווײסט דאָך, דאַרפסטו דאַרטען
שטעכען י ו ב'ס קאָמאַנדיר;

„שטעל דיר פאָר: דער יאָלד אין גרויסע,
לאַנגע שטיוועל, מיט אַ קעסעל
אויפ'ן קאָפּ, מיט לאַנגע וואָנצעס,
מיט אַ שפּיז אין האַנט. און דו —

„טוסט אַ שפּרונג, לויפסט־צו — „דו, ג ז ל ן! —
שרײַסטו — דו, ר ו צ ח אײנער!
ווילסט מען זאָל אויף גאָט פאַרגעסען?
אויפ'ן גרויסען, שטאַרקען גאָט,

„וועלכער האָט פון לאַנד מ צ ר י ם
אונז דערלייזט, דעם י ם געשפּאָלטען
און אַרײַנגעפירט דאָס ליבע
פאָלק־י ש ר א ל אין אַ לאַנד,

וועלכעס טריפט מיט מילך און האָניק,
בליהט מיט באָקסערן און מאַנדלען —,
זאָלען מיר אויף אים פאַרגעסען?
צו דײַן געטשקע בוקען זיך?

כ ו ר ע י ם פאַלען פאַר'ן ח ז י ר,
וואָס דו ברענגסט אים פאַר אַ ק ר ב ן?
האַ? דאָס פאָדערסטו, דאָס ווילסטו?
ניין, אַ מ כ ה דיר אין האַלז!

„נאַ דיר, נאַ י מ ח ש מ ו נ י ק!"
און אַ שטאָך אים מיט'ן מעסער
גלײַך אין בויך אַרײַן!... פאַרשטעהסטו?
די י ו נ י ם בלײַבען שטעהן

„אויף אַ ר ג ע, ווי פאַרגליווערט...
נאָר דערזעהענדיג דעם ג י ב ו ר
מיט די וואָנצעס, ווי ער אָקערט,
גראַבעלט מיט דער נאָז די ערד,

„כאַפּען זיי זיך אויף און לויפען
הענדום־פּענדום... אַ ב ה ל ה,
אַ דערשטיקעניש... עס פליהען
קלעפּ ווי האָלץ... עס קאַכט, עס זידט...

„דער מ ז ב ח קערט זיך איבער
אויף אַ זײַט... דער ח ז י ר כריוקעט,
קוויטשעט!...
שטעה נאָר... וואַרט אַ ביסעל..."
נ ח ו ם ־מענדעל שטעלט זיך אָפּ,

טוט אַ רײַב דעם שטערן. — „הערסטו? —
מאַכט ער, — גאָר ניט נאַריש, כ'לעבען,
אַ מ ז ב ח מיט אַ ח ז י ר...
גוט... נאָר... אָבער אַז אַזוי,

„הייסט עס, דאַרף מען דאָך אַ ח ז י ר?
ווער זשע וועט דעם ח ז י ר שפּילען?...

בערקע! הער, דו ביזט א נ פ ש
מיט א געמבע, האסט א קוויטש

„ב מ ת נ ה פון זיין ליבען
נאמען, — אי, א קוויטש! ס'איז מ מ ש
אן אנטיק; דער גרעסטער ח ז י ר
איז א הונט אנטקעגען דיר;

„נעם זשע, בערקע־לעב, די ראליע,
שעם זיך ניט, פאר א ד ב ר ־ מ צ ו ה
מעג מען, ברודערקע"...
נאר בערקע
ווערט צעקאכט: „א, גענה אין דר'ערד! —

שרייט ער אוים: — ווער איינגעזונקען
מיט דעם גאנצען שפיל אינאיינעם!
הערסט א פלאן? א שיינעם כ ב ו ד
גיט ער מיר — א ח ז י ר זיין!?!"

קורץ דערציילען, וויפיעל אינגלעך
ס'זיינען דארטען ניט געוועזען,
קיינער האט דעם ח ז י ר שפילען
ב ש ו ם א ו פ ן ניט געוואלט.

ליבע ברידער, ווי כ'דערצייל איינך,
איז צונישט געווארען אונזער
שפיל אויף ח נ ו כ ה, פארפאלען
נ ח ו ם ־מענדעלס גאנצער פלאן.

ש. פרוג.

---

# ווען כ'צינד די ליכטלעך אן.

פארלאשען זיינען מיינע שטערען
און פינסטער איז די לאנגע נאכט;
דאך הייבט מיר ליכטיג אן צו ווערען,
ווען כ'צינד די ליכטלעך אן, די אכט!

מיין מאכט און שטאלץ איז לאנג אריבער,
דער ווילדער ש ו נ א שפאט און לאכט;
עס לעבט דאך אויף דער אלטער ג י ב ו ר,
ווען כ'צינד די ליכטלעך אן, די אכט!

עס שטומען אלע מיינע לידער
פון ג ב ו ר ה, העלדענטאט און מאכט;

דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

אָן אַלטע טרער מײַן אויג פאַרטונקעלט
און האָט עס שיר נישט בלינד געמאַכט;
דאָך זעהט, ווי העל צוריק עס פונקעלט,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!...

א. רייזען.

---

# אין אַ ווינטער־נאַכט.

א.

עס פאַלען פון אויבען די שנייעלעך לאַנגזאַם
און פלעכטען אין לופטען זיך שטיל אָהן אַ ס ו ף,
פאַרהילען די פעלדער אין פוכיגע קליידער,
פאַרוויגען, פאַרטוליען די ערד ווי צום שלאָף...

אַ שלאָף אָהן ח ל ו מ ו ת, אַ טיפער, אַ קאַלטער,
אַ בלענדיגע ווײַסקײַט אַרום און אַרום.
פאַרשאָטען די וועגען, קײַן הימעל, קײַן שטערען,
נאָר שנייעלעך דרייען זיך לאַנגזאַם און שטום.

ב.

אין צימער אין מײַנעם איז וואַרים און ליכטיג,
עס קנאַקען די קוילען אין אייוועלע שטיל.
איך זיץ אַ פאַרטראַכטער און קוק אויפ׳ן פײַער,
און קוק, ווי די פונקען פאַרגעהען אָהן ציל.

געוועזען איז פרילינג — מיט בלעטער און בלומען...
און זומער — אַ פרײַע און ליכטיגע וועלט.
און פייגעלעך האָבען אין וועלדער געזונגען,
און ס׳האָבען זיך מענשען געפרייט אויפ׳ן פעלד.

און נאָכדעם דער הערבסט האָט די טרוימען פאַרטריבען,
די בלומען צעריסען, דעם י ו ם ־ ט ו ב צעשטערט.
עס זײַנען די ווינטען און רעגענס געקומען
און האָבען מיט טרערען פאַרגאָסען די ערד...

און איצט האָט דער ווינטער פאַרגליווערט די טרערען,
פאַרטויבט און פאַרפראָרען דאָס לעצטע געפיל.
איך זיץ אַ פאַרבענקטער און מידער בײַם פײַער
און קוק ווי די קוילען פאַרלעשען זיך שטיל.

נחום יערוסאַלימטשיק.

# אויפ׳ן גליטש.

## א.

די נאַכט האָט זיך געהויבען שטיל און זיכער ביז צום ווייטען הי־מעל און האָט זיך צו אים געצויגען און געפרעסט. און דער הימעל האָט זיך איבער איר געשפרייט ווי אַ פאַרשטערנטער בלויער י ם.

און דער פראָסט האָט געוועלטיגט אין דער נאַכטס בלויער לופט, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און געמאַכט פידלען דעם שניי אונטער די פיס, און האָט געשטאַרקט די אָדערן, האָט אָנגעצויגען די מוסקולען, געקרעפטיגט דאָס בלוט און געמאַכט פילען פראָסטיג, ברענענדיג.

בערג ווייסע, מיט ביימער נאַקעטע, פאַרשנייטע האָבען זיך גע־הויבען דאָ און דאָרט, שטילע, לעבעדיגע, און האָבען זיך צופרידען גע׳ח ב ר׳ט מיט דער קרעפטיגער, טיפער בלויקייט, וואָס אַרום זיי און וואָס איבער זיי:

— זיי געגריסט, דו קרעפטיגע, בלויע ווינטער־נאַכט! זיי גע־גריסט!

און דער שטאַרקער ריז, דער זיידע־פראָסט, קלאַפּט דערפאַר אָפּ דעם ערשטען גרעסטען באַרג אין פּלייצע:

— וואויל, וואויל, מיין קינד, וואויל! — און שפּאַנט ווייטער.

אויפ׳ן אייז־רינג גליטשען זיך שוין ח ב ר ה, פרישע, יונגע, טומ־לען, לויפען, שוועבען איבער׳ן אייז. און עס קומען נאָך אָן אַלץ נייע און נייע, זעצען זיך צו אויף די בענק, וואָס אַרום ברעג, און טוען אויף גיך אָן די שטאָלענע גליטשערס און וואַרפען זיך אויפ׳ן אייז.

און אַז מען גליטשט זיך דורך דעם ערשטען ראַנד, ווערט מיט אַמאָל וואַרים. וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ די אויבערשטע ווינטער־קליידער און מען דערפילט זיך מיט אַמאָל אַזוי לייכט, אַזוי פאַרגעניגענדיג גרינג, כאָטש פליה!

לאָזט מען זיך פליהען איבער׳ן אייז, אויף די גוט־געשאַרפטע, בלאַנ־קע גליטשערס. מען נעמט זיך טראָגען שנעל און שנעלער, איינע הינ־טער די אַנדערע, איינע פאַר די אַנדערע, און ווער גאַר צוזאַמען: איי־נער אָן דעם צווייטען, איינער אָן דעם צווייטען, אין אַ לאַנגער, רירעוו־דיגער קייט, וועלכע טראָגט זיך שנעל און האַסטיג; און ווער עס גליטשט זיך האַנט אין האַנט אין דער ברייט, ווי אַ לעבעדיגער פאַרקאַן.

און די בלוטען צעוואַרימען זיך אַלץ פרישער, לעבעדיגער און וואַ־רימען צופרידען די הויט פון די קרעפטיגע יונגע לייבער. די ברוסט אָטעמט פריי, פריש, גערן, און דאָס האַרץ נעמט שלאָגען מוטיגער. און אַלץ צערייצטער, ווילדער רייצט דער ווילדער פראָסט.

איז עמיצער צופרידען, גליטש ער זיך שטאַרק; איז עמיצער אויף עפּעס אין כ ע ס, גליטשט ער זיך, אויף צו־ל ה כ ע י ס, נאָך שטאַרקער.

אָט האָט עפּעס איבער'ן אײַז אַ קלונג געטאָן. דאָס איז בײַ אַ מײדעל, אינמיטען יאָגען זיך מיט איר ח ב ר'טע, אַרונטערגעפאַלען אײן גליטשער. דאָס מײדעל פאַלט. די ח ב ר'טע פּרואווט זי אונטערכאַפּען און גליטשט זיך אַלײן אויס אײן מאָל, אַ צווײט מאָל און לאָזט דערבײַ אַ פּאָר מאָל אַרויס אַ קוויטש, צעלאָזט די הענט אין דער לופט און קאָן קוים כאַפּען דאָס גלײַכגעוויכט.

דאָ און דאָרטען ברענען אויפ'ן אײַז רונדע רויטע פײַערלעך — אויף צו דערצײלען, אַז יענע פּלעצער זײַנען געפערליך. קוקען די פײַערלעך, ווי רויטע וואונדען, פון וועלכע עס ציהען זיך בלוט־רויטע פּאַסען איבער'ן גרינליכען אײַז.

ב.

דער פראָסט בריהט; עס אָטעמט זיך מיט ח ש ק און כוח. באַלד אָבער נעמט ציהען אַן אַנדער ווינט. עס ווערט לינדער, און עס נעמען פאַלען פוכקע, ווײַסע שנײען: דאָס האָט דער פעטער שנײער זיך גענומען שפּרײטען זײַן נעץ.



די גליטשערס נעמען זיך יאָגען פלײַסיגער און ווערען אַלץ מער פארפלאָנטערט אין דער ווײַסער נעץ. עס ווערט שווער צו זעהן עטוואָס ווײַטער פון זיך. לויפסט, לויפסט, און פון דער ווײַסער נעץ איז זיך ניט אַרויסצורײַסען!

פאַר'ן אַוועקגעהן ווערט דער גליטש־פּלאַץ ליבער, בעט זיך מ מ ש בײַ יעדען: נעם, כאַפּ אַרײַן נאָך אַ גליטש! נאָך אַמאָל גליטש זיך דורך דעם גאַנצען ראַנד! גוט? — טו עס נאָך אַמאָל! — קוק אָט

אין יענער זײַט, צו די בײַמער — דאָס אײַז איז דאָרט אַזוי גלאַט! — ס׳איז אַנטקעגען ווינט? נו, איז וואָס? עס איז דאָך נאָך בעסער, העלדישער! און דערפאַר צוריקוועגס טראָגט עס דאָך ווי אויף פליגלען.

דאָך ווערט דער ע ו ל ם שיטערער: מען מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן. עס ווערט אַלץ לעבעדיגער, פוסטער, און דעם ווינט ווערט פון דעם אַלץ גראַמער, הײמליכער, און ער נעמט זיך אָפּקערען דעם שנײ פון אײַז, קערט ווי מיט ברײטע, ווײכע בעזימער. עס הײבט זיך אויף אַ שטויב און טראָגט זיך מיט אַ לײַכטען בײַזער.

און אָט האָט ערגעץ אַ פּאָליסמאַן צוגעלײגט זײַן פײַפעל צום מויל און אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען פײַף. דער פײַף האָט זיך אַ צווײ־דרײ מאָל צעבראָכען און איז נאָכדעם ווידער אַוועק גלײַך. און באַלד האָבען אויך אַנדערע פּאָליסלײט, וואָס אויף דער וואַך אַרום אײַז, גענומען פײַפען. עס האָט זיך צעטראָגען אַ טומעלדיג פײַפען אין דער נאַכט און האָט זיך גענומען ציהען איבער אַלעמענס קעפּ און געשמיסען ווי מיט בײַטשען.

— אַהײם! אַהײם! אַ־אַ־הײם!

דוד איגנאַטאָוו.

---

# צום פראָסט.

אוי, צעשפּיל זיך, פראָסט, מיט וואוט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!

גים דײַן שטאָל אין הארץ בײַ מיר,
אויף מײַן וואָנס דעם הויך באַפריר!

און באַשמיד מײַן ברוסט מיט אײַזען,
טאָמער וועט זי זיך צערײַסען

פון פיעל ג ב ו ר ה און פיעל וואוט.
הוליע, פראָסט, און ברען און גלוט!

שטרענג די מוסקלען אָן, ווי שטריק,
און מײַן הויך אין האלז פאַרשטיק!

פינקלענד, שטראַלענד שעמעריר,
וואָס אַ מאָל אַלץ מערער פריר!

ח. נ. ביאַליק.

# דער חזן פון די ביימער.

א.

צוועלף א זייגער האט אונז דער רבי געלאזען פריי פון חדר. ס'ארא שמחה ס'איז געווען! אין מיטען אינדערוואכען, ניט ערב־שבת, ניט ערב יום־טוב פריי א גאנצען טאג!

דאס איז דערפאר, וואס היינט איז חמשה־עשר.

הער איך ניט דעם ווינט, וואס פאטשט מיך מיט גריניפלעך שניי איבער דער צורה, און לויף אהיים, אהיים אויף א גאנצען טאג.

אין דערהיים איז קיינער ניטא. דער טאטע — ערגעץ אוועקגע־פארען, די מאמע — אין קליים. נאר די אלטע באבע זיצט און שטריקט א זאק.

גיט מיר די באבע ווארמעס, דערלאנגט א פולען טעלער מיט פרות: טייטלען און פייגען, נים און באקסערן, מאנדלען און ראזשינקעס און נאך א האלבען פאמעראנץ דערצו.

— עס, מיין זון, און זאל דיר זיין צו געזונט, — זאגט די באבע און זעצט זיך צוריק אין איר וויכען שטול שטריקען, שטריקען און דרעמלען.

איך האב אויפגעגעסען די פרות און האב זיך אנגעשפילט מיט די ביינדלעך. די באבע איז דערווייל גאר איינגעשלאפען זיצענדיג, און איך בין פארבליבען אליין.

וואס זאל איך טאן איינער אליין אין שטוב?

איך האב זיך געשטעלט ביים פענסטער, געקוקט אין די שויבען, וואס זיינען פארצויגען געווארען מיט פראסטיגע בלומען. מען זעהט א ליידיגע גאס. מען זעהט קיין לעבעדיגען נפש ניט. נאר דער ווינט שפרייט א דינעם שטויב פון שניי, דרייט אים ארום אין דער לופטען און פייפט אונטער...

וואס זאל איך אליין טאן?

— איך וועל גאר געהן א בליק געבען, וואס טוען די ביימער אין זייער יום־הדין.

איך האב שנעל אנגעטאן מיין מאנטעל, ארויסגע'גנב'עט זיך שטי־לינקערהייט, די באבע זאל ניט דערהערען, און אוועקגעלאפען אין גער־טענדעל, וואס הינטער אונזער שטוב. וואס טוען דארט די ביימער? זיי דאווגען? ווי דאווגען זיי?

די נאקעטע ביימער זיינען פון איין זייט פארדעקט געווען מיט שניי. זיי האבען געשפרייט איבער מיר זייערע דארע צווייגען, האבען זיך גער־טרייסעלט און געציטערט. ארום איז געווען א טומעל, א גערויש, ווי יום־כפור אין דער גרויסער שול.

—יא, די ביימער דאווגען. זיי שטעהען אנגעטאן אין ווייסען, ווי מיר, אידען, שטעהען אום ימים־נוראים.

אן אלטער בארענבוים, דער גרעסטער זקן פון גארטען, סקרי־פעט און שאקעלט ארום אן אונטערגעבראכענעם צווייג. דאכט זיך,

ביטערע זיפצען רײַסען זיך פון זײַן אלטען הארצען...

און דער ווינט ברומט און טרייסעלט פון די צווײַגען אראפּ טראָ־פּעלעך פּראָסט, וועלכע פאלען ווי פארפראָרענע טרערען. און פלוצלונג שטאַרקט ער זיך, דער ווינט, גיט אַ ריס דעם שניי אין דער לופטען און טוט אַ הודזשע און אַ פּײַף! תרר־עעע — תרועה...

דאָס בלאָזט ער פאַר די ביימער שופר.

ב.

ס'איז מיר אַזאַ רחמנות אויף די ביימער. זיי ווערען דאָך דאָ איצט געמ'ש שפּט: ווער זאָל בליהען, ווער זאָל דאַרען; וועלכער זאָל פּרוכט ברענגען, וועלכען זאָל אַ האַגעל צעשלאָגען.

— גערטעלע מײַנער, סעדעלע! ווער וועט פאַר דיר תּפילה טאָן? אָפּגעזונדערט פון גרויסען וואַלד, שטעהסטו דאָ איינזאַם, ווי אַ מנין אידען אין אַ פאַרוואָרפען דערפעל. אפילו קײַן חזן וואָס זאָל פאַר דיר מתפּלל זײַן, האָסטו ניט. אָבער מײַן טײַער גערטעלע, איך וועל פאַר דיר מתפּלל זײַן"...

און כ'לויף, כ'ברענג אַ מחזור פון שטוב, כ'עפען אים און הייב אָן צו זאָגען.

איך זאָג און בעט; און דער ווינט בלאָזט, פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם. נאָר איך גיב זיך ניט אונטער; איך שטאַרק זיך, הייב העכער אויף מײַן שטים און זאָג ווײַטער:

— ונתנה תוקף — און מיר דערציילען די שטאַרקע הייליג־קײַט פון דעם טאָג, וואָרום ער איז פאַרכטיג און שרעקליך אָהן אַ מאָס...

איך דערמאָן זיך יאָסע דעם חזנ'ס ימים־נוראים מ'דיגע ניגונים און זינג ווײַטער:

— אמת, אַז דו ביסט דער ריכטער און דער קלאָגער...

עס רײַסט מיר אין האַלז. אָבער ווי קאָן איך אויפהערען? ווי קאָן איך שווײַגען, אַז די ביימער שאָקלען אַזוי אומעטיג די צווײַגיגע קעפּ, אַז זיי קרעכצען און ציטערן אַזוי? און דער אַלטער בארנבוים, דוכט מיר, בעט זיך: „שמואל'יקעל, בעט פאַר אונז, אַ, שמואל'יקעל, זײַ מתפּלל פאַר אונז, וואָרים צו אַ פאַרוואָרפענעם מנין זײַנען מיר געגליכען".

און איך זאָג ווײַטער: ובשופר גדול — און אין אַ גרויסען שופר ווערט געשאַלט...

— הווו — הודזשעט דער ווינט אַ תקיעה גדולה; און מײַן הארץ ווערט מיר צעבראָכען. איך שאָקעל זיך און ענטפער אים מיט אַ קול, אַ פאַרשטיקטען פון געוויין.

— און אַ שטיל־שטילע שטימע ווערט געהערט...

פלוצלונג —

— אײַ, שמואל'יק, שמואל'יק!

און עפּעס אַ האַנט נעמט מיך אַרום. אַ פרוי? ניין—צוויי פרויען... אַ, דאָס איז די באָבע מיט דער מאַמען. זיי זיינען ב ר ו ג ז, וואָס איך שטעה אויפ׳ן ווינט און שריי. און זיי רייסען מיך איבער אין מיטען. זיי שלעפּען מיך אין שטוב אַריין אין מיטען ת פ י ל ה...

איך האָב געהוסט. ביי דער נאַכט האָב איך גערעדט פון היץ און כ ס ד ר געזונגען י מ י ם ־ נ ו ר א י ם׳דיגע נ י ג ו נ י ם. אין ח ד ר בין איך שוין אויף מאָרגען ניט געגאַנגען, ווייל איך בין געלעגען מיט אַ לונגען־אַנטצינדונג.

ערשט נאָך פּ ס ח בין איך צוריק געקומען אין ח ד ר. דעמאָלט זיינען די ביימער ביי אונז אין גערטענדעל געשטאַנען אויסגעפּוצטע אין ווייסער בליהונג, און פריילכע פייגעלעך האָבען אים פאַרהילכט מיט זייערע לידלעך.

יאָ, מיין ת פ י ל ה איז ניט געווען אומזיסט: אונזער גערטענ־דעל איז שענער געוואָרען פון טאָג צו טאָג.

מיינע ח ב ר י ם רופען מיך „דער ח ז ן פון די ביימער“; טאָ איז וואָס?

מיין ת פ י ל ה איז דאָך אָנגענומען געוואָרען; אויף אונזער גער־טענדעל איז דאָך אַזאַ גערעטעניש געווען.

נאָך ש. בן־ציון.

---

# ס ו ף ו ו י נ ט ע ר.

ס׳איז אַ טעג אַכט נאָך פּורים. די זון קוקט פריינדליכער, מילדער אַראָפּ פונ׳ם הימעל, שיקט דורך אירע שטראַלען און דורך אַ לינד ווינטעלע די ערשטע ה ת ר א ה דעם ווינטער, אַז עס ענדיגט זיך דער טערמין פון דער ד י ר ה דאָ, אויף דער ערד, ער זאָל מ ו ח ל זיין זיך אַרויס־קלייבען, זיך רוקען ווייטער.

און ער טוט דאָס אייגענע טאַקע, וואָס אַ שלעכטער, איינגעשפּאַר־טער ש כ ן — ב ר י ה׳ט זיך, מאַכט פוילע ת נ ו ע ו ת. ביי טאָג, דער זון אין די אויגען, געזעגענט ער זיך, פאַרגיסענדיג שטראָמען טרערען — טייכלעך וואַסער רינען אויף די גאַסען. „איך געה, איך געה, — היי׳סט עס, — לאָזט מיך נאָר זיך פּאַקען, פאַרנעמען מיינע בעבעכעס, דעם שנויי מיינעם, פאַרשוואַרצט איז ער, נעבעך, געוואָרען.“ קוים אָבער מאַכט די זון צו אַן אויג, געהט פאַרנאַכט אין איר רוה אַריין, שטעלט ער מיט אַ פאַרכמורעט ב י י ז פּ נ י ם איר אַרויס פייגען — סאָסולקעס פאַרגליווערטע, און בלייבט ביי זיינס טאַקע, אייז־קאַלט, ווי פריהער.

נאָר אַז אָך און וויי איז צו אים! ער איז שוין פאַרביי, מען איז אים שוין מ ב ט ל. ביי אידען איז שוין פאַר פּ ס ח, די צייט פון עפענען טיר און טויער, אַרויסטראָגען אויף דער גאַס טיש און בענק, שיינערן, וואַשען און כ ש ר׳ן אַלצדינג אויף פּ ס ח.

ש. י. אבראַמאָוויץ.

# ערב פרילינג.

כ׳שטעה אויף פריה — דער דאך געזילבערט
און א בעלמע אויף די שויבען;
דאך אין דרויסען פליהען העכער
צו דעם הימעל ווייסע טויבען.

און די צעפלעך אייז, ווי ליכטלעך,
אנגעצונדען מיט א העלען
שטראל, צעשמעלצען זיך און טריפען, —
צי זיי ווייגען, צי זיי קוועלען?...

מיר געפעלט דער ע ר ב - פרילינג
ד ו ק א ווי ער שטעהט און געהט,
אנגעטאן אין שמאטעס־וואלקען
מיט א גאלדענעם שטראל באנייט.

איך האב ליב זיין קאלטען ווינט,
וואס ער פאטשט אין האלז און נאקען,
ווען פון פארענט קושען, הלובען
זיסע ווינטלעך מיינע באקען.

אט ווערט ליכטיג, אט ווערט טונקעל,
און אט גיסען זיך צוזאמען
ליכט מיט שאטען... יא, דאס האט
טויזענט ח ב׳ען, טויזענט ט ע מ׳ען...

און דער טייך? — איר הערט זיין קרעכצען
און זיין סקריפען פון דערווייטען?
עפעס נעצט דארט, עפעס פלאצט דארט,
עפעס שפארט דארט אין די זייטען,

עפעס רודערט זיך דארט אונטען...
באלד, אט באלד וועט זיך באוויזען,
וואס דערשטיקטע קרעפטען קאנען,
ווי די גויט ברעכט אייז און אייזען.

און דער טייך, באפרייט און גליקליך,
וועט זיך ברייט און ווייט צעגיסען
און דעם ליבען שיינעם פרילינג
מיט א שמייכעלע באגריסען.

ח. נ. ביאליק.

# פ ר י ל י נ ג.

... און דער ב ר ו ג ז, װאָס די ערד האָט געפירט מיט דער זון דורכ'ן לאַנגען אײַז־באַדעקטען װינטער, האָט ביסלעכװײַז גענומען װערען שװאַכער. עס האָט נאָכגעגעבען די ערד, עס האָט נאָכגעגעבען די זון, און זײ האָבען זיך װידער גענומען קערען אײנע צו דער אַנדערער. און אַז זײערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט, האָבען זײ זיך צעשמײכעלט העל און קלינגענדיג, יעדערע אויף איר שטײגער: די זון מיט אירע ליכטיגע שטראַלען, די ערד — מיט אירע גרויסע װעלדער, ברײטע פעלדער און שפּיגעלדיגע טײַכען, און זײ האָבען זיך גענומען ציהען־ציהען אײנע צו דער אַנדערער. די זון האָט באַװאַרימט די ערד מיט אירע שטראַלען, און אויף מאָרגען האָט זיך באַװיזען דאָס נײַ־געבאָרענע בלומען־קינד אין לאָנקע.

און געגליכען איז דאָס בלומען־קינד געװעזען צו אַ װאָלקענדעל, און געגליכען צו אַ פרילינג־שטראַל — אַזוי לײַכט און אַזוי ליכטיג איז עס געװעזען. די אויגען אירע זײַנען געװעזען בלאָהע, גרויסע און קינדערשע, אין די בלאַסע מילדע באַקען — ח ן־גריבעלעך, און דער נאַקען — מאַר־מאָר־װײַס; אויף די ליפּען האָט גערוהט אַ זיסער מאָרגען־שמײכעל, און די גלידער, װי דער איער בײַ דעם טײַכעל, דין און בײגיג, און אין האַנט אַ צויבער־שטעקעל אויף אַ גינגאָלדען קײטעל; און זי געהט פון בײַט צו בײַט, און קלאַפּט אָן מיט'ן צויבער־שטעקעל אין די װײכע ערד־שטיקער, און זי זינגט, און זי רופט.

„שטעהט אויף! שטעהט אויף! אַלע קינדער פון אײן מאַמען, אַלע בלומען פון אײן לאָנקע! װאָרום אַרויסגעפלויגען זײַנען שוין די טויבען פונ'ם טויבענשלאַק אַרויס, און די בינען פן די בינשטאָקען, און אַ ת ח י ת־ה מ ת י ם איז אויסגערופען געװאָרען פון בלום צו בלום, פון לאָנקע צו לאָנקע, פון װאַלד צום טײַך“...

האָט דערהערט דעם קלאַנג די ערד און אַלץ, װאָס אין איר; האָט זי אײנציגװײַז גענומען אַרויסשיקען אירע קינדער אויף דעם רוף: אויף דער גרעניץ פון װאַלד און לאָנקע האָט אַ בליץ געטאָן דאָס מאַי־בלימעל מיט זײַן בלוי אײגעל; עס איז געקומען דער זילבערנער לאַנדיש און האָט זיך שטיפעריש פאַרטאָיעט הינטער אַ שטרויך; לענגער האָבען זיך געלאָזט בעטען די נעלקען, די לעװקאָיען, אָבער זײ זײַנען געקומען, ניט פאַרשפּעטיגט. און עס איז געקומען די ערשטע רויז און האָט זיך צעקושט מיט'ן ערשטען זונענשטראַל, װאָס איז איר אַנטקעגען אַרויס. די טײַכען האָבען גענומען אַרײַנגעהן אין די ברעגעס, די פעלדער זיך באַגראָזען, דער הימעל מיט פאַרבען זיך באַצירען, און די בלומען האָבען גענומען בליהען און װאַקסען, װאַקסען און בליהען.

און צוזאַמען מיט זײ אַלעמען װאַקסט און בליהט פאַנאַנדער אויך דאָס קינד פון די בלומען.

מ. טויטש.

# פרילינג.



יהואש.

זיץ איך און איך ציל די טעג,
ביז דער ווינטער וועט אוועק...
נאך א שניי און נאך א פראסט,
נאך א נאסער שטורעם בלאזט,
און דער הימעל שווער און שווארץ,
אבער גרינג שוין איז דאס הארץ, —
פרילינג הויערט ביי דער שוועל.
באלד וועט קומען א באפעל, —
וועט ער געבען זיך א וויי,
וועט צעווייינען זיך דער אייז,
וועט ער עפענען א שלאס,
און ארויסלאזען די גראז.
וועט ער געבען זיך א ווארף,
אויפ'ן פעלד און אויפ'ן דארף,
וועט אנטקעגען קומען גלייך
יעדער שטראם און יעדער טייך.
וועט ער אויסשיטען אויף זיי
גאלד־ת כ ש י ט י ן אלערליי.
וועלען ביימער טאן א פלאץ
מיט א וואונדערליכען שאץ —
גרינע קעפלעך פון סמאראגד
אויף די צווייגען אנגעפאקט.

וועט עס ווערען אין דער פריה
א געפיפס און א געפליה.
פויגלען שפרינגען הין און הער,
יעדער פויגעל טוט א קלער:
זאל איך אויפראמען צוערשט,
אדער טאן א פיק א גערשט
און אוועקפליהען צו געסט?
לאזט מען איבער בוים און נעסט
און מען דרייט זיך קעפ אויף קעפ —
ביז צום הימעל שווינדעל־טרעפ,
אדער גלאט פעלד־אויס, פעלד־איין,
יאגענדיג דעם זונענשיין...

שטעהט א בושעל אויף א דאך,
לענדער אויסגערייזט א ס ך
און זיך אומגעקערט נאר וואס

צו זײַן אַלטען ב ע ל ־ ה ב י ת.
הײבט ער אָן צו קלאַקען באַלד
צו די פעלדער און צום וואַלד,
צו די קינדער רונד אַרום:
ווײסט, ק ו נ ד ס י ם, אַז איך קום...
הערען זשאַבעס פון דער ווײַט,
ווײסען זײ, וואָס דאָס באַטײַט;
און זײ ווײנען גאַנצע טעג.

פון קאַנורע קומט דער הונט,
געניצט אויס זיך גאַנץ געזונט,
שטרעקט זיך אויס פאַר לענג און פּרואווט
כאַפּען פליגען אין דער לופט.
ניט פאַראַן נאָך פליגען פיעל,
טוט ער גאָר דערווײַל אַ ביל
אויף דער גרויסער קופּע שטרוי,
גלאַט פון הײמליכקײַט אַזוי...
זעהט ער אינגלעך לעבען פּלויט
גראָבען גערטלעך אינ׳ם קויט
מיט געפּילדער און געשרײ,
לויפט ער שפּילען זיך מיט זײ...

לעבען שײַער אויבענאָן
שטעהט און קרײט דער גרויסער האָן;
זאַמעלט זיך אָן ע ו ל ם אויף —
אַלע הינער פונ׳ם הויף.
זײ פון הינטען, ער פאַרויס,
מאַרש! ה ק פ ו ת אַרום הויז...
און פון סאַזשעלקע דערבײַ
קומט אַ ווילדע קוואַקערײַ:
אַלע ענטלעך, ווײַס און פעט,
שווימען קלאַפּטער אויף געוועט...
עפענט זיך דער שלאָס פון שטאַל,
גיט די שווערע טיר אַ פּראַל,
און אַ קיזשאַק טוט אַ שפּרונג.
לויפט אים האַסטיג נאָך דער יונג;
שטעהט אַ מײדעל בײַ אַ טיר,
לאַכט זי, לאַכט דער יונג צו איר...

זיצט די באָבע פאַר׳ן הויז,
וואַרימט אירע בײנער אויס,

ציהט די שפּיזלעך פון דער זאַק:
אַ מ ח י ה׳דיגער טאָג!

ווי זי רעדט דאָס נאַר אַרוים,
קריכט אַרוים אַ שוואַרצע מויז
אויפ׳ן הימעל פּאַזע ראַנד
און צעוואַקסט זיך נאָכאַנאַנד,
ביז עס ווערט אַ קראָקאָדיל,
און פון איינעם ווערען פיעל,
איינער שלינגט דעם צווייטען איין,
ביז מען זעהט ניט מער דעם שיין.
קייקעלט זיך אַ שווערע זאַך,
ברומט און ברעכט זיך מיט אַ קראַך;
און אַ פייערדיגע שער
שניידט דעם הימעל הין און הער.
פּאַלט אַ טראָפּען, און דערנאָך —
טוט אַ גאָס אַ וואָלקען-בראָך.
לויפען מענשען אין דער גאַס,
שרייען, לאַכען, ווערען נאַס;
און די קינדער פאַר׳ן שטוב
שטעלען אוים זיך אין אַ ראַנד,
צו דעם רעגען וואָס מער נאָהנט —
יעדער איינער וויל אַ זופּ.
שטעקט מען אויס דאָס מויל און — האָפּ!
אויף די ליפּען רינט אַראָפּ
גלייך פון הימעל גאָטס געטראַנק;
און דער רעגען פאַר איין גאַנג
כאַפּט און צוואָגט זיי אוים דעם קאָפּ...

יהואָש.

---

## פרילינג-ליד.

עס וואַרימט זיך, עס פּעשטשעט זיך
דאָס גרינע אַקער-פעלד.
עס שפּראָצט אַרוים דאָס קערנדעל,
דערזעהט די ליבע וועלט;

דערפילט די זון, די ליכטיגע,
דעם פרישען, פרייען ווינט;
עס ציהט זיך צו דעם הימעל-שיין
און קוויקט זיך ווי אַ קינד.

גענוג געלעגען טיף אין דר'ערד
פון ליכט און לעבען ווײַט,
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צײַט!

דער פרילינג געהט! עס בליצט, עס רוישט.
פאַרשוואונדען ווערען ווײַט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צײַט.

ש. פרוג.

---

# דער טײַך שפּילט.

בין־הזמנים איז שוין געווען לאַנג: פון ראש־חודש ניסן אָן, צוויי וואָכען כמעט, איז אונזער קלײנע חברה חדר־אינגלעך געווען פרײַ. נאָר לײדיג זײַנען מיר ניט געגאַנגען; פאַרקערט, מיר זײַנען געווען זעהר פאַרנומען אַרום אונזער טײַך: מען האָט געדאַרפט אַכטונג געבען אויף דעם טײַך, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו לאָזען און ערטערווײַז געווען שוין גאָר פרײַ פון אײַז.

זומער האָט אונזער טײַכעל זיך געקײַקעלט פויל און לאַנגזאַם, שטיל און גלאַט, אַז מ'האָט קוים געהערט זײַן מורמלען. אָנהייב פרילינג אָבער האָט דאָס קלײנע, שטילע, נאַכלעסיגע טײַכעל באַקומען גרויס חוצפּה און געמאַכט מורא'דיגע שטיק. די גאַנצע שורה הײַזלעך אויפ'ן ברעג האָט אויף זײַן ווילדען שפּיל געקוקט מיט אימה און מיט ציטערניש. ניט אײנמאָל האָט געטראָפען, אַז שוין צום צווייטען סדר האָט ער זיך אומגעריכט, אין מיטען דער נאַכט, אַרײַנגעכאַפּט אין די שטיבלעך, אונטערגעשווענקט די אויווענס, אויפגעהויבען טישען, בעטען און בענקלעך, איבערגעקערט אַלץ קאַפּויר און אָנגעמאַכט אַ גאַנצען חורבן. און ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבען אַ באַק צו טאָן, און ריטשקעלעך האָבען אָנגעהויבען צו לויפען פון אַלע זײַטען אין דעם שטילען טײַך אַרײַן, האָבען מיר, קלײנע חברה, געהיט דעם טײַך און געהאַט שוין אונזערע סימנים צו וויסען, צי ער הייבט זיך און אויף וויפיעל ער קומט צו.

און דער טײַך האָט זיך געהויבען און געהויבען. פריהער האָבען מיר אים געקאָנט מעסטען מיט אונזערע שטעקלעך, דערנאָך האָבען מיר שוין געמוזט האָבען אַ גרעסערע מאָס — מיר האָבען געמוזט אַרויסרײַ־

סען די שטעקענס פון די בעזימער אין שטוב; דערנאך האבען מיר שויז געמוזט האבען די ווילקעס; באלד זיינען שוין די ווילקעס אויך געווען צו קורץ און מיר האבען געמאסטען דעם טייך מיט די ברויט־לאפעטעס. אין א טאג ארום אבער האט מען שוין געמוזט ברויכען די גרעסטע מאס. וואס מ'האט נאר געקאנט קריגען — דאס איז דער שטעקען פון פאמעלע. נאך ווייטער האבען מיר שוין מעסטען ניט געקאנט: דער טייך איז געווען אזוי בייז און צארנדיג, אז מ'האט צו אים ניט געקאנט צוטרעטען אויף צעהן קלאפטער.

דער גאנצער ברעג אויף ביידע זייטען איז געווען פארטרונקען. די כוואליעס מיט די קריהעס האבען זיך שוין געטראגען הארט אונטער'ן בריק מיט אן א י מ ה'דיגען געפילדער; די פארענצען זיינען געווען אראפגעריסען און די גאנצע בריק האט באלד באקומען א שרעקליך פ נ י ם. די ברעטער זיינען כ מ ע ט אלע געווען אראפגעטראגען און נאר די קלעצער, וואס זיינען געווען צוגעשלאגען צו די פאליעס מיט אייזענס, האבען זיך ווי עס איז געהאלטען; אבער אויך די האבען זיך געטרייסעלט פון שרעק און ר ח מ נ ו ת'דיג געקרעכצט, ווי עס פלעגט נאר אנפארען א קריהע און מיט א ווילדען ברום און קנאק זיך צעברעכען און שטיקערווייז דורכשפארען זיך צווישען די פאליעס.

די ש כ נ י ם פון די אונטערשטע הייזער ביים ברעג האבען קוים באוויזען צו כאפען אין לייליכער די מ צ ה מיט די נויטיגסטע עסענזאכען און אוועקגעפירט עס אויף א פור צו זייערע ק ר ו ב י ם אדער פריינד אין די וייטערע און העכערע טיילען פון שטאט. דער ברעג און די גאנצע גאס איז געווען פארטרונקען.

דריי, פיער טעג האט געדויערט דאס שפילען פון דעם טייך. אויפ'ן פינפטען טאג, אז מיר, קינדער, זיינען גאנץ פריה ארוים אויפ'ן ברעג, האבען מיר באמערקט שוין א שטיק ברעג פריי פון וואסער; אויף אים זיינען געלעגען אנגעווארפען קלעצער, העלצער און שפענער, וואס דער טייך האט אזוי אין איילעניש געלאזען, אנטלויפענדיג פון ברעג. די ערד איז געווען שטארק דורכגענעצט, ערטערווייז זיינען געשטאנען לוזשעס; מיט יעדער ש ע ה איז דאס וואסער אלץ וייטער אפגעלאפען. די ש כ נ י ם, וואס האבען זיך פריהער ארויסגעקליבען פון זייערע הייזלעך, האבען איצט געקליבען זיך צוריק. דער ע ו ל ם, וואס איז שוין איצט געווארען א ביסעל שיטערער, האט זיי געהאלפען.

און דער טייך איז געווארען אלץ רוהיגער און רוהיגער. און נאך פ ס ח, אז מיר זיינען שוין געגאנגען אין ח ד ר, האבען מיר געהאט גענוג צו דערציילען איינער דעם אנדערען פון דעם טייך און זיינע מ ע ש י ם פ ס ח־צייט.

ש. הורוויץ.

# אָרימע מצה.

עלף אַ זייגער ביינאַכט.

ביי חיים ליבעס אין פּאַדראַד, וואו אַ גאַנצען טאָג רוישט און טומעלט, איז געוואָרען שטילער. די וועלגערינס, מיידלעך און יונגע ווייבלעך, פילען זיך זעהר מיד און האָבען קיין כּוח נישט צווישען זיך צו רעדען. אפילו חיה־ביילע, דאָס יונגע פריליכע ווייבעל, וואָס זינגט אַ גאַנצען טאָג לידער, איז אויך שטיל; נאָר פאַר זיך אונ־טער'ן נאָז ברומט זי דאָס לידעל:

„זיי זשע געזונט, מיין געטרייע מוטער,
איך פאָר שוין פון דיר אַוועק"...

ווען ניט דאָס קלאַפּען פון די קאַטשעלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען פון רעדעל איבער'ן בלעך, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי שלאָפען אַלע שטעהענדיג, אַזוי מיד און אָפּגעמאַטערט זעהען זיי אויס. עפּטערס נאָר רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון אַ נערוועזער, מידער וועלגערין אויף דער קנעטערין: „פאַרשטייפּט זיך, מען קען דאָך ניט וועלגערן!" אויף וואָס די קנעטערין ענטפערט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד: „געה דו צום בעקען, וועסטו וויסען, ווי צו פאַרשטייפען זיך; אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען מיין כּוח".

און עס ווערען ווידער אַלע אַנטשוויגען.

און אַז די שטילקייט דויערט צו לאַנג און די מידיגקייט ווערט שווערער, הייבט מען אָן אין פּאַדראַד צו רוישען:

— איך פאַל פון די פיס, אויף נאמנות, — קלאָגט זיך איין וועלגערין פאַר דער צווייטער.

— און איך האָב שוין קיין הענט ניט, — ענטפערט איר די צוויי־טע קרעכצענדיג, — אַט דאָ אין די דלאָניעס שטעכט מיר, ווי מיט נאָדלען; קוים וואָס איך ריר אָן די קאַטשעלקע.

אַ דריטע וועלגערין, מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט גרויסע, טיפע גרי־בער אונטער די אויגען, קלאָגט זיך פאַר זיי ביידען, אַז איר ברעכען אַלע ביינער; זי וואָלט אַוועקגעגעבען אַ האַלב לעבען, מען זאָל איר לאָזען איצטער אַוועקגעהן אַהיים צושפּאַרען זיך. ביי די ווערטער „צושפּאַרען זיך" ביוגט זי אָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט וועלען פּרוּאוּוען, ווי גרויס עס איז דערפון דער תּענוג.

נאָך אַ וועלגערין דערציילט הויך, מיט אַ שטימע פול צאָרן, אַז ביי עשקע ביינושעס האָט מען שוין מיט אַ שעה צוריק געענדיגט. דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף די וועלגערינס, און דער גאַנצער פּאַדראַד, אויסער דער קנעטערין און דעם זעצער, ביידע אין די מיטעלע יאָרען, צעבונטעוועט זיך מיט אַ געפילדעריי:

— ווען וועט מען שוין געהן אַהיים! אין אַלע פּאַדראַדען האָט

מען שוין לאַנג געענדיגט; נאָר אויף אונז איז עפּעס אָן אויסגאַס, ערגער ווי אומעטום.

דער זעצער, אַ הויכער, דאַרער איד, מיט אַ שפּיציג בערדעל, מיט אַ פאַרפלאַמט פּ נ י ם, אויף וועלכען עס שטעהען גרויסע טראָפּענס שווייס לויפט צו צום בלעך, קלאַפּט אָן מיט׳ן שטעקען און צעבייזערט זיך:

— מ צ ה, מ צ ה, אַ ליידיגער אויוועון! וואָס האָט איר זיך צע׳ד ר ש נ׳ט? דער טאָג איז אייך ווייניג?

אויף זיין געשריי לויפט אַריין פון אַ זייטיג ח ד ר׳ל די ב ע ל־ה ב י ת׳טע, אַ נידעריגע פרוי מיט אַ געקנייטשטען פינסטערען פּ נ י ם, מיט גוטע שוואַרצע אויגען, און זי הייבט אָן בעטען ביי די וועלגערינס:

— באַלד, קינדערלעך, באַלד! פאַראַן נאָך אַ פּ ש ר זעקס מיירעס אין זעקעל.

— שיינע זעקס! — קלינגט אויס פון ערגעץ אַ ווינקעל אַ יונג קינדיש ק ו ל׳כעל. דאָס איז דער „אָנשיטער“ אליין. ווער ווייס נאָך אַזוי ווי ער, פיעל מיירעס עס זיינען נאָך דאָ! ער הייבט אויף מיט זיינע דאַרע הענטלעך דאָס זעקעל און איז זיך מ ש ע ר, אַז עס וועט זיין נאָך שטאַרקע צעהן מיירעס.

די וועלגערינס צעשרייען זיך ווייטער, נאָר דער זעצער בייזערט זיך און מיט׳ן שטעקען קלאַפּט ער איבער׳ן בלעך:

— מ צ ה, מ צ ה! עס קילט אין אויוועון!

אַ וועלגערין שיקט אים נאָך אַ ק ל ל ה.

— וואָס איז ער שולדיג? — פאַרענטפערט אים דאָס יונגע פריי־ליכע ווייבעל. — אים איז נאָך אַ פּ ש ר שווערער ווי אונז, און קיין גרויסער ג י ב ו ר איז ער אויך ניט; נאָר וואָס זאָל ער טאָן? ער ווייס, אַז מען מוז ענדיגען, פריהער, שפּעטער, מען וועט אין מיטען ניט לאָזען און צעגעהן זיך.

עס איז ווידער שטיל געוואָרען, אַזוי ווי אַלע וואָלטען געקומען צו איין איבערצייגונג, אַז מיט׳ן קלאָגען זיך מאַכט מען זיך נישט גרינגער. פאַרפאַלען, ענדיגען מוז מען! שטיל נאָר פלעגט אַמאָל אַ וועלגערין אַרויסלאָזען אַ שווערען קרעכץ, אָנכאַפּענדיג זיך דאָ פאַר׳ן האַרצען, דאָ פאַר׳ן זייט; און ווידער דאָסזעלבע קלאַפּען מיט די קאַטשעלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען מיט׳ן רעדעל איבער׳ן בלעך... און די צייט ציהט זיך אַזוי לאַנג.

נאָר אָט קריכט אַרויס די קנעטערין פון איר „ווינקעל“ מיט פאַר־קאַשערטע אַרבעל און מיט גרויסע טראָפּענס שווייס אויפ׳ן פאַרמעטפּ נ י ם. פריילִיך הייבט זי אויף אין דער הייך די מיירע, ווי זי וואָלט ווייזען די וועלגערינס אַזאַ מין אַנטיקעל, וואָס זיי האָבען קיינמאָל דאָ ניט געזעהן. מיט אַ הייזעריגען ק ו ל, דאָך גענוג הויך, רופט זי אויס:

— די לעצטע מיירע!

— די לעצטע מיִרע! — קלינגט עס איבער׳ן פּאַדראַד. און אַלע וועלגערינס צעכאַפּען די טיִגלעך פון דעם טיִלערס האַנט מיט ש מ ח ה, אונטערזינגענדיג: באַלד, באַלד, באַלד!

„באַלד“, „באַלד“, קלינגט אָפּ בײַ יעדערער אין קאָפּ.

דער רעדלער וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט בײַם בלעך מ ר ה־ ש ח ו ר ה׳דיג, האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט אַ קוראַזש צו דער אַר־ בײַט. קונציג וואַרפט ער איבער יעדע מ צ ה אויף דער קאַטשעלקע און ער נעמט זיך געשווינד אַפּצורעדלען די פיעל אָנגעקליבענע מ צ ו ת אויפ׳ן בלעך.

ער האָט מיט צוויי מינוט פריהער ניט געקאָנט ג ו ב ר זיין דעם „י צ ר ־ ה ר ע“ זיינעם, — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מאַכען אַ פּאַפּיראָס, — און ער מוז דערפאַר איצטער צוהאַרעווען. דער זעצער האָט אים שוין צוויי מאָל אַ פאַרע געטאָן מיט׳ן שטעקען, ער זאָל פּאַרטיג מאַכען די מ צ ה. נאָר דערהערענדיג, אַז עס איז שוין די לעצטע מיִרע, ערט אים גאָר נישט. דאָס וואָרט „באַלד“ קלינגט אים אויך פריילין אין קאָפּ, און פלינק קנאַקט דאָס רעדעל איבער׳ן בלעך. און אים דאַכט זיך, אַז ער שרײַט: גזז־באַלד, גזז־באַלד!

ער הייבט אָן אונטערצוזינגען אַ לידעל צום טאַקט. דאָס פריילִיכע ווײַבעל דערהערט זיין זינגען און ענטפערט אים צוריק מיט אַ לידעלע.

דעם זעצער געפעלט ניט דאָס זינגען און ער גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן שטעקען איבער די ברעטער:

— מ צ ה, מ צ ה! שטעהט נישט, רעדט נישט!

נאָר איצט לאַכט מען אים שוין אויס. אַ פּאָר וועלגערינס האָבען שוין אָפּגעשיקט די לעצטע מ צ ו ת צום רעדלער מיט עפּעס אַ איינ־ געלע, וואָס האָט זיך, גאָט ווייס צוליב וואָס, דאָ אַ גאַנצען אָווענט אומגעדרייט; די איבעריגע וועלגערינס ברויכען נאָר צו פאַרגלײַכען די שפּיצען פון די מ צ ו ת, וואָס זײַנען בײַ זיי אַרויסגעקומען פון גרויס אײַלעניש.

און אָט איז שוין געענדיגט! די קנעטערין ווישט שוין דעם בע־ קען; דער רעדלער האַלט שוין בײַ דער לעצטער מ צ ה, איבער וועל־ כער זיין האַנט פליהט ווי אַ וויכער אונטער׳ן ווילדען געסקריפּערײַ. דער זעצער ערוואַרט זיי מיט אומגעדולד, כאַפּט זי ענדליך אַרויף אויפ׳ן שטעקען און מאַרש אין אויוען, וואו עס טריקענען זיך נאָך אַ צוויי לעצטע מ צ ו ת.

די וועלגערינס ווישען זיך דעם שווייס און קלויבען זיך שוין אוועק־ צוגעהן.

— אַי, וועל איך דאָס אַ מאָל טאָן גלײַך אין בעט! — זאָגט איינע וועלגערין דער צווייטער.

— און וועטשערע? — פרעגט יענע.

— ווער האָט כ ו ח צו עסען? איך וועל זיך אַ פ י ל ו ניט

אויסטאָן; גלייך אין בעט.

— איך ווייס ניט, צי וואָלט איך געקענט פאַנאַנדערוועלגערן נאָך איין טייגעל, — מישט זיך אַריין אַ דריטע אין שמועס, — אַזוי מאַט בין איך!

— נו, קומט שוין, קומט שוין! — טרייבט אַ פערטע, — פ ס ח א י " ה וועלען מיר שמועסען.

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין פ ס ח! — האָט זיך איינע צעזיפצט.

— מען וועט, נישקשה, דערלעבען. אַ לעבעדיגער מענש דערלעבט אַלץ! — טרייסט דאָס פריילי‏כע ווייבעל.

נאָר פלוצים איז אין פאָדראַד אַ טומעל געוואָרען.

די ב ע ל ־ ה ב י ת'טע איז אַרוים פון דעם זייטיגען ח ד ר'ל און האָט אַרויסגעזאָגט עטליכע ווערטער מיט אַ געבעט, כ מ ע ט מיט טרערען; נאָר אין פאָדראַד האָבען זיי יעדערען ווי מיט אַ דונער געטראָפען.

— נאָך אַ פוד, נאָך אַ פוד! אַי וויי, אַי וויי! — האָט זיך געהערט ק ו ל ו ת. — וואָס שטעהען מיר? קומט אַוועק!

נאָר די ב ע ל ־ ה ב י ת'טע האָט זיי מיט ביידע הענט פאַרצוימט דעם וועג און האָט זיך ווייטער געבעטען:

— איר ווייסט, דאַכט זיך, קינדערלעך, אַז איך יאָג זיך ניט אַזוי נאָך פ ר נ ס ה, און אַז עמיצער וואָלט מיר איצט געגעבען פאַר אַ פוד הונדערט רובעל, וואָלט איך זיך נישט געשטעלט באַקען און מוטשען אייך, נאָר ד ע ם פוד מוז מען אָפּבאַקען. איך וועל פאַר אים א פ י ל ו קיין גראָשען ניט נעמען: דאָס איז כיענע דער א ל מ נ ה'ס. שוין אַ וואָך, אַז איר זעקעל מעל וואַלגערט זיך דאָ און איך לייג אַלץ אָפּ; עס איז אַלץ דאָ בילכערע, רייכערע, זאָל גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד. איצט איז שוין אָבער די לעצטע צוויי טעג, מער קען איך שוין ניט אָפּלייגען, זי קען נאָך ח ל י ל ה אָהן מ צ ה בלייבען. איר קענט דאָך זי: אַמאָל איז זי אַ פיינע ב ע ל ־ ה ב י ת'טע געווען. זי פלעגט זיין ביי מיר פון די ערשטע און שטענדיג אויף דעם „ערשטען אויווען". פאַר די וועלגערינס פלעגט זי איבערלאָזען אַ רובעל, הייינט דעם רעדלער, דעם זעצער, דער קנעטערין. דאָס איז געווען אַ ביסעל אַ ב ע לצ ד ק ה! און איצטער, נעבעך, קאָן זי א פ י ל ו פאַר'ן באַקען נישט באַצאָלען. זי מוז נעבעך באַקען שפּעט ביי נאַכט. אַז אָך און וויי ווי די מ צ ו ת וועלען שוין טויגען — פלעצלעך! נאָר אַבי קיין ח מ ץ נישט! האָט ר ח מ נ ו ת, קינדערלעך, רוהט אייך אַביסעל אוים און לאָמיר זיך נעמען אָפּבאַקען איר די מ צ ו ת... נו, וואָס זאָגט איר? — האָט די ב ע ל ־ ה ב י ת'טע ווי פאַרצווייפעלט אויסגעלאָזען איר ב ק ש ה, זעהענדיג די מידע און פאַרמאַטערטע פ נ י מ'ער.

— אוי, ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם! — האָט זיך אַרויסגעריסען

ביי יעדען אַ שווערער זיפץ אַנשטאָט אַן ענטפער.

אַ שווערע מ ל ח מ ה איז ביי זיי אין אינווייניג פאָרגעקומען. עס האָט מ ל ח מ ה געהאַלטען אַ רוהיג בעטעל, אַ זיסער שלאָף מיט אַ שווערער קאַטשעלקע, מיט ברענענדיגע מאַזאָליעס. נאָר איין אָרימע א ל מ נ ה מיט פאַרוויינטע אויגען האָט ביי זיי גיך ש ל ו ם געמאַכט, און דאָס פריליכע ווייבעל ח י ה־בײלע האָט די ערשטע אויסגעשריען:

— איך בלייב די ערשטע!

— איך אויך! — האָט זיך געהערט אַ צווייטע שטימע.

— און איך אויך! — האָט אַ דריטע אויסגערופען.

— נו, מען וועט שוין אַלע בלייבען, — האָט אַ פערטע געענטפערט פאַר אַלע איבעריגע, ווי זי וואָלט געווען זיכער, אַז קיינער וועט ניט האָבען די ה ע ז ה זיך אָפּצוזאָגען.

— אָבער איר וועט רעדלען! — האָט זיך ענדליך איין רעדלער גער־פונען צו פּראָטעסטירען. איך האָב קיין כ ו ח ניט צו שטעהן דאָ ביז צוויי אַ זייגער. איך האָב שוין קיין פינגער ניט. און מיין אָרוים־העלפער שלאָפט שוין אין דערהיים, ווי אַ גע'ה ר ג'עטער.

— נו, זיי נישט קיין שייגעץ! — האָט זיך דער זעצער האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיג געבייזערט, — דו ווערסט לאָזען אַן א ל מ נ ה אָהן מ צ ה? שייגעץ!

— שייגעץ, שייגעץ!... — האָט דער רעדלער נאָכגעקרימט און האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים בלעך. די קנעטערין איז שטיל געזעסען אויפ'ן בענקעל, וואו דער א ל מ נ ה'ס מעל איז שוין געשטאַנען און האָט דערויף, ווי פאַרצווייפעלט, געקוקט; זי האָט ניט געוואוסט, ווי צו באַגעהן זיך דאָ, אָפּזאָגען זיך האָט זי ניט געקאָנט: אַ קלייניגקייט — אַן א ל מ נ ה! עס איז אַ ביטערער ר ח מ נ ו ת. נאָר בלייבען האָט זי מ ו ר א געהאַט נאָך מער, ווי אַוועקצוגעהן. איר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז זי זאָל קענען אָפּשטעהן ביים בעקען נאָך אַ ש ע ה. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ביי דער ערשטער מיירע וועט זי פאַלען.

— איך וועל געווים אַנידערפאַלען, — האָט זי שטיל געשעפּטשעט.

נאָר דאָס פריליכע ווייבעל האָט באַמערקט דער קנעטערינס טויט־בלייכען פ נ י ם און זי האָט מיט אַ ליבליכער מינע אויסגערופען:

— אַי, אונזער קנעטערין איז גאָר אַ באָבע! זי איז שוין צוגעשטאַ־נען. געהט אייך געזונטערהייט אַהיים שלאָפען. איך וועל פאַר אייך קנעטען; איך בין מער ב ר י ה.

אַלע אין פּאַדראַד זיינען פריליכער געוואָרען, און יעדערע פון זיי האָט דערשפּירט עפּעס נייע כ ו ח ו ת, ווי מען וואָלט פלוצים זייערע צעבראָכענע ביינער עלעקטריזירט.

און באַלד האָט מען זיך גענומען צו דער א ל מ נ ה'ס מ צ ה. לעבעדיג און לוסטיג איז צוגעגאַנגען די אַרבייט. דאָס פריליכע ווײ־בעל איז געווען זעהר צופרידען מיט איר נייער שטעלע און האָט ביי

יעדער מיידע שמייכלענדיג געפרעגט די וועלגערינס: „נו, וואס זאגט איר?" אויף וואס אלע פלעגען ענטפערן: „בעסער פאר דער קנעטערין!"

דער רעדלער, מיט א פארלאשענעם פאפיראס אין מויל, האט גע־יאגט איין מ צ ה נאך דער צווייטער. ער האט געוואלט גיכער אפ־פארטיגען די בלעך מ צ ה און פאררויכערן, נאר אים איז עס נישט געלונגען און ער האט דערפאר אויסגעזעהן ווי נערוועז.

און דער זעצער, ניט קוקענדיג, וואס ער האט שטענדיג א פולען אויוועז מיט מ צ ה, האט אלץ געקלאפט מיט'ן שטעקען איבער'ן בלעך:

— מ צ ה, מ צ ה! א ליידיגער אויווען!

און די ב ע ל ־ ה ב י ת'טע, וועלכע איז געשטאנען ביים ברעט און גלייך מיט די וועלגערינס געוועלגערט, האט זיך אלץ געבעטען:

— דינער, דינער! קינדערלעך, מאכט ניט קיין פלעצלעך! עס איז ארימע מ צ ה! א ר ח מ נ ו ת!

א. רייזען.

---

# ד ע ר ק ו נ צ ע נ מ א כ ע ר.

אין א וואלינער שטעטעל אריין איז אמאל ע ר ב ־ פ ס ח געקומען א קונצענמאכער.

זיין אנקומען האט א גרויסען ר ו ש ם געמאכט.

ער האט זיך געדונגען א סאליע און אנגעהויבען צו מאכען קונצען.

אבער קונצען! ב פ נ י ק ה ל ו ע ד ה האט ער געשלונגען ברע־נענדיגע קוילען, ווי פארפעל; און פון מויל ארויסגעצויגען האט ער אלערליי בענדער: רויטע, גרינע, וואס פאר א קאליר מען האט נאר געוואלט. און לאנגע — ווי דער ג ל ו ת. פון א כאליווע פון שטיוועל ווארפט ער ארויס זעכצען פאר אינדיקעס, אבער אינדיקעס — ווי בע־רען, און לעבעדיגע, און זיי צעלויפען זיך איבער דער סצענע; דערנאך הייבט ער אויף א פוס און קראצט אפ פון דער פאדעשווע גאלדענע רענדלעך, א גאנצע שיסעל גאלדענע רענדלעך! פאטשט מען „בראווא". גיט ער א פייף, לויפען זיך אין דער לופטען צוזאמען ח ל ו ת און קוילעטשען, ווי די פויגעל, און הייבען אן טאנצען א ראד אונטער דער סטעליע. און גיט ער דעם צווייטען פייף, ווערט דאס אלץ כ ה ר ף ע י ן פארשוואונדען, כ ל א ה י ה! אוים קוילעטשען, אוים בענ־דער, אוים אינדיקעס — גארנישט!

אינ'ם זעלבען שטעטעל האט געוואוינט א פאר פאלק: ח י י ם ־ י ו נ ה און זיין ווייב ר ב ק ה.

ח י י ם ־ י ו נ ה איז אמאל א וואלד־סוחר געווען; האט ער איינמאל געקויפט א וואלד אין „גלייכען געלט", האט מען דעם וואלד פארמאכט. איז ער ארויס „אין איין העמד". איז ער געווארען א „וואלד־

שרײַבער". האָט ער די שטעל פֿאַרלאָרען; זיצט ער שוין אַ שײנע פּאָר חדשים אָהן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער געהט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון העגנלײַכטער ביז'ן לעצטען קישען.

זאָגט רבקה: „געה אַריבער צו קהל און נעם מעות חיטים". זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפֿען, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצען וועט ער זיך נישט. געהט רבקה און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך און געפֿינט אָן אַלטען אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפֿעל — ממש אַ נס מן השמים: יאָרען, זײַט דער לעפֿעל איז פֿאַרלאָרען געוואָרען! געהט חיים־יונה, נעמט דעם לעפֿעל, פֿאַרקויפֿט אים און טראָגט אַרײַן די פּאָר גראָשען אויף מעות־חיטים פֿאַר אָרימע לײַט. אָרימע לײַט, זאָגט ער, זײַנען בילכער.

די צײַט דערווײַל רוקט זיך. שוין אינגאַנצען ניט מער, ווי אַ פּאָר וואָכען צו פּסח,—ער האָט בטחון! מילא, רבקה שווײַגט! אַ אישה מוז פֿאָלגען אַ מאַן. עס געהט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבקה ווײס נישט פֿון קײַן שלאָף, גראָבט דאָס פּנים אין שעניק אַרײַן און ווײנט שטילערהײט, חיים־יונה זאָל ניט הערען.

און אויף פּסח איז קײַן צײכען נישטאָ. און טעג האָט זי ער־גערע, ווי נעכט: בײַנאַכט ווײנט זיך אַ מענש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ; בײַטאָג אָבער מוז מען קנײַפּען די באַקען, די פֿאַרב זאָל שטעהן! שכנות קוקען איר נאָך און גאַפֿען, און קוקען זיך די אויגען אויס, און שטעכען זי מיט רחמנות־בליקען, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פֿרעגען: „ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט בוריקעס?" די נעהנטערע זאָגען: „ס'טײַטש, וואָס טוט זיך מיט אײַך, רבקה?! פֿעלט אײַך, וועלען מיר אײַך באָרגען". וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קײַן „מתנת בשר־ודם", און רבקה וועט קעגען איר מאַן נישט געהן — זוכט זי זיך אויס תירוצים פֿון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פֿלאַמט און פֿלאַמט.

זעהען די שכנים, אַז עס איז נישט ווי עס דאַרף צו זײַן, נעמען זײ און לויפֿען צום רב: — ס'טײַטש? דער רב, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אָפּ און פֿאַרקלערט זיך, און סוף כל סוף ענטפֿערט ער, אַז חיים־יונה איז אַ בן־תורה און אַ ירא־שמים. און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!...

רבקה איז אַפֿילו אָהן בענשליכט געבליבען...

און — שוין פּסח!

חיים־יונה געהט פֿון בית־המדרש אַהײם, זעהט ער, אַז אַלע פֿענסטער אין מאַרק שײַנען אַרויס מיט שמחת־יום־טוב.

און נאָר זײַן דירה שטעהט, ווי אַן אבל צווישען מחותנים, ווי אַ בלינדע צווישען זעהענדיגע. ער פֿאַלט אָבער בײַ זיך נישט אַראָפּ: „אַז גאָט וועט וועלען, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער. ער געהט אַרײַן און זאָגט פֿרײליך: „גוט יום־טוב!" און איז נאָך אַמאָל מטעים: „גוט יום־טוב דיר, רבקה!" און רבקה'ס קול ענטפֿערט איהם, אָנגעזאָפּט מיט טרערען, פֿון אַ פֿינסטער ווינקעל אַרויס: „גוט יום־טוב, גוט יאָר!" און איהרע אויגען ברענען אַרויס פֿון פֿינסטערען ווינקעל, ווי צוויי ברענענדיגע קוילען. געהט ער צו איהר צו און זאָגט איהר: „רבקה, — זאָגט ער — הײַנט איז יום־טוב, יציאת מצרים, פֿאַרשטעהסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער ריבונו־של־עולם האָט נישט געוואָלט מיר זאָלען האָבען אונזער פּסח, מוז מען אָנ־נעמען פֿאַר ליב און זײַן בײַ אַ פֿרעמדען סדר. וועלען מיר געהן ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונז אַרײַנלאָזען אומעטום... טיר און טויער שטעהען אָפֿען... אידען זאָגען: „כל דכפין ייתי וייכול", דאָס איז טײַטש: ווער עס איז הונגעריג, זאָל אַריינקו־מען עסען. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלען מיר געהן צום ערשטען בעסטען איד"...

און רבקה, וואָס טוט שטענדיג דעם רצון פֿון איהר מאַן, האַלט אײַן מיט אַלע כּוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איהר צום האַלז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין געהן. אין דער־זעלבער רגע עפֿענט זיך אָבער די טיר, און עמיץ קומט אַרײַן און זאָגט:

— גוט יום־טוב!

ענטפֿערן זיי: „גוט יאָר!" — נישט זעהענדיג, ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען: „איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!"

ענטפֿערט חיים־יונה: „מיר האָבען אַליין קײַן סדר נישט"..

ענטפֿערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך.

— אין דער פֿינסטער? — האַלט זיך שוין רבקה נישט אײַן און שלאַכצט.

— חלילה! — ענטפֿערט דער אורח — עס וועט זײַן ליכט".

און ער גיט אַ מאַך:

„האָקוס־פּאָקוס!" און עס באַווײַזען זיך צוויי פּאָר זילבערנע לײַכ־טער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין־ליכט אין מיטען שטוב, אין דער לופֿט! עס ווערט ליכטיג. חיים־יונה און רבקה דערזעהען, אַז דאָס איז דער קונצענמאַכער, און זיי גאַפֿען און קאָנען פֿאַר וואונדער און שרעק קײַן אײנציג וואָרט פֿון מויל נים אַרויסברענגען. זיי כאַפּען זיך

איינם דאָס צווייטע אָן ביַי די הענט און שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און אָפענע מיַילער.

דער קונצענמאַכער ווענדט זיך דערוויַיל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים: „נו, ב ח ו ר׳ל, באַדעק זיך און קום אהער!“ און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון סטעליע אויפ׳ן טיש אַראָפּ אַ שניַי־וויַיס טישטוך און באַדעקט אים, און דער באַדעקטער טיש הייבט זיך אָן רירען און געהט און קומט אין מיטען שטוב אַריַין און פאַרהאַלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייַכטער לאָזען זיך נידעריגער אַראָפּ און שטעלען זיך אַנידער אויפ׳ן טיש. „אַצינד — זאָגט דער קונצענמאַכער — פעלען נאָר ה ס ב ־בעטען, — זאָלען זיַין ה ס ב ־בעטען!“ געהען דריַי בענקלעך פון דריַי עקען פון שטוב און געהען צו צום טיש און שטעלען זיך אויף זיַינע דריַי זיַיטען. הייסט ער, דער קונצענמאַכער, זיי זאָלען ברייטער ווערען; ציהען זיי זיך אויס אין דער ברייט און עס ווערט פון זיי פאָטער־שטולען. רופט ער אוים: „ווייכער!“ — באַדעקען זיי זיך מיט רויטען סאַמעט, און ת ו ך ־ כ ד י ־ ד ב ו ר פאַלען אויף זיי פון סטעליע אַראָפּ וויַיסע, שניי־וויַיסע קישענס און לייגען זיך, אויפ׳ן קונצענמאַכערס געבאָט, אויף די פאָטער־שטולען און — עס ווערען ה ס ב ־ בעטען! אויף זיַין געבאָט באַוויַיזט זיך אויך אַ ק ע ר ה מיט מ י נ י ם און שטעלט זיך אויפ׳ן טיש; עס באַוויַיזען זיך אויך רויטע כ ו ס ו ת מיט פלעשער וויַין און מ צ ו ת און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כ ש ר׳ען און פריילִיכען ס ד ר. אַ פ י ל ו „ה ג ד ו ת“ מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַסער צו וואַשען האָט איר? — פרעגט דער קונצענמאַכער.

— איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!

דעמאָלט האָבען זיי זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון גאַפען. און ר ב ק ה פרעגט ח י י ם ־ י ו נ ה׳ן אויפ׳ן אויער: „מען מעג? וואָס?“ און ח י י ם ־ י ו נ ה ווייס איר נישט וואָס צו ענטפערן. געהען זיי צום ר ב פרעגען.

האָט דער ר ב געזאָגט: „געהט אַהיים, און אויב די מ צ ה וועט זיך לאָזען אָפּברעכען, דער וויַין — גיסען אין די כ ו ס ו ת אַריַין און די קישען פון ה ס ב ־בעט — אָנטאַפּען, ו כ ד ו מ ה, איז גוט... איז עס מ ן ה ש מ י ם, מעגט איר געניסען“.

אַזוי האָט דער ר ב גע׳פ ס ק נ׳ט. געהען זיי מיט האַרצקלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַריַין, איז דער קונצענמאַכער שוין נישטאָ, און דער „ ס ד ר“ שטעהט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישענס לאָזען זיך אָנרירען, דער וויַין גיסט זיך, די מ צ ו ת ברעכען זיך... האָבען זיי ערשט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען א ל י ה ו ה נ ב י א, און האָבען געהאַט אַ פריילִיכען י ו ם ־ ט ו ב.

י. ל. פּרץ.

# טביה'לע.

## א.



י. דינעזאָן.

זיך צוהערענדיג אַמאָל, ווי אידען באַקלאָגען זיך אויף זייער ביטערער אָרימקײַט און נויט, האָט ט ב י ה'לע אַ זאָג געטאָן:

— הערט איר, אידען, וואָס איך וועל אײַך זאָגען, איך האָב אָפּגעקלערט, אַז די גאַנצע צ ר ה איז, וואָס עס איז דאָ אין יאָר מער „אינדערוואָכענס" ווי ש ב ת און י ו ם־ט ו ב! קומט אַ ש ב ת און י ו ם־ט ו ב ווייס איך גאָר ניט, אַז איך בין אַן אָרימאַן.

און אַז ער איז „אינדערוואָכען" אַן אָרימאַן, ווייס ט ב י ה'לע, ווײַל דאָס אייגענע ווײַב זײַנע זאָגט עס אים ב פ ר ו ש כ מ ע ט אַלע טאָג. א פ י ל ו די צוויי פיצלעך קינדער זײַנע, וואָס קענען עס נאָך ניט אַרויסרעדען אַזוי שאַרף, ווי די מאַמע זייערע, גיבען עס אים אויפ'ן וואונק צו פאַרשטעהן מיט זייערע האַלב־נאַקעטע לײַבעלעך און מיט זייערע פאַרפאָרענע באָרוויסע פיסעלעך. און ט ב י ה'לע איז קײַן ב ה מ ה ניט, ער שטויסט זיך אָן אויפ'ן וואונק אויך, און האָט אַ שטאַרקע י ד י ע ה אין דעם, אַז דער „אינדערוואָכען" איז פאַר אַן אָרימאַן די גאַנצע צ ר ה.

ט ב י ה'לע איז אַ ש ו מ ר; ער היט אַ גאַנצע נאַכט אַ גאַנצע ש ו ר ה לײַטישע קראָמען אין מאַרק און באַקומט דערפאַר צו גילדען אַ וואָך פון איטליכען קרעמער פון דער ש ו ר ה. דאָנערשטאָג בײַנאַכט, ווען ער קומט זיך שטעלען אויף דער ש מ י ר ה, נאָך איידער די קרעמער מאַכען צו זייערע קראָמען, געהט ער זיך דורך פון קראָם צו קראָם, קלויבט צוזאַמען זײַנע גילדענס. אויף מאָרגען, פרײַטאָג, מיט'ן באַגינען, ווען ער קומט שוין פון דער ש מ י ר ה אַהיים, גיט ער אָפּ זײַן ווײַב דאָס גאַנצע געלט, אַמאָל צעהן, אַמאָל אויך די גאַנצע צוועלף גילדען מיט אַמאָל — עס ווענדט זיך, צי האָט ער פאַר דער וואָך אָנגענומען אַוואַנס, אַ הערינג אָדער גרויפּען ערגעץ ביי אַ קרעמער, אָדער ער איז זיך אַזוי דורכגעקומען אָהן אַוואַנס — און מיט גאַנצע צעהן, צוועלף גילדען קען טאַקע די ווײַב זײַנע מאַכען אַ ש ב ת, מיט ח ל ה צו ק י ד ו ש, מיט געבענשטע ליכט אין די לײַכטער, מיט טשאָלענט און מיט קוגעל.

„דער יום־טוב, זאָגט טביה'לע: פֿאַרדינט זיך אַלײן זײַן הוצאה!“

מײנען מײנט ער דערמיט, אַז דער ערב יום־טוב שאַרט אים צו זײַן פּרנסה אויף יום־טוב.

ערב יום־טוב איז ניט אַ מיטען װאָך. אין אַ מיטען װאָך איז ער גערן װיפֿיעל מען באַצאָלט אים פֿאַר אַ טרחה אָדער עפּעס פֿאַר אַ שטיקעל אַרבײַט; ניט אַזױ איז אָבער ערב יום־טוב.

ערב יום־טוב צערײַסט מען אים ממש; איטליכער װיל זיך מיט אים שאַפֿען, איטליכער האָט פֿאַר אים אַ שטיקעל אַרבײַט.

װאָרים װער איז נאָך אַזאַ ערליכער מאַן װי טביה'לע, און װער איז אין אַלץ אַזױ געניט װי ער?

— גאָלד מאָגט איר אים געבען אָװעקטראָגען; ניט געצײלטע אױבם אָדער אַנדערע עסענזאַכען מאָג מען אים טרױען, װעט ער זיך ניט צורירען צו דעם. ער ברענגט אַלץ גאַנץ און גיך. גיט מען אים, איז עס װי בײַ זיך אין פֿאַרשלאָסענעם אַלמער.

און טביה'לע װײס, אַז עס איז ערב יום־טוב, און מען דאַרף אויף יום־טוב פֿאַרדינען, און לאָזט זיך גוט באַצאָלען.

— בעל־הבית, אָדער בעל־הבית'טע, — זאָגט ער דע־מאָלט, — דאָס װעט אײַך קאָסטען אַ צװײ גילדען, עס איז ערב יום־טוב, פֿאַרשטעהט איר מיך!

— נאָר אַ יום־טוב צו אַ יום־טוב איז ניט גלײַך, — זאָגט טביה'לע פֿון גרױס געניטקײַט: — אָט נעמט, למשל, פּסח. אַכט טעג פּסח, מוז מען אָנגרײטען אי מצה אי קאַרטאָפֿעל, אי אַ ביסעל בוריקלעך, אפֿילו טעפּלעך מיט ברעטלעך מוז מען קױפֿען נײַע לכבוד פּסח. װאו נעמט מען עס אַזױ פֿיעל, װאָס דאָס אַלץ דאַרף קאָסטען? האָט איר דערפֿאַר אַ לאַנגען ערב־פּסח. כמעט צװײ װאָכען איז כסדר ערב־פּסח בײַ לײַטען, און אַזאַ לאַנגען ערב־פּסח פֿאַלט שױן צו פּרנסה אויף פּסח.

און װי עס קומט דער ראש־חודש ניסן, שטעהט שױן טביה'לע לעבען די מעל־קראָמען, היט צו איטליכע בעל־הבית'־טע, װאָס קומט פּסח'דיג מעל קױפֿען אויף מצה, און העלפֿט איר בײַם אױסקלױבען און אָפּװעגען, און דערפֿאַר װעט זי שױן קײַן אַנדערען ניט געבען אָװעקטראָגען דאָס זעקעל מעל אין פֿאָדראַד.

— און אַ פּסח'דיג זעקעל מעל אין פֿאָדראַד אָװעקטראָגען, — זאָגט טביה'לע, — איז עפּעס ניט קײַן חמצ'דיג זעקעל מעל. אַ סך פּסח'ן האָט נעבעך אַ איד אַ גאַנץ יאָר? נישט מער װי אײנמאָל קױפֿט מען פּסח'דיג מעל אויף מצה, און אַז מען באַצאָלט דאָס אײנמאָל מיט עטליכע קאָפּיקעס טײַערער פֿאַר'ן אָװעקטראָגען, װערט אַ בעל־הבית'טע חלילה ניט בדלות דערפֿון!

נאָך אַזאַ שמועס, שטױסט זיך די בעל־הבית'טע, װאָס

טביה'לע גיט איר אַן אָנצוהערעניש, און קומט שוין מיט אים דורך האַלב אויף האַלב. דערפֿאַר האָט ער שוין די חזקה, אַז אָפּטראָגען די אָפּגעבאַקטע מצה פֿון פֿאָדראַד אַהיים — געהערט שוין אויך צו אים. און אַז טביה'לע ברענגט דערנאָך דעם קאָרב מיט מצה אַהיים, ווינשט ער צו דער בעל־הבית'טע: זי זאָל דערלעבען מיט איר מאַן און קינדער איבער אַ יאָר אויך צו באַקען מצה, און אים אויך צו געבען עפּעס צו פֿאַרדינען אַרום אירע מצה.

נאָך אַזאַ ברכה קען שוין די בעל־הבית'טע אַודאי קיין „דבר־אחר“ ניט זיין און באַצאָלט אים אָפּט מיט אַ גאַנצען גילדען מער, ווי דער פּרייז האַלט אויף דער טרעגערישער „בערזע“ אין אַ מיטען יאָר.

אַ טאָג פֿאַר ערב פּסח, ווען אַלעמענס מצה איז שוין אָפּגעבאַקען, נעמט זיך טביה'לע לייטישע כלים צו כשר'ן און טובל'ען. און ווער מאַכט עס נאָך אַזוי געשיקט ווי ער? און ער פֿאַרדינט זיך זיינע גרויסע הצטרכות אויף פּסח און איז מיט'ן פּסח שטאַרק צופֿרידען.

סוכות איז אויך ניט ערגער. אַ סוכה צוזאַמענצושלאָגען גיך און גוט איז ער אַ מייסטער. ביי אים געהט אַ העלצעל, אַ צוועקעל ניט אין ניוועץ, און פֿאַר וויניגער ווי צוויי גילדען אַ סוכה אויפֿשלאָגען, פּרוּווט אים גאָר קיינער ניט אָנמוטען.

און קומט סוכות באַדינגט ער זיך צו טראָגען אַ גאַנץ יום־טוב דעם אתרוג מיט'ן לולב פֿון איין שותּף צום אַנדערען.

היינט איז דאָך עפּעס אין מיטען סוכות דאָ אַ „הושענא רבה“ אויף דער וועלט, מיט דעם גרויסען מסחר פֿון עכט כשר'ע „הושענא'ס“.

פֿאַרטאָג, בעת די בעלי־בתּים שלאָפֿען נאָך פֿון דעם „אויפֿזיין“ אַ גאַנצע הושענא רבה'דיגע נאַכט, טראָגט שוין טביה'לע איטליכען זיין ביסעל הושענא'ס אַריין וויפֿיעל איטליכער דאַרף פֿאַר זיין געזינד. נישקשה, ער מאָג זיי לאָזען אויף קרעדיט; שפּעטער, אַז זיי, די בעלי־בתּים, וועלען קומען אין בית־המדרש אַריין, וועט ער שוין אויפֿמאָנען ביי זיי ביז אַ גראָשען.

אַ כּלל, די הושענא'ס העלפֿען אים אַרוים, אויך די אַנדערע טעג יום־טוב זאָל אים פֿון כל־טוב ניט פֿעלען, ווי אין די ערשטע טעג סוכות.

אפילו ראש־השנה און יום־כּיפּור פֿאַרדינען זיך זייער הוצאה: פֿאַר ראש־השנה הייבען זיך אָן די סליחות, און ווער קען נאָך אַזוי שיין און אַזוי פּינקטליך צו סליחות קלאַפּען בעלי־בתּים אין לאָדען ווי טביה'לע!

די נאַכט פֿאַר ערב יום־כּיפּור געהט ער מיט'ן שוחט, בעלי־הבית'ישע כּפּרות קוילען. טביה'לע טראָגט די גרויסע

לאַמטערן, געהט אַפריהער און ווײַזט אָן דעם שוחט דעם וועג ווי דורכצוגעהן די שטאָטישע גרויסע בלאָטעס, און פאַר דער טרחה פאַלען אים צו שײַנע עטליכע גילדען פון בײדע צדדים: פון שוחט, פאַר וואָס ער דינט אים אַזוי געטרײַ, און פון די בעלי־בתים, וואָס ער היט צו, זײערע כפּרות זאָלען ניט פאַרטוישט ווערען מיט פרעמדע כפּרות.

אַ כלל, איטליכער יום־טוב שפּײַזט זיך אַלײן, און טביה'לע דערלײַגט צו אים גאָר ניט.

— נאָר אײן יום־טוב איז ניט קײן פאַרדינער, — באַקלאָגט זיך טביה'לע, — און דאָס איז דער יום־טוב שבועות.

— עפּעס קומט ער אָן אויף אַלעם פאַרטיגען, און דו גיב, מאַך אים אַ גוטע וועטשערע מיט אַ גוטען ווארמעס. ניט זײַן דאגה גאָר, צי מען האָט צוליב אים אָן איבריגען גילדען פאַרדינט, צי ניט! — טענה'ט תמיד טביה'לע, ווען ער הערט רעדענדיג, אַז עס איז שוין נאָך ל״ג בעומר, און אָט באַלד איז שוין שבועות.

— און נאָך ווײניג וואָס דער שבועות אַלײן איז קײן פאַר־דינער ניט, — באַקלאָגט זיך טביה'לע; — האָט ער אַ מזל, אין מיר אַרײַן געראָטען, און נעמט און פאַלט אויס, זינט איך געדענק, תיכף נאָך די ספירה־טעג, דעמאָלט, ווען די פּרנסה מײַנע איז שוואַך, און איך קום קוים דורך מיט'ן וואָכען־טאָג אפילו.

און ווי נאָר טביה'לע דערהערט שמועסענדיג: „עס איז שוין ניט ווײַט פון שבועות", טוט אים אַ ריס אין האַרצען.

ב.

אײנמאָל, דאָס איז אַ פּאָר טעג פאַר ערב שבועות גע־ווען, פאַלט טביה'לען אײַן: מען מוז עפּעס באַקלערען מאַכען פאַר דעם יום־טוב שבועות אויך אַ שטיקעל פּרנסה, עס זאָל זיך פאַרדינען יום־טוב צו מאַכען, ווי גאָט האָט געבאָטען.

נאָך אַ סך קלערען איז בײַ אים אַ פּלאַן געבליבען: אַזוי ווי אַ סך בעלי־הבית'טעס קויפען ערב שבועות גרינס בײַ די גוים אויסצושפּרײטען עס אין שטוב, פאַר וואָס זאָל ער, טאַקע טביה'לע אַלײן, זיך ניט נעמען פאַר דער פּרנסה, צו באַזאָרגען אַלע בעלי־הבית'טעס מיט גרינס אויף שבועות.

— אַי איז דאָך אַ קשיא: וואו וועל איך נעמען גרינס, און דוקא אַזעלכעס וואָס די גוים ברענגען פון דאָרף אויף שבועות? — אַ טײַערע משקה! — ענטפערט ער זיך אַלײן. — ווײניג לאָנקעס זײַנען דאָ הינטער דער שטאָט? למאי הושענא'ס — האָב איך אײַגענע בײמער? פונדעסטוועגען באַקום איך שוין, אַז איך באַדאַרף, וועל איך גרינס אויף שבועות מסתמא אויך באַ־קומען.

און דער פלאַן געפעלט אים שוין אַזוי, אַז עס פאַרדריסט אים שוין, וואָס ער איז ביז איצט אַזאַ ש ו ט ה געוועזן און האָט עס שוין מיט אַ ס ך יאָרן פריהער ניט געקענט אָפקלערען.

אויף מאָרגען, נאָך דער נאַכטיגער ש מ י ר ה, איז זיך ט ב י ה'לע דורכגעגאַנגען צו זײַנע באַקאַנטע ב ע ל י ־ ה ב י ת'טעס און האָט זיי געבעטען זיי זאָלען ניט קויפען קיין גרינס ביי די ג ו י י ם ווי אַלע יאָר. ער, ט ב י ה'לע אַליין, וועט זיי שוין אַלעמען פאַרזאָרגען מיט אמת כשר ש ב ו ע ו ת־גרינס".

אַוועקגעהענדיג די נאַכט פון פאַר ע ר ב י ו ם ־ ט ו ב זיך שטעלען צו דער ש מ י ר ה, האָט ער מיטגענומען אַ גרויסען זאַק און מיט'ן באַגינען האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן הינטער דער שטאָט זוכען אַ לאַנקע מיט גרינס.

אויסגערעכענט האָט ער, אַז ביז די ב ע ל י ־ ב י ת'טעס וועלען אויפשטעהן געהן אין מאַרק אַרײַן אײַנקויפען אויף י ו ם ־ ט ו ב, וועט ער נאָך צײַט האָבען צו קומען צוריק מיט גרינס און וועט דעם ע ר ב י ו ם ־ ט ו ב'דיגען מאַרק אויך ניט פאַרשפּעטיגען.

אויף די נאָהענטע לאָנקעס האָט ער אָבער אַזאַ גרינס, ווי מען דאַרף ל כ ב ו ד ש ב ו ע ו ת, ניט געפונען, נאָר פ ש ו ט'ע גראָז און גראָז. אים אָבער האָט זיך געוואָלט ברענגען ניט גלאַט גראָז, נאָר טאַקע א מ ת ש ב ו ע ו ת־גרינס, כאָטש ניט ערגער ווי יענס, וואָס די ג ו י י ם ברענגען. און ער איז אַלץ ווײַטער געגאַנגען.

אַ וויאָרסט פינף צי זעקס ווײַט פון שטאָט, לעבען פ ר י צ'ישען הויף, האָט ער דערזעהען אַ פעלד מיט קוקורוזע. קיין גרויסער באָטאַ־ניקער איז ט ב י ה'לע ניט, דאָס ברייטע גראָז איז נאָך יונג און ניט גאַנץ הויך און דיק געוועזן, און ט ב י ה'לע האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס רעכטע ש ב ו ע ו ת־גרינס טאַקע אַן אַנטיק.

לאַנג ניט געטראַכט, איז ער אין פעלד אַרײַן און גענומען אונטער־שנײַדען דאָס גרינס און שטאָפּען אין זאַק אַרײַן.

שנײַדענדיג, האָט ער א פ י ל ו זיך אַ ביסעל גע'ת י ד ו ש'ט, וואָס דאָס גראָז איז ניט אַזוי ווייך ווי יענס, וואָס מען קויפט ביי די ג ו י י ם; נאָר א ד ר ב ה, עס האָט אים די מ ע ש ה אַ ה נ א ה געטאָן: אָט וועט ער די ב ע ל י ־ ה ב י ת'טעס ווײַזען, ווי א מ ת כ ש ר ש ב ו ע ו ת־גרינס דאַרף צו זײַן.

ער האָט דאָס גראָז געשניטען און אין זאַק געשטאָפּט. ווען דער זאַק איז שוין פול געוואָרען, האָט ער אָפּגעבונדען זײַן שטריק, וואָס ער טראָגט שטענדיג אויף זײַנע לענדען, ווי אַ נויטיג געצײַג, — טאָמער מאַכט זיך עפּעס אַ שווערע מ ש א אַוועקצוטראָגען,—און האָט אויך אַ רעכט בינטעל געמאַכט.

— יענס, וואָס אין זאַק, וועט זײַן צעקנייטשט, — רעדט ער צו זיך, — וועט ער לייזען ביליגער; דאָס גרינס פונ'ם בינטעל וועט בלײַ־

בען גאַנץ און פריש, ווי ערשט פון לאַנקע, וועט ער אַריינטראָגען צו נ ג י ד י ם און נעמען ביי זיי טייערער.

אַזוי טראַכטענדיג, האָט ער גאָר ניט באַמערקט, אַז עמיץ געהט צו צו אים. גאָר פּלוצלונג, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסען, כאַפּט אים אָן אַ הויכער, אַ געזונטער ג ו י פאַר'ן קאַלנער און טוט אַ געשריי אויף זיין ג ו י'איש ל ש ו ן:

— אָך טי גראַביטיעל (אָך, דו רויבער)! איך וועל דיר ווייזען אַ פּעלד קאַליע צו מאַכען!

— וואָס פאַר אַ פּעלד? דאָס איז דאָך גאָר אַ לאָנקע! — רופט זיך אָפּ ט ב י ה'לע גאָר ניט אָראָפּפאַלענדיג ביי זיך.

— איך וועל דיר ווייזען אַ לאָנקע! — ענטפערט דער ג ו י מיט כ ע ס.

— אַ טייערע מ ע ש ה, אַ ביסעל גראָז, מיין איך גרינס אויף י ו ם ־ ט ו ב אָנגעשניטען! וויפיעל וואַקסט דאָ א פ ש ר? ט ע נ ה'ט ט ב י ה'לע.

— דאָס וועלען מיר שוין שפּעטער זעהן,—זאָגט דער ג ו י. — דערוויייל נעם דיין זאַק מיט'ן בינטעל אויפ'ן פּלייצע און קום מיט מיר צום פ ר י ץ וועמעס פּעלד דאָס איז.

— וואָס רעדסטו, מענש? — ענטפערט אים ט ב י ה'לע. — איך האָב דען צייט מיט דיר צום פ ר י ץ צו געהן? ווייסט דען ניט, אַז היינט איז ע ר ב ש ב ו ע ו ת ביי אידען, און איך וויל נאָך דעם ע ר ב י ו ם ־ ט ו ב'דיגען מאַרק ניט פאַרשפּעטיגען און פאַרדינען אַ פּאָר גילדען ל כ ב ו ד י ו ם ־ ט ו ב?

עס האָבען אָבער ט ב י ה'לען ניט געהאָלפען ניט זיינע רייד, ניט זיין שווערען זיך, אַז ער האָט גאָר קיין צייט ניט צום פ ר י ץ צו געהן; דער ג ו י האָט זיך איינגע'ע ק ש נ'ט: ד ו ק א צום פ ר י ץ, כאַטש נעם און שים אים אין קאָפּ אַריין.

— מ י ל א, דיר ווילט זיך ד ו ק א צום פ ר י ץ, — גיט שוין ט ב י ה'לע נאָך, — געה איך מיט דיר צום פ ר י ץ; נאָר וואָס וועט מיר דער פ ר י ץ טאָן פאַר אַ ביסעל גרינס, מיינסטו? אַ טייערע מ ש ק ה, קאַרג גראָז וועט אים נאָך איבער'ן זומער אויסוואַקסען אויף זיין לאָנקע!

„און אַ מאָדנער פ ר י ץ איז ער געוועזען: — האָט שפּעטער ט ב י ה'לע די מ ע ש ה דערציילט: — אָנשטאָט מיט מיר צו רעדען וועגען דעם גראָז, האָט ער מיך גענומען אויספרעגען, ווי רופט מען מיך, ווי האָט מען גערופען דעם טאַטען מיינעם, וויפיעל יאָר איז מיר, און מיט וואָס בין איך זיך ע ו ס ק, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט אַ ש י ד ו ך טאָן מיט מיר. צו וואָס האָט ער דאָס אַלץ באַדאַרפט וויסען, זאָל איך אַזוי ביייז וויסען! און אַ טשיקאַווע מ ע ש ה: אַלץ, וואָס איך האָב אים געענטפערט, האָט ער עס אויף אַ פּאַפּיר מיט טינט

און פעדער פארשריבען, ווי עפעס רעכטס. דערנאך האט ער מיר דוקא געהייסען געבען אפעסען, אבער מען זאל מיך האלטען און פון הויף ניט ארויסלאזען. ניט זיין דאגה, וואס עס איז ערב שבועות, איך וועל דעם מארק פארשפעטיגען און קיין חלה און קיין ליכט אפילו ניט האבען אויף יום־טוב.

און ערשט פארנאכט האט אים דער פריץ אפגעשיקט מיט צוויי דארפישע סאטסקעס אין שטאט צום פריסטאוו מיט א גאנצען פראטא־קאל.

דער פריסטאוו האט דוקא מיט אים קיין גרויסע טענות ניט געמאכט, געפרעגט נאר, צי האט ער א פאספארט אדער צי איז ער, טביה'לע, א היגער, האט איבערגעלייענט דעם פראטאקאל און האט געהייסען טביה'לען אריינזעצען דערוויַיל אין „כאלאדנע", אין דעם פינסטערען שטיבעל מיט גראטעס פאר די פענסטער, וואוהין מען לאזט אריין אלע ארעסטירטע, איידער מען הייסט זיי אפפירען אין אסטראג.

מיד און באקלעמט פון אזא פינסטערען טאג איז טביה'לע גע־וועזען. ניט אויסגעשלאפען נאך דער נעכטיגער שמירה, ווי אלע טאג, האט ער זיך אין „כאלאדנע" באלד אויף דער ערד אויסגעצויגען און איז באלד פארזונקען געווארען אין א טיפען שלאף.

ג.

די ווייב טביה'לעס האט זיך שטארק גע'חידוש'ט, וואס איר מאן איז עפעס הייַנט מיט'ן באגינען אהיים ניט געקומען איבערדרעמלען א ביסעל ווי אלע טאג און לויפען דערנאך אין מארק אריין. ערב יום־טוב, און עס איז קיין אנהייב נישטא, נישט קיין חלה, נישט קיין ליכט. זי האט זיך אבער געטרייסט: אודאי האט זיך אים געמוזט מאכען א פארדינסטעל לכבוד יום־טוב. א שליחות ערגעץ, אדער אזוי עפעס א טרחה, און ער וועט אהיים קומען סתמא ניט מיט ליידיגע הענט.

א זייגער דריי, פיער איז זי שוין אומרוהיג געווארען. גאט ווייס, וואס מיט אים איז געשעהן!... און אז עס איז שוין געווארען א זייגער פינף, האט זי שוין אין שטוב ניט געקענט אייַנזיצען און הארען. זי האט געלאזען די פיצלעך קינדער אליין און איז ארויסגעלאפען אין מארק זוכען איר מאן.

אין מארק האט אים אבער הייַנט קיינער ניט געזעהן, און זי האט זיך געלאזט געהן צו בעלי־בתים, פון הויז צו הויז, פרעגען, טאמער האט אים עמיץ געשיקט ערגעץ; אבער קיינער האט אים ניט געשיקט, נישטא איר מאן, ווי אין דער ערד אריין!

און אז די זון האט זיך שוין טיף אין מערב־זייַט אראפגעלאזען, און אידען האבען אנגעהויבען אין שול צו מעריב צו געהן, האט זי שוין אירע טרערען ניט געקענט מער אייַנהאלטען און האט זיך אין מיטען גאס ביטערליך צעוויינט.

אַ רעדעל מאַנסלײַט און װײַבער האָבען זיך אַרום איר באַלד אַרומגעקליבען און, אויסהערענדיג װאָס זי װײנט און קלאָגט, האָט זי איטליכער געטרײסט:

— געהט אַהײם, נאַריש װײַבעל! אײַער מאַן װעט באַלד קומען, אָדער ער איז שוין לאַנג געקומען; אַ קלײן קינד איז ט ב י ה׳לע? נישק ש ה, ט ב י ה׳לע װײס דעם װעג אַהײם!

פרעגען זי: צי האָט זי אויף י ו ם ־ ט ו ב? צי האָט זי כאָטש צװײ בענש־ליכטלעך אָנצוצינדען אין איר פינסטער שטיבעלע? — דאָס האָבען זײ פאַרגעסען.

ערשט נאָך מ ע ר י ב האָט שײַקע דער ב ע ל ־ ע ג ל ה, װאָס װאוינט לעבען „אוטשאַסטאָק“, אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש דערצײלט, אַז זײַן װײַב האָט אַלײן געזעהן, װי צװײ דאָרפישע סאָטסקעס האָבען געבראַכט ט ב י ה׳לען צופירען װי עפּעס אַ ג נ ב צום פּריסטאַװ; שװאַרץ און ח ו ש ך איז דאָס פּ נ י ם זײַנס געװען און קוים װאָס ער האָט נאָר כ ו ח געהאַט אויף זײַנע פיס זיך צו שלעפּען. צוריק פון „אוטשאַסטאָק“ אַרויסגעהענדיג האָט זי נאָר געזעהן די סאָטסקעס אַלײן; ט ב י ה׳לע איז זיכער דאָרט אין כאָלאָדנע געבליבען.

װי װײניג דעם ע ו ל ם האָט זיך אַזאַ ס י פּ ו ר ־ ה מ ע ש ה געגלויבט, איז פונדעסטװעגען באַלד געװאָרען אַ גרויסער קאָך אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש. ק ש י ו ת און ה ש ע ר ו ת זײַנען געפלויגען אָהן אַ ש י ע ו ר; איטליכער האָט זיך זײַנס געפרעגט און זײַנס געזאָגט, און זינט ט ב י ה׳לע לעבט און שטעהט אויף זײַנע פיס, האָט מען װעגען אים נאָך אַזוי פיעל ניט גערעדט אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש און אין איטליכער שטוב און פאַמיליע, װאוהין די י ד י ע ה האָט זיך פאַרטראָגען, װי הײַנט בײַנאַכט.

נאָך װעטשערע זײַנען נאָהענטע ב ע ל י ־ ב ת י ם און ב ע ל י ־ ה ב י ת׳טעס ב ע ל נ י ם געװעזען אַרײַנצוגעהן צו ט ב י ה׳לעס װײַב געװאָר װערען, צי די גאַנצע מ ע ש ה איז א מ ת, און אויב א מ ת, צו הערען, װאָס הערט זיך? פאַר װאָס און פאַר װען?

און בײַ ט ב י ה׳לען אין שטיבעל איז געװעזען ת ש ע ה ־ ב א ב, ניט ש ב ו ע ו ת בײַנאַכט. קײן ליכט ניט געבענשט, נאָר אויף אַ ברעג אויװען האָט זיך געדרויכערט אַ שטיקעל בלעכערן לעמפּעל. ט ב י ה׳לעס װײַב, מיט רויט אָנגעװײנטע אויגען, איז געזעסען מיט בײדע פּיצלעך קינדער אויף איר שויס, געקלאָגט און געכליפּעט, צוליב איר פאַרפאַלענעם מאַן און צוליב איר פאַרשטערטען י ו ם ־ ט ו ב. די פּיצלעך קינדער, פאַרשמאַכטע, האָבען אויך ניט געשװיגען; איטליכע ר ג ע האָט אײנס אָדער בײדע מיט אַמאָל, װי די שװאַכע פײגעלעך, אַרויסגערעדט: „מאַמע, װיל עסען!“...

ט ב י ה׳לעס װײַב האָט נאָך פון גאָר נישט געװאוסט. אַז מען האָט איר דערצײלט, אַז עס איז אַ ס ב ר א, אַז מען האָט איר מאַן אין

„אוטשאַסטאָק“ אַרײַנגעזעצט, האָט זיך איר ניט געגלויבט.

— מײַן מאַן איז קײַן גנב ניט! — האָט זי געשריען. — זאָלען מײַנע קינדער, נאָר מיט מער מזל און מיט אַ גרינגערער פּרנסה, אַזעלכע ערליכע און כשר'ע אידען אויסוואַקסען, ווי דער טאַטע זײַערער איז! נײַן, איר ווילט מיר ניט אָנזאָגען מײַן בראָך, — האָט זי געטענה'ט און די האָר זיך פון קאָפּ געריסען, — אַ גרעסערער אומגליק איז אים געשעהן!...

אידישע קינדער האָבען צײַטענווײַז ניט קײַן גוטע הערצער, ווײַכע הערצער האָבען זײ אַלע מאָל. צוקוקענדיג דאָס עלענד פון דעם אָרימען ווײַבעל מיט די פּיצלעך הונגעריגע קינדער, דערזעהענדיג די אָרימקײַט און פינסטערקײַט דאָ אינ'ם קלײנעם שטיבעלע, בעת דאָרט בײַ זיך אין דער הײם איז אַזוי ליכטיג און יום־טוב'דיג, איז פּיעלען דאָס האַרץ צעגאַנגען, און טײל ווײַבער האָבען זיך אויסגערופען מיט טביה'־לעם ווײַב געהן אין „אוטשאַסטאָק“ געוואָר ווערען, טײל זײַנען געבליבען לעבען די פּיצלעך קינדער, און טײל זײַנען אויך אַהײם אַוועקגעלאָפען ברענגען עפּעס פאַר די הונגעריגע קינדער וואָס צו עסען, און טאַקע פאַר'ן גאַנצען געזינדעל כאָטש עפּעס אויף יום־טוב צושטײַער.

ווען טביה'לעם ווײַב איז פון „אוטשאַסטאָק“ געקומען אַ ביסעל באַרוהיגט כאָטש מיט דעם, וואָס זי ווײס זיכער, אַז איר מאַן לעבט, כאָטש מען האָט זי ניט צוגעלאָזען צו אים, ווײַל דער פּריסטאַוו איז אין דער הײם ניט געוועזען, האָט זי געפונען איר שטיבעל צוגעקליבען ווי לכבוד יום־טוב; אויפ'ן טישעל איז שוין אַ טישטוך געלעגען, אין אירע מעשענע בענש־לײַכטער — ליכט אַרײַנגעשטעקט, אויך חלות אויפ'ן טיש מיט לײַטען גלײַך.

— יום־טוב איז יום־טוב; — האָבען זי די ווײַבער געטרײסט; — פאַרשטערט אײַך דעם יום־טוב ניט. צוליב דעם זכות פון הײליגען שבועות וועט אם־ירצה־השם אײַער מאַן אויסגעלײזט ווערען. קײַן מענשען האָט ער אודאי ניט גע'הרג'עט. מסתמא עפּעס עמיצען פּוגע בכבוד געוועזען, אָדער אַזוי אַ שטראָף פאַר עפּעס; וועט ער זיצען אַ טאָג און מען וועט אים אַרויסלאָזען.

טביה'לעם ווײַב, וואָס האָט אין איר לעבען בײַ לײַטען נאָך נישט גענומען נישט קײַן פאַרדינטע, האָט זיך אין אָנהײב שטאַרק געלאָזט בעטען אָנצונעמען די מתנות; אָבער אַז מען האָט איר צו פאַרשטעהן געגעבען, אַז דאָס איז חלילה גאָר קײַן נדבה ניט, נאָר אַזוי, וואָס איטליכער איד איז מחויב אַ אידען צו העלפען אין אַן אומגליק און עס וועט אַ גרויסע זינד זײַן, אַז זי וועט זיך אַלײן און די קינדער לאָזען הונגערן אין אַזאַ הײליגען יום־טוב ווי שבועות, האָט זי עס צוגענומען און נאָר מיט טרערען געזאָגט:

— גאָט זאָל אים נאָר אויסלײזען פון זײערע הענט, וועט אײַך מײַן

מאַן אם־ירצה־השם אָפּדינען פאַר אַלץ.

אויף מאָרגען פריה, נאָך איידער טביה׳לע האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט אים די ווייַב זייַנע אין „אוטשאַסטאָק“ געבראַכט עסען פון כל־טוב — חלה מיט פיש, אפילו פוטער־געבעקס מיט קאַווע האָט זי אים אויך געבראַכט.

און אַז מען האָט טביה׳לען תיכף נאָך שבועות אַרויס־געלאָזען און לייַט זייַנען אים באַפאַלען מיט זייערע שאלות און רחמנות, וואָס אים איז נעבעך דער שבועות פאַרשטערט געוואָרען, האָט טביה׳לע פשוט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען האָט דאָ אַזאַ רחמנות אויף אים?

שלעכט איז אים נאָר געוועזען דער ערב שבועות, אַט דאָרט בייַם פּריץ, זאָל פון אים קייַן גוטער ניט וויסען; אָבער דאָ אין „אוטשאַסטאָק“, אין כאָלאָדנע, איז אים גוט געוועזען ווי די גאַנצע וועלט. ערשטענס, האָט ער צוויי נעכט געשלאָפען ווי אַ גראַף, ניט באַדאַרפט וואַכען אַ גאַנצע נאַכט ביי לייַטישע קראָמען ווי אַ גאַנץ יאָר; צווייטענס האָט אים פון קייַן פויגעל־מילך ניט געפעלט: ווען אין זייַן לעבען האָט ער שבועות פאַרזוכט אַ פוטער־פלעצעל מיט קאַווע?

— הערט איר, וואָס איך וועל אייַך זאָגען? — האָט טביה׳לע דערנאָך דערציילט: — ווער מיר גוטס ווינשט, זאָל קייַן ערגערען שבועות נישט האָבען, ווי איך האָב דאָס יאָר געהאַט!

י. דינעזאָן.

## זומער־ליד.



ש. פרוג.

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען,
ווי די פרייַע, בלויע וועלען
רוישען, גיסען זיך און קלינגען.

אין אַ פרישען קראַנץ פון זאַנגען,
פרייַ פון טרויער און פון קומער,
אויף די טאָלען, אויף די פעלדער
שוועבט דער שיינער, ליבער זומער.

זומער־פייגעלעך פון גאָרטען,
סטאַיעס בינען פון די שטאָקען
פליהען אום און טאַנצען, שפּרינגען
איבער זייַנע שוואַרצע לאָקען.

זיסע וואַרימקייַט טוט וויען
פון די גרויסע ברוינע פליגעל

אויף די שטראמען, וועלכע גלאנצען
העל און ליכטיג, ווי א שפיגעל;

אויף די ביימער, וועלכע שטעהען
שוין באוואקסען און באהאנגען;
אויף די פרייע גרינע פעלדער,
וואו די הויכע, שיינע זאנגען

בייגען אן די שטאלצע קעפלעך
איינס צום אנדערען און זשומען:
„— אך, ווען וועלען זיי, ווען וועלען
שוין צו אונז די שניטער קומען?“

און די שניטער געהען, איילען...
סערפעס, קאסעס גלאנצען, קלינגען.
אויף די טאלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

ש. פרוג.

---

## זומער ביי טאג.


ש. י. אבראמאוויץ.

דער הימעל איז בלוי, לויטער, אהן א פיצעל וואלקען, די זון בראט, סמאליעט; עס ווייט נישט קיין ווינטעלע, מען פילט נישט קיין ליפטעלע, די ת ב ו א ה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטעהען שטיל, ווי צוגעקאוועט, קיין שאקעל א פ י ל ו זיך נישט צו טאן. קיה אויף דער פאשע ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאקלען צוואויילען די אויערן, קייען און מ ע ל ה ־ ג ר ה'ן; אנדערע גראבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שארען מיט די קאפיטעס און רעווען, שרייען פאר גרויס היץ. דער בוהיי פארייסט דעם עק, לויפט גאלאפ, ווארפענדיג דעם קאפ אין אלע זייטען, שטעלט פלוצים זיך אנידער, אנגעבויגען דעם שטערען הארט צו דער ערד, שמעקט, פאכט מיט די נאזלעכער, לאזט ארויס א ברומען, סאפעט און דריגעט

מיט די פיס. לעבען אַן אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלב־פאַרדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אויף דער העלפט אַמאָל פון אַ דונער, שטעהען פערד, איינס אויפ׳ן אַנדערען פאַרלייגט די קעפּ, צו מאַכען כאָטש עפּעס אַ שאָטען, און שמייסען מיט די וויידלען, פּ ט ו ר צו ווערען ווי ס׳איז פון די בייזע פליגען.

אויף אַ צווייגעל אין דער הייך וויגט זיך אַ סאַראָקע, אויסזעהענדיג פון דערווייטענס ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייס ט ל י ת׳ל מיט פּאַסען ת כ ל ת פאַרענט, און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך. זי בוקט זיך, פּאַלט ת ח נ ו ן מיט׳ן קעפּעל, שפּרינגט אַ ביסעל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבענדיג אַ פּאָר מאָל, בלייבט דערנאָך ווייטער שטעהן אָהן ל ש ו ן, שטרעקט אויס דאָס העלזעל און קוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין מיט פאַרשלאָפענע אייגעלעך.

אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ שטיל, מען זאָל דאָס הערען ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהן פליהענדיג ערגעץ אַ פויגעל; נאָר קאָמאַרען, מיקען טראָגען ווי די ר ו ח ו ת זיך אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנצענדיג פאַרביי די אויערן, טוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, איינרוימענדיג עפּעס אַ ס ו ד, און באַלד טאַקע מאַרש ווייטער. נאָר צווישען היי, צווישען ת ב ו א ו ת דאָרט, שמוצערן די גרילען, זומזען, צימבלען און געהען מיט די טאַצען...

ס׳איז היים, ס׳איז שטיל, וואונדערליך שיין. שאַ! גאָטס באַשעפענישען רוהען...

ש. י. אַבראַמאָוויץ.

---

# אַ זומער־אָווענט.

עס איז געוואָרען מ נ ח ה־צייט. אַ געשמאַק ווינטעלע הייבט אָן צו בלאָזען, און אויפ׳ן הימעל ווייזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די ביימער הייבען פּאַמעליך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערען איינגעבויגען דעם קאָפּ, און פירענדיג אַ שמועס אויף זייער ל ש ו ן, נאָכדעם אַז זיי האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל.

דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיגע ת ב ו אָ ה; אַלע זאַנגען כאַפּען זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט אַ ק ו ל און צעקושען זיך גאָר פריינדליך. גאָטס באַשעפעניש רירט זיך אומעטום: אויפ׳ן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט: איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטען שפּיל־פייגעלעך אַרויס, אויף צווייגלעך, ביימלעך, נידעריג און גאַנץ הויך, פּוצען זיך די פעדערלעך. אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקעל און הייבען אָן די זיסע ז מ י ר ו ת צו זינגען, צו סווישטשען. באַבעטשקעס, רייך געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מאָרע אַנטיק מיט טייערע צירונג, כאַפּען אַ טענצעל, שוועבענדיג אין דער לופט, הייבען

זיך, דרייען זיך און מאכען קונצען.

צווי בושלען, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע רויטע פיס, שטעהען אויפ׳ן גראָז, פאַרטראַכטענדיג די קעפּ אין דער הייך, און קוקען מיט ג ד ל ו ת. עפּעס אַ ק ו נ ד ס אַ פויגעל שטיפט, פליהט פון איין בוים צום אַנדערען, מאַכט קוקו! קוקו!, ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. אים ענטפערט אָפּ פון צווישען ווייץ און קאָרן אַן אַנדער מין פויגעל עפּעס: „פּיק־בער־וויק, פּיק־בער־וויק!“ ווי גערעדט: איינביג ווּעסטו מיך דאָ נישט כאַפּען, כאָטש שיט מיר אַן זאַלץ אויפ׳ן עק. פּאַקט זיך, ר׳ ק ר ו ב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלזעלע, מאַכט זיסע שטייגער און שפּילט גאַר מ ח י ה. איטליכער, וואָס קאָן נאָר עפּענען אַ מויל, האַלט דעם וועלטבאַרימטען ח ז ן אונטער. זשאַבעס אַ פ י ל ו פון די טייכלעך ערגעץ טערעליקען. אַ פ י ל ו פליגען, בינען האָבען נישט געשוויגען, און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אַנכאַפּער, האָט פליהענדיג אויך געזשוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכען מען האָט געקענט אויף בילעטען געהן הערען... די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיג געוואָרען און באַקומען אַ פריילִיך פּ נ י ם. אַ פריייד, אַ פאַרגעניגען צו הערען, צו זעהען, צו שמעקען די זיסע ר י ח ו ת פון אַלע זייטען.

ס׳איז גוט! ס׳איז שיין! עס ציהט עפּעס ביי דער נ ש מ ה, עס רעדט עפּעס צום האַרצען: גאָטס וועלטעל איז שיין, גאָטס וועלטעל לעבט! עס ציהט און גלוסט זיך אַריינוואַרפען זיך עפּעס אַהין, אַהין מיט הענט און פיס...

ש. י. אַבראַמאָוויץ.

---

# זומער אין פעלד.

ב ן ־ צ י ו ן און ש ל מ ה׳לע לאָזען זיך אַרויס פונ׳ם שטעטעל ווייט אויפ׳ן שפּאַציר. אויפ׳ן וועג, הינטער׳ן שטעטעל, געהט ב ן ־ צ י ו ן אַריין צו זיך אין שייער, געוואָר ווערען צום אַנגעלייגטען פריישען היי דאָרט. ס׳איז פריש, קיל, מ ח י ה; דער ר י ח פון היי צעגעהט זיך אין אַלע גלידער. די ביידע ח ב ר י ם טוען זיך דערויף אַ וואַרף און גלייכען אויס די ביינער, ליגען און קוקען, ווי די שוועלבלעך פליהען אַרויס־אַריין, אַרומדרייענדיג זיך מיט אַ סווישטשען אַרום די נעסטען זייערע, דאָרט אונטער דעם שטרויענעם דאַך. זיי אַנטקעגען שטרעקען זיך אַרויס אָפענע געלע פּיסקעלעך פון יונגע נאַקעטע פייגעלעך, וואָס ווילען עסען.

פונ׳ם שייער געהט מען און מען קומט צו אַ גלייכען פריייען פלאַץ, וואו עס ציהען זיך אַוועק ווייט אין דער לענג און אין דער ברייט פעלדער מיט אַלערליי ת ב ו א ו ת; עס זעהט זיך דאָרט פון דערווייטענס

א געמעל — ווייס־רויטליך בליהענדיגע רעטשקע, איינגעפאסט אין א ראם פון גאלד־געלע ווייץ ארום און ארום. בלויע בלימעלעך צווישען קארן פארנעמען די אויגען, און פליהענדיגע, שפרינגענדיגע גאטס באשעפענישען דארט זשוזשען אן פולע אויערן.

ב ן ־ צ י ו ן באטראכט דארט זייערס א פעלד מיט האבער און איז העכסט צופרידען. לאזט זיך פון דארט געהן ערגעץ אין דער זייט, ש ל מ ה׳לע נאך אים, ביידע רויט ווי א צוויק, ביידע פארגניגט, ניט צו רעדען קייןווארט, און קומען צו א לאנקע. דארט פיטערן זיך פערד, געפענטעט אויף די פעדערשטע פיס. דערביי ברענט א פייערל אונטער אן אלטער ווערבע, וואו טראכים באקט קארטאפעל און מאכט אן, אונטערוואַרפענדיג דארע צווייגלעך, א רויך צו פארטרייבען די קאמארעס. איין פערד, וואס נאהענט, דערזעהענדיג דעם ב ע ל ־ ה ב י ת, הייבט אויף דעם קאפ הויך, שפרינגט אמאל דריי מיט די פעדערשטע געפענטעטע פיס און טוט א הירזשע — „ב ר ו ך ה ב א!“ הייסט דאס. ב ן ־ צ י ו ן געזעגענט זיך מיט אים, א קלאפ געבענדיג עס הינטען אויף דעם רוקען, זאגט אן עפעס טראכימען און געהט ווייטער, ש ל מ ה׳לע מיט אים, און פארגעהען טיפליך אין וואלד.

ש. י. אבראמאוויץ.

---

# דער ת ע נ י ת.

א ווינטער־נאכט. ש ר ה זיצט ביים קאגאניק און שטאפט אן אלטען זאק. די ארבייט מיט געפרארענע הענט געהט ניט זעהר געשווינט. פאר קעלט זיינען איר אויך ברוין און בלוי געווארען די ליפען. אפט לייגט זי אוועק די ארבייט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערווארימען די געפרארענע פיס.

אין א בעט, אויף א גאלען שטרוי־זאק שלאפען פיער קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטליכע אלטע קליידער.

וואס אמאל כאפט זיך אויף אן אנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אן אנדער קעפעל און בעט: „עסען!“

— ווארט, ווארט, קינדערלעך, — טרייסט זיי ש ר ה, — אט באלד וועט קומען דער טאטע, ברענגען וועטשערע. איך וועל אייך אלע אויפוועקען!

— און ווארמעס? — פרעגען די קינדער וויינענדיג. — מיר האבען דאך נאך קיין ווארמעס ניט געגעסען!

— ווארמעס אויך!

זי גלויבט דאך אליין נישט אין דעם, וואס זי זאגט; זי זוכט מיט די אויגען אין אלע זייטען, טאמער וועט זיך נאך עפעס געפינען צו פאר־

זעצען... נישטאָ!

לעבעדיגע, נאַסע פּיער ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוועז! אַלץ איז נאַס און קאַלט! אויפ'ן קוימען שטעהען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ. אויפ'ן אויוועז — אַן אַלט אויסגעבויגען בלעכען ח נ ו כ ה ־לעמפּעל; אין דער הייך, אין באַלקען, שטעקט אַ נאָגעל — אַ ז כ ר פון אַ הענג־לייכטער, — צוויי לעבעדיגע בעטען אָהן אַ קישען... גאַרנישט, גאַרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער די קינדער זיינען רעכט איינגע־שלאָפען. ש ר ה קוקט אויף זיי מיט האַרצווייטאָג, מיט ר ח מ נ ו ת און טראָגט איבער די פאַרוויינטע אויגען צו דער טיר. זי האָט דער־הערט טריט, שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אַריין; קאַנען קלאַפּען — דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זייט וואַנט. אַ שטראַל פון האָפענונג באַלייכט איר איינגעשרומפּט פּ נ י ם. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אַן אַ פּוס, הייבט זיך שווער אויף און געהט צו צו דער טיר. זי עפענט; עס קומט אַריין אַ בלאַסער, איינגעבויגע־נער איד מיט לעבעדיגע קאַנען.

— נו? — פרעגט ש ר ה שטיל.

ער שטעלט אוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאַך, זיפצט אָפּ און ענט־פערט נאָך שטילער:

— גאַרנישט, גאַרנישט! מען האָט מיר אין ערגעץ נישט באַ־צאַלט... מאָרגען, זאָגט מען. יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגען, איבערמאָר־גען, ר א ש ־ ח ו ד ש...

— די קינדער האָבען כ מ ע ט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט ש ר ה. — כאָטש גוט — זיי שלאָפען... בידנע קינדער מיינע! זי קאָן זיך ניט איינהאַלטען און הייבט שטיל אָן צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדעל, מענדעל! די קינדער זיינען אַזוי הונגעריג! מיט גוואַלד וויל זי איינהאַלטען די טרערען.

— און וואָס וועט זיין אונזער ס ו ף? — קלאָגט זי זיך. — מיט יעדען טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, ש ר ה, זינדיג נישט מיט די רייד! פּאַראַיאָ־רען איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָהן ברויט און דערצו נאָך אָהן אַ ד י ר ה. די קינדער האָבען זיך ביי טאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביי נאַכט — אין דעם הויף... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונ־טער אַ דאַך!

ש ר ה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט איז איר טאַקע אין מיטען גאַס אַ קינד אוועקגעקומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הייזעריג געוואָרען און איז געשטאָרבען.

„און געשטאָרבען ווי אין וואַלד... נישט געווען מיט וואָס צו ראַ־טעווען... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.“

און ער טרייסט זי:

— וויין נישט, ש ר ה, וויין נישט! האָב אויף דיר אַליין ר ח מ נ ו ת, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרצען! זעה, ווי דו זעהסט אויס! היינט צעהן יאָר איז געוועזען אונזער ח ו פ ה... קוק אָן דיין פ נ י ם — ווי! און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו? דו האָסט דאָך געהייסען, געדענקסט, מענדעל ג י ב ו ר... היינט ביסטו געבויגען אין דריי‌ען, קראַנק... וויל דו האָלסט פאַר מיר ב ס ו ד! —

— אַך, גאָט, גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּען זיך אויף און בעטען: „עסען, ברויט!“

— ח ל י ל ה! ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדעל פּלוצלונג אָנגערופען. די קינדער זעצען זיך אויף דערשראָקען.

— היינט איז אַ ת ע נ י ת, — זאָגט מענדעל מיט אַ פינסטער פ נ י ם.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבען פאַר־שטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ ת ע נ י ת? וואָס פאַר אַ ת ע נ י ת? — פרעגען זיי וויינענדיג.

און מענדעל פאַרציילט זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, אַז היינט נאָך ביי ש ח ר י ת, צו ק ר י א ת ־ ה ת ו ר ה, איז אַראָפּגעפאַלען די ס פ ר ־ ת ו ר ה פון ש ו ל ח ן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגען אויסגערופען אַ ת ע נ י ת, אפילו פאַר זויגעדיגע קינדער!

די קינדער שווייגען, און ער פירט ווייטער:

— אַזאַ ת ע נ י ת, ווי י ו ם ־ כ פ ו ר, ווי ת ש ע ה ־ ב א ב; פון היינט פאַרנאַכט אָן!

די פיער קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבען אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצען איבער דער שטוב און צו רופען:

— מיר וועלען פאַסטען! פאַסטען!

מענדעל פאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַנאַניק, זיי זאָלען נישט זעהן, ווי די מוטער גיסט מיט טרערען.

— נו, גענוג! — באַרוהיגט ער די קינדער — גענוג! אין אַ ת ע נ י ת טאָר מען נישט טאַנצען... א ם י ר צ ה ה ש ם ש מ ח ת ־ ת ו ר ה!...

די קינדער זיינען צוריק אין בעט אַריין. פאַרגעסען דעם הונגער. אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „א ב י נ ו מ ל ך“, „אויפ׳ן הויכען

בארג"... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אלע גלידער.

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פארשטיקטער שטימע. די קינדער ווערען שטיל און שלאָפען איַין, מיד פון טאַנצען און זינגען.

י. ל. פרץ.

## איכה.

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם נייַנטען אַב בייַנאַכט:
כ'הער, עס פאַלט פון שטאָט דער טויער,
און עס פלאַקערט אויף די שלאַכט.

ווי צערייַצטע ח י ו ת לויפען
אין דער שטאָט דעם פייַנדס ח י ל ו ת,
און אין זייער ווילדען לאַכען
ווערט פאַרטויבט דעם פאָלקס י ל ל ו ת.

כ'זעה אַ העליש־רויטער פייַער
שלאָגט זיך אָפּ אויף טויזענט מייַלען,
און עס טראָגען זיך פון פונקען
ביז צום הימעל דיקע זייַלען...

וואָס ערוואָרבען האָט י ה ו ד ה
דורך פיעל יאָרען לאַנגע, שווערע,
זעה איך — ווערט פאַרוויסט, פאַרניכטעט
מיט'ן לעבען, מיט דער ערע...

א. רייזען.

## רייַן און ליכטיג איז דער הימעל.

רייַן און ליכטיג איז דער הימעל,
פריש און פרייַליך ווייַט דער ווינט...
— „זינג מיר, זינג, אַ זומער־לידעל!“ —
בעט דאָס שוואַכע, בלאַסע קינד.

„קום מיט מיר אין טאָל, אין גאָרטען,
פלעכט אַ קרענצעלע מיר אויס
פון די בלומען, וועלכע וואַקסען
דאָרט און בליהען שייַן און גרויס“...

אָ, מײַן קינד, דו זעהסט — צעבראָכען
הענגט די האַרפּע אויף דער וואַנט;
אָפּגעוואָאוינט שוין לאַנג פון שפּילען
איז מײַן שוואַכע, קראַנקע האַנט.

אָפּגעוואָאוינט פון זיסע פרײַדען
איז מײַן שוואַכעס, קראַנקעס האַרץ,
זומער, ווינטער, הערבסט און פרילינג
הערשט אין אים דער אַלטער שמאַרץ.

ניין, מײַן קינד! איך טאָר ניט זינגען,
וויינען, זיפצען מעג איך נאָר,
ווײַל איך בין, מײַן קינד, אַן א ב ל
שוין כ מ ע ט צווײ טויזענד יאָר.

ש. פרוג.

---

## אויפ'ן בית-עלמין.

ווײַט פון שמערץ, פון גליק און אומגליק,
פון דעם לעבען פון דער וועלט —
זעהסטו, קינד, די אַלטע ק ב ר י ם
אויף דעם שטומען, טויטען פעלד?

גרינע בײמער, גראָז און בלומען
וואַקסען, בליהען דאָ און דאָרט.
אַך, ווי טרויעריג, ווי אָרים
איז דער וויסטער הײליג-אָרט!

ניט פון מירמעלשטײן קײַן זײַלען
זעה איך שטעהען הויך און שטאָלץ;
ניט קײַן זילבער, ניט קײַן בראָנז
מיט געשניצטען בײן און האָלץ.

און קײַן אויפשריפט: „אין דעם ק ב ר
ליגט אַ גרויסער, שטאַרקער העלד"....
ווײסטו, קינד, ווער ליגט באַגראָבען
אויף דעם וויסטען, טויטען-פעלד?

— קלײנע, אָרימע מ צ ב ו ת;
קורצע אויפשריפטען אויף זײ;
קלײנע אומבאַקאַנטע נעמען...
ווער געדענקט, ווער ווײס פון זײ?

— ניין, מײַן קינד! דאָ ליגען גרויסע,
גרויסע העלדען! שטאַרקע לײַט!
אָהן טרומייטען, אָהן כ ל י ־ ז י ן
איז געגאַנגען זייער שטרײַט.

אָבער לאַנג און שווער און שרעקליך
האָט גערוישט ער און געברענט.
מיט מיליאָנען שווערע קייטען,
מיט מיליאָנען שטאַרקע הענט.

האָט געדריקט דער בייזער ש ו נ א
זייער שוואַכעס, קראַנקעס הארץ;
האָט געוואָשען עס אין טרערען,
האָט געבראָטען עס אין שמאַרץ.

זייער שלאַכט־פעלד איז די ברייטע,
גרויסע וועלט — פון עק ביז עק.
זייער ש ו נ א איז דער ג ל ו ת
אָהן אַן אָנפאַנג, אָהן אַ ברעג.

יאָ, דאָ ליגען גרויסע העלדען!
שעם זיך ניט, מײַן קינד, און וויין.
וויין, באַגיס מיט הייסע טרערען
זייער טויטען, קאַלטען שטיין.

ש. פרוג.

# ה ע ר ב ס ט.

לאַנג אָפּגעבלאַנקט האָבען אין פעלדער דער סערפּ און די קאָסע...
די ת ב ו א ו ת — זיי זײַנען אויף העלפט שוין אין שײַער;
אויף ליידיגע בייטען וועט פאַלען די זילבערנע ראָסע,
און שניטערקעס וועלען ניט זינגען מער היי־יאָהר.

און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... וועגענער לאַנגע באַרויבען
די מאַמע, די ערד, פון דער פריה, פון באַגינען;
און אַז די ל ב נ ה בײַנאַכט וועט אַ קוק טאָן פון אויבען,
וועט זי אַ פּאָר'י ת ו מ'טם דאָס פעלד שוין געפינען.

מ. טייטש.

# די שטאָט.

## אַמעריקע.

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר,
א ו צ ר ו ת טראָגט זי אין איר שויס;
ס'איז דאָס לאַנד דאָ פריש און יוגענד,
ס'איז דאָס לאַנד דאָ רײַך און גרויס.

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט א ו צ ר ו ת:
אײַזען, קופער, גאָלד און שטאָל;
ס'פאַלען זילבער־וואַסערפאַלען
פון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אונזער לאַנד האָט טיפע טײַכען,
קלאָרע טײַכען פול מיט פיש;
אירע בערג דערגרײַכען הימלען,
אירע טאָלען זײַנען פריש.

ס'איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסען,
אירע פעלדער זײַנען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — אירע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיג אירע זין.

אין די פּרײַרים — בופעלאָקסען
און טאַבונעס ווילדע פערד;
און מיט ווײַץ, מאַאיס און גערשטען
איז באַדעקט די גאַנצע ערד.

ס'גיט ווירדזשיניאַ איר טאַבעקאַ,
קאַליפאָרניע — איר ווײַן,
און אין פלאָרידאַ — מאַראַנצען
גליהען רויט אין זונענשײַן.

אין די האַפענס דאַמפּען שיפען —
ס'בליהט איר האַנדעל גרויס און ווײַט,
און מיליאָנען מענשען קומען,
שטראָמען דאָ פון יעדער זײַט.

אירע שטעט — זיי זיינען ריזען,
וואקסען אוים מיט צויבער־מאכט;
אונטער ערד און אין דער לופטען
פליהען באנען טאג און נאכט.

אירע ריזיגע פאבריקען
ווערען קיינמאל גאר ניט מיד...
פון אטלאנטיק ביז פאסיפיק
קלינגט איין גוואלטיג ריזען־ליד.

י. שווארץ.

---

## ניו־יארק.

אן אינזעל אויף צעהנדליגער מיילען,
א פאלאץ פון ברעג ביז צום ברעג;
דער פאלאץ האט טויזענטער זיילען,
די זיילען אין הונדערטער ציילען —
זיי שטעהען פון ברעג ביז צום ברעג.

א וואסער, א פארביגער שפיגעל,
שניידט דורכ'עט דעם פאלאץ אין מיט,
און בריקען, ווי בראנזענע פליגעל,
אריבער דעם וואסער, דעם שפיגעל,
זיי זיינען צום פאלאץ געשמידט.

דאס וואסער טראגט ליכטיגע שיפען,
די בריקען — אלעען מיט ליכט;
דער בארטען האט פארביגע ריפען,
און ס'שפיגלען זיך אפ אין די טיפען
די שיפען, די ריפען, דאס ליכט.

געבויט האבען ד ו ר ו ת דעם פאלאץ,
געבויט און געשאלטען דערביי;
געשאלטען, געבויט ביז די בלויען,
געבויט און געשאלטען דאס בויען —
דאך קיינמאל אוועק פון געביי.

ביי טאג איז דער פאלאץ פארהוילען —
א געשפענסט אין א פארביגער פעל.
די טורעמס פארמעקט פון די הויכען,
קופאלען — צעשוואומען ווי רויכען
אין נעפלען פון גרוי און פון געל.

דאָך קומט נאָר דער אָווענט אַרונטער,
אַ העלקייט לייכט אויף אומעטום;
די העלקייט ווערט וואָס אַמאָל בונטער,
אויף וועגען באַוועגען זיך מונטער
פּאַרכ׳יש ו פ׳טע בויער אַרום.

די זיילען, ווי ליכטיגע וועגען,
זיי צינדען זיך אָן אין דער נאַכט;
און ליכט ווי אַ פאַרביגער רעגען
נעמט פאַלען אויף די, וואָס באַוועגען
פּאַרכ׳יש ו פ׳טע זיך אין דער נאַכט.

געבויט האָבען דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטען דערביי.
זיינט דעמאָלט — שוין דורות פאַרשוואונדען;
דאָך ווערט נאָר דער פּאַלאַץ געצונדען,
לעבען־אויף יענע בויער אויף ס׳ניי.

נפתלי גראָס.

---

# אויפ׳ן טורעם.

איך שטעה ביים פּאַרענטש פון׳ם טורעם,
אין הארצען נעמט האַמערן שנעלער;
עס לויערט די נאַכט אויף דעם טורעם,
און אונטען ווערט העלער און העלער.

עס נעמען עלעקטרישע ליכטער
אין פאַרביגע נעצען פאַרהילען
די הייזער, געשפּאַנען און מענשען,
טראַמוויען און אַטאָמאָבילען.

און אַלץ דאָרטען ביים און פאַרבייט זיך;
די בונטקייט פאַרבלענדט מיינע אויגען.
דאָס האָט אַ מכשף דאָרט אונטען
די פאַרביגע נעצען פאַרצויגען.

נפתלי גראָס.

# אַ פריהמאָרגען אין ניו־יאָרק.

## א) ניו־יאָרק כאַפּט זיך אויף.



דוד איגנאַטאָוו.

גאַנץ פריה.

דער גרויסער ריז ניו־יאָרק האָט זיך דורכגעוואָרפען פון שלאָף און האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך צו פריה, און געוואָלט צוריק איינשלאָפען. האָט זיך אָבער באַלד דערהערט אַ פייפען, אַן אויפטרייסלענדיג ברומען, ווי עס וואָלטען אויף די דעכער, אויף די טורעמס ווילד־צעריצטע לייבען אַנגעלאָפען. האָט דער ריז אַ ברייטען געניץ געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

אנטקעגען אים אויפ׳ן מ ז ר ח האָט זיך דער מאָרגען אין רויטען געצונדען. און אַ יונגער, אַ צופרידען־פאַרשייטער, האָט דער מאָרגען גענומען פראַלען אַרויף איבער ניו־יאָרק.

די גאַסען זיינען נאָך געווען אין האַלב־פאַרשלאָפענע שאָטענס פאַרזונקען. נאָר די טויזענטער דעכער און די אויבערשטע עטאַזשען, וואָס אונטער די דעכער פון די ריזיגע הויכע געביידעס, האָבען שוין מיט ליכט געשיינט, און זייערע הונדערטער פענסטער האָבען זיך שוין מיט זונפלאַם געשפּיגעלט.

פון די הויכע קוימענס האָבען זיך גענומען שפּאַרען דיקע, שוואַרצע זיילען רויך און אַ לייכט ווינטעל האָט זיי גענומען בייגען און ציהען איבער די לאַנגע הימעל־לאָנקעס, וואָס שפּרייטען זיך איבער די הויכע לאַנגע גאַסען.

## ב) אויף בראָדוויי.

פון גאַסען און גאַסען שטראָמען אַריין די מענשען־כוואַליעס אויף דער לאַנגער בראָדוויי. דאָרטען גיסען זיי זיך צונויף אין צוויי לאַנגע שטראָמען, וואָס ציהען זיך ביי ביידע זייטען פון דער גאַס, און די מענשען־שטראָמען ציהען זיך אַוועק ווי טייכען און זעהען אויס ווי פאַרביגע ברעגען צו די ריזיגע, הויכע מויערן.

און די מויערן זיינען באַהאַנגען מיט שילדען און שילדען, מיט גאָלדענע אויפשריפטען, און רייסען זיך העכער און העכער און קוקען מאָדנע, יעדער איינער מיט זיינע הונדערטער פענסטער... און עס רייסט

זיך אַרײַן די רויטע מאָרגען־זון, און עס פֿלאַקערן אויף די טויזענטער פענסטער, און עס צינדען זיך אָן די גאָלדענע אויפשריפטען, און עס צעשפּילען זיך שטראַלען רויטע, גאָלדענע.

די לופט צעשטראַלט זיך מיט גאָלד און פּורפּור.

עס שטראַלען די הויכע ריזען־געבײַדען און קוקען שטראַלענדיג אַריבער דער גאַס און דערזעהען זיך אַנטקעגען אין די פענסטער פון די אַנדערע.

און עס זעהען מויערן אין מויערן זײַערע פּאָלירטע מאַרמאָרנע זײַלען, זײַערע פֿאַרשידענע, פון שטײַן געהאַקטע בילדער. עס זעהען מויערן אין מויערן זײַערע גלײַכע און האַלב־רונדע פאָרמען, זײַערע גרויסע פענסטער, זײַערע גרויסע גלעזערנע ווענט, צאַללאָזע אויפשריפ־טען, וואָס ציהען זיך איבער זײַער גאַנצער ברײַט און לויפען ביז אַרויף, ביז אָן אויבערשטען קאַרניז, צי ביז אַ הויכען טורעם.

און די הויכע מויערן צעשטראַלען זיך נאָך שטאַרקער, זוניגער, צופרידענער.

און אונטען, אויף די ברײַטע זײַט־וועגען, כוואַליען זיך די מענשען, שפּרײַטען זיך ווי לאַנגע, ברײַטע קרענץ. עס געהען: מענער ערנס־טע, פאַר'ד א ג ה'טע און מענער זיכערע מיט צופרידענע שמײַכלען אויף די ליפען; מײַדלעך בלאַסע, פאַרביטערטע מיט צונויפגעפּרעסטע ליפען, און מײַדלעך שטיפעריטע; און קינדער: עלטערע, אינגערע, כ מ ע ט אַלע ערנסטע.

עס ציהען זיך לאַנגע, ברײַטע קרענץ.

פון ערגעץ אַ גאַס פאַרט אָן אַ קאַר פול געפּאַקט מיט מענשען. די קאַר דאַרף דורכפאָרען בראָדוויי. דער מאָטאָר־מאַן קלינגט און קלינגט. די מענשען אָבער האָבען קײַן צײַט נים. יעדערען ווילט זיך איבערלויפען נאָך פאַר דער קאַר, און דער מאָטאָרמאַן קלינגט, אַז עס ציטערט די לופט. ער בײַגט זיך אַריבער, און עס דאַכט זיך, אַז ער טראָגט די קאַר אויף זײַנע פּלײַצעס, און ער שרײַט און ער לאָזט די קאַר ביסלעכווײַז, אָט־אָט און ער פאַרט עמיצען איבער...

נאָר אָט שטעלט זיך אײַנער אָפּ. לעבען אים נאָך אײַנער און מיט זײַ נאָך עטליכע אַנדערע, און דער שטראָם איז אויף אַ ווײַלע אי־בערגעריסען געוואָרען. אָבער ווי נאָר די קאַר איז דורכגעפאָרען, האָ־בען זיך באַלד די אָפּגעשטעלטע מענשען מיט אימפּעט ווידער אַ לאָז געטאָן און זיך צוריק צונויפגעגאָסען אין אײַן לאַנגער כוואַליענדיגער מ ח נ ה.

## ג) אין דעם אידישען קוואַרטעל.

די לופט איז געדיכט און גרוי פון דעם שטויב, וואָס איז אויפגעשלאָ־גען ביז'ן הימעל. און אין דעם שטויב ציהען זיך טונקעלע גאַסען מיט קופּעס מיסט. די מויערן זײַנען האַרט געשלאָסען אײַנער צום צווײ־

טען און זעהען אוים ווי גרויסע, הויכע ברודיגע קאַסטענס, וואָס זיינען צעטיילט אין עטליכע עטאַזשען און זיינען פאַרהאַנגען מיט „פייער עסקייפּס, ווי מיט אייזערנע שטייגען. אויף יעדען עטאַזש איז אָנגע־טשעפּעט אַזאַ שטייג, און איין שטייג מיט דער צווייטער איז פאַרבונ־דען מיט אייזערנע לייטערס, וואָס זיינען קרום צעהאַנגען איבער די געביידעס.

עס עפענען זיך קראָמען; די ס ו ח ר י ם טראָגען אַרוים זייערע ס ח ו ר ו ת. אויף די אויבערשטע עטאַזשען עפענען זיך פענסטער, און ווייבער לייגען אַרוים זייערע בעטגעוואַנט צום „לופטערן“. „פוש־קאַרט“־טישלעך אויף צוויי הויכע רעדער, מיט פאַרשידענע גרינסען, פרוכט און אַנדערע ס ח ו ר ו ת, צעשטעלען זיך אויף ביידע זייטען פון די לאַנגע גאַסען. יעדער פאַרקויפער נעמט אויסשרייען זיין ס ח ו ר ה אין דער פאַרשטויבטער לופט אַריין. און אַז אַ ווייבעל געהט אַרוים איינקויפען, נעמט זי שוין מיט פאַר איין וועג אויך איר פּעקעל מיסט און לייגט אים צו איינער פון די קופּעס.

אַ פּעדלער, וואָס איז אַרויפגעפאָרען מיט זיין פּושקאַרט האַרט אויף דער מיסט־קופּע, האַלט אויסגעצויגען זיין האַלז און שרייט אין איין ק ו ל:

— פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער!

פון וואו ניט וואו לויפט נאָך אַרוים אַ פאַרשפּעטיגטער אַרבייטער אָדער אַ פאַרפּוצטע מיידעל, אַן אַרבייטאָרין, און איילט זיך צו דער אַר־בייט.

דוד איגנאַטאָוו.

# אַ זומער־נאַכט אין ניו־יאָרק.



ש. אש.

אַז יאָסעלע איז אַהיים געקומען, איז דאָס גאַנצע געסעל, וואו זיי האָבען גע־וואוינט, פול געוועזן מיט ליכט און לע־בען. אַלע קינדער זיינען אין גאַס געווען, און אַלע פאַמיליעס זיינען אויף די טרעפּ־לעך פון זייערע הייזלעך געזעסען. דאָ און דאָרט האָבען זיך שטורקאַצען אָנגע־הויבען אָנצינדען פאַר די שטענדערס מיט די ס ח ו ר ו ת, וואָס זיינען געשטאַנען אין געסעל. און די גאַס, וואָס האָט נאָר אַ גאַנצען טאָג ווייבער און קינדער גע־זעהן, האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט מענער און יונגע־לייט. צוערשט זיינען זיי געגאַנגען קופּקעס־ווייז;

נאָר וואָס אַמאָל מער, ווי די נאַכט־שטונדען האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצורוקען, האָט זיך דאָס געסעל צו שוואַרצען אָנגעהויבען פון מ ח נ ו ת מענשען. עס זיינען געווען די אַרבייטער, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצושיטען פון די שעפּער און וואַרשטאַטען אַהיים פון דעם גאַנצען טאָג אַרבייט. פון מינוט צו מינוט האָט געקלאַפּט דער עלעוויטעד (די שטאָט־באַן) איבער'ן קאָפּ, אָפּגעשטעלט זיך, אַרויסגעשפּיגען פון זיך אַ שוואַרצע מ ח נ ה און ווייטער געלאָפען; און ווי ווערימלעך האָבען זיך די מענשען אָנגעהויבען צו שיטען איבער אַלע זייטען פון גאַס. די פאַרקויפער האָבען אָפּגעטראָטען פון די טראָטואַרען, זיינען אין די ברייטע גאַסען אַרויס, האָבען אָנגעצונדען זייערע שטורקאַצען און אויסגערופען זייערע ס ח ו ר ו ת.

און וואָס מער די נאַכט־שטונדען האָבען זיך אָנגערוקט, זיינען די גאַסען אַלץ לעבעדיגער געוואָרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די איינוואוינער פון דער גאַס האָבען פאַרשפּעטיגט דעם טאָג און הייבען איצט ערשט זייער פריהמאָרגען אָן, קויפען ערשט איצט די מאָרגען־צייטונגען, וואָס אינגלעך לויפען מיט זיי אין גאַס אַרום. אַלע באַרען, אַלע שענקען פילען זיך אָן מיט מענשען; אַלע קענדי־סטאָרס זיינען פול מיט יונגע־לייט; ווייבלעך לויפען אין די קראָמען אַרום, קויפען איין עסען; פאָטערס שטעלען זיך פאַר די שטעלען אָפּ, קויפען זייערע קינדער מ ת נ ו ת.

און וואָס אַמאָל מער, ווערט דאָס לעבען גרעסער אין געסעל. קינדער פילען אָן די גאַס, וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקען, צווישען די פיס פון די פאַרבייגעהענדע; קיינער זאַמעלט זיי נישט איין, קיינער קוקט זיך נישט אויף זיי אַרום, ווי די גאַס וואָלט אַ גרויסע שטוב געווען. די טראָטואַרען ווערען פול מיט שפּאַצירענדע מיידלעך און ב ח ו ר י ם, וועלכע געהען אָנגעטאָן אין קאַפּעלושען מיט ברייטע ראַנדען. די עלעקטריק הייבט זיך אָן אָנצוצינדען פאַר די טעאַטער־האָלס און קינעמאַטאָגראַפען און באַגיסט דאָס גאַנצע געסעל מיט ליכט. די קאָמעדיאַנטען רופען די פאַרבייגעהענדע אין זייערע צירקען; לייער־קאַסטענס שפּילען, קינדער טאַנצען אין גאַס און זינגען; קרעמער שרייען, רופען זייערע ק ו נ י ם; אינגלעך שלעפּען צונויף פּאַפּיר אין גאַס, צינדען פייערס אונטער, קלאַפּען מיט באַלען; ווייבער לויפען אַרום מיט אייז־קרעם און סאָדע־וואַסער. מענער, ווייבער, קינדער, האַלב־נאַקעט, עסען אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזער ביי דעם ליכט פון די שטורקאַצען און עלעקטרישע לאָמפּען.

די פענסטער פון די שטיבער זיינען פינסטער; די הייזער ווערען פאַרלאָזען, און די גאַנצע גאַס ווערט איין גרויס, גרויס לעבען, וואו אַלע איינוואוינער מישען זיך אויס, קאָכען זיך צונויף מיט ווייב און קינד אין דעם עלעקטרישען ליכט פון די צירק־האָלס; זיי ווערען פאַרטרונקען אין די טענער פון די לייער־קאַסטענס און די געשרייען פון די

ס ו ח ר י ם. און איבער זײַערע קעפּ קומען צופליהען פון מינוט צו מינוט די עלעװײַטערס, װי ח י ו ת ־ ר ע ו ת מיט פלאַמענדיגע אויגען, און אַלץ װערט פאַרטױבט אין זײַער ר ע ש.

ש. אַש.

---

## אַ ש ר פ ה אין ניו־יאָרק.

אין די פענסטער פון שאַפּ שװימען אַרום רױטע פלאַמען... איז דאָס דער אָפּשײַן פון דער צעפלאַמטער מאָרגען־זון?... אָבער די פלאַמען גיבען זיך מיט אַמאָל אַ הײב און װערען גרעסער, שטאַרקער. אַט!... עס פלאַצען פענסטער!...

די מענשען, װאָס געהען אויף דער זײַט, האָבען זיך אומגעקוקט און זיך גענומען לױפען. עס איז געװאָרען אַ טומעל, און באַלד האָבען זיך צעטראָגען שאַרפע, הילכיגע פײַער־סיגנאַלען. די סיגנאַלען האָבען זיך מיט כ ע ס אַרײַנגעשפּאַלטען אינ'ם יונגען מאָרגען און זיך גענומען ברענען איבער אַלעמענס קעפּ. קאַרס אויף די גאַסען זײַנען פּלוצלונג געבליבען שטעהן אין מיטען װעג, — װאָגען ניט צו געהן װײַטער.

און זײַ קירעװען זיך אָפּ פון דער גאַס און יאָגען זיך מיט אימפּעט װײַטער און נאָך שנעלער.

און דער רױך האָט זיך גענומען רײַסען פון די פענסטער װאָלקענװײַז, זיך גענומען האַסטיג רײַסען אַרױף. אױבען האָט זיך דער רױך צונױפגעשלאָגען אין אײן שטיק און איז אויף אַ װײַלע געבליבען שטעהן, װי אַן אומגעלומפּערטער גרױסער װאָלקען, זיך אויף אַ װײַלע אומגעקוקט פאַרװאונדערט און נאָכדעם זיך גענומען שפּרײטען איבער דער גאַס און גאַסען; האָט פאַרשטעלט די זון און זיך גענומען מאַכען זײַן אײַנגענעם הימעל.

פון ערגעץ טראָגט זיך אָן אַ רױטער פײַער־װאָגען מיט רעטונגס־געצײַג, מיט מוטיגע, געפּאַנצערטע פײַערלײַט, װאָס קוקען געװאָגט פאַר זיך. די פערד מיט די װילד אױסגעשטרעקטע העלזער רײַסען זיך, טראָגען דעם װאָגען מיט אַ פאַרצװײַפעלטער שנעלקײַט, זײַערע פערדישע עקען און די גריװעס הײבען זיך און פלאַנטערן זיך אין דער װײַס־בלױער לופט. אַ גרױסע פאַרע זעצט פון זײַערע נאָזלעכער, װאָס זײַנען צעשפּרײט ביז אין רױטען פלײש, און זײַערע קרעפטיגע פערדישע לײַבער ציהען זיך אױס אַלץ לענגער, װילדער, װײַטער. און עס דאַכט זיך, זײַ שלײַדערן מיט כ ע ס פון אונטער זיך װײַט, װײַט אַװעק די ערד, די גאַס מיט אַלץ, װאָס אויף איר, און מענשען צעלױפען זיך אויף רעכטס און אויף לינקס...

די געזונטע פײַערלײַט שפּרינגען אַראָפּ פון די פײַער־װעגען, שפּאַנען אויף גיך אױס די צעהיצטע, פאַרשװיצטע פערד, מאַכען אויף שנעל

פֿאַרטיג דאָס געצײַג און וואַרפֿען זיך אין פֿײַער. און די ריזיגע רויטע פֿלאַמען, געמישט מיט שטיקענדען שוואַרצען רויך, זעצען אַרוים דאָ און דאָרט. און הונדערטער מענשען לויפֿען צעטראָגען און שרײַען: פֿײַער, פֿײַער!

דוד איגנאַטאָוו.

---

# דאָס טענעמענט־הויז.

1.


לעאָן קאָברין.

אַ טענעמענט־הויז אויף סאַפֿאָלק סטריט, ווי ס׳רוב טענעמענט־הײַזער אין דעם ניו־יאָרקער אידישען קוואַרטאַל. אַ טונקעל־גרויע, מגושמדיג־גרויסע, זעקס־שטאָקיגע געבײַדע. אין אַנדערע פֿענסטער לופֿטערן זיך קישענס; פֿון אַנדערע הענגען אַרונטער דאָ אַ ווינטערדיגע קאָלירטע דעקע און דאָרט אַ ווײַסע לײַלעך, אַ בגד פֿון אַ מאַן, אַ גלאַנציג זײַדען אונטערקלײד פֿון אַ פֿרויענצימער, צי גאָר קינדערשע ווינדעלעך. עס שטעהט צווישען אַ רײַע אַנדערע אַזוינע הײַזער מיט קראָמען און קעלערס, און „סטענדס“, מיט אײן אַפּטײק פֿון אײן זײַט גאַס און אַ צווייטער פֿון דער אַנדערער... זעהט אוים אַזוי גרוי און אומפֿרײַנדליך, ווי עפּעס אַ תּפֿיסה, אַזוי ווי אַ שווערער אומעט וואָלט אין אים פֿאַרמויערט געווען...

עס פֿאַרשפּאַרט דעם וועג דער זון, און אירע שטראַלען קענען זיך ניט דורכברעכען דורך זײַנע הויכע שטײנערנע ווענט. עס פֿאַרהאַלט די לופֿט, און זעלטען־זעלטען אַמאָל גנב׳עט זיך דורך אַ פֿריש ווינטעלע אין פֿענסטער אַרײַן. סײַדען ווען אַ שטורעם ברעכט אוים, ווען איבער׳ן דאַך טראָגט זיך אַ כמורער וואָלקען, און בליצען שלענגלען זיך, דונערן פּלאַצען, אַ רעגען רוישט און שמײַסט אין די פֿענסטער, דורך וועלכע עס באַווײַזען זיך הענט און פֿאַרשווינדען גלײַך מיט די קישענס, דעקעס און די אַנדערע זאַכען, וואָס זײַנען אַרויסגעהאַנגען, — שמײַסט אין די פֿענסטער, אויף די שטײנערנע ווענט, און אַרום ציטערן און קלאַפּען די בלעכענע שילדען פֿון די קראָמען, — דאַן האַלט ניט אוים דאָס טענעמענט־הויז דעם דאָזיגען מעכטיגען געדרענג, און שטראָמען פֿרישע לופֿט רײַסען זיך אויף אַ ווײַלע אַרײַן אין זײַנע קאָרידאָרען, אין זײַנע צימערן דורך טירען און פֿענסטער...

אַזוי אָבער שטיקט דאָרט אין זײַנע קאָרידאָרען און־צימערן אַ פּ י ל ו ווינטער. אַן אײַביגע האַלב־פינסטערניש לויערט דאָרט, אַזוי ווי אַ וואָלקען וואָלט אַמאָל אַהין פאַרבלאָנדזשעט, צעשפּרײט זיך איבער אַלע ווינקעלעך און פאַרבליבען דאָרט אויף ת מ י ד. און אַ באַזונדערער גערוך, אַ ספּעציפיש טענעמענט־הויז גערוך, טראָגט זיך דאָרט איבער די האַלב־פינסטערע קאָרידאָרען.

שײַנט די זון אין דרויסען, גיסט אַ רעגען, פאַלט אַ שנײ, — קײן אונטערשיד: דאָס מ ג ד ש מ׳דיג־גרויסע טענעמענט־הויז ענדערט ניט זײַן פאַרגליווערטען, אומפרײַנדליכען, גרויען, שטײן־בלינדען אויסדרוק. אַרום אים גרינט ניט דער פרילינג, וואַקסט ניט דער זומער און וועלקט ניט, און פוילט ניט, און פרירט ניט דער הערבסט און דער ווינטער...

די שטײנער אַרום בליהען ניט, גרינען און וואַקסען ניט. און פון קײן בײמעלע צי גרעזעלע איז קײן ס י מ ן נישטאָ... הינטער זײַנע ווענט רוהט קײנמאָל ניט. דאָס לעבען קאָכט דאָרט, טומעלט און לאָזט זיך הערען. ת מ י ד הערט זיך זײַן ק ו ל פון דאָרט, זײַן געלעכטער און געזאַנג, זײַן זיפץ און קרעכץ. אַ פּ י ל ו אין די שפּעטסטע שטונדען פון נאַכט הערט זיך דאָרט דער ק ו ל פון׳ם לעבען. אַ קינד האָט זיך צעוויינט. אַ קוואַרטיראַנט האָט זיך פאַרטאָג צוריקגעקערט פון אַ באַל, הערען זיך זײַנע הילכענדיגע טריט איבער די טרעפּ, זײַן קלאַפּ מיט דער טיר. אַמאָל שטאַרבט דאָרט אין מיטען נאַכט עמיצער, הערען זיך י ל ל ו ת. אַ דאָקטער געהט אַרויף די טרעפּ, אַ דאָקטער געהט אַרונטער די טרעפּ. אַ טיר טוט אַ קלאַפּ דאָ אויף דעם שטאָק, דאָ אויף אַן אַנדערען. אַ שליאַפּען פון באָרוויסע פיס דערהערט זיך, אַ הוסט, אַ פאַרשלאָפענער געניץ... און פון דער טיר אַנטקעגען טראָגט זיך אַ הײזעריג רוישען פון אַ מאַשין. דאָרט אַרבײַט אַ בלײכע פרוי, אַ מאַמע פון עטליכע קלײנע קינדער, ווײַל איר מאַן, דער ברויט־געבער, איז אין שפּיטאָל. זי האָט אַרויסגעקראָגען קינדערשע קלײדלעך פון אַ שאַפּ און אַרבײַט בײַ נאַכט, ווײַל בײַטאָג איז זי פאַרנומען מיט׳ן הויז און מיט די קינדער. און אויפ׳ן שטאָק העכער טראָגט זיך איבער׳ן קאָרידאָר פון אײן טיר אַ שווערער כראָפּען און נערוועזע טריט איבער׳ן צימער הין און צוריק, הין און צוריק... דאָרט וואוינט אַן אָרימער, יונגער אידישער דיכטער בײַ אַן אַרבײַטער־פאַמיליע. דער מאַן, דער אַרבײַטער, שלאָפט איצט נאָך אַ שווערען טאָג האָרעווען אינ׳ם שאַפּ און פײַפט און כראָפּעט. דער יונגער דיכטער איז אין זײַן צימער געזעסען און געדיכט וועגען בלומען און טײַכלעך, ל ב נ ה־שײַן און נאַכטיגאַל־טרעלען; האָט פלוצים דער כראָפּען זײַן ר ו ח ־ ה ק ו ד ש פאַרטריבען, זײַן י ו ם ־ ט ו ב׳דיגע שטימונג דערשטיקט. לויפט ער אַרום איבער׳ן צימער, צופּט זיך נערוועז די שוואַרצע האָר און קוקט אַרום זיך פאַרצווײפעלט...

אוּן גאַנץ אויבען, אונטער'ן דאַך, אויפ'ן זעקסטען שטאָק, הערען זיך פֿון אַ טיר אַנדערע טריט, לאַנגזאַמע, אַזוי ווי עמיצער וואָלט דאָרט די פֿאָדלאָגע געמאָסטען מיט טריט. אַ יונגער מאַן גרייט זיך צום קאַלעדזש... בייטאָג אַרבייט ער, האָט ער קיין צייט ניט צו לערנען; געהט ער איצט אַרום איבער'ן צימער לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, מיט'ן בוך אין די הענט, די אויגען מיד, רויט, און זוברעט, זוברעט, ציהט די ווערטער מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענעם ק ו ל...

אוּן אין די הייסע זומערדיגע נעכט, ווען זיינע איינוואוינער, די הונדערטער נ פ ש ו ת, פּילען, אַזוי ווי די שטיינערנע ווענט וואָלטען זיי געשטיקט מיט זייער גאַנצער שווערער מ ש א, דאַן באַוועגט זיך דאָרט נאָך מער. די טירען קלאַפּען אָפּטער. נאָכאַנאַנד הערען זיך טריט איבער די קאָרידאָרען, איבער די צימערן, באָרוויסע און אין שיך... אָן אָכצען טראָגט זיך פֿון אויבען און פֿון אונטען, אַ שילטען, אַ זידלען... מע זוכט לופֿט און שלאָף אויפ'ן דאַך, אויפ'ן „פֿייער עסקייפּ", אונטען, אין דרויסען, לעבען הויז, קעגען די פּעסלעך מיסט, וואָס די טענעמענט הייזער האָבען אַרויסגעשטעלט פֿאַר די מיסט־וואָגענס. מען זוכט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּען, אַ טראָפּען לופֿט, דעם ברענענדיגען קערפּער צו קילען. מען ווערט דערשטיקט! די קליינע ע ו פ ה'לעך, נעבעך, שרייען. די אויסגעמוטשעטע מאַמעס זיינען הילפֿלאָז. די פֿאַרמאַטערטע טאַטעס בייזערן זיך...

פֿיער און צוואַנציג פֿאַמיליעס וואוינען דאָרט, צו פֿיער פֿאַמיליעס אויף אַ שטאָק, מיט זייערע קוואַרטיראַנטען און קוואַרטיראַנטקעס, צוזאַמען אַ צוויי הונדערט נ פ ש ו ת... די צימערן זיינען קליינע אָפּגעצוימטע קעסטעלעך, לענגליכע און פֿיערעקיגע, צו פֿיער און פֿינף פֿאַר אַ פֿאַמיליע. די פּאַפּירענע טאַפּעטען אויף די ווענט זיינען פֿאַרפּלעקט, צי פֿון פֿעטס, צי פֿון שוויים, צי אַ פ ש ר גאָר פֿון טרערען... די אייגענע ענגשאַפֿט און האַלב־טונקעלהייט אין אַלע צימערן. די אייגענע בלינדע, גרויע וואַנט פֿון אַ צווייטען טענעמענט־הויז אין די פֿענסטער פֿון די הינטערשטע צימערן...

אידישע אימיגראַנטען וואוינען דאָ, אידען פֿון ליטע, פֿון פּוילען, פֿון זיד־רוסלאַנד, פֿון גאַליציען און רומעניען. ס'רוב אַרבייטער־מענער און אַרבייטער־פֿרויען. אויף יעדען שטאָק, הינטער יעדער טיר אַן אַנדערע פֿאַרגאַנגענהייט, אַ באַזונדערע געגענוואַרט, אַן אַנדערע לעבענספּאַסירונג, אַ באַזונדערע עקזיסטענץ: דאָ אַ טרויעריגע, אַן אויסגעפּאַטשטע, אַ פֿאַרוואָונדעטע, אַ האָפֿנונגסלאָזע, און דאָרט אַ פֿריילִיכע, אַ זוניגע, אַ טרוימענדע, פֿול האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען. דאָ און דאָרט מענשען פֿון פֿאַרשידענער עלטער, פֿאַרשידענע כאַראַקטערס און טיפּען. דאָ דערהערט זיך פֿון אַ טיר אַ ליטווישער אידיש און דאָרט אַ פּוילישער; דאָרט שטעהען אין קאָרידאָר אַ מאַן און אַ פֿרוי און רעדען אויף וואָלינישען אידיש און דאָרט שילט זיך אַ פֿרוי אויף גאַליציאַנישען

אידיש... אַפּטער הערט זיך דער אַמעריקאַניזירטער אידיש, אַפּט דער פּאַראידישטער ענגליש, אויסגעמישט מיט ווערטער פון דער גאַסען־שפּראַך.

מענשען פון פאַרשידענע לענדער און שטעט פאַרבאַרגען די דאָזיגע הויכע, גרויע, שטיינערנע ווענט פון דעם טענעמענט־הויז: מ י ו ח ס י ם און נ ג י ד י ם און פּ ש ו ט ע מענשען און ק ב צ נ י ם פון דער אַלטער היים; אידעלע מענשען און גראָבע, היימישע ל מ ד נ י ם און ע ם ־ ה א ר צ י ם. טאַטע־מאַמעס מיט קינדער, וואָס זיינען אַ נ ח ת פאַר זייערע הערצער, און מיט קינדער, וואָס ה ל ו א י וואָלטען זיי גאָר ניט געבאָרען געוואָרען... אַלטע און יונגע, מ י א ו ס'ע און שיינע. זוניגע פּ נ י מ'ער פון מיידלעך, וועלכע זיינען באַגאָסען מיט פּרילינגס־צויבער, און בלייכע, פאַרוועלקטע פּ נ י מ'ער פון פרויען, אויף וועלכע דער שאָטען פון אַ מידען לעבען שוועבט... פאַר'ח ל ו מ'טע אויגען פון יונגע לייט, אין וועלכע דער געדאַנק לייכט, און טעמפּע אויגען פון אויסגעמאַטערטע ארבייטער, אין וועלכע דער געדאַנק איז שוין לאַנג פאַרלאָשען. אַ פרעכער, טירישער פּ נ י ם פון אַ יונגענמאַן אַ באַנדיט, און אַן אידעלער, פאַרטראַכטער פּ נ י ם פון אַ קאָלעדזש־סטודענט, — דאָס אַלץ פאַרבאַרגען די הויכע, גרויע, שטיינערנע ווענט פון דעם טענעמענט־הויז...

* * *

פאַר זעקס אינדערפריה. דאָס טענעמענט־הויז האָט זיך אינגאַנצען אויפגעכאַפּט, מיט אַ טומעל... אויף יעדען שטאָק קלאַפּען טירען, הערען זיך טריט, שטימען... עס קומען מענשען פון דעם טענעמענט־הויז אויף דרויסען אַרויס מיט'ן דרימעל נאָך אויף די געזיכטער, מיט פּעקלעך אונטער'ן אָרעם, איינציגווייז, פאַרווייז און צו עטליכע מיט אַמאָל, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, ב ח ו ר י ם און מיידלעך. קומען אַרויס און מישען זיך אוים מיט די אַנדערע מענשען, וואָס שטראָמען פון אַלע טירען, אַלע עקען גאַסען... און עס וואַקסען די לעבעדיגע שטראָמען און הייבען אַ טומעל אין דער אינדערפריהענדיגער לופט, פאַרפּלייצען די טראָטוארען און די גאַסען און ציהען זיך צווישען פערד און וועגלעך, צווישען אויטאָמאָבילס, מישען זיך ווידער אוים מיט די טונקעלע, געדיכטע לעבעדיגע שטראָמען פאַר זיי, פילען אָן די טראַמווייען אויף די גאַסען, ציהען זיך איבער די טרעפּ צו דער עלעוויטעד באַן אין דער הייך, טראָגען זיך צו דער באַן אונטער דער ערד און ווערען פאַרלאָרען מיט אַ דומפּען טומעל אין די וויים־געמויערטע לעכער...

עס קלינגען די טראַמוואַיען, געפּאַקט מיט טענעמענט־הויז־איינוואוינער; עס טראָגען זיך די וואַגאָנען איבען, פול געפּאַקט מיט די זעלביגע מענשען; עס פליהען און הודזשען די וואַגאָנען אונטער דער ערד, געפּאַקט מיט די איינענע פּאַסאַזשירען.

און שפּעטער וואַרפען אַרוים די טראַמוואַיען און די וואַגאָנעס גרוי־

סע כוואַליעס פון אַט די דאָזיגע מענשען אויף די עקען גאַסען, אויף די סטאַנציעס... און די דאָזיגע מענשען צעשפּרייטען זיך דאַן איבער די גאַסען, וואו די פאַבריקען שטעהען, מישען זיך אוים מיט די כוואַליעס מענשען פון אַנדערע געגענדען, פון אַנדערע נאַציאָנען...

די פאַבריקען שווייגען, די שוואַרצע טירען ברייט געעפענט פאַר די לעבעדיגע כוואַליעס, וואָס טראָגען זיך אַהין, טראָגען זיך און טראָגען און ווערען דאָרט פאַרלאָרען.

ווערט אויף די גאַסען ליידיג, ווערען די שוואַרצע טירען געשלאָסען, דערהערט זיך באַלד דער מעכטיגער און בייזער ליאַרעם פון די פאַבריקען. פון אַלע פענסטער טראָגט זיך דער דאָזיגער ליאַרעם, פון אַלע עטאַזשען, פון אויבען און פון אונטער דער ערד...

דאָס ליאַרמען אַזוי די כוחות פון די טענעמענט־הויז־איינוואוינער, דאָס ליאַרעמט אַזוי זייער אַרבייט.

האַלב ניין אינדערפריה... עס ציהען זיך קינדער פון דעם טענעמענט־הויז אויף דרויסען אַרויס, מישען זיך אוים מיט די קינדער פון די אַנדערע טענעמענט־הייזער, און די לופט הילכט פון זייערע געשרייען און שטיפערישען געלעכטער... זיי ציהען זיך צו די גרויסע, ליכטיגע געביידעס, וואָס שטעהען מיט ברייט־געעפענטע טירען. די קינדער געהען און געהען אין די ליכטיגע טירען אַריין און באַלד זיינען זייערע קינדערשע טריט פאַרלאָרען הינטער די ווענט פון די דאָזיגע געביידעס — שטאַטישע שולען...

אַ פ י ל ו דאַן איז אין דעם טענעמענט־הויז אויך ניט שטיל. די גאַס שרייט צו אים אַרויף. אַן ע ו פ'עלע ווייגט, עס איז אַרונטערגעפאַלען פון אַ שטול, שלאָגט עס נאָך די מאַמע און שרייט אויף דעם מיט טרערען אינ'ם ק ו ל. אַ ש כ נ ה מיט אַ ש כ נ ה האָבען זיך פאַר עפּעס צעקריגט, שטעהט יעדע פון זיי אין איר אָפענער טיר, דעם קאָפּ מיט די צעפּאַטעלטע האָר אַרויסגערוקט איינע קעגען דער אַנדערער, מאַכען מיט די הענט און שילטען זיך מיט אַזוינע ווילדע ק ל ל ו ת, זאָל מען דאָס נאָר אויף ווייסע פעלדער זעהן!... אַ פרוי קומט אַרויף מיט אַ שווערען עמער און קלאַפּט מיט דעם אויף יעדען שטיינערנעם טרעפּ. און דאָ לויפט מיט אימפעט אַ פרוי פון די טרעפּ. זי דאַרף עפּעס אין קראָם, און אויפ'ן געז־איינוועלע קאָכט זיך דאָרט ביי איר... און דאָרט האָט זיך גאָר אַן אַרבייטסלאָזער קוואַרטיראַנט צעזונגען אַ י מ י ם ־ נ ו ר א י מ'דיג, ח ז נ'יש שטיקעלע; הילכט זיין ק ו ל אַזוי אומעטיג איבער'ן גאַנצען טענעמענט־הויז...

אַזוי ביז פאַרנאַכט...

פאַרנאַכט ציהט זיך צוריק דער מענשען־שטראָם איבער די גאַסען, ציהט זיך פון אויבען, פון די עלעווייטעד־סטאַנציעס, פון די ווייס־געמויערטע לעכער פון אונטער דער ערד, פון די טראַמוואַיען, ציהט זיך פון אַלע און אין אַלע זייטען גלייך נאָך די האַלב־טונקעלע טירען פון די

טענעמענט־הײַזער... עס שרײַט די גאַס מיט טויזענטער שטימען. עס פליהען די אויטאָמאָבילס מיט די גרויסע, פײַערדיגע אויגען. עס באַוועגען זיך וואָגענס און וועגלעך, פון פערד געשלעפּט, פון מענשען. עס קלינגען די קאַרס, די טראַמוואַיען... און דער מענשען־שטראָם טראָגט זיך, שטעלט זיך ניט אָפּ, קוקט זיך ניט אום, הערט זיך ניט אײַן און הונדערטער טויזענטער פיס געהען און געהען אין די האַלב־טונקעלע טירען פון די טענעמענט־הײַזער...

אויף די גאַסען צינדען זיך אָן די עלעקטרישע לאַנטערנעס. פון די קראָמען און רעסטאָראַנען ווינקען שוין פײַערלעך, און דער מענשען־שטראָם טראָגט זיך נאָך...

אונזער טענעמענט־הויז הילכט איצט. אויף יעדען שטאָק ברענט אין קאָרידאָר אַ גאַז־ברענער. פון יעדער טיר הערט זיך אַ טומעל: דאָ אַ קלינגען פון געשיר, דאָרט אַ געשרײַ פון קינדער, דאָ אַ געלעכטער און דאָרט גאָר אַ געוויין... הינטער יעדער טיר אַ באַזונדער וועלטעל.

לעאָן קאָברין.

## די אײַזענשטאָט.

אַ הײַסע, קראַנקע נאַכט.

אַן אומגעלומפּערטע פאַרשטויבטע שטאָט.

אַ שפּינוועבס פון טעלעגראַף־ און טראַמוויי־דראָטען.

די גאַסען — אויסגעלײדיגט, מיד.

אין לופט — אַ רויער ר י ח פון אײַזען־ערד און אויסגעברענטע קוילען.

אַ צענדליג געלע שטערען, צעוואָרפען אויף אַ נידעריגען הימעל, פינטלענדיג ווי אויגען פון אַן אַלטען ש י כ ו ר.

אַ לײַמיגער און פוילער טײַך, זיך קאַרטשענדיג אונטער הויכע, שוואַרצע בריקען.

און אין דערמיט פון פינסטערניש — אַ פערטעל שטאָט אין פלאַמען.

אַ ג ה י נ ו ם, וואַרפענדיג זײַן פלאַקער פאַנטאַנענווייז צום הימעל.

אַ גרויסער טאָפּ, אַ רויטער, אויפגעהאַנגען אין דער הײך, ווי אַ גלאָק, אין מיטען פון אַ טורעם פלאַמען, בײַגענדיג דאָס מויל פון ווייל צו ווייל צו ברעכען לאַווע, קאַסקאַדען לאַווע, צעשיטענדיג אַרום אַ האַגעל לאַנגע פונקען.

וואַגאָנעס, מיט פײַער אָנגעלאָדען, פויזענדיג פּאַמעליך אין טונקעלע ווינקלען.

פעלדער אויסגעלײגטע שטאַבעס, זיך לאַנגזאַם לעשענדיג.

רויטע פײַער, ווײַסע פײַער, געלע פײַער און רויך — ווי טורעמס וואַל.

אַ קלאַפּען און אַ הילכען, אַ סקריפּען און אַ האַמערן אָהן אָפּרוה. שטאַנגען וואַסער, שיפּענדיג אויף אָנגעגליהטען גוס.
אַ לאַבירינט פון רערען, רעלסען, רעדער, קײַטען און מאַשינען, אַן אויסגעמיש פון נאַכט און פײַער, און אין דער מיט — אַ ראָיען, אַ לויפען הין און הער פון קלײנע שאָטענס.

יהואָש.

# די גאָלדענע פּאַווע.



מנחם.

אַמאָל איז געפלויגען די גאָלדענע
פּאַווע
צום הײמישען לאַנד איבער טײַכען
און ים'ען,
און האָט אין די פליגעל אַ בריוועל
געטראָגען,
אַ גרוס פון אַ קינד אין דער פרעמד
צו אַ מאַמען.
געפלויגען, געפלויגען די גאָלדענע
פּאַווע
און האָט אירע פליגעל פאַרמאַטערט
פון פליהען.
אין אַ וואַלד אויף אַ בוים איז זי זיצען
געבליבען
צו רוהען, ביז טאָג וועט די הימלען
צעגליהען.

אין וואַלד איבער נאַכט איז געבליבען די פּאַווע,
ביז ס'האָט זיך צעגליהט אויף באַגינען דער הימעל.
געקומען איז טאָג, און די נאַכט איז געפאַלען,
נאָר ס'האָט נישט דערוואַכט שוין די פּאַווע פון דרימעל.

אַוועק איז אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ מאָרגען,
אַוועק זײַנען וואָכען, ח ד ש י ם און יאָרען —
אַ בײזער מ כ ש ף דעם וואַלד האָט פאַרשלעפערט,
און ס'איז אויך די פּאַווע פאַר'כ י ש ו פ'ט געוואָרען.

פאַר וועם ס'האָט די צײַט זיך געשלעפּט, ווי פון סמאָלע,
פאַר וועם זיך געיאָגט, ווי אַ פײַל פון'ם בויגען —
אַלץ אײנס איז געוועזען דעם וואַלד און דער פּאַווע,
ווי לאַנג ס'האָט פאַר זײ זיך דער כ י ש ו ף געצויגען.

ביז אײנמאָל אַ טאָג זײַנען העקער געקומען
און פורען מיט פערד צו פאַרנעמען די קלעצער;
און דאָרט, וואו ס'האָט פריהער דער כ י ש ו ף געפינסטערט,
האָט זונשײַן באַלויכטען די נאַקעטע פּלעצער.

פאַרטריבען דעם כ י ש ו ף האָט זון און גערודער,
צעטרייסעלט די פינסטערע ביימער פון דרימעל;
און ס'האָט אויך די פאַווע געעפענט די אויגען
צו זוכען איר וועג אינ'ם לויטערען הימעל.

---

געפלויגען, געפלויגען די גאָלדענע פאַווע
צו טראָגען איר גרוס מיט די היימישע וועגען,
געקוקט און געזוכט, נאָר זי האָט נישט דערקענט שוין
די לענדער, וואָס זיינען געקומען אַנטקעגען.

וואו זיינען די כוואַליעס פון גאָלדענע פעלדער?
וואו זיינען די נעסטען און שטרויענע דעכער?
עס ציהען זיך אייזערנע וועגען, ווי שלאַנגען,
עס הייבען זיך קוימענס פון סאָסנע־בוים העכער.

און וואו נישט וואו זעהט זי אַ באַרג אַ באַקאַנטען
און ערגעץ אַ וואַסער, וואָס פליסט אין זיין בעקען;
און שנעלער איר וועג פליהט די גאָלדענע פאַווע
צו שטילען אין האַרצען די גרויליכע שרעקען.

שוין באַלד איז זי נאָהענט. דאָרט קען זי דאָס געסעל,
דעם בוים פאַר'ן פענסטער און ס'שנירעל ביים לאָדען.
אַ קלאַפּ אין דער שויב, און די מאַמע, די אַלטע,
דעם גרוס פון איר קינד וועט אין טרערען אויסבאָדען.

שוין באַלד איז זי דאָרט. און אָט וועט זיך פון ווייטען
אַ רויך פון די ליימענע קוימענס באַווייזען;
שוין באַלד — און אָט רייסען זיך וואָלקענס פון קוימענס,
פון שטיינערנע קוימענס אויף דעכער פון אייזען.

עס דריקען זיך טונקעלע דעכער צוזאַמען,
און מויערן שוואַרצע, און גאַסען אין שאָטען:
און ס'פלאַטערט דאָס האַרץ ביי דער גאָלדענער פאַווע
אין זוכען דעם זאַמד, וואו איר פוס האָט געטראָטען.

עס פלאַטערט איר האַרץ, און זי הערט נישט די ק ו ל ו ת,
און זעהט נישט אַרום די פאַרוואונדערטע בליקען,
און פילט נישט, ווי עמיצער כאַפּט זי און טראָגט זי,
און טראָגט זי אין אייזערנע אָרעמס, וואָס שטיקען.

---

געפאַנגען, געפאַנגען, די גאָלדענע פאַווע
אין הילצערנעם שטייג הינטער אייזערנע שטאַנגען,

און ס'קומען דער פאנגער און ש כ נ י ם צו קוקען,
ווי שיין ס'איז די פאווע אין שטאנגען געפאנגען.

און ס'קוקט א פארגאפטע די ווייב פונ'ם פאנגער,
און בייסט זיך די ליפען און ציהט זיך די ברעמען —
אך, וואלט זי געקענט פון דער פרעכטיגער פאווע
א פעדער, אן איינציגע פעדער בלויז נעמען!

אך, וואלט זי געקענט נאר!... און איינמאל, א בלייכע,
האט זי זיך אריבער'ן שטייג איינגעבויגען.
אראפ אויף דער גאס, און ס'האט איבער איר שטערען
א גאלדענע פעדער פארשימערט די אויגען.

א פעדער פון בלוי, וויאלעט און פון גינגאלד,
וואס גיסט זיך אין שיין, ווי די זון אין א רעגען;
און ס'קוקען פארגאפטע די מענשען אין דרויסען,
וואס געהען איר נאך און וואס קומען אנטקעגען.

אויף מארגען באגינען — מען קלאפט אין די טירען:
— פאר וויפיעל פארקויפסטו דער פאווע א פעדער?
א רענדעל? צעהן רענדלעך? א זעקעל מיט רענדלעך? —
און ביימלען מיט גאלד אים אנטקעגען טראגט יעדער.

פארבלענדט איז דער פאנגער פון גאלדענעם שימער,
און ביז נאך די זון יענעם טאג איז פארגאנגען,
זיך אויסגעפוצט האבען צעהן ג ב י ר'ישע ווייבער
אין גאלד פון דער פאווע, אין שטאנגען געפאנגען.

צעהן ג ב י ר'ישע ווייבער אין פראכט פון דער פאווע,
א פעסעל מיט גאלד ביי דעם פאנגער פארבארגען;
און ס'ליגען צעהן טויזענט ביינאכט אין די בעטען
און ברענען פון ק נ א ה ביז גראהען פרימארגען.

---

געשטארבען שוין לאנג איז די גאלדענע פאווע.
איר שטייג אויפ'ן בוידעם — צעפאלען אין שפענדלעך;
דאך ווימלען די גאסען מיט פעדערן־פארבען,
און ס'ווימלען ביים פאנגער אין פעסער די רענדלעך.

דאס גאלד גיט א פעדער, די פעדער גיט ליבע.
איז — וויפיעל ווער ס'האט, איז אים קליין דאס פארמעגען,
און ס'ברענען די אויגען מיט בלוטיגער ש נ א ה
ביי יענע, וואס קענען דאס גאלד נישט באלייגען.

מען זאָגט, אַז פון בלוט, וואָס דאָס גאָלד האָט געזויגען,
איז רויט שוין דאָס האַלץ פון די האַרטע וואַרשטאַטען,
און ס'האָט שוין די בלוטיגע שׂנאה נישט איינעם
פאַרטריבען צום טויט הינטער אייזערנע גראַטען.

און וואו נאָר ס'באַווייזט זיך די גאָלדענע פעדער,
צעפּאַלען — דערציילט מען — די פּרידליכע הייזער,
און ס'בלייבען אָהן מאַמעס די קינדער אין וויגען,
און ס'וויינען פאַרלאָזטע יתומים אָהן שפּייזער.

עס וויינען אין הייזער פאַרלאָזטע יתומים,
און ס'רופען די קינדער אין וויג נאָך אַ מאַמען;
נאָר ס'איז שוין נישטאָ מער קיין גאָלדענע פאַווע
צו טראָגען דעם גרוס איבער לענדער און ימ'ען.

מנחם.

---

# אין דער ווייט.

עס ווילט זיך מיר לאָזען די שטאָט און דעם מאַרק
און אָטעמען פרייער, און אָטעמען שטאַרק!
און לאָזען די הייזער מיט טויערן אַרום
און געהן, וואו ס'איז אָפען און פריי אומעטום!

און געהן, וואו ס'איז אָפען און ליכטיג און ריין,
און לאָזען די הייזער פון ציגעל און שטיין!
און לאָזען די מויערן, וואָס זיינען מיר ענג,
און געהן אין דער ווייט, אין דער ברייט, אין דער לענג!

און לאָזען די שטאָט מיט איר שפּראַך און איר גאַנג
און הערען אין וועלדער דאָס פויגעל־געזאַנג.
און הערען, ווי ס'מורמעלט מעלאָדיש דער קוואַל,
ווי ס'רופט אַזוי זאַנפטיג אין לופט יעדער שאַל.

און לאָזען די חכמה און וויסען אין שטאָט, —
אַך, זאָל זי זיך האַלטען מיט דעם, וואָס זי האָט!
דער אָדלער אין וואָלקען — ער איז אַזוי קלוג,
איך וועל אים אין וועג דאָרט באַגעגנען גענוג!

ער וועט מיך אויסלערנען, ווי לעבען מען דאַרף;
דער אָדלער איז קלוג, און זיין תורה איז שאַרף!
זיין תורה איז — פליהען, וואָס העכער, אָהן שיעור;
שוין לאַנג ברענט זיין תורה אין האַרצען ביי מיר.

א. רייזען.

---

# די אַרבייט.

## ליד פון אַרבייט.

אָ, לויב און געזאַנג דער מיה און דער אַרבייט!
  זינגט, גריסט זיי פון האַרצען ליבענד און הייס!
געזונט זאָלען זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
  דער שטערען, פון וועלכען עס גיסט זיך דער שווייס!

געבענשט זאָלען זיין דער וואַרשטאַט, דאָס שפינדעל,
  דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליהענדער גאָרטען,
  פאַר טויזענט — אַ שווערער, אַ זומפּיגער וועג.

פיעל ליכטיגער שיינט די זון נאָך אַ רעגען;
  די וואַרימקייט — ליבער און זיסער נאָך קעלט:
נאָר די, וועלכע האָבען דאָס אומגליק גענאָסען,
  פאַרשטעהען, וואָס גליקליך זיין הייסט אויף דער וועלט.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אייזען:
  קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבען,
  אָהן זיי איז אוממעגליך איין איינציגער טריט.

טאָ לויבט זשע און זינגט דער מיה און דער אַרבייט!
  זינגט, גריסט זיי פון האַרצען ליבענד און הייס!
געזונט זאָלען זיי די הענט מיט מאַזאָליעס,
  דער שטערען, פון וועלכען עס גיסט זיך דער שווייס!

ש. פרוג.

## צוויי ברידער.

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
 אויף הינערשע פיסלעך אַ הייזעל אין טאָל.
  געשטאַנען זיך פּראָסטע, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
  אָהן פוצעכץ, אָהן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענסטער אַ קליינטשיקס, נאָר ח נ'עוודיג־האָלד;

די זון — זי באַשיט עס טאָג־טעגליך מיט גאָלד!
ל ב נ ה און שטערן
פאַרהאַלטען זיך גערן
און מאָלען מיט זילבער די שויבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליבע באַלוינט!
עס האָבען אין הײַזעל צווײַ ברידער געוואוינט.
עס האַלטען צווײַ הערצער צוזאַמען געטרײַ,
שווער איז די אַרבײַט, נאָר ס'אַרבײַט זיך פרײַ!
ווײַס איז דאָס מעבעל, מיט קלײַען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז ב ש ו ת פ ו ת — די פרײַד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צײַט האָט געוועבט
איר לאַנגען, איר כ ש ר'ען פאָדעם!

נאָר אײַנמאָל באַווײַזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל;
פול גינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פינקעלט זײַן פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט.
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך ע ש י ר ו ת פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרימער מאַן,
כ'פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ'וואָלט אויפ'ן י ר י ד
געקויפט מיר צו מעלקען אַ קוה!

די שלאַנגען — זײַ ווײַסען וואָס ס'טראַכט זיך בײַ לײַט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אָן אַ זײַט,
און זאָגט אים: „נו, ברודער, וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען אַ וועלט,
און אַלץ, וואָס מען קען נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קײַן שפּאָס,
איך ווײַס שוין דעם ס ו ד,
איך קען דיר אים זאָגען אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער אינגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדען זײַן שײַנקײַט באַשערט;
געה פרעג אים: דער גלאַנץ און די שײַנקײַט וואָס טויג?
בײַם עלטערען פלאַמט שוין די ת א ו ה אין אויג:
קרעלען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען — אָ, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרען און זאָגען דעם ס ו ד!
ער קוקט אויפ'ן וואַלד

און ג נ ב'עט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון געהט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקען אין הימעל; און אונטער אַ בוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש און די שלאַנג;
זיי זיצען צוזאַמען און שמועסען שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייס נישט — פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקעלט דאָס האַרץ אים אַרום מיט'ן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטען,
קרעלען, בריליאַנטען.
„אַלץ וועסטו האָבען גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלען, בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט אים, דער שטערען באַדעקט זיך מיט שווייס;
עס טריפען די טראָפּען!... ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּען — דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבייטען הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטען!"

„עס טרעפט, און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, ש ו ט ה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים און האַלזסט אים; דו האַלסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערען פון ד'אויגען אַרויס!
פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגען, דו נאַרישער קאָפּ,
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדען טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט,
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל.
אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלען; דו צאַפּ נאָר און צאַפּ.
זאָל ער נאָר בלוטען און בלוטען נישט קאַרג!
אָנשיטען וועסטו שוין קרעלען אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביסט ש ט אַ ר ק ע ר און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפּען פאַרביסען, די פויסטען געבאַלט,
געהט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד.
די אויגען, זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּעלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכען אַ פּראָוואָו;
אַ שטאָך וועל איך געבען, אַ קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערען און שווייס,
הערסטו דאָך, זיינען בריליאַנטען!"

---

עס הערט די ל ב נ ה נאָך די איינענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינ'ם שטיבעל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקען די שטערען אין פענסטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגענס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטען אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבעל געשעהן?
און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדען, עס ווייכט זיי דער שלאָף.
אַוועק איז די ליבע, דער פרידען אַוועק.
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטאָג, דער צווייטער פאַר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מיין ע ש ר ו ת, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערען, מיין שווייס און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט י ם
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

י. ל. פּרץ.

---

# אין פאַבריק.

איינמאָל האָט מיך איציקעל מיין ת ל מ י ד שטאַרק געבעטען, איך זאָל מיט אים געהן באַקוקען דעם פאָטערס פאַבריק. ער וויל מיר ווייזען די טייערע און קונציגע מאַשינען.

איך האָב אים נישט געקאָנט אָפּזאָגען, געה איך.

אין פאַבריק אַריין געהען מיר דורך אַ שמאָל פּעדערהייזעל, וואו צוויי מענשען קענען נישט צוזאַמען דורכגעהן, נאָר איינער נאָכ'ן אַנ־דערען. פון דאָרט זיינען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסען הויף אַרוים,

פון הויף ערשט אין פאבריק אריין. אין פאבריק איז נאך מער ר ח ו ו ת ווי אויפ'ן הויף.

און די פאבריק איז פול מיט ווארשטאטען. און ביי יעדען ווארשטאט שטעהט א פ ו ע ל. דער ווארשטאט ווארפט זיך, און דער פ ו ע ל ווארפט זיך מיט'ן ווארשטאט. און דער פ ו ע ל מיט'ן ווארשטאט זעהען אויס ווי איין גוף, ווי איין ח ו ל ה ־ נ ו פ ל, וואס ווארפט זיך, שאקעלט זיך און זעצט...



און וואס איז די נ ש מ ה פון דעם גוף? די פארע! זי רודערט עס מיט אלעם דורך לעדערנע רימענס, מיט וועלכע יעדער ווארשטאט איז ארומגענומען...

אויסער דער פארע האט דא קיין גוף קיין אנדערע נ ש מ ה נישט, נישט דער ווארשטאט, נישט דער פ ו ע ל, וואס טוט נאך דעם ווארשטאט; זיי האבען קיין נ ש מ ה נישט, קיין ר צ ו ן נישט, קיין י ד י ע ה נישט...

אזוי דאכט זיך מיר!

און מיין ת ל מ י ד וויל מיר אלץ פארטייטשען, געבען צו פארשטעהן, וואס דא טוט זיך: וואס מען ארבייט, ווי אזוי מען ארבייט; נאר — איך הער נישט, איך שרעק זיך פאר די קלאפענדע ג ו ל מ ו ת...

די אויערן ווערען מיר טויב פון גערויש און געקלאפעריי...

א י ם ק ו ל ו ת, א מ ב ו ל קלעפ און שלעג... און עס קראצט און רייבט און קריצט מיט די ציין...

און א וואונדערליכע מ ח ש ב ה פליהט דורכ'ן מ ו ח:

„און ווען עס קומען אהער, אין ג ה י נ ם אריין, די גרעסטע נ ב י א י ם: י ש ע י ה, י ר מ י ה, און ווען מ ש ה ר ב נ ו אליין, — ווען זיי עפענען די מיילער און זיי ווילען רעדען, צי וואלטען

זיי איבערגעשריען דעם ג ה י נ ם, צי וואלט זיי עמיצער פון די גע־פייניגטע נ ש מ ו ת געהערט?"

— ניין, זיכער נישט! — טראכט איך, און לויף ארויס, באגאסען מיט קאלטען שוויים פאר שרעק!

און מיר געהען וויטער דורכ'ן שמאלען פעדערצימער, און איך מיט י צ ח ק'ן קענען צוזאמען נישט דורכגעהן...

— נאך וואס איז דא אזוי ענג? — פרעג איך.

— דא רעווידירט מען די ארבייטער, — ענטפערט י צ ח ק'ל, — איינעם נאכ'ן צווייטען רעווידירט מען...

— נאך וואס?

— מען ג נ ב'עט פון פאבריק... כ ל י ם, ס ח ו ר ה...

— ג נ ב י ם זיינען זיי, ג נ ב י ם?

— נישט אלע, ח ם ו ש ל ו ם! נאר אויף טייל פאלט א ח ש ד!...

— און אז אויף א טייל פאלט א ח ש ד, רעווידירט מען אלע?

— דער טאטע זאגט, אז מען קען נישט מ ב י ש זיין, רעווידירט מען א פ י ל ו די מייסטער אליין...

י. ל. פרץ.

---



## דער בלייכער אפרייטער.

איך זעה דארט א בלייכען אפרייטער,  
פארקאכט אין דער ארבייט, א שרעק!  
און זייט איך געדענק אים, אלץ נייט ער  
און לייגט זיינע קרעפטען אוועק.

איך שטעה און באטראכט דארט זיין צ ו ר ה,  
זיין צ ו ר ה פארשמירט און פארשוויצט,

און פיל, אַז דאָ אַרבײַט קײַן ג ב ו ר ה,
דער אימפּעט נאָר פּראָצעווע איצט.

עס פאַלען די טראָפּענס כ ס ד ר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפען זיך אײַן אין די קלײדער,
און טרינקען זיך אײַן אין די נעט.

איך בעט אײַך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגען
דער בלײַכער די בלוטיגע ראָד?
אָ, ווער קען זײַן ענדע מיר זאָגען?
ווער ווייס יענעם שרעקליכען ס ו ד?

אָ, שווער, זעהר שווער דאָס צו זאָגען!
דאָך אײנס איז באַוואוסט און באַשײדט:
ווען אים וועט די אַרבײַט דערשלאָגען,
זיצט ת י כ ף אַ צווײטער און נײט.

מ. ראָזענפעלד.

---

# אין שאָפּ און אין דער הײם.

איך זיץ און איך טרײַב די מאַשינע
און פיל, ווי מײַן כ ו ח געהט אויס.
איך טראָג ניט אויף קײנעם קײן ש נ א ה,
און פרעמד איז מיר ראַכע און ק נ א ה,
דער ווײטאָג אין האַרץ נאָר איז גרויס.

מײַן בליק פילט זיך אָן און געהט איבער:
עס ווערט אויף דער אַרבײַט אַ פלעק;
אַ בלינדער, אַ צערענדער פיבער —
ער געהט מיר די בלוטען אַריבער
און שמעלצט מיר דאָס לעבען אַוועק.

עס טריפען די פלאַמענדע וואונדען.
איך זיץ אין דער דומפּער פאַבריק,
ביז וואַנען עס קומען די שטונדען,
ווען, כ ל ו מ ר'שט, איך בין ניט געבונדען
און געה אַ באַפרײַטער צוריק.

אַהײם קום איך קראַנק און צעבראָכען,
באַגלײט פון אַ שטילען געוויין,
מיט מידע צעווײטאָגטע קנאָכען,
מיט י א ו ש אָנשטאָט מיט ב י ט ח ו ן;
און פאַל דאָרט אַוועק ווי אַ שטײן.

די שטוב איז פאַרוויסט און אַנטשוויגען.
איך קוק זיך אַרום מיט אַ הוסט:
מיין אָרימע פרוי זעה איך ליגען;
זי בלאָנדזשעט פון ח ל ו ם אַ נ י ג ו ן,
דאָס פיצעלע טרוימט ביי איר ברוסט.

---

איך קוק אויף די אָרימע מיט טרערען
און קלער: „ווען איך בלייב איצטער טויט,
ווען איך זאָל מיט איינמאָל ניט ווערען,
אָ, ווער וועט זיי ביידען דערנערען?
אַ בעט זיי פאַרשאַפען און ברויט.

וואָס טוען זיי באַלד טאַקע, מאָרגען,
ווי שנעל דער פאַרדינער זיי פעלט?
אָ, ווער וועט זיי לייען, צי באָרגען,
זאָגאַר מיט דאָס קלענסטע באַזאָרגען?
וואו בלייבט זיי אַ פריינד אויף דער וועלט?"

און קלערענדיג, ווער איך אַ מידער
אַנטשלאָפען. און כ'טו זיך אַ כאַפ! —
אין מ ז ר ח־זייט טאָגט עס שוין ווידער.
איך שלעפ די פאַרמאַטערטע גלידער
צוריק אין דעם דומפיגען שאַפ.

מ. ראָזענפעלד.

---

# דער אַלטער שניידער.

ער זיצט און נייט שוין פיעלע יאָרען,
און זיין בלייכער פ נ י ם שוויצט.
די באָרד איז אים שוין וויים געוואָרען,
ווי דער פאָדים, וואָס ער נוצט.

ניטאָ כ מ ע ט אין שטאָט אַ מייסטער,
וועלכען ער האָט ניט געדינט;
און דאָך האָט ער קיין סענט אין טייסטער
און קיין ברויט פאַר ווייב און קינד.

ער קומט אריין אין שאַפ באַגינען
און פאַרדינגט שוין זיינע הענט;
ער האַלט פאַראייִנס אין איין פאַרדינען
און פאַרהולטעוועט קיין סענט.

ער שאַפט שוין, ווען עס גרויט דער מאָרגען,
אונ ער שאַפט נאָך שפּעט בייַנאַכט,
און שטענדיג, שטענדיג וואו צו באָרגען
זיצט ער טרויעריג און טראַכט.

דער מייַסטער איז מיט אים צופרידען,
ווייַל ער ט ע נ ה'ט ניט קייַן ס ך,
ער מאַכט אין שאַפּ ניט קייַן יארידען
און באַלייַדיגט ניט זייַן פאַך.

ער קומט און געהט אַוועק אין שטילען;
רעדען — רעדט פאַר אים דער הוסט:
די טרער פאַרדעקען אים די ברילען,
און דעם שמאַרץ פאַרדעקט די ברוסט.

די ארבייַטס־מענשען אַלע קוקען
אויף דעם קראַנקען מיט אַ ווייַ;
זיי קוקען אויף זייַן מידען רוקען,
וועלכער קרימט זיך בייַם געניי.

זיי זעהען שוין דעם שוואַרצען זיגעל,
פאַר זייַן ערליכקייַט די שטראָף...
זיי זעהען, פּונקט ווי אין אַ שפּיגעל,
אין דעם אַלטען זייער ס ו ף.

מ. ראָזענפעלד.

---

## ד ע ר ש נ ייַ ד ע ר.

די שטוב איז קלייַן, די שטוב איז אַלט;
אין יעדען ווינקעל מיסט און קויט.
ס'איז פינסטער, אומעטיג און קאַלט.
אַ קראַנקער שנייַדער זיצט און נייַט.
דער שנייַדער נייַט,
די נאָדעל געהט.
דער מ ו ח דרייַט,
ס'איז גרויס די נויט,
ניטאָ קייַן ברויט, ניטאָ קייַן ברויט.

דער פּ נ י ם געל, פאַרצאָגט, פאַרטראַכט;
די נאָדעל רודערט טאָג און נאַכט;

פון צײַט צו צײַט אַ פּוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנט, רײַסט אויף די ברוסט.

אין שטוב איז אומעטיג און פּוסט;
פון וויג אַ זיפץ, פון בעט אַ הוסט;
אַ קלײנטשיק לעמפּעל ברענט זיך שוואַך;
אַ דראַבנער רעגען קלאַפּט אין דאַך.

— „וואָס טוסטו, שנײַדער, אויף דער וועלט?“
— „איך לעב“... — אַ שווידערליכע קעלט
נעמט אָן בײַם האַרץ: פאַרפלוכטע נויט!
אַז דאָס הייסט לעבען, וואָס איז טויט?!
דער שנײַדער נייט,
דער מוח דרייט.
ס'איז גרויס די נויט.
ניטאָ קײַן ברויט, ניטאָ קײַן ברויט.

ש. אַנסקי.



# דור הולך ודור בא.

## א.

אַן אויסגעשטערנטע נאַכט; אַ הייליגע, פאַרכטיגע סליחות־נאַכט. שטילע, פינקעלדיגע שטערנדלעך קוקען אַראָפּ פון הויכען בלאָהען הימעל אויפ'ן האַלב־איינגעשלאָפענעם שטעטעל. אין האַלב־איינגעשלאָפענעם, ווייל אין מאַנכע הייזער איז מען נאָך וואַך. ביי זעליק שוסטער איז נאָך אָפען טיר און טויער, און זיינע געזעלען זיינען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבייט, אַז זיי באַמערקען נישט די ליכטיגע אייגעלעך פון הימעל, וואָס האָבען געוואונקען צו זיי דורך די אָפענע פענסטער. די בליך־לאָמפּען אין שטוב בלענדען זיי די מידע אויגען, און זיי לאָזען זיי גערנוויליג אַראָפּ צו דער אַרבייט.

פאַרנומענער פאַר אַלע איז דער לאַנגער נאָטע. ער וויל זיך פאַרשלאָגען מיט'ן האַמער די געדאַנקען; זיי לאָזען זיך אָבער נישט.

„עס געהען אַזעלכע הייליגע טעג. אַן אוצרה געלט דאַרף מען... און פון וואַנען? איבער'ן זומער האָט ער נישט פאַראיבעריגט קיין רובעל... פאַר זיך עפּעס צו קויפען אויף יום־טוב, איז קיין רעדע נישט, זאָל נאַר אין שטוב זיין צו לייטען גלייך“.

„אַ מאַסע הוצאות: אויף ראש־השנה — ברוינע פויגעל... אויף יום־כיפור — עופות; כאָטש צו איינציגע כפּרה'לעך פאַר יעדען קינד. דערנאָך געהט ערשט סוכות. מען זיצט מיט מענשען אינאיינעם אין סוכה, דאַרף מען האָבען אַ לעשציקעל, צוקער־באָבעם גרויסע, — נישט פאַרשעמט צו ווערען פאַר לייט“. און ער טרייבט זיך צו; בעסער אַרבייטען אין דער נאַכט אַריין, אַבי צו זיין אַ מענש צווישען מענשען.

און ער הייבט און לאָזט אַראָפּ אַלץ האַסטיגער און האַסטיגער דעם האַמער אויף דער האַרטער פּאָדעשווע, אַרומפּאָרענדיג מיט איר איבער'ן שטיין, וואָס איז געלעגען אויף זיינע אויסגעדאַרטע דינע קניה.

חיימ'ל, זיין אַכצען־יעריג איינגעל, וואָס העלפט אים אונטער און גרייט אים צו אַרבייט, זיצט אָן דער זייט, כמעט הינטער דעם פּאָטערס אַקסעל, און קאָוועט אַ שטיוועל, קלאַפּענדיג שוואַך און לאַנגזאַם מיט'ן העמערל. די פּלעקלעך האָבען זיך דאָס מאָל נישט גלאַטיג געגליטשט אין דער געלעכערטער זויל אַריין. טייל צעברעכען זיך, טייל שפּרינגען אינגאַנצען אַוועק, גלייך זיי וואָלטען גענאַרט זייער יונגען מייסטער, שפּילענדיג מיט אים אין באַהעלטעניש, קוים מאַכט ער צו איין אויג פאַר מידקייט. און די מידקייט באַפאַלט אים פון צייט צו צייט. דעמאָלט טוט ער זיך אַ וויג, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר, דערשפּירענדיג דאָס קאַלטע אייזערנע העמערלביים שטערען, כאַפּט ער זיך אויף און קוקט זיך אום מיט צוויי אָפענע, דערשראָקענע אויגען, צי לאַכען נישט פון אים די געזעלען. מען האָט עס גראַד נישט באַמערקט, נאָר ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין: „עס איז קיין

תכלית נישט צו שלאָפֿען". ער ווייס, אַז דער פֿאָטער וועט וואַרטען אויפֿ'ן שטיוועל. „פֿע, אַ מיאוס'ע זאַך דער שלאָף!"

כדי מער נישט איינצושלאָפֿען, לייגט ער אַוועק דעם שטיוועל און געהט צו צום קובעל וואַסער, דערפֿרישט זיך מיט'ן קאַלטען וואַסער דאָס פּנים מיט די אויגען און געהט שטאָלץ צוריק צו דער אַרבייט. אויפֿ'ן וועג וואַרפֿט ער אַ דרייסטען בליק צום וואַנט־זייגער. „אַ, וואַ, האַלב צוועלף! מען דאַרף זיך צורירען". ער איילט זיך צו זיין אָרט, און פֿון אונטער'ן העמערל שיטען זיך לעבעדיגע קלעפּ איבער די קעפּלעך פֿון די אומרוהיגע שטיפֿטען; ווי אַ האָגעל שיטען זיי זיך, די קלעפּ, און קלינגען אָפּ פֿון די ליידיגע גרויסע פֿעסער, וואָס שטעהען אין דרויסען ביים אָפֿענעם פֿענסטער, אָפּוואַרטענדיג, מען זאָל זיי אָנפּאַקען מיט שוכוואַרג און אַוועקשיקען אויף די ווייטע מערק.

ב.

עלקע, אַ דיקליך ווייבעל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ בעל־הבית'טע, איז געשטאַנען ביים קוימען און געפּרעגעלט פֿעטס אויף אַ פֿאַטעלניע. דערביי האָט זי פֿון דער וועטשערע אויך נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זעליק, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פֿון גאַס; און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפֿען דאָס עסען פֿאַרטיג. געשיקט טוט זי פֿלוצלונג אַ גאָס נאָך עטליכע לעפֿעל פֿעטס אויף דער פֿאַטעלניע; דער זאָד פֿון צאַפּעלדיגען פֿעטס אויף דער קאָכענדיגער פֿאַטעלניע וועקט דעם לאַנגען נאָטען פֿון זיינע יום־טוב'דיגע דאגות.

— אָט אַזוי איז אַ תענוג! — טראַכט ער, אַן אויג וואַרפֿענדיג צום קוימען. — גרויסע באָבעס מיט ברייטע קלאָרע פֿאַרפֿעל, מיט אַ יויך באַגאָסען, דערנאָך מיט פֿעטס... אַ מאכל! דאָס מאָג שוין ראָטשילד עסען! דאָס וואַסער קומט אים אין מויל אַריין... דערביי דערפֿילט ער אָבער, אַז דאָס האַרץ ווערט אים אויך וואַסעריג, אַז דער געשמאַק פֿון „ראָטשילדס מאכל", וואָס צעגעהט זיך אין שטוב, שוואַכט אים וואָס אַ מאָל מער אָפּ.

ער קען לענגער שוין נישט זיצען און ער דרייט זיך איבער צו חיים'לען און זאָגט אים:

— ווי האַלסטו מיט דער אַרבייט? שוין צייט צו געהן אַהיים.

— באַלד, טאַטע — ענטפֿערט חיים'על דערפֿרייט. און אין אַ ווייַלע אַרום האָבען זיי ביידע אַוועקגעלייגט די אַרבייט, אָנגעטאָן די כאַלאַטלעך און געוואונשען אַ גוטע נאַכט דער בעל־הבית'טע. דערביי האָט נאָטע אַ פֿרעג געטאָן, וואו ער, איר מאַן, קאָן זיך אַצינד געפֿינען. זי פֿרעגט: „צו וואָס?" און ער ענטפֿערט, אַז ער דאַרף אַביסעל געלט. עלקע גיט אַ ציה מיט די אַקסעל, אַז זי ווייס נישט, און נאָטע מיט'ן אינגעל האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זאָגענדיג נאָך אַמאָל „אַ גוטע נאַכט" צו דער בעל־הבית'טע מיט די איבערגעלאָזטע געזעלען.

## ג.

אויף יענער זייט שוועל האָט נאָטע דערזעהן פאַר זיך דעם שיינעם לויטערען הימעל מיט די פינקעלדיגע שטערען, און האָט דערפילט, אַז זיין האַרץ ווערט פול מיט שטילער פרייד; דעם הונגער האָט ער פאַרגעסען.

— גאָט האָט באַשאַפען אַזאַ שיינע וועלט! — זאָגט ער צו ח י י מ׳לען, און טראַכט באַלד, אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר די, וואָס מוזען זיצען און אַרבייטען אין שטוב! דאָס זאָגט ער שוין ח י י מ׳לען נישט.

— פ ר נ ס ה! — טראַכט ער ווייטער — מען מוז אַהיים ברייגנען כאָטש אַ קערבעל...

נישט ווילענדיג טוט ער זיך אַ טאַפּ אין קעשענע און רונצעלט איין דעם שטערען. „וואָס זי וועט זאָגען, וועט זי גערעכט זיין“.—טראַכט ער.

— „זונטאג גענעבען איר אַ רובעל; נו, איז שוין, געליבט איז גאָט, דינסטאָג ביינאַכט. איר שוועך ביטער האַרץ וועט זי, דאַכט זיך, צו מיר אויסגיסען“.

ער וויל זיך קלאָר מאַכען, צי וועט עס נאָך קאָנען אויסהאַלטען, דאָס מאָל אַהיים צו קומען אָהן געלט. ער פּרואווט זיך טרייסטען: עס איז שוין שפּעט, ציגד דאַרף זי דאָך קיין געלט נישט! דעם טאָג איז זי שוין איבערגעקומען. א ל א מאָרגען? וועט ער באַלד אין דער פריה כאַפּען צוויי־דריי רובעל און אַהיים טראָגען. אָבער נאָכ׳ן גאַנצען י ש ו ב ־ ה ד ע ת, איז אים דאָך שווער אַהיים צו געהן מיט די ליידיגע הענט. „זי וויים גאָר נישט, ווי שווער עס קומט אָן דאָס קערבעל אַרויסצוקריגען!“

— פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיך אַליין. „זי מיינט, איך רעד נישט, מאָן נישט! רעד, אַז ווען מען דאַרף אַ רובעל, ווערט ער נ ע ל ם!“

— קום, טאַטע! — וועקט אים ח י י מ׳ל, אָנרירענדיג אים ביים אַרבעל. נאָטע באַמערקט עס נישט און שפּרייזט נאָך שטילער. ער דערמאָנט זיך, אַז נאָך ביים אָנבייסען, האָט זי אים דערמאָנט, און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר שפּעטער שיקען. האָט זי, נעבעך, גער מוזט שוואַרצען זיך דאָס פ נ י ם און געהן באָרגען אויף וועטשערע אין קלייטעל. און א פ ש ר האָט זי גאָר נישט באַקומען! דאָס וואָלט שוין גאָר שרעקליך געוועז. „ניין, — באַפעסטיגט ער זיך אין דער ד ע ה, — אַזוי געהט מען נישט אַהיים!“

ח י י מ׳ל ציהט אים ביים אַרבעל, און ער טראַכט: ווען כאָטש אַ צוויי זילבערנע רובעל, געה איך אויף אַן אייזערנער בריק. איך קום אַהיים מיט אַ מ ל י ץ ־ י ו ש ר. וואָס געוועזן איז געוועזן, נאָר געוואוסט וואָלט זי, אַז מאָרגען האָט זי מיט וואָס אַרויסצוגעהן אין גאַס אַריין... עס וואָלט געוועזן ווי ביי לייטען; ווי אַמאָל. זי וואָלט אים גאָר אַנדערש מ ק ב ל ־ פ נ י ם געוועזן. זי וואָלט געוועזן אַזוי ליב. דאָס טעלערל פון הימעל וואָלט זי אים צוגעבויגען.

— הער, ח י י מ׳ל! — ווענדט ער זיך צום זון. — דו געה אַהיים, און

איך וועל אַפּזוכען זעליקען און כאַפּען ביי אים אביסעל געלט.

— וועסט אים דען געפינען אצינד?

— א פ ש ר. ר'איז א ו ד א י אין שענק.

ח י י מ'ל לאָזט זיך עס צוויי מאָל נישט זאָגען, נעמט זיך אַראָפּ אין אַ זייטען־גאַס און זיינע יונגע פלינקע טריט הערען זיך וואָס אַמאָל וויי־טער און ווייטער און ווערען באַלד פאַרהילכט.

ד.

די געסלעך זיינען שוין שטיל און לער, די קליינע נידריגע הייזלעך שלאָפען שוין לאַנג מיט פאַרמאַכטע לאָדען, ווי אַראָפּגעלאָזטע ברעמען אויף פאַרשמאַכטע אויגען. זעלטען, דורך אַ שפּאַלט פון אַן איינגע־טריקענטען לאָדען, ציטערט אַרויס אַ רויטליכע שיין און לייגט זיך איבער דער ברייט פון געסעל ווי אַ העל פּאַסיקעל. ס'מערסט שלאָפט מען שוין, און נאָטעס מידע אויגען און מידע פיס האָבען זיך אויך געבעטען רוה. נאָר ער האָט געמוזט שפּאַנען איבער די שטילע געס־לעך. די ברעמען זיינען אים שווער געוואָרען ווי בליי; די פיס הייבען זיך קוים. אין גאַנצען פילט ער זיך, ווי נאָך אַ לאַנגען שווערען ת ע נ י ת. אַזוי דערגרייכט ער די שול־גאַס.

און ער שפּרייזט ווייטער און איז פון דער שול־גאַס אַריין אין מאַרק, וואו ער האָט פון דערווייטענס דערזעהן די שענק, צו וועלכער ער איז געגאַנגען. די טיר פון שענק איז שוין צוגעמאַכט. עס איז אָבער נישט מעגליך! ער גלויבט זיינע אויגען נישט און געהט צו פּרוא־ווען די טיר. און ער האָט זיך דערפריים, אַז זי איז נישט מער ווי צוגע־לעהנט פאַר י ו צ א זיין. ער האָט דאָך נישט געוואוסט, ווי צו כאַפּען וואָג: „אַריינגעהן, צי נישט אַריינגעהן?“

ער קלערט, אַז גלאַט אַריינקומען עמיצען זוכען און גאַרנישט גע־בען צו לייזען, האָט גאָר קיין פ נ י ם נישט, און צוריקגעהן מיט וואָס ער איז געקומען, ווילט זיך אים א ו ד א י נישט. וואָס טוט מען?... וואָלט ער געהאַט כאָטש אַ פינף קאָפּיקעס, טראַכט ער, אומזיסט זר־כענדיג אין ביידע וועסטעל־קעשענעס. ווען ער האָט 5 קאָפּיקעס, וואָלט ער אַריינגעקומען טרינקען אַ גלעזעל ביר. און וואָלט, א ג ב, גע־וואָרפען אַ בליק אין איין שטוב, אין דער צווייטער, ביז ער וואָלט אים דערטאַפּט. נאָר טו עפּעס אָהן אַ גראָשען ביי דער נ ש מ ה. אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך איינרוסען דאָס פ נ י ם... איז ער א פ י ל ו דאָ, זיצט ער נישט אַליין, זיצט ער מיט אַ גאַרבער און שמועסט וועגען יוכטען, צי מיט אַ ס ו ח ר און רעדט וועגען עקספּעדיציע. „נו, — טראַכט ער טרויעריג, — וועל איך... נאָטע... צוגעהן גלאַט פון דער העלער הויט: זעליק! איך דאַרף געלט. ניין! עס פּאַסט נישט“. און נאָך אַ לאַנגען י ש ו ב ביי דער טיר פון שענק, האָט ער זיך איבערגעדרייט און צוריק אַהיים געגאַנגען.

## ה.

מרים זײַן פרוי איז נאך נישט געשלאפען, הגם זי איז שוין געלעגען אין בעט. חיים'ל האט איר איבערגעגעבען, אז דער טאטע איז געגאנגען אויפזוכען זעליקען, און זי האט װאכענדיג געװארט אויפ'ן מאן מיט געלט. אין קלײנעם נידריגען שטיבעל האבען געעטעמט אכט נפשות. מרים מיט צװײ קינדער זײַנען געלעגען אין אײן בעט, חיים'ל אין דער העלפט פון צװײטען: די צװײטע העלפט האט ער איבערגעלאזט פאר'ן פאטער. צופוסענס דעם מענישען בעט אויף א באנק שלאפען צװײ קינדער, איבערגעדעקט מיט'ן פאטערס אן אל־טער קאפאטע; נאך אײנם ליגט קעגענאיבער דער באנק, אויף אן אלטמאדישען, פלאכען קאסטען, צוגעדעקט מיט דער מוטערס פאר טשײלע, נישט װײַט פון איר בעט. דאס בלאסע פני מ'ל אויפ'ן טונקעל־קלײנעם קישעלע, װאס איז אנגעשפארט אן קוימען, שימערט פאר בלאסקײַט. איבער'ן קוימען שײַנט א קלײן לעמפעל און װארפט זײַנע דינע טרויעריגע שטראלען צום שכן — דעם מעשענעם, פון פליגען געשפרענקעלטען הענגלײַכטער. דאס ארימע פײַערל האט אויך אזוי טרויעריג געקוקט אויפ'ן גאנצען „כלי־בית“; דער עיקר — אויפ'ן קלײנעם, רויט געפארבטען טישעל מיט'ן װײַס־האלצערנעם שטול, מיט דער צעפלאצטער דעק, װאס פלעגט זיך אפט עפענען, װי פליגעל פון א סוכה.

עס הערען זיך טריט אונטער'ן פענסטער. מרים דערקענט דעם גאנג און שטעלט אן די מאטע אויגען צו דער טיר, אין װעלכער דער „לאנגער נאטע“ האט זיך באלד באװיזען. שטיל װי א גנב איז ער ארײַנגעקומען און געהיט זיך, די טיר זאל, בײַם עפענען און פאר־מאכען, קײַן סקריפ נישט טאן. אויף די שפיץ־נעגעל איז ער צוגעגאנ־גען צום טישעל, אויסמײַדענדיג דעם הענג־לײַכטער, פון װעלכען ער האט שוין נישט אײנמאל געכאפט א פסק פאר קריכען אים אין װעג ארײַן. ער װארפט א פרואװענדען בליק איבער מרים'ס בעט, צי זי שלאפט, צי נישט, און דערזעהט אירע אפענע אויגען. זי קוקט אויף אים, באטראכט זײַן אויסגעדארטע פיגור, זײַן בלאס געזיכט, און פלוצלונג דערפילט זי צו אים אזא הארציג מיטלײַד, אז זי װאלט אים די נשמה אװעקגעגעבען, אבי ער זאל באװײַזען א פרײַערען מוט. זי װײַס, אז נאר צוליב איר און די קינדער װערט ער אזוי פארשװארצט און געפײַניגט. זי שטארקט זיך און פרעגט שטיל װי א שטילע טויב: „נאטע, האסט אים געפונען?“ ער שאקעלט מיט'ן קאפ: „נײַן“! זי פארשטיקט א זיפץ און זאגט אים: „נעם דיר דארט די װעטשערע פון אויפ'ן קוימען“. און גיט צו מיט א שװערען אטעם: „נאר װאס פאר א טעם װעסטו שוין פילען... באבעלעך מיט פארפעל, אז עס שטעהט לאנג“... און ער טראכט: „באבעלעך מיט פארפעל... טאקע א שאד, פרישערהײט שמעקט עס גאר א מאכל“... ער װענדט זיך

צום קוימען, נעמט ארויס א טעפּעל פון קאַלטען אַש און, צוריקגעהענ־
דיג צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפּעל מיט דער צווייטער האַנט.
„געוואָרען א פּאַפּ דערפון. א פּאַפּ צום וואַרשטאַט“, — זאָגט ער,
נעמענדיג דעם לעפּעל צום מויל. ער דערמאַנט זיך אָן זעליקס ווער־
שערע. „א שיינער ח י ל ו ק!“ — טראַכט ער. פיעל עסען קען ער
דאָך נישט: „פּאַרט א פּאַפּ“, און מער נאָך — פּאַר מידקייט. ער
האָט אוועקגעשטעלט דאָס טעפּעל, און ער ווערט באַלד איינגעשלאָפען
אין די קליידער.

ו.

גאַנץ פריה איז נאַטע ווידער אַוועק צו דער אַרבייט.
ער האָט שוין געטראָפען אייניגע געזעלען ביי די וואַרשטאַטען.
דער „גיכער פייוועל“ האָט שוין געהאַט „פאַרשנורעוועט א פּאָר צום
קאָוועז“. נאַטע זעצט זיך צו, און, נישט פיעל שפּעטער, איז אים
ח י י מ'ל געקומען צו הילף. א שווערער אומעט ליגט אויף נאַטעס
געזיכט.

„וואָס זיצט דו עפּעס היינט אַזוי?“ — האָט פייוועל געפרעגט.

„עט, גאָר נישט!... ס ל י ח ו ת־טעג... וואָס? טאַנצען זאָל איך?“—
ענטפערט נאַטע, אַהן א בליק צו טאָן צום פרעגער.

דערווייל איז זעליק אָנגעקומען פון גאַס. נאַטע האָט געפּאַסט
מוט און געבעטען עטליכע רובעל. זעליק האָט אים געגעבען דריי
רובעל. ח י י מ'לס אויגען האָבען אָנגעהויבען שטראַלען פּאַר פרייד.
ווען דער פאָטער האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט, אַהיים צו טראָגען
דער מוטער, און ער איז מיט א רוישענדען קלאַפּ אין טיר אַרויסגעפלויגען
פון שטוב. נאַטע וויל זיך אויך פרייען, נאָר ער קען נישט, עפּעס
פילט ער זיך נישט גוט. ער האָט דערפילט ווי א קנויל אונטער'ן
האַרצען און באַקומען א שרעקליכען ווייטאָג. פאַר די אויגען איז אים
פינסטער געוואָרען, און די הענט האָבען אים אָנגעהויבען שטאַרק
צו ציטערן. עס מאַכען זיך אים די אויגען צו און דער שטיוועל פאַלט
אים אַרויס פון דער האַנט: עס ווערט אים היים אין אַלע גלידער. מיט
אַלע קרעפטען עפענט ער די אויגען און וויל זיך אויפהייבען און אַרויס־
געהן זיך אָפּקילען אויף דער לופט: דאָרט וועט אים אויך גרינגער
זיין צו אָטעמען; נאָר ער קען נישט. ער שפירט, אַז ער וועט אומ־
פאַלען, ווי ער וועט זיך נאָר רירען פון אָרט.

פייוועל האָט עס באַמערקט און פרעגט, וואָס אים איז. „ס'איז
מיר נישט גוט“ — ענטפערט ער מיט א קורצען, שטילען אָטעם און
ווייזט אים, אַז עס קלעמט אים אונטער'ן האַרצען. די ח ב ר י ם
לויפען צו אים צו, מען האָט אים געוואָלט אָנלעהנען אויף זעליקס
בעט, נאָר נאַטע גיט א צייכען, מען זאָל אים אַרויספירען אויף דרוי־
סען. מען טוט זיין ווילען. פייוועל נעמט אָן ביי איינער, נאָך א
געזעל ביי דער צווייטער האַנט, און מען פירט אים לאַנגזאַם אַרויס

פאַר דער טיר. זיי האָבען אים אָוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, וואָס איז דאָרט געלעגען, און ער האָט אָהנמעכטיג אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט מיט אַ פאַרשטיקטען ברומען פון אַ פרעסענדיגען ווייטאָג.

— „ס'איז דיר בעסער?“—פרעגען די ח ב ר י ם. ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „ניין“ און קען קוים אַרויסברענגען אַ שטיל געבעט, מען זאָל אים אָפּפירען אַהיים. פּייוועל האָט געהייסען אַרויסדערלאַנגען פון שטוב די כּאַלאַטלעך; זיי האָבען זיך און נאָטען אַנגעטאָן און אַהיים געפירט אונטער די הענט. נאָטע פילט זיך אַלץ שווערער און שווערער, די פיס האָבען זיך אים נאָר אָהנמעכטיג נאָכגעשלעפּט. פאַר דער טיר איז זיין מ ר י ם, וואָס האָט זיין דורכ'ן פענסטער געזעהן, אַקעגען געלאָפען מיט אַ געשריי און פאַרבראָכענע הענט. נאָך איהר — ח י י מ'ל.

— „גאָט אין הימעל!“ — האָט זי פאַרצווייפעלט אויסגעשריען, — „וואָס איז מיט אים געשעהן? ראַטעוועט, ראַטעוועט אַ מענשען, אַ טאַטען פון קליינע קינדער!“

ח י י מ'ל האָט ביטערליך געוויינט און געקלאַפּט זיך מיט די פויסטען אין קאָפּ.

— „אַ ביסעל וואַסער! קאַלט וואַסער ברענגט אַרוים!“ — האָט פּיי־וועל געשריען.

ח י י מ'ל האָט גיך אַרויסגעטראָגען אַ שעפ וואַסער פון שטוב און מיט האַסט אַ גאָס געטאָן אויפ'ן פאָטערס געזיכט. דער פאַר־ח ל ש'טער האָט געעפענט די אויגען און געגלאָצט אויף אַלע זייטען; נאָר ער האָט זיי באַלד צוריק צוגעמאַכט. ש כ נ י ם זיינען זיך דערווייל צוזאַמענגעלאָפען, מער געשריען, ווי עפּעס געטאָן, און עס האָט נישט געהאָלפען. מען פירט נאָטען אין שטוב אַריין, מען לייגט אים אויפ'ן בעט, און פּייוועל לויפט נאָך אַ דאָקטאָר. אין דער לופט פון קליינעם שטיבעל, וואָס איז אָנגעפילט געוואָרען נאָך מיט מענשען פון גאַס, האָט נאָטע דעם רעשט אָטעם פאַרלאָרען... דאָס געשריי און געוויין ווערט העכער. דערויף קומט אָן דער דאָקטאָר, וואָס האָט שוין געטראָפען צוגעלייגטע וואַרים־פלעשער און האָט זיי פאַרטוישט אויף הייסע קאָמפּרעסען. אויך האָט ער אַ רעצעפּט פאַרשריבען און איז אָוועקגעגאַנגען.

נאָטע איז אַלץ כ מ ע ט ווי אָהן אָטעם. מיט אַמאָל האָבען זיך אים הויך אויפגעריסען די ברעמען, די אויגען האָבען זיך אים פון קאָפּ אַרויסגעזעצט און איבערגעקערט זיך מיט די שוואַרצאַפּעל אַרויף אונטער'ן שטערען. ער האָט אָנגעהויבען כאָרכלען; ער גוס'עט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט עמיץ.

— די „טרויעריגע קלעזמער“ — ענטפערט פּייוועל מיט ביטער־קייט אין דער שטימע.

אַ פּאָר מאָל רייסט זיך דער קראַנקער און וואַרפט זיך, זוכענדיג

לופט, ווי אַ פריש געפאַנגען פישעל זוכט וואַסער. דערנאָך אַ שטאַר־קער און לעצטער כאָרכעל... און נאָטען איז אויסגעגאַנגען די נ ש מ ה. מען האָט אָנגעצונדען אַ ליכט, אַ ב ר כ ה געמאַכט און אַראָפּגעהויבען דעם טויטען אויף דר'ערד. די אַרויסגעשטויסענע מ ר י ם באַוויינט אים פאַר דער טיר. „לאָזט מיך!" — שרייט זי. — „לאָזט מיר נאָך אײַין מאָל אָנקוקען מײַן מאַן, רײַסט מיך נישט אַוועק פון אים, לאָזט אויך צו מײַנע שוועלבעלעך, זאָלען זײַ אים באַוויינען... קלאָגט אויף אײַער בראָך! קלאָגט, יונגע י ת ו מ י מ'לעך, אויף אײַער טאַטען!" — זי האָט זײַ געוויזען צום פענסטער אין שטוב אַרײַן: „דאָרט איז אײַער געטרײַער שפּײַזער, אומגליקליכע פײַגעלעך!..." ח י י מ'ל איז געשטאַנען בײַ דער זײַט און אַלץ געשלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנט.

— „זאָל שוין זײַן גענוג!" — האָבען אײַניגע מאַנסלײַט געשריען. — „נעמט זי אַוועק ווײַט... מען טאָר נישט מ צ ע ר זײַן קײַן טויטען".

מען האָט זי מיט געוואַלט אַוועקגעפירט צו אַ ש כ ן. פײַוועל האָט אַ וואונק געטאָן צו צווײַ פון זײַנע ח ב ר י ם: „קומט צו זעליקען, מען מוז נעמען עטליכע רובעל אויף ת כ ר י כ י ם." — האָט ער זײַ געזאָגט, און אַלע דרײַ זײַנען אַרויס פון שטוב.

## ז.

זעליקס ב ע ל ־ ה ב י ת'טע האָט שוין דערפון געוואוסט און איז זײַ אַקעגען געלאָפען, קלאָגענדיג און מיט פאַרבראָכענע הענט: „אָן אומגליק, אַזאַ אומגעריכטער ח ו ר ב ן. קינדער קרוין! וואָס זאָל איך אײַך זאָגען! דער פינסטערער „ו נ ת נ ה ת ו ק ף"! נאָך פאַר אַ יאָרען אָנגעג'ח ת מ'עט געוואָרען!"

— „וואו איז זעליק?" — האָט פײַוועל איבערגעריסען די קלאָג. זיווישט זיך אוים די אויגען און ענטפערט טרוקען און באַלײַדיגט, אַז ער וועט באַלד קומען: „זעצט אײַך!". זעליק איז אויך באַלד געקומען און האָט, צוגעהערענדיג צו זײַ, געפרעגט: „איר זײַט שוין געווען בײַ דעם ג ב א י פ ו ן ח ב ר ה ק ד י ש א?" — „נײַן", — האָט פײַוועל געענטפערט. — מען דאַרף געלט אויף ת כ ר י כ י ם, כאָטש אַ רובעל זעקס, און איר מוזט די ט ו ב ה טאָן און געבען". זעליק האָט פײַווּלען אַ צײַכען געגעבען, ער זאָל נישט רעדען אַזוי הויך פאַר'ן ווײַב; עס איז אָבער שוין צו שפּעט געווען. זי גיט אים אַ ציה בײַם אַרבעל. זי וויל אים עפּעס זאָגען אָן אַ זײַט. ער מאַכט זיך נישט הערענדיג, גיט פײַוועלען זעקס רובעל. פײַוועל מיט די ח ב ר י ם געהען אַרוים. דעמאָלט ערשט פרעגט ער, וואָס זי וויל אים זאָגען.

— ווער וועט אָפּאַרבײַטען דאָס געלט? — פרעגט זי צאַרניג. — דיר ח ל ו מ'ט זיך, אַז נאָטע לעבט נאָך?..." „נישט דײַן דאגה!" — ענטפערט ער, און גיט צו:

— ח י י מ'ל וועט אָפּאַרבײַטען; ד ו ר ה ו ל ך ו ד ו ר ב א!

י. מ. ווייסענבערג.

# צום העמערל.

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב נישטאָ,
נאַר צרות און לייד אָהן אַן עק!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
דער זייגער — ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף;
די אויגען — זיי מאַכען זיך צו.
גיב כּוחות — אָ, גאָטעניו, העלף!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגען מוז פאַרטיג שוין זיין
דער גבירה'טעס טעכטערלס שיך!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרוים.
מיין איינציגער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָהן דיר געה איך אוים!..

א. רייזען.

---

# דער מויערער.

## א.

ביינוש דער מויערער איז היינט פריילעכער ווי אַלע מאָל אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט. ער וועט אַרבייטען נישט ווייט לעבען הויף, אין וועלכען עד וואוינט, און אַז ער וועט שטעהן אין דער הייך אויף די „ריסטעוואַניעס“, וועט ער קאָנען זעהן זיין דירה. ער וועט קאָנען לוסטיג מאַכען זיך מיט זיין שרה׳לאה׳ן און שפּילען זיך מיט׳ן קליינעם „וואָזיק“, מיט זיין אינגסטער טאָכטערל, וואָס האָט נאָך אַרומגעפּויזעט. דאָס האָט אים געקיצעלט און ער האָט שוין פאַרגעניגענד געשמייכעלט. ער האָט צונויפגעקליבען זיין געצייג אונטערזינגענדיג. פאַרבייגעהענדיג האָט ער אַ קניפּ געטאָן דאָס עלטערע פינפיעריגע טאָכטערל, אַ שלעפּ געטאָן שרה׳לאה׳ן פאַר׳ן קלייד און אַריינגעכאַפּט דעם „וואָזיק׳ס“ הענטעל אין מויל. ער האָט געשטיפט.

— „נו, איצט וועלען מיר הולכ׳ן“, — האָט ער געזאָגט און אַרויפגעלייגט דאָס זעקעל מיט די געצייג אויף די אַקסלען. ער האָט אַנגעקוקט די דריי טעכטער און אַרומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע שרה־לאה׳ן, וואָס האָט אים באַגלייט ביז דער טיר מיט אַ גלאָז טיי אין דער האַנט.

ער האָט צענויפגעלייגט די ליפּען, ווי אויף אַ קוש צו טאָן, נאָר ער האָט נישט אַ קוש געטאָן. ער האָט נאָר אויסגעשאָסען מיט די ליפּען איר אין געזיכט: „פּר־פּו!"

די קינדער האָבען זיך צעלאַכט.

„פּו!" — האָט דאָס „וואָזיק" איבערגעמאַכט, פּויזענדיג איבער דער פּאַדלאָגע.

— „גערה שוין, גערה, מ ש ו ג ע׳נער!" — האָט ש ר ה־ל א ה אַרויסגערעדט מיט ליבע.

ער איז אַרויס.

— „גערה געזונטערהייט", — האָט זי אים נאָכגערעדט. זי האָט גע־וואָלט אים נאָך עפּעס זאָגען: עס האָט זיך איר געוואָלט מיט אים רע־דען, נישט אָפּלאָזען אים אַזוי גיך.

— „ווען זאָל איך דיר ברענגען וואַרמעס?" — פרעגט זי אים, אַרויסגעהענדיג נאָך אים, כאָטש זי ווייס שוין גאַנץ גוט די ש ע ה.

— „נישט פריהער, נישט שפּעטער", — וויצעלט ער זיך. געהט זיין וועג און קוקט זיך נישט אום.

— „ביינוש, וואַרט!" — שרייט זי אים נאָך אין הויף. — „וואָס אַנטלויפסטו אַזוי?"

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקערט זיך צו איר מיט׳ן פּ נ י ם. זי איז צו אים צוגעגאַנגען.

— „טאָמער וואָלט געווען אַ ס ב ר א, אַז היינט זאָלסטו גאָר קומען אַהיים וואַרמעס עסען? דאָ דערביי דאָך."

—„דאָס איז אַ פּלאַן!" — האָט ער געענטפערט. — „גוט, מיר וועלען שוין זעהן".

און זיי זיינען זיך צעגאַנגען. און ביינוש איז געגאַנגען און גע־טראַכט, וואָס טוט מען עפּעס אָפּ פאַר אַ שפּיצעל פון די ריסטעוואַניעס.

ב.

אין דער זעלבער גאַס, אויפ׳ן דריטען הויז, לינקס פון דעם הויף, אין וועלכען ביינוש האָט געוואוינט, האָט מען אַרויפגעשטעלט אַ פערטען עטאַזש. שטעהענדיג אין דער הייך אויף דער לינקער זייט פון מויער, האָט מען געקאָנט זעהן ביינושעס הויף, ווי אויף דער האַנט. מען האָט געזעהן, ווער עס געהט אַרויף און אַראָפּ אין הויף. ביינושעס ד י ר ה איז געווען פּונקט אַנטקעגען מיט דעם איינציגען פענסטער צום הויף: מען האָט א פ י ל ו געקאָנט זעהן, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין צימער.

ביינוש איז אומגעדולדיג געווען ביי דער אַרבייט: מען האָט ערשט געמויערט דעם פראָנט. ער פלעגט זיך אָפּרייסען פון דער אַרבייט, צוגעהן צום לינקען עק פון די ריסטעוואַניעס, אַ וואָרף טאָן אַ בליק אויף זיין הויז און אָהן ה ש ק אומקערען זיך צוריק צו דער אַרבייט. דער קאָפּ איז אים פאַרנומען געווען מיט׳ן געדאַנק, וואָס טוט מען אָפּ פאַר אַ שטיק. וואַרפען אין איר מיט אַ שטיקעל ציגעל? נאַטירליך

וועט ער איר נישט טרעפען אין קאָפּ, נאָר גאַנץ אונטען אין פאַרטוך. דאָס וואָלט געוועזען אַ פיין גלייכוועדטעל. און אָ פּ ש ר שטעלען איר אַ פייג? אָדער גאָר מאַכען איר אַ לאַנגע נאָז? ער לייגט די ציגעל, שיט די וואַפנע און טראַכט און שמייכעלט. אים טוט ה נ א ה דאָס שטיק, וואָס ער וועט אָפּטאָן.

ער האָט אָפּגעאַרבייט אַ פּאָר ש ע ה און מער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען. ער איז צו צום עק ריסטעוואַניע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער זייט אָן דעם שטעהענדיגען זייל און דעם רעכטען פוס אויסגעשטרעקט אויף הינטען.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פענסטערל. טאָמער וועט ער דער־זעהן ש ר ה־ל א ה'ן. נאָר די זון האָט געשיינט אין די שויבען און ער האָט גאָר נישט געקאָנט זעהן. דאָס האָט אים אַ ביסעל פאַרדראָסען. ער האָט אָנגעהויבען אומצוואַרפען מיט דער רעכטער האַנט: טאָמער קוקט ש ר ה־ל א ה אין פענסטער, וועט זי אים באַמערקען. ש ר ה־ל א ה, וועלכע פלעגט אויך אָפט צוגעהן צום פענסטער, טאָמער וועט זי דערזעהן ביינושען, האָט אים טאַקע באַלד באַמערקט און איז געשווינט אַרויס פון שטוב. ער האָט איר אַרויסגעשטעקט אַ צונג. זי האָט זיך צעלאַכט און אָנגעהויבען מאַכען מיט די הענט — ער זאָל נישט שטעהן ביים ברעג.

— „זעה, שטעה נישט אַזוי“, — האָט זי געמאַכט מיט די ליפּען און די הענט.

ער האָט איר באַוויזען, אַז ער האַלט זיך פאַר דעם זייל און אַרויס־געשטעקט איר נאָך אַ מאָל די צונג. און אים פאַרוואָלט זיך זעהן פון דאַנען די קינדער, דערהויפּט דעם „וואָזיק“. ער באַווייזט איר מיט די הענט, זי זאָל אַרויסברענגען די קינדער.

— „דאָס וואָזיק, דאָס וואָזיק, מיר, מיר!“ — מאַכט ער מיט די ליפּען, וואַרפט אום מיט ביידע הענט, ווי צווישען זיי וואָלט ער געהאַל־טען דאָס קינד, און ווייזט אָן מיט דער רעכטער האַנט אויף זיך.

ש ר ה־ל א ה איז אַריין אין שטוב און אין גיכען אַרויס פון דאָר־טען מיט'ן „וואָזיק“ אויף די הענט און מיט ביידע עלטערע ביים קלייד.

— „אָן דער טאַטע, אָן דער טאַטע“, — זאָגט זי צו זיי און ווייזט אָן מיט'ן פינגער, וואו עס שטעהט דער טאַטע. די קינדער זוכען מיט די אויגען.

די עלטערע באַמערקט אים און הייבט אָן אונטערצושפּרינגען: „דער טאַטע! דער טאַטע!“

די אינגערע מאַכט שוין אַ ווייגענדיגען ק ו ל און פרעגט: „וואו טאַטע? וואו טאַטע?“

און דאָס „וואָזיק“ קוקט ת מ'עוואַטע אין אַלע זייטען. און ביינוש מאַכט גרימאַסען, טשמאָקעט מיט די ליפּען, פייפט און בלאָזט. ער האָט זיך גאָר פאַרגעסען, וואו ער שטעהט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז

געוועזען פֿאַרטרונקען אין זײַן גליק.

— „וואָס איז דאָס, דער האָט שוין גאָר נישט וואָס צו טאָן?“ — האָט זיך דערהערט הינטער אים אַ געשרײ. דאָס איז געוועזען דער ריאַדטשיק, וועלכער איז אַרויף מיט׳ן ב ע ל ־ ה ב י ת פֿון מויער באַטראַכטען די אַרבײַט. בײַנוש האָט אַ ציטער געטאָן, געוואָלט איבערדרייען זיך, אויסגעגליטשט זיך און...

ער איז אַראָפּגעפֿאַלען אַראָפּ.

פֿון דריטען הויף האָט זיך דערהערט אַ האַרצרײַסענדער אויסגעשריי.

ד. פּינסקי.

---

# מ ע ן ו ו אַ ר ט.

## א.

פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט. בערגשולד דעם דרוקערס אַרבײַטער האָבען שוין געענדיגט זייער אַרבײַט, וואַשען זיך אָפּ און געהען אַרוים אין פֿאָרצימער, וואָס דינט פֿאַר אַ קאָנטאָר, צו באַקומען זייער געלט.

די קאָנטאָר איז אַ קליין פֿיערעקיג צימער, צעטיילט אויף צווייען דורך אַ נידריג ווענטעל פֿון שטאַקעטלעך. הינטער׳ן ווענטעל שטעהט אַ גרויסער שרײַבטיש מיט דרײַ שטולען אַרום אים. די ווענט זײַנען פֿאַרנומען מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס ליגען אָפּגעדרוקטע ביכער. אויף דער וואַנט, לינקס פֿון טיש, הענגען אַלערליי ח ש ב ו נ ו ת, בריף, נאָטיצען, אַ ל ו ח, אַ זייגער; אויפ׳ן טיש ליגען פּאַפּירען אַ קאָנטאָרבוך, שרײַבגעצײַג.

אַז דער ב ע ל ־ ה ב י ת אָדער זײַן זון דער בוכהאַלטער זײַנען דאָ, טאָר קיין אַרבײַטער נישט אַריבער הינטער׳ן ווענטעל. נאָר איצט זײַנען די ב ע ל י ־ ה ב ת י ם נישטאָ, און די אַרבײַטער — אַ מאַן צעהן — הערשען איבער דער גאַנצער קאָנטאָר.

נ ח ו ם „קאַלאַטירע“, אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿערציג, פֿון הויכען וואוקס מיט אַ קליינעם, שיטערען, בלאָנדען בערדעל, גרויע אייגעלעך און אַ רויטליכער נאָז, אין אַ ברודיג העמד און אין אַן אַלט פֿאַרשמוצט היטעל, צעוואָרפֿט זיך אויף דעם ב ע ל ־ ה ב י ת׳ס אָרט. די אַנדערע צוויי שטולען פֿאַרכאַפּען מ א י ר און פֿײַוועל, צוויי יונגע ב ח ו ר י ם פֿון אַ יאָר נײַנצען; צוויי עלטערע אַרבײַטער, מ ש ה דער געלער און ה ל ל די לאַנגע נאָז, זעצען זיך אויף אַ גרויסער קופּע פּאַפּיר, וואָס ליגט אויף דר׳ערד. אויפ׳ן פֿענסטער זיצט, אויסגעצויגען די פֿיס, פֿישעל, אַ ב ח ו ר פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציג, מיט אַ שוואַרץ בערדעל, געדרייטע וואָנצען, אין אַ ווײַס העמד און אַ נײַעם קאַפּעליוש; ער קוקט אַרײַן אין הויף, פֿײַפֿט זיך אונטער אַ ליד און קוקט זיך נישט אום אויף דעם, וואָס טוט זיך אין קאָנטאָר.

אין טיר, וועלכע פירט אין דעם מאַשינענצימער און אויף וועלכער עס שטעהט אָנגעשריבען: „פרעמדע מענשען דאַרפען נישט אַריין“, שטעהט יאָשע „קלאַפּער“, אַ אינגעל פון אַ יאָר זעכצען, וועלכער האָט באַקומען דעם צונאָמען דערפאַר, וואָס ער לאַכט ווי געקלאַפּט. די איבעריגע שטעהען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ווענטעל.

— „ווי מיינט איר, ח ב ר ה, הײַנט וועלען מיר קריגען געלט?“

— פרעגט מ ש ה דער געלער פון דער קופּע פּאַפּיר.

— „ק ד ח ת“, — האַקט אָפּ נ ח ו ם.

— „אַז ביידע זײַנען נ ע ל ם געוואָרען, איז אַ שלעכטער ס י מ ן“, — מיינט מ א י ר.

דאָס פילען אַלע אַרבײַטער, נאָר זיי זײַנען שוין געוואוינט אָוועקצוגעהן פרײַטאָג אָהן געלט און זיי זײַנען איצט אויך „מ ו כ ן ו מ ז ו מ ן“ אָוועקצוגעהן מיט ליידיגע הענט און קעשענעס. אָבער דאָך רייצט זיי עס אַ ביסעל און עס איז אומאַנגענעם — „מולקע“, ווי זיי דריקען זיך אויס — אָוועקצוגעהן אָהן געלט.

— „נו, איז וואָס וועט זײַן? איר וועט שוין אַ מאָל געבען געלט?“— רײַסט איבער אין אַ ווײַלע אַרום די שטילקײַט אַ יונגער אַרבײַטער, וועלכער שטעהט אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ווענטעל, ווענדענדיג זיך צו נ ח ו מ׳ען.

— „געלט? אויף וואָס דאַרפסטו געלט?“ — פרעגט אים נ ח ו ם איראָניש, נאָכמאַכענדיג דעם ב ע ל־ה ב י ת׳ס ק ו ל.

— „איך דאַרף! ווי הייסט, אויף וואָס דאַרף איך?“ — רעדט ב ר ו ג ז דער אַרבײַטער.

אַלע האַלטען אײַן דעם אָטעם. מען לאַכט נישט, נאָר אַ שמייכעל צעקרימט די מײַלער. א פ י ל ו יאָשקע קלאַפּער, וועלכער לאַכט, ווען מען באַווײַזט אים אַ פינגער, האָט פאַרדעקט דאָס מויל מיט דער האַנט און שטיקט אין זיך דעם געלעכטער. מען ווייס, אַז איצט וועט זײַן אַ גאַנצער „טריאַטער“. נאָר פישעל אַליין זיצט נאָך אין דער פריהערדיגער פּאָזע, פײַפט זײַן לידעל און קוקט זיך נישט אום. ער איז אַמאָל געווען אַ כאָריסט אין אידישען טעאַטער און האַלט זיך פאַר אַ מ ב י ן אויף אַקטיאָרסקע „שטיק“. אים שטעהט נישט אָן צו לאַכען און נ ת פ ע ל צו ווערען פון „קאַלאַטירעס“ ברעכען זיך.

— „און איך זאָג, אַז דו דאַרפסט נישט“, — זאָגט נ ח ו ם פאַרטראָגען און קוקט אַרײַן מיט אַן אָנגעקנייטשטען שטערען אין אַ ח ש ב ו ן, וועלכער ליגט פאַר אים אויפ׳ן טיש. — „וועסט זיך ש ב ת באַגעהן אָהן געלט אויך... ווייניגער ע ב ר ו ת טאָן“.

— „קע־קע־קע!“ — קלאַפּט אויס יאָשקע און פאַרשווינדט אין מאַשינענצימער.

— „ס׳איז שוין מײַן זאַך“, — ענטפערט דער יונגער אַרבײַטער מיט כ ע ס און שמייכעלט, — „איר וועט פאַר מײַנע ע ב ר ו ת נישט לײַדען“.

— „און מיר וועט איר עפּעס געבען?" — מישט זיך אַרײַן ח י י ם „דראַנגײַלע", אַ זעהר הויכער און שמאָלער אַרבײַטער, פון אַ יאָר פינף און דרײַסיג, וועלכער שטעהט אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטעל.

— זאָל ער דאָס האָבען, וואָס ער וועט אונז אַלעמען געבען", — מורמעלט פישעל פון פענסטער, ווי פאַר זיך, נישט אַפּרײַסענדיג דעם בליק פון הויף.

נ ח ו ם האַלט נישט אוים די ראָליע און צעלאַכט זיך.

די אַרבײַטער האָבען זיך גלײַך דערמאָנט, וואו זיי זײַנען אין דער וועלט, און דערפילט דאָס אומאָנגענעמע געפיל, וואָס האָט זיי פריהער געריִיצט.

— „עס ווערט שוין פינסטער, וואָס קומט ער נאָך נישט?" — פרעגט מ ש ה דער געלער אומגעדולדיג.

— „ער איז געגאַנגען געלט מאַכען, טריקענט ער איצט די פּאַפּיר־לעך"— וויצעלט זיך פײַוועל.

— „געהט אַ נאָר צו צו ריבציען אין שענק, אויב איר געפינט אים נישט דאַרטען," — זאָגט נ ח ו ם.

— „אַז עס וואָלט געווען אַ רעכטע ח ב ר ה, וואָלט מען געדאַרפט געהן מ ק ל'ען אים",—זאָגט פישעל מיט פאַראַכטונג, אַלץ נאָך קוקענדיג אין פענסטער.

— „קום, נו!" — זאָגט נ ח ו ם.

— „ברעך זיך, ברעך זיך, קאַלאַטירע!" — איראָניזירט פישעל. — „מיט דיר איז גוט דעם אויוועז צו פאַרשטאָפּען".

—„אַ פּטשיק!" — ניסט אוים נ ח ו ם.

פישעל הייבט אָן ווײַטער צו פײַפען.

עס ווערט אַ ווײַלע שטיל.

— „אַ, זאָל ער דאַרטען —" ברומט אַרוים ה ל ל די לאַנגע נאָז.

„וועט איר מיר שוין געבען געלט?" — פרעגט ווײַטער ח י י ם „דראַנגײַלע" נ ח ו ם'ען.

— „דו אויך?" — ענטפערט אים נ ח ו ם מיט ר ו ג ז ה. — „וויפיעל קומט דיר?"

— „שוין פאַר צוויי וואָכען".

— „דריי נישט קײַן קאָפּ! הײַנטיגע וואָך נאָך האָסטו בײַ מיר גענומען געלט".

— „איך האָב בײַ אײַך הײַנטיגע וואָך אַ קאָפּיקע נישט גענומען".

— „וואָס זאָגט מען צו אים, האַ?" — שרײַט אוים נ ח ו ם, פאַרגלאָצט די אויגען און פאַרלייגט די הענט אויפ'ן בויך. — „איך האָב אים אַליין געגעבען מאָנטאָג, אָדער מיטוואָך, אָדער דאָנערשטאָג, אָדער פרייַ... פריי... איך האָב איהם אַליין געגעבען!..."

אַלע צעלייגען זיך פאַר געלעכטער. דאָס מאָל האָט איהם הפּנים

גוט געלונגען נאָכצומאַכען דעם ב ע ל ־ ה ב י ת, ווייל דער „מ ב י ן“ פון פענסטער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איס אַ בליק און אויך צע־שמייכעלט זיך. נ ח ו ם אַליין שטאַרקט זיך נישט אַ שמייכעל צו טאָן.

— „אָבער מיר?“ — זאָגט אַן אַנדער אַרבייטער פון ווענטעל.

— „אַנו, קומט דער פרייטאָג, איז נישט איבערצוטראָגען!“ — שפּרינגט אויף נ ח ו ם.

— „זאָל שוין זיין אַ מאָל געלט, ב ע ל ־ ה ב י ת!“ — זאָגען אייני־ניגע אויף אַמאָל.

— היינט איז נישטאָ קיין געלט, ב נ א מ נ ו ת, קוילעט מיך פאַר אַ קאָפּיקע,“ — ענטפערט זיי נ ח ו ם מיט אַן אומעטיגען ק ו ל, מיט אַ געבעט.

— „היינט איז נישטאָ, פאַראַכטאָגען איז אויך נישט געווען!“

— „נו, וואָס קאָן מען מאַכען? וואָס זאָל איך טאָן? עס איז ניטאָ, איז ניטאָ.“

— „אַ שיינער ת י ר ו ץ!“

— „מען גיט מיר נישט, גיב איך אייך נישט.“

נאָר די אַרבייטער האָבען שוין געשפּילט דאָס „טריאַטער“ אָהן ח ש ק. עס איז אַלץ פינסטערער געוואָרען דרויסען און אין דער איי־גענער צייט זיינען ח ו ש כ'דיגער געוואָרען די אַרבייטערס פ נ י מ'ער. עס איז זיי אַלץ אומעטיגער און אומעטיגער געוואָרען, און זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו וואַרפען בליקען אין הויף אַריין פאַר אומגעדולד.

ב.

פאַרביי דעם פענסטער איז פאַראיבער אַ שאָטען. נ ח ו ם מיט די אַנדערע אַרבייטער שפּרינגען אַרויס פון הינטער דעם ווענטעל. מען צעשטעלט זיך מיט אַנגעקנייטשטע שטערנס און מען קוקט אויף דער טיר.

עס איז אַריין בערגשולד, אַ הויכער דיקער איד פון אַ יאָר פופציג, מיט אַ ברייטער שיווליכער באָרד. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגען ראָק און די הויזען זיינען ביי אים געווען פאַרלייגט אין די שטיוועל. אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ געבלויזט העמד און אויפ'ן קאָפּ אַ קאַפּעליוש.

— „נישטאָ נאָך מענדעל?“ — האָט ער געפרעגט, בלייבענדיג שטעהן אין דער טיר.

— „והילד איננו“, — ענטפערט נ ח ו ם.

יאָשקע דריקט נאָך שטאַרקער די האַנט צום מויל.

— „איז דאָך שלעכט!...“ — זינגט אויס בערגשולד, נעמט זיך פאַר'ן באָרד און קוקט צו דער פאָדלאָגע. — „וואָס טוט מען, קינדער־לעך, עס איז דאָך ווייטער קיין געלט נישטאָ?...“

„איך האָב זיי דאָ אַ פריהער געזאָגט“, — זאָגט נ ח ו ם, און יאָשקע הייבט אָן צו קלאַפּען. נאָר די איבעריגע זיינען שטאַרק אָנגע־דוקט.

— „אַ שײנער ת כ ל י ת איז עס,“ — זאָגט ח י י ם ב ר ו ג ז'דיג.

— „איז וואָס קאָן איך טאָן? איך בין גענוג אַרומגעלאָפען,“ — ענטפערט בערגשולד און מאַכט פאַרצװײפעלט מיט די הענט. — „עס איז שוין שפּעט, אַז נישט װאָלט מען געװאַרט אױף מענדלען. מענדעל דאַרף געװיס ברענגען געלט.“

— „נו, אודאי, װאָס האָב איך אײך געזאָגט?“ — װיצעלט זיך נ ח ו ם.

— „װער שטום אַמאָל!“ — שרײַט אױס פּישעל מיט כ ע ס. — „קאַלאַטירע!“

—„ מען זאָל אַרבײַטען און אַ קאָפּיקע נישט זעהן,“ — מורמעלט פּישעל.

— „װי הײַסט אַ קאָפּיקע נישט זעהן? דיר קומט עפּעס אַ סך?“— כאַפּט זיך אָן דער ב ע ל ־ ה ב י ת מיט פאַרדראָס.

— „איך אַרבײַט די װאָך, דאַרף איך דאָס געלט“, — זאָגט פּישעל מיט האַרץ.

— „נו, װאָס קען מען העלפען? עס איז אַזאַ װאָך געװעזען,“ — ענטפערט בערגשולד און נעמט זיך פאַר די שליסעלעך.

— „איז װאָס װעט זײַן? גיט כאָטש עפּעס געלט,“ — רעדען עטליכע מיט אַ מאָל.

— „אָבער מיר, ר ב א ב ר ה ם, װאָלט איר טאַקע געגעבען עפּעס געלט“, — װענדט זיך נ ח ו ם צום ב ע ל ־ ה ב י ת.

— „נו, נו, מאַך זיך נישט נאַריש, קאַלאַטירע,“ — שמײכעלט בערגשולד גוטהאַרציג. — „געהט, געהט מען דאַרף שוין פאַרשליסען די טיר, שוין שפּעט.“ — זאָגט ער האַרציג־װײך. — איר װעט שוין זונטאָג געװיס באַקומען אײַער געלט.“

די אַרבײַטער באַװעגען זיך פױל, שטעלען איבער די פיס און רירען זיך נישט פון אָרט. מ ש ה דער גלעזער מאַכט אַ טריט צו דער טיר, דרײט זיך צוריק אום און בורטשעט.

— „עס איז אַ גוטער פּלאַן, ב נ א מ נ ו ת. כאָטש נעם און מאַך נישט דאָס אַנדערע מאָל קײן ש ב ת.“

„אַז איך זאָג: זונטאָג — איז זונטאָג“, — פאַרזיכערט בערגשולד און עפענט די טיר. — „נו, געהט, געהט, בײַ לײַטען בענשט מען שוין ליכט. װאָס איך האָב מיך אָנגעלאָפען אַ ביסעל.“

די אַרבײַטער הײבען אָן אַהן ח ש ק אַרױסצוגעהן פון טיר.

ד. פּינסקי.

# דער משולח.

ער געהט, און דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס און די ווייסע באָרד. אַלע מאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זייט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט אַ שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דוקא איינרעדען, אַז ער טאַפּט נאָר ביי דער בוזים־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פאַרליערען! — אָט פאַר דעם מכלומר׳שט ציטערט ער.

— און אפילו עס שטעכט, איז אויך אַ נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, גענוג כוח אויף אַזאַ שליחות. אַנדערע אין מיינע יאָרען וועלען שוין קיין וויאָרסט ניט אָפּגעהן; נאָר איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענשען און פאַרדין מיר אַליין מיין ברויט... געלויבט איז גאָט, מען געטרויט מיר געלט!

— ווען איך האָב מיין אייגענס, — טראַכט ער ווייטער, — וואָס מען געטרויט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיבעציג יאָר נישט געגאַנגען; וויל אָבער דער רבונו־של־עולם אַזוי, איז אַזוי גוט!

עס הייבט אָן צו פאַלען גראָבע פלאַכעס שניי; ער ווישט זיך אַלע מאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ער — אין גאַנצען אַ האַלבע מייל, אַ וואָ! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נעהענטער ווי ווייטער! — ער דרייט זיך איבער. מען זעהט שוין אפילו נישט דעם שטאָטישען זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. „נו, שמריה, פאָר!“

און שמריה פאָרט אין דעם נאַסען שניי; די אַלטע פיס קאַפּען זיך אַריין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישט!“

גרויס, האָט אַפּנים, ביי אים געהייסען אַ שטורעמווינט; דער ווינט איז געוועזען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלייך אין פּנים אַריין, אַז עס האָט אים אַלע מאָל אָטעם פאַרפּעלט; ער האָט אים אַרויסגעטנאַרט אַלע טרערען פון די אַלטע אויגען, וואָס האָבען אים געשטאָכען ווי שפּילקעס. נאָר אויף די אויגען ליידט ער תמיד.

פאַר׳ן ערשטען געלט, פאַלט אים איין, קויפט ער זיך וועג־ברילען, — אַזוינע גרויסע, קיילעכדיגע; זיי זאָלען די גאַנצע אויגען פאַרשטעלען.

ער דאַרף אפילו אַ שטיקעל פעלצעל אויך. עס וואָלט אים לייכטער געוועזען אויף דער ברוסט... ער רעכענט איבער, אַז דערווייל האָט ער נאָך אַ וואַרימע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסען, וואָלט זי גאָר וואויל געוועזען. — ער

שמײַכעלט מיט פאַרגעניגען. „דאָס, — טראַכט ער, — איז נישט קײן הײַנטיגע קאַפּאָטע, קײַן קײַ און שפּײַ, קײַן שפּינוועבס! נאָר פאַרצײַטישער לאַסטיג; דאָס וועט מיך איבערלעבען! און אָהן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מ ע ל ה; זי צעפּליהט זיך נישט אַזוי ווי אַ הײַנטיגע ס ח ו ר ה, און פון פאַרענט פאַרלײַגט זי זיך אויף אַן אײַל!"...

— אַ פעלצעל — טראַכט ער ווײַטער — איז אײַגענטליך בעסער. אַ פעלצעל איז וואַרים, גוט וואַרים, נאָר אַלץ פריהער ברילען. אַ פעלצעל איז נאָר גוט ווינטער און ברילען דאַרף מען ת מ י ד; וואַרים זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלײַך אין די אויגען אַרײַן, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלײַבט, אַז פריהער זײַנען ברילען, דערנאָך ערשט אַ פעלצעל!

און ער שליאָפּעט ווײַטער; און דער נאַסער שנײ פּאַטשט אים אין פּ נ י ם אַרײַן, דער ווינט ווערט אַלע מאָל שטאַרקער, און די זײַט שטעכט אַלע מאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר וועלען איבערדרײען! נאָר מ ן ה ס ת ם — טראַכט ער — איז אַזוי גלײַכער: צוריק צואָוועגס וועל איך מער מיד זײַן, וועל איך אים דעמאָלט האָבען פון הינטען! אָ, דעמאָלט וועט עס גאָר אַנדערש געהן! אַלץ פאַרזאָרגט! גרינג אויפ'ן האַרצען!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען אַ ר ג ע און דעם אָטעם כאַפּען. דאָס שרעקט אים אַ ביסעל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשעהן? ווײניג פרעסט און ווינטען האָב איך אויסגעהאַלטען אַלס קאַנטאָניסט? — פרעגט ער זיך טרויעריג און האַלב דערשראָקען.

און ער דערמאָנט זיך זײַן „סלוזשבע" אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פינף און צוואַנציג יאָר רײנע „סלוזשבע" אונטער דער ביקס, ח ו ץ די קינדערשע יאָרען אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך גענוג אָנגעגאַנגען אין זײַן לעבען, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שנײ און פראָסט און אַלערלײ זאַווערוכעס. און וועלכע שנײען, וועלכע פרעסט! די בײמער פלעגען פּלאַצען, פײגעלעך פלעגען טויטע אַראָפּפאַלען אויף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פריש, לעבעדיג, און נאָך דערצו אַ לידעלע געזונגען, מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און דרײַסיג יאָר אויסגעהאַלטען די פאַרצײַטיגע „סלוזשבע", אויסגעשטאַנען אַלע צ ר ו ת, אַלע שנײען, אַלע ווינטען, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויטען, און אַ געזונטער אַהײם געקומען — דער געדאַנק מאַכט אים גרויס! ער הײבט אויף דעם קאָפּ מיט ג ד ל ו ת און געהט מיט נײַעם כ ו ח.

ער געהט; דער ווינט ווערט אַ ביסעל שטילער עס ווערט אַלע מאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג, — טראַכט ער, — אַ ט ל ־ ו מ ט ר'ל!... און

ער הייבט זיך אן מער צו יאגען, עס זאל אים נישט די נאכט באפאלען.

ער פילט א ביסעל הונגער, און א טבע האט ער, אז ווען ער
ווערט הונגעריג, ווערט ער לוסטיג! ער ווייס, אז אפעטיט איז א גוטע
זאך; זיינע סוחרים, וואס שיקען אים אין שליחות, ווייזען
תמיד נאר אויף דעם, וואס זיי זיינען קיינמאל ניט הונגעריג! ער
האט, ב"ה, אפעטיט! אויסער, אז ער איז נישט בקו־הבריאה
ווי, למשל, נעכטען; ער איז קראנק געוועזען, האט זיך אים גע־
דאכט, אז דאס ברויט איז זויער.

— נאר געלויבט איז דער, וואס ער איז ניט ווערט זיין נאמען צו
געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטען!

אצונד האט ער אויך אפעטיט; ער האט אפילו אין קעשענע
ברויט מיט א שטיקעל קעז... דאס שטיקעל קעז האט אים דעם סוחר'ס
ווייב געגעבען, לעבען זאל זי און געזונט זיין! זי איז טאקע א בעל־
צדקה, זי האט א אידיש הארץ.

— זי זאל נאר נישט אזוי קללה'ן, — טראכט ער, — וואלט
זי געוועזען גאר א וואוילע אידענע!... ער דערמאנט זיך אן זיין גע־
שטארבען ווייב.

— גאר מיין שפרינצע! זי האט אויך געהאט א גוט הארץ און
אזא טבע צו קללה'ן! וואס פאר א קינד איך האב אוועקגע־
שיקט אין דער וועלט אריין, האט זי געוויינט ווי א ביבער, כאטש אין
דער היים האט זי זיי געשאלטען מיט טויטע קללות! ווער שמו־
עסט, — דערמאנט ער זיך, — אז איינס איז געשטארבען! זי האט
זיך געווארפען גאנצע טעג ווי א שלאנג אויף דער ערד, געהאקט זיך
מיט די פויסטען אין קאפ אריין.

איינמאל האט זי גאר געוואלט ווארפען א שטיין אין הימעל אריין!

„א שיינע גבורה האט געשטעקט אין דער שפרינצען! עס
האט זיך געדאכט א פליג, און אזא כוח, אזא כוח!..."

— פארט, זי זאל עס מיר מוחל זיין, א גוטע געוועזען! זי
האט אפילו מיך אויך נישט פיינט געהאט, כאטש זי האט
מיר קיינמאל קיין גוט ווארט נישט געגעבען!

— פע! — האקט ער זיך אליין איבער די געדאנקען, — וואס
מיר קומט אלץ אין קאפ אריין, דורך די פוסטע זאכען געה איך פא־
מעליך.

— נו, זעלנערישע פיס, טראגט ווייטער! — קאמאנדירט ער מיט
זיך.

ער קוקט זיך אום — ארום און ארום שניי; אויבען א גראהער הי־
מעל מיט שווארצע שמאטעס געלאטעט. — גאר מיין אונטערשטע
קאפאטע! — טראכט ער.

דערווייל נעמט א פראסט. די בארד און די וואנסעס זיינען אייז.
אין גוף איז אפילו נישקשה, דער קאפ איז גאר ווארים,

אויפ'ן שטערען פילט ער טראָפּען שווייס; נאָר די פיס ווערען וואָס אַ מאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט. ער האָט דאָך ח ש ק זיך אָפּצורוהען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָפּ־רוהען ביי אַ ש ל י ח ו ת פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מ ו ד ה זיין, אַז ער איז אַן אַכציגער און עס איז שוין ציים דערויף.

ניין, ער מוז געהן... נאָר געהן... כ ל ־ ז מ ן מען געהט, געהט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם י צ ר ־ ה ר ע און מען רוהט זיך אָפּ, ווערט מען שוין אַ ליים!

— מען קען זיך גלאַט פאַרקילען. — שרעקט ער זיך אַליין איבער און וויל זיך אַלץ אויסרעדען דעם שטאַרקען ח ש ק צום אָפּרוהען.

— נישט וויים שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך ציים האָבען!

— דאָס טראַכט ער — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל נישט געהן גלייך צום פ ר י ץ... ביים פ ר י ץ מוז מען וואַרטען אַ ש ע ה אין דרויסען... נאָר גלייך צום אידען.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער, — וואָס איך האָב נישט קיין מ ו ר א פאַר דעם פ ר י צ'ס הונט; פון דעסטוועגען, ביינאַכט, אַז מען לאָזט אָפּ דעם בורען איז פאָרט אַ ס כ נ ה; איך האָב מיט א פ י ל ו מיין וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז. פאָרט בעסער פריהער אויס־רוהען די ביינער! איך וועל מיר פריהער געהן אַריין צום אידען אָנ־וואַרימען זיך, וואַשען, עפּעס עסען...

און עס קומט אים וואַסער אין מויל אַריין; ער האָט פון אין דער פריה אָן נישט געגעסען. נאָר דאָס איז אַ קליינינקייט, אים אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריג; ער האָט ה נ א ה דערפון: אַז מען איז הונ־געריג, איז אַ ס י מ ן, אַז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אינגאַנצען אַ צוויי ווערסט; ער זעהט שוין אַרום דעם פ ר י צ'ס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס געהען נישט, זיי ווילען זיך ד ו ק א אָפּרוהען!

— און ווידער פאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל זיך אַביסעל אָפּרוהען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! א פ ש ר יאָ? לאָז מיך נאָר פּראָוּוען! אַזוי לאַנג פאָלגען מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אַ מאָל פאָלגען!

און ש מ ר י ה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ בערגעל שניי. אַצונד הערט ער ערשט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים ווי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פּרעמד געלט! ער קאָן בלייבען, ח ס ־ ו ש ל ו ם, ח ל ש ו ת...

און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער געהט נישט! און א פ י ל ו עמיץ זאָל געהן, וועט אים אויך נישט איינפאַלען אַז איך האָב געלט ביי מיר... מישטיינס געזאָגט, ווער מען מע געטרויט

געלט!... נאָר אַ קאָפּ זיצען, דערנאָך געה!

נאָר די ברעמען פאַלען אים צו ווי בליי.

— נײַן, הײב זיך אויף, ש מ ר י ה! קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירען קען ער נאָך, אָבער אויספירען נישט; ער קען זיך נישט רירען. אים דאַכט זיך דאָך, אַז ער געהט, אַז ער געהט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעהט ער שוין אַלע הײַזלעך... דאָ וואוינט אַנ־טעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט בײַ זיי פורען... צום אי־דען איז נאָך ווײַט, נאָר גלײַכער צום אידען... און אים דאַכט זיך, אַז ער געהט צום אידענס הײַזעל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל ווײַטער, ווײַטער... מ ן ה ס ת ם דאַרף אַזוי זײַן... עס ברענט דאָרט אַ פרײליך פײַערל אויפ'ן קוימען — דאָס גאַנצע פענסטערל איז לוסטיג און רויט: די גראָבע מירעל שוימט אַ ו ד א י אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפּעל און זי איז אים שטענדיג מ כ ב ד מיט אַ קאַרטאָפּעל; אַ פאַרגעניגען אַ הײסע קאַרטאָפּעל! — און ער רוקט זיך ווײַטער. אַזוי דאַכט זיך אים, ה נ ם ער זיצט אויף אײן אָרט.

דער פראָסט האָט אַ ביסעל געלאָזט; עס הײבען אָן פאַלען ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

אים איז, אַ פּ נ י ם, אויך וואַרימער געוואָרען אין דער שניי־קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין בײַם אידען אין שטוב. מירעל זײַערט די קאַרטאָפּעל; ער הערט, ווי דאָס וואַסער גיסט זיך, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פון זײַן לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. י ו נ ה געהט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז; זײַן שטײגער איז צו זינגען נאָך מ ע ר י ב, ווײַל דעמאָלט איז ער הונגעריג און מאַכט אַלע מאָל: „נו, מירעל!“

נאָר מירעל יאָגט זיך נישט: „פּאַמעליך טוט זיך בעסער!“

— צי שלאָף איך און עס ח ל ו מ'ט זיך מיר? — ווערט ער ראַפּטאַם פרײליך־דערשראָקען. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן זײַן עלטערער זון... ח נ ה! ח נ ה! אַ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר ח נ ה דערקענט אים נישט, און ער מאַכט זיך נישט ווויסענדיג... כאַ, כאַ, כאַ! ער דערצײלט י ו נ ה'ן, אַז ער פאָרט צום טאַטען; ער פרעגט אויס אויפ'ן טאַטען, ער האָט דעם טאַטען נישט פאַרגעסען! און י ו נ ה זאָגט אים נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפ'ן באַנק־בעטעל!... מירעל האָט צו טאָן: זי איז פאַרנומען בײַ די קאַרטאָפּעל, זי וועט נישט מ פ ס י ק זײַן; זי שמײכעלט נאָר, זי רײַבט די קאַרטאָפּעל מיט'ן גרויסען היל־צערנעם לעפעל און שמײכעלט!

— אָה! ח נ ה מוז זײַן רײַך, גאָר רײַך! אַלץ איז אויף אים גאַנץ, און אַ קײט!... א פ ש ר טאַמבאַק? נײַן, אַ ו ד א י גאָלד! ח נ ה וועט נישט טראָגען קײַן טאָמביקענע קײט, ח''ו... כאַ! כאַ! כאַ! — ער גיט אַ קוק אויפ'ן פּיעקאָליק... כאַ! כאַ! כאַ! — ער פּלאַצט שיר

פּאַר געלעכטער. יעקעל, בערעל, ז כ ר י ה... אַלע דרײַ... כאַ! כאַ! כאַ! זײ האָבען זיך באַהאַלטען אויפ'ן פּיעקאַליק. דאָס איז ג נ ב י ם! כאַ! כאַ! כאַ! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי וואָלט כאַטש אויך האָבען דאָס נ ח ת!" דערווײַל באַשטעלט ח נ ה צווײ גענז. „ח נ ה! ח נ ה! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!..." — און אים דוכט זיך, אַז ער צוקושט זיך מיט ח נ ה'ן...

— הערסטו, ח נ ה, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָל דיך זעהן!... יעקעל, בערעל, ז כ ר י ה! אַראָפּ פון פּיעקאַליק! איך האָב אײַך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט קו־מען! אַ ו ה א ־ ר א י ה, איך האָב אײַך מיטגעברענגט קעז, אַ מ ת'ן שאָפּענען קעז! זעהט נאָר, קומט קינדער! איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט וואָס? אַ פ ש ר נישט? א מ ת, אַ שאָד די מאַמען!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיער קינדער האָבען אים אַרום־גערינגעלט און האַלטען אים און קושען און דריקען זיך צו אים צו.

— נאָר וואָלנע, קינדערלעך, וואָלנע! דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין שוין נישט קײַן יונגער מאַן, איך בין אַן אַכציגער!... וואָלנע, איר דושעט מיך, וואָלנע, קינדערלעך... אַלטע בײנער! וואָלנע, איך האָב געלט אין קעשענע! מיר, ב"ה, געטרויט מען געלט!... גענוג, קינדערלעך, גענוג!...

און עס איז געוועזען גענוג... ער איז געבליבען פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אויף דער בוזים־קעשענע.

י. ל. פּרץ.

---

# ד ע ר ט ר ע ג ע ר.

מ ש ה ־ א ה ר ן דער טרעגער געהט אַרום אַ בלײַכער איבער'ן טראָטואַר און וואַרפט אומעטיגע, וויינענדיגע און פרעגענדיגע בליקען אויף יעדען פאַרבײַגעהער. ער געהט צו צו אײניגע קראָמען, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרײַן, פרעגט מיט זײַן טרויעריגען בליק אויף אַרבײַט פאַר זיך און, נישט באַקומענדיג קײַן ענטפער, געהט ער אַוועק.

„וואָס גוטס, מ ש ה ־ א ה ר ן?"—פרעגט אים אַ קרעמער, אַ קײַלעכ־דיגער איד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ סאַמעטענעם היטעל.

— אָט, צו איז נישטאָ עפּעס וואָס אָפּצוטראָגען." — ענטפערט ער און קוקט אַרײַן אין קראָם.

ער געהט ווײַטער.

„וואָס דאַרפסטו?" — באַגעגענט אים מיט ר ו ג ז ה אַ קרעמערין, וועלכע האָט געהאַלטען אין רעדען מיט איר מאַן אויף גאַנץ הויכע טענער.

— „אַט גאָרנישט...“ — שטאַמעלט ער — „עפּעס וואָלט איך אָפּגע־טראָגען“.

„אַז מען וועט דאַרפֿען, וועט מען דיך געפֿינען“, — שרייַט זי אויס מיט דעם זעלבען טאָן און נעמט זיך ווידער צום מאַן.

מ ש ה ־ א ה ר ן זיפֿצט שווער אָפּ, און זייַן געזיכט ווערט נאָך טרויעריגער. ער געהט צוריק צום עק גאַס, וואו עס שטעהען נאָך אַ ס ך טרעגער. זייַן אומגליקליך געזיכט וואַרפֿט זיך זיי אין די אויגען.

„וואָס איז עס מיט דיר, מ ש ה ־ א ה ר ן?“ — פֿרעגט אים איינער און זאָגט דערבייַ אַ פּאָר גראָבע וויצען.

— „וואָס זאָל זייַן?“ — רעדט ער אַרויס מיט האַרץ און קערט אום דאָס געזיכט צו די ח ב ר י ם. — „וואָס זאָל זייַן, אַז מען עסט דעם פֿערטען טאָג נאָר טרוקען ברויט? וואָס זאָל זייַן, אַז פֿערטען טאָג אַז מען פֿאַרדינט נישט?!“

ער קוקט אַ ווייַלע אויף די ח ב ר י ם מיט ביטערקייַט און קערט אָפּ פֿון זיי דאָס געזיכט.

די ח ב ר י ם בלייַבען שטיל. קיינעם ווילט זיך שוין נישט גלייַכווערטלען, און מען קוקט אַריין אין גאַס מיט אַ שווער געמיט. עס הערען זיך שווערע זיפֿצען.

„איך האָב שוין אויך אַנדער טאָג אַ גראָשען נישט פֿאַרדינט“, — רייַסט איינער איבער דאָס שווייַגען.

קיינער ענטפֿערט נישט אַ וואָרט. מען זיפֿצט נאָר שווער אָפּ און מען צעגעהט זיך. מ ש ה ־ א ה ר ן הייבט ווייַטער אָן אַרומצודרייען זיך צווישען די קראָמען.

„מש׳ א ה ר ן! מ ש׳ א ה ר ן!“ — רופֿט אים אַ ווייַלע שפּעטער אַ טרעגער, — „געה, ס׳איז דאָ אַ קאַסטען אָפּצוטראָגען. געה, נעם... בייַ זאַלצבערגען. האָסטו כ ו ח?“

— „ס׳וועט זיך געפֿינען!“ — ענטפֿערט ער און אייַלט אַוועק.

אַ זעקס־פּודאָווער קאַסטען. ער קאָן אים קוים רירען פֿון אָרט. ער שטעהט אַ ווייַלע און קלערט, צי זאָל ער אים נעמען, צי נישט. אין קראָם מיינט מען, אַז ער באַקלערט, ווי בעסער אויפֿצוהייבען די מ ש א.

„שטעל אים אַרויף אויפֿ׳ן גרויסען זאַק,“ — ראָט אים דער מ ש ר ת און ווייַזט אים אָן אויף אַ זאַק מיט שטריק, נישט ווייַט פֿון קאַסטען.

בייַ אים בלייַבט צו נעמען דעם קאַסטען: זאָל ער אים נאָר האָבען אויפֿ׳ן רוקען, וועט ער שוין געהן.

— „קום, העלף אַרויפֿשטעלען.“ — ווענדט ער זיך צום מ ש ר ת.

„און אַליין?“ — זאָגט דער מ ש ר ת און געהט פון דעםטוועגען העלפען.

ביי די ערשטע פאַר טריט איז מ ש ה ־ א ה ר ן שיר נישט אומגעפאַלען.

„ש י כ ו ר ביסטו, וואָס?“ — שרייט מען אים פון קראָם.

— „יאָ, ש י כ ו ר!“ — ברומט ער אָפּ און געהט אוועק.

דער טרעגער, וועלכער האָט אים איבערגעגעבען דעם קאַסטען, באַגעגענט אים און פרעגט מיט ר ח מ נ ו ת:

„שווער?“

— „און אַז שווער, איז וואָס?“ — ענטפערט ער אָפּ בייז פון אונטער'ן קאַסטען.

ער קאָן קוים טריט מאַכען, נאָר ער שטאַרקט זיך. ער וועט באַר קומען צוואַנציג קאָפּיקעס.

עס הייבט אים אָן צו שווינדלען פאַר די אויגען. דאָס בלוט האָט אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ. דאָך ער געהט. ער זעהט שוין דאָס הויז, וואוהין ער דאַרף צושטעלען דעם קאַסטען.

אָבער דער שווינדעל אין קאָפּ ווערט שטאַרקער. עס דוכט זיך אים, אַז עמיץ האָט אים לייכט אַ שטויס געטאָן אין זייט, און ער פאַלט ערגעץ טיף, טיף... עס ווערט אים אַזוי גרינג אויפ'ן רוקען — ער פילט גאָר די מ ש א נישט. עס איז אים נאָר אַ ביסעל שוואַכליך ביים האַרצען, און דאָס פאַלען אין דער טיפקייט איז אויך עפּעס נישט שטאַרק אָנגענעם. עס ציטערט אין אים דאָס האַרץ, ער זאָל זיך נישט צעשלאָגען, אַראָפּפאַלענדיג. נאָר אָט דערגרייכט ער דעם גרונד פון דער טיפעניש — ער גיט אַ ציטער און גלאָצט אויס די אויגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל דאָס איז געוועזען אין כאָליערע־צייט, איז פאָרגעקומען אין גאַס אַזאַ מין געשפּרעך:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ רעדעל?“

— „אַ טרעגער איז אַוועקגעפאַלען.“

„געשטאָרבען?“

— „וואָס דען?“

„וואָס? פון כאָליערע?!“

— „ווער ווייס!“

„אַז די ק ב צ נ י ם עסען זיך אָן מיט ש ד י ם ווייסען וואָס!“

ד. פינסקי.

# חיים משרת.

## א.



ד. פינסקי.

עס איז געוועזען איינע פון יענע ווינטער־נעכט, ווען דער אָרימאַן ווערט ביי זיך שטאַרקער, און הייבט אָן מיט מער ע ז ו ת צו רעדען מיט׳ן „ס ו מ ך ד ל י ם“ און מאָנען ביי אים ה ת ח י ב ו ת.

דער פראָסט קנאַקט, ברענט. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט און הייבט אויף פון דער ערד אַ שנייענעם שטויב, טראָגט און דרייט אים אין דער לופט און שמייסט די דורכגעהער אין פ נ י ם אריין. עס פאַרכאַפּט ביי זיי דער אָטעם; דער שניי־שטויב שניידט שרעקליך אין געזיכט.

אין דער לופט טראָגען זיך אַרום טויזענטער ק ל ל ו ת דעם ווינט און דעם וועטער, און דער ווינט ענטפערט אויף זיי מיט נאָך אַ העכערען פייפען און וואָיען, מיט נאָך אַ גרעסערען שטויב.

די גאַסען ווערען ליידיגער; אַלע איילען צו באַהאַלטען זיך פאַר דעם שרעקליכען וועטער. „א ש ר י י ו ש ב י ב י ת ך!“ — ווינצלען זיך די ב ע ל י ־ ב ת י ם פון וואַרימע און ליכטיגע שטיבער און שמייכלען אונטער, ווי זיי וואָלטען געזאָגט אַ גרויסע ח כ מ ה.

„דער ווינט וועט גלאַט ניט אַראָפּ“, זאָגען אָרים און רייך: די רייכע — מיט אַ מינע פון געלערנטע ל ו ח ־מאַכער, און די איינוואוי־נער פון פינסטערע, קאַלטע און נאַסע דירות — מיט שרעק. דער אָרימאַן וואַרפט אַן אומרוהיגען בליק אויף די ציטערנדיגע שויבען און ראַמען און דערנאָך אויפ׳ן קופּקעלע קליינע נ פ ש ו ת, וואָס האָבען זיך צונויפגעדריקט אין אַ ווינקעל און פאַרקרימען די פ נ י מ׳לעך פאַר קעלט און אַנגסט ביי יעדען פייף פון ווינט.

## ב.

איינגעוויקעלט אין אַ צעריסען טוך, מיט דער מאַמעס גרויסע שיך אויף די פיס, איז געלאָפען אַ מיידעלע פון אַ יאָר צעהן־עלף איבער דער גאַס. דער ווינט פלעגט זי אַלע ווייַלע אָפּשטעלען. דאָ האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אונטער׳ן טוך, אָנגעבלאָזען עס ווי אַ זעגעל און געריסען ביי איר פון קאָפּ; דאָ האָט ער איר פאַרשאָטען די אויגען מיט שניידיגען טרוקענעם שניי; דאָ האָט ער זיך אַריינגעיאָגט צו איר אין מויל אַריין, און עס פאַרפעלט איר אָטעם. זי האָט געמוזט אַלע

וויַלע אָפּשטעלען זיך, מאַכען צו רעכט דאָס טוך, אויסרייַבען די אויגען אָדער איבערקערען זיך און כאַפּען דעם אָטעם מיט אַ קרעכץ, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט: „געוואַלד, וואָס וויל ער פון מיר? !...“

דאָך הערט זי נישט שטאַרק די קעלט. איר קעפּעל איז זעהר פאַר־נומען מיט איר ש ל י ח ו ת: זי לויפט רופען איר טאַטען אַהיים, ווייַל דער מאַמען איז עפּעס נישט גוט.

כ מ ע ט אַ דערפראָרענע איז זי אַרייַנגעלאָפען אין גרינפעלדס אייַזען־קראָם, וואו איר טאַטע ח י י ם איז געוועזען אַ מ ש ר ת.

— זעה, אין אַזאַ וועטער!“ — האָט ח י י ם דערשראָקען אויסגעשריען.

איר האָט אָנגעכאַפּט בייַם האַרצען: זי האָט זיך צעוויינט.

— „קום אַהיים, דער מאַמען איז ניט גוט!“

ח י י ם איז בלייך געוואָרען.

— „איך געה שוין, איך געה!“ — האָט ער געזאָגט. — „לויף אַהיים, ר ב ק ה׳לע!“

— „זאָלסט שוין קומען, הערסט!“ — האָט אים ר ב ק ה׳לע אָנ־געזאָגט און איז נישט ווילענדיג אַוועקגעגאַנגען.

— „איך קום שוין, איך קום שוין,“ — האָט ער געשטאַמעלט, באַ־גלייטענדיג זי ביז דער טיר.

## ג.

ער האָט זי נישט פאַרהאַלטען, זי זאָל זיך אָנוואַרימען, ווייַל ער ווייס, אַז מען דאַרף זי נויטיג אין דער היים. ער ווייס, וואָס דאָרטען טוט זיך. נאָך אין דער פריה האָט אים די ווייַב אָנגעזאָגט, אַז הייַנט פילט זי זיך זעהר שלעכט, און ער זאָל זעהן קומען וואָס פריהער אַהיים, וואָרים מאַלע וואָס מען דאַרף. דעם גאַנצען טאָג איז ער געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען; אין אָוועגט איז ער נאָך אומרוהיגער געוואָרען. מ ע ש ה ־ ש ט ן איז דער אונטער־מ ש ר ת אַוועקגעגאַנגען און זוימט זיך שוין עטליכע ש ע ה, און דער ב ע ל ־ ה ב י ת איז שטאַרק פאַרנומען מיט דעם באַלאַנס, ווי פאַר אַ באַנקראָט. ער האָט זיך פאַרמאַכט פון אין דער פריה אין צווייטען צימער, אין קאַנטאָרקע, און מען קאָן מיט אים אַ וואָרט נישט רעדען.

יעצט איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע, האָט צוגעלייגט אָן אויער צו דער טיר, נאָר ער האָט גאָרנישט געהערט. ער איז גע־בליבען אַ ווייַלע שטעהן, ניט דערוועגענדיג זיך אויפצועפענען די טיר; זייַן פּ נ י ם האָט זיך פאַרקרימט פאַר צ ע ר. ענדליך האָט ער זיך אייַנגעשטעלט און אויפגעעפענט אַ קליינע שפּאַרע. דער ב ע ל־ ה ב י ת, אַ הויכער, דיקער פינף־און־פופציגער, איז געזעסען אָנגע־שפּאַרט אָן ווענטעל פון שטול און געריכערט אַ ציגאַר.

ח י י ם האָט אַרייַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין טיר און געמאַכט אַ

ר ח מ נ ו ת ־ פּ נ י ם.

— „ב ע ל ־ ה ב י ת... הער גרינפעלד!...“ שטאַמעלט ער מיט געבעט. — „מײַן טאָכטער...“

הערר גרינפעלד האָט פאַרשטאַנען פון ח י י מ׳ס טאָן, אַז עס געהט נישט אום געשעפט, און איז געבליבען זיצען אין דער אײגענער פּאָזע, נישט אַ קער טוענדיג א פ י ל ו מיט׳ן קאָפּ אין ח י י מ׳ס זײַט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „וואָס וויל שוין די פּלאַגע?“ אַ „צופּ“ געטאָן דעם ציגאַר און אין בײגעל אַרויסגעלאָזען דעם רויך.

ח י י ם האָט ווײַטער אָנגעהויבען צו שטאַמלען זײַן ב ק ש ה, נאָר נאָך מיט אַ ציטערדיגערען ק ו ל.

„הער... הער גרינפעלד... מײַן טאָכטער, מײַן ווײַב...“

גרינפעלד האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אינ׳ם גרויסען בוכהאַלטערישען בוך, וואָס איז פאַר איר געלעגען, און אָנגעקנײטשט דעם שטערען מיט אַ פאַרטראָגענער מינע.

ח י י ם האָט נאָך אַ מאָל אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּען און אָנגעהויבען צוצומאַכען די טיר און גלײַך ווידער פאַנאַנדערגעעפענט, אַ קוק געטאָן מיט געבעט אויפ׳ן ב ע ל ־ ה ב י ת, געוואָלט זאָגען עפּעס און... איז אַוועקגעגאַנגען פון טיר, לאָזענדיג זי האַלב־אָפען. די לינקע באַק האָט אים עפּעס געפלאַמט, גלײַך עמיץ וואָלט אים געפּאַטשט; אין די אויערן האָבען אים געקלונגען אַלערלײ זידלערײַ, כאָטש קײנער האָט אים איצט אַ וואָרט נישט געזאָגט...

ער האָט פאַרבראָכען די הענט, אַז די פינגער האָבען געקנאַקט; די האָר האָבען זיך אים אויפגעהויבען, און מיט גרויס שרעק האָט ער געקוקט אויף דער גאַס־טיר, אַז אָט־אָט וועט זיך ווײַטער באַווײַזען די האַלב־נאַקעטע ר ב ק ה׳לע. ער איז עטליכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קאַנטאָרקע, ביז דער ב ע ל ־ ה ב י ת האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און צוגעמאַכט די טיר; ח י י ם האָט זיך גאָר פאַרלאָרען. דאָס פּ נ י ם האָט זיך אים פון האַרץ־ווײטאָג, פון י ס ו ר י ם, נאָך מער פאַרקרימט און איז געל געוואָרען.

ד.

אַ לאַנגע, שרעקליכע ש ע ה איז פאַרבײַ. די גאַס־טיר האָט זיך געעפענט, און ר ב ק ה׳לע איז אַרײַן. ער איז אָפּגעשטאָרבען, דערזעהענדיג זי. עס האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסען אין האַרצען.

— „איך געה שוין... איך געה שוין...“ — האָט ער אַרויסגערעדט מיט שרעק, נישט וואַרטענדיג ביז זי וועט אים עפּעס זאָגען.

— „איך געה שוין!“ — האָט זי אים איבערגעקרימט דורך טרערען — „איך געה שוין“ — און קומט נישט! די מאַמע שרײַט מיט באַנומענע ק ו ל ו ת, און מיך טרײַבט מען אַרום!... איך האָב שוין אָפּגעפראָרען די פיס, האָב איך אָפּגעפראָרען!... קום אַהײם, קום!“

האָט זי נאָך בייזער אויסגעשריען. „וואָס קאָנסטו זיך נישט אָפּרייסען, וואָס ?!... קום אַהיים, קום !..."

דאָס הארץ איז אים פארגאָסען געוואָרען מיט בלוט.

— „איך געה גלייך, איך געה..." — האָט ער געשטאָמעלט און אַ לאָז געטאָן זיך צו דער קאָנטאָרקע ; ער האָט אויפגעעפענט שוין פעס־טער די טיר און גאַנץ הויך אַרויסגערעדט :

— „ב ע ל ־ ה ב י ת, מיין ווייב איז קראַנק... איך מוז..."

דער ב ע ל ־ ה ב י ת האָט געבלעטערט דאָס גרויסע בוך. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך שטיל און קאַלטבלוטיג געענט־פערט : „זי וועט גאַנץ זיין".

ער האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערען, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ ח ש ב ו ן און דערביי געטראַכט : „דער שלים־מזל ! אַזאַ מין צ ר ה..." — ער האָט איבערגעקערט אַ בלאַט, — „אַזאַ מין שלאַק !... אַ גרויסע זאַך — די ווייב איז קראַנק ! — ווי דאָס איז אַ ביסעל טייער ביי זיך !... ער זעהט, דאַכט זיך..."

— „מיין טאָכטער איז שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל," — האָט אים ח י י ם שוין מיט אַ נידעריגערען טאָן איבערגעריסען די מ ח ש ב ו ת.

— „הער, דול מיר ניט דעם קאָפּ !" — האָט גרינפעלד בייז אויס־געשריען, אַ קער טוענדיג צו אים דעם קאָפּ.

— „ער זעהט, דאַכט זיך, ווי איך בין פארנומען !" — האָט ער מיט כ ע ס געטראַכט, דרייענדיג צוריק דעם קאָפּ, און מיט בייזקייט אַ פיר געטאָן די אויגען אויף דער געגען־וואַנט, ווי איינער וואָלט דאָרט געזעסען און ער וואָלט אים געפרעגט : „וואָס זאָגט איר צו מיין מ ש ר ת'עם קאָפּ ?"...

— „זעהט, ב ע ל ־ ה ב י ת !" — האָט ח י י ם אָנגעהויבען נאָך נידריגער, מיט מער ב ק ש ה.

— „מאַך צו די טיר, זאָג איך דיר !" — האָט יענער אויסגעשריען, איבערדרייענדיג זיך אויפ'ן שטול און אָנשטעלענדיג אויף ח י י מ'ען די בייזע אויגען. ח י י ם האָט לאַנגזאַם צוריק צוגעמאַכט די טיר.

— „נו, וועסט שוין געהן אַמאָל ?" — האָט אים געפרעגט ר ב ק ה'־לע, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט אויף אים בייז און קרום.

— „איך געה, איך געה," — האָט ער געשטאָמעלט, רויט ווערענדיג פאַר ב ו ש ה פאַר דער קליינער טאָכטער.

— „זעהסט דאָך !" — האָט ער צוגעגעבען, ווייזענדיג מיט'ן קאָפּ און מיט דער האַנט אויף דער פאַרמאַכטער קאָנטאָרקע.

— „וואָס זאָל איך זעהן, וואָס ?" — האָט די קליינע בייז געשריען,— „קום אַהיים, קום !"

— „איך געה שוין... איך געה שוין" — האָט ער קוים געזאָגט.

— „טאָ קום !" — האָט ר ב ק ה'לע אויסגעשריען מיט הארץ.

— „שאַ, שרײַ ניט אַזוי!“ — איז ער שוין בײז געוואָרען, דערמאָנענ־דיג זיך, אַז ער איז אַ טאַטע, און האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט אויף דער טיר פון קאַנטאָרקע. „געה אַהיים, געה! געה!... שרײַ דאָ נישט!“...

— „יאָ, איך האָב זעהר מ ו ר א פאַר דײַן ב ע ל ־ ה ב י ת!“ — האָט זיך די קלײנע צעשריען. — „קום אַהיים! איך וועל אָהן דיר ניט געהן!...“

ח י י ם איז צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע.

— „ער דאַרף נאָך פרעגען בײַ דעם ב ע ל ־ ה ב י ת!“ — קרימט זיך ר ב ק ה׳לע. — „מען נעמט און מען געהט!...“

ער האָט געמאַכט מיט׳ן פינגער, זי זאָל שווײַגען.

— „פש, טײַערע זאַכען?“ — האָט זי זיך ווײַטער געקרימט. — „איך האָב טאַקע אַ ס ך מ ו ר א פאַר אים“...

— „ששש!“ — האָט דער „טאַטע“ אַ מאַך געטאָן אויף איר מיט דער האַנט.

— יאָ, א ו ד א י!“ — האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו קרימען.— „קום אַהיים, קום!...“

ח י י ם האָט ווײַטער אויפגעעפענט די טיר.

— איך וועל געהן אַהיים, ב ע ל ־ ה ב י ת!“

דער ב ע ל ־ ה ב י ת האָט נישט געענטפערט, מאַכענדיג אַ ח ש ב ו ן און אונטערזינגענדיג.

— „איך מוז... דאָס ווײַב איז...“

— „מאַך צו די טיר!“ — האָט דער ב ע ל ־ ה ב י ת שטרענג געענטפערט פון בוך.

— „איך מוז געהן אַהיים! — האָט ח י י ם שוין אָנגעהויבען מיט אַ ב ר ו ג ז׳דיגען טאָן. — די ווײַב איז אַ פאַרבײַאיגע... איך מוז...“

— „מאַך צו די טיר, זאָגט מען דאָך דיר!“ — האָט גרינפעלד אויסגעשריען און אָנגעשטעלט אויף אים די אויגען.

— „איך מוז אַהיים... מײַן ווײַב...“ — איז ח י י ם געשטאַנען אויף זײַנס.

— „אַ, פאַדליעץ דו! הונט אײנער!“ — האָט זיך גרינפעלד צע־שריען, אויפשפרינגענדיג פון אָרט. — „אַרויס! דײַן פוס זאָל דאָ מער נישט זײַן!... זאָלסט מער ניט וואַגען צו קומען אין קראָם!... פאַדליעץ דו!...“

ח י י ם איז פאַר שרעק אָפּגעשפרונגען. ער האָט זיך אַ ביסעל פאַרלאָרען, נאָר גלײַך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גאַס־טיר און איז אַרויסגעלאָפען פון קראָם.

ר ב ק ה׳לע איז נאָך אַ ווײַלע איבערגעבליבען און, האַלטענדיג זיך פאַר דער טיר, האָט זי אויסגעשריען גרינפעלדען, וואָס איז געשטאַנען

אין טיר פון קאנטארקע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען פאר כ ע ס: „איר זייט אַליין אַ פּאַדליעץ! אַליין אַ הונט!“

זי האָט אויף איהם געוואָרפען אַ פייערדיגען בליק און איז מיט נ י צ ח ו ן ארויס פון קראָם.

ד. פינסקי.

---

# דער הענדלער.

מיט אַ זעקעל אין דער האַנט
געהט ער אום פון הויף צו הויף,
הייבט די אויגען אַלץ ארויף;
און ווי טרויעריג ער זינגט —
איבער׳ן גאַנצען הויף עס קלינגט:
האַנדעל, האַנדעל!

— זאָגט, ווער זייט איר, ליבער איד?
וואָס פאַרצייַלט מיר אייַער ליד?

— „כ׳וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס,
אין אַ קעלער — פייכט און נאַס,
מיט אַ גרויס געזינד!
זומער קומט דאָרט נישט אריין
פון דער ליבער זון קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינט.
כ׳געה מיין גאַנצען לעבען אום,
מ׳הערט פון מיר נאָר וואו איך קום:
האַנדעל, האַנדעל!

אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיעל,
דאָך איך טראָג זיי אין דער שטיל —
קיינער דאַרף זיי ניט.
ווען איך קום אַהיים ביינאַכט
אָפּגעמאַטערט און פאַרשמאַכט,
גיט איך זיי און גים.
עט, וואָס האָב איך זיך פאַררעדט...
האָט איר ניט אַן אַלטע בעט,
אַלטע הויזען, אַלטע שיך?
וואָס איר ווילט נאָר — האַנדעל איך.
האַנדעל, האַנדעל!

א. רייזען.

## דער נאַכט־וועכטער

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פינסטער,
טרויעריג און נאַס;
אין די הײַזער רוהען אַלע;
טויט און שטום אין גאַס.

עלענד שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הײַזער קוקט ער
ווײַמוטיג און שטום.

דאָרט אין ווײַכען, וואַרימען בעטעל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטען זײַנע בײַנער
דאָרט זיך אויסגערוהט!

און ער קלאָגט זיך פאַר'ן הימעל:
„זעה מײַן טרויער צו:
איך אַלײַן האָב גאָרנישט, — היט איך
פרעמדענס גליק און רוה!“

א. רייזען.

---

## צוויי פרויען.

באַגעגענט האָבען זיך צווײַ פרויען, גוטע פרײַנד,
אין מאַרק בײַם פולען וואָגען:
— וואָס זעהט איר מיר אוים הײַנט
אַזוי נית גוט? — האָט אײַנע
מיט מיטגעפיל געווענדט זיך צו איר ש כ נ ה.
(און צווישען אונז גערעדט —
געוועזען זײַנען בײַדע ווי די גענזלעך פעט.)
— איר וואָלט מיך גאָר נית פרעגען, ווען איר ווײַסט,
וואָס הײַסט,
אַ דינסטמײַדעל צו האָבען אין אַ הויז. —
האָט יענע אָפּגעענטפערט איר דערשלאָגען.
— איר הערט נאָר אוים:
אַט נעכטען האָט זיך דאָס מײַן מויד,
פון העלער הויט,
פאַרגלוסט צו וואַשען גרעט און באַקען ברויט.
פאַרשטעהט איר, מ ן ה ס ת ם,
דעם גאַנצען טאַראַראַם,
וואָס איז פון פריה ביז שפּעט בײַנאַכט געוועזען אין הויז.

א גאַנצען טאָג בין איך אין ערגעץ ניט אַרוים,
געזעסען
און נאָכגעקוקט איר, ווי זי טוט.
עס האָט מיר, זאָג איך אייַך, ביז טויט דערעסען.
דאָס גראָד: זי האָט בייַ מיר א ווייַלע ניט גערוהט
און האָט געאַרבייַט ווי אַ ש ד;
בייַ איר האָט דאָרטען אין די הענט
געבּרענט!
זי האָט די גרעט
צעוואַשען זילבער־רייַן
און שייַן
און אָפּגעבּאַקט דאָס ברויט, ווי אויפ׳ן זון.
און איך, — איז ווי איר זעהט, בין הייַנט דערפון
א קראַנקע; קוים נאָר וואָס איך שטעה
און געה.
די דינסטען, הערט איר, טרייַבען מיך אַרייַן אין גרוב...
די צווייטע פרוי, וואָס האָט די גאַנצע צייַט געשוויגען,
האָט צוגעגעבען מיט דעם זעלבען נ י ג ו ן:
— אַ קלייניגקייַט, צו אויסהאַלטען אַ שטוב!...

---

גאַנץ אָפט באַגעגענען זיך מיר
מיט מענשען פון דעם זעלבען שניט:
זיי טוען זיך אַליין צו קיין זאַך ניט אַ ריר
און ווערען נאָר פון יענעמס אַרבייַט מיד.

נחום יערוסאַלימטשיק.

---

## מייַן אינגעלע.

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פייַן!
ווען איך דערזעה אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מייַן.

נאָר זעלטען, זעלטען זעה איך אים,
מייַן שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים אימער שלאָפענדיג,
און זעה אים נאָר בייַנאַכט.

די אַרבייַט טרייַבט מיך פריה אַרוים
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מייַן אייגען לייַב!
אָ, פרעמד מייַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהײט אהײם,
אין פינסטערניש געהילט;
מײַן בלײַכע פרוי דערצײלט מיר באלד,
ווי פײַן דאס קינד זיך שפילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אַ, מאמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און אײַל — עס מוז —
יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
די פאטער־ליבע פלאַקערט אויף:
עס מוז מײַן קינד מיך זעהן!...

איך שטעה בײַ זײַן געלעגערל,
און זעה, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באוועגט די ליפּעלעך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אײגעלעך,
זײ עפנען זיך — „אַ, קינד!"
זײ זעהען מיך, זײ זעהען מיך,
און שליסען זיך געשווינד.

„דאָ שטעהט דײַן פּאַפּאַ, טײַערער,
אַ פּעניל עדיר, נאַ!"
אַ טרוים באוועגט די ליפּעלעך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלײַב צעווײטאָגט און צעקלעמט,
פאַרביטערט, און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אמאָל, מײַן קינד,
געפינסטו מיך ניט מער..."

מ. ראָזענפעלד.

---

# דײַנע בלימלעך טוים.

פעלד־בלימלעך, מאָן־קעפּלעך און זאַנגען —
פלאַנץ זײ אויף'ן ווײַסען לײַווענט,
פלאַנץ דעם רעשט פון פעלד־ח ל ו מ ו ת
מיט אַ טרײסעלדיגער נאָדעל...

אויפ'ן טישטוך וועלען שטעהן באַקאַלען
מיט שוימיגע געטראַנקען,

אַרום טישטוך וועט מען זינגען;
און דײַנע פעלד־בלימלעך, מאַן־קעפּלעך און זאַנגען
יועלען ליגען טויטע אויפ׳ן ווײַסען לײַווענט.

יהואָש.

## ווײַ איז יענעם.

ווײַ איז יענעם אויף דער וועלט,
וועד זײַן הויז אָהן משפט שטעלט
און דעם חבר אויסגענוצט;
און די צימערן פאַרפוצט,

און די ווענט געפאַרבט פאַרשידען
מיט דער אַרבײַט פון דעם מידען.
ניט קײַן פאַרב איז דאָס, נאָר בלוט!
ווײַ איז יענעם, וועד דאָס טוט...

א. רייזען.

## און דו אַקערסט.

און דו אַקערסט, און דו זײַסט,
און דו פיטערסט, און דו נײַסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מײַן פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

וועבסט דײַן וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונז אײַזען פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אַרײַן,
פול מיט תבואה און מיט ווײַן.

נאָר — וואו איז דײַן טיש געגרײַט?
נאָר — וואו איז דײַן יום־טוב קלײַד?
נאָר — וואו איז דײַן שאַרפער שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

שאַפסט אונז אוצרות אָהן אַ שיעור,
אַלעסדינג, נאָר ניט פאַר דיר.
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קײַט.

מאַן פון אַרבײַט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דײַן גרויסע מאַכט!
ווען דײַן שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטעהען אַלע רעדער שטיל!...

בן־אהוד, פון הערוועג.

# פאַרטײַטשונג פון די שווערע ווערטער, וואָס גײען אַרײַן אין דעם בוך.

אָבינו מלך — דער אָנהייב פון אַ אידיש פאָלקס־לידעל.

אָבל — איינער ביי וועמען ס׳איז ניט לאַנג געשטאָרבען זעהר אַ נאָהענטער אייגענער.

אגב — פאַרבייגעהענדיג.

אדוני — גאָט.

אוואַנס — פאָרויס.

אוטשאַסטאָק — פאָליציי־צירקעל.

אויסריסעווען — אויסמאָלען.

אומה — פאָלק.

אומרוה — פערפענדיקעל פון זייגער.

אות־זכרון — אַן אָנדענקונגס־צייכען.

אחד — איינער.

אַטכייען זיך — כאַפּען דעם אָטעם, אָפּלעבען.

אַיינגעהאָרבעט — אַיינגעהויקערט, איינגעדרייט.

אַיינגעווייט — געהייליגט.

אַיינליוליען — אַיינוויגען.

אַיינרוסען — פאַרשוואַרצען.

אימפּעט — שנעלקייט, אינערציע.

אם ירצה השם — אַז גאָט וועט וועלען.

אין יוצא ואין בא — קיינער געהט ניט אַוועק, קיינער קומט ניט.

אין קול ואין עונה — עס הערט זיך ניט קיין קלאַנג.

איראָניש — מיט אַ געלעכטער, מיט חוזק.

אישה — אַ פרוי.

אַכזר — אַ האַרטהאַרציגער מאַן.

אלף אַלפי הבדלות — טויזענט מאָל אונטערצושיידען.

אָמן סלה — הלואַי זאָל אַזוי זיין; עס איז אַזוי.

אַנגסט — שרעק.

אַסטראָג — טורמע, געפענגעניש.

אָפּקאָשען — אָפּשניידען.

אַרויספּיקען זיך — אויסשיילען זיך.

אָרון־קודש — דער אַלמער מיט די ספר־תורות.

אַשרי יושבי ביתך — וואויל איז די, וואָס זיצען אין הויז.

באַגרייפען — באַנעמען, פאַרשטעהן.

באָטאַניקער — איינער, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט פלאַנצונגען.

באַטאַרעע — עטליכע קאַנאָנען אין איין פלאַץ.

באַלאַנס — חשבון, סך־הכל, רעכנונג.

באַלזאַם — גוט שמעקענדיגע סמאָלע.

באַליע—מולטער, כלי צו וואַשען גרעט.

באַלעמער — בימה אין מיטען שול.

באַלען — צונויפדריקען.

באַנדורע — גרויסער מוזיקאַלישער אינסטרומענט; באַס.

באָנדעל — פעקעל.

באַצווינגען — נייטען.

באָקאַל — וויין־גלאָז, קעלישיק.

באַר — שענק, וויין־קעלער.

באַשטאַטען — באַהאַלטען.

באַשירמען — באַשיצען.

באַשר־בכן — וואָס איז?

בגילוי־הראָש — מיט אַ הויעלען קאָפּ.

בדחן — אַ רעדנער אַ וויצלינג.

בדלות ווערען — אָרים ווערען; אומגליקליך ווערען.

בהמה בצורת פערד — אַ גרויסער נאַר.

בודק זיין — נאָכזוכען.

בזה הרגע — אין דעם אויגענבליק.

בידיעה — וויסענדיג, באַוואוסטזיניג.

בידנער — אָרימער, אומגליקליכער.

ביזי — פאַרנומען, באַשעפטיגט.

בין־הזמנים — וואַקאַציעס צווישען צוויי לערן־טערמינען.

בין מנחה למעריב — אין אָוועגט, צווישען מנחה און מעריב דאַווגען.

בירקע — בעריאָזע־בוים.

בית־דין של מעלה — דאָס הימלישע געריכט, גאָט.

בכבודו ובעצמו — ער אַליין.

בלאַנק — בלישטשענדיג.

בלאָנקען (זיך) — אומוואַנדלען, בלאָנדזשען, וואַנדערן.

ב ל ב ו ל — אַן אויסגעטראַכטע זאַך; אַ פאַלשע באַשולדיגונג.

בליץ־לאָמפּ — אַ לאָמפּ מיט אַ שפּיגל־צודעק, וואָס גיט דעריבער פיעל ליכט.

ב נ א מ נ ו ת — מעגסט מיר גלויבען.

ב ן ־ ת ו ר ה — אַ געלערנטער.

ב ע ל ־ ד י ן — איינער וואָס משפּט זיך.

ב ע ל ־ ד ר ש ן — רעדנער.

ב ע ל ־ ה ע ז ה — אַ פרעכער יונג, וואָס רעדט אַנטקעגען.

ב ע ל ־ ח ש ק — איינער וואָס וויל לערנען; אַ פלייסיגער מאַן.

בעלמע — הייטעל.

ב ע ל ־ ע ג ל ה — פורמאַן.

ב ע ל ־ פּ י ק ד ו ן — איינער וועמען מען האָט געגעבען עפּעס באַהאַלטען.

ב ע ל ־ צ ד ק ה — איינער וואָס גיט צדקה — געלט אָדער אַנדערע זאַכען — צו אָרימע לייט.

ב פ ו ע ל ־ מ מ ש — בוכשטעבליך; ניט איבערצוטרייבען.

ב פ נ י ק ה ל ו ע ד ה — פאַר אַלעמען אין די אויגען.

ב ק ו ־ ה ב ר י אָ ה — אין געזונט.

בראַנד — פייער; אַנטצינדונג.

ב ר ו א י מ ׳ ל ע ך — באַשעפענישען.

ב ר ו ך ה ב אָ — ביסט ווילקאָמען!

ב ר ו ך ה ו א — געבענשט זאָל ער זיין.

ב ר ו ך ה ׳ י ו ם ־ י ו ם — זאָל גאָט זיין געלויבט יעדען טאָג!

ב ר ו ך ה ש ם — געלויבט איז גאָט!

ב ר י אָ ה — באַשעפעניש.

ב ר י ה ׳ ן זיך — סטאַרען זיך.

ב ר ־ מ י נ ן — אַ מת, אַ טויטער קערפּער.

ב ש ו ת פ ו ת — צוזאַמען מיט אַנדערע.

ג א ו ן — אַ מענש מיט אויסערגעוואוינליכע פעהיגקייטען; זעהר אַ געלערנטער מענש.

ג א ו ן ־ ע ו ל ם — אַ וועלט־באַוואוסטער געלערנטער.

גאַי — יונג.

גאַפען — קוקען מיט אַן אומבאַוועגליכען בליק; שטאַרק פאַרקוקט זיין.

ג ב א י — פּרעזידענט פון אַ שול.

ג ו ז ר זיין — באַפעלען, הייסען.

ג ו ל ם — אַ באַשעפעניש, וואָס באַוועגט זיך, נאָר עס האָט ניט קיין נשמה, קיין לעבען אין זיך; אַ גרויסער נאַר.

ג ו פ א — אַליין.

גיזים — זון (אינדיאַניש).

גייזער — אַ נאַטירליכער הייסער פאָנטאַן.

גילדען — 15 קאָפּיקעס.

ג ל ו ת — פרעמד לאַנד; אין פאַרטריבענהייט.

ג ס י ס ה — צושטאַנד פון מאַטערן זיך פאַר׳ן שטאַרבען; אויסגעהן.

געוויטער — רעגען־שטורעם.

גענזעל — פּ ו ע ל, אַרבייטער.

געמבע — אַ מויל, אַ שטימע.

געמאַך לאָזען — צורוה לאָזען.

געמיין — נידעריג אין אויפפיר; פשוט.

געפראָפּט — געפּאַקט.

גערשפענסט — גייסט; בלאָנדזשענדע נשמה.

גרויליך — שרעקליך.

גרייז — ז ק ן, אַלטער מאַן.

גרימאַסע — העויה, מיאוס׳ע מינע.

דאָביוועון זיך — דערשלאָגען זיך; דערטאַפּען.

דאַט׳ס רייט — דאָס איז א מ ת; ריכטיג.

דאַטשניצע — איינע וואָס איז אויף אַ זומערוואוינונג.

ד ב ק ו ת — פאַרטיפטקייט.

ד ב ר ־ א ח ר — גראָבער יונג; חזיר.

ד ב ר ־ מ צ ו ה — אַ גוטע זאַך צו טאָן; אַ מ צ ו ה.

דועט — אַ געזאַנג פון צווייען.

דופּטען — גוט שמעקען.

ד ו ר ה ו ל ך ו ד ו ר ב אָ — איין ד ו ר געהט אַוועק, דער צווייטער קומט.

דושען — שטיקען.

ד י ן (דאַיען) — ריכטער.

דיספּענסערי — אַן אומזיסטער שפּיטאָל פאַר לייכטער מעדיצינישער הילף; אַמבולאַטאָריום.

דעספּאָט — אומבאַגרעניצטער הערשער; גרויזאַמער, ווילקירליכער מענש.

דערשטוינט — פאַרוואונדערט.
דראַבנער — קליינער.
דראַנג — (מערצאַל — דרענגער) פלאַ־קען.
דרוש — רעדע.
דריגען — אומוואַרפען.
דריפען — שלעכט פידלען.

האַלד — שיין, איידעל.
האַלעבאַרדניקעס — זעלנער.
האַמאַק — אַ געפלאָכטען בעטעל, וואָס מען הענגט אויף אין דער לופטען צו ליגען און וויגען זיך.
האַקלען — קנעפלעך.
האָריזאָנט — די זעהבאַרע גרעניץ־ליניע צווישען הימעל און ערד; דער קרייז פון מענשליכען זעהן.
הגם — כאָטש.
הדרת־פנים — שיינקייט פון געזיכט.
הויערן — ליגען.
הולכ'ן — געהן.
הורג — צעשלאָגענער.
הושענא — עטליכע ריטלעך פון אַ ווערבע־בוים.
הושענא־רבה — דער זיבעטער טאָג סוכות.
הילוך — קליידונג; גאַנג.
היסטעריש — נערוועז.
היפך — געגענזאַץ.
הכנות — פאַרבאַרייטונגען.
הלובען — גלעטען, קושען.
הספד — אַ רעדע, אין וועלכער מען באַקלאָגט אַ געשטאָרבענעם.
העויה — מיאוס'ע מינע, גרי־מאַסע.
העזה — פרעכהייט, גראָבקייט.
העל — גהינום.
הענדום־פענדום — אומגעלומפערט; גלאַט אין דער וועלט אַריין.
הצטרכות — באַדערפענישען.
הצלחה — גליק.
הקפות — דאָס אַרומדרייען זיך און טאַנצען מיט די ספר־תורות אום שמחת־תורה.
הר־הבית — דער באַרג פונ'ם בית־המקדש.
השערה — אָננעמונג; היפּאָטעזע; ניט קיין זיכערע איבערצייגונג.

התחיבות — פאַרפליכטונג.
התחלה — אָנפאַנג.
התמדה — חשק, פלייסיגקייט.
התראה — וואָרנונג.

ובשופר גדול — און אין אַ גרויסען שופר.
והא־ראיה — אָט האָסטו אַ באַ־ווייז.
וואַוואַנייסע — נאַכט־שוואַלב (אינד.)
וואוט — כעס, צאָרן.
וואוילעריש — שטיפעריש.
וואַלגע — שוואַכער, פאַמעליך.
וואַפנע — צעמאָלענע, געברענטע קאַלכ־שטיינער.
וואָרטשען — בורטשען, רעדען אונ־טער'ן נאָז.
וחי בהם ולא שימות בהם — מען זאָל דורך זיי לעבען און ניט שטאַרבען.
וויגוואַם — אַן אינדיאַניש געצעלט.
וויכער — שטאַרקער ווינט.
ווימלען — זיין אין אַ גרויסער צאָל.
ווילקע — אַ שטעקען, מיט צוויי האַלב־קיילעכדיגע אייזענס אויפ'ן שפּיץ, אויף אַריין און אַרויס נעמען טעפּ פון אַ טיפען רוסישען אויווען.
וכדומה — און דאָס גלייכען.
ונתנה תוקף — אַ תפילה פאַר ראש־השנה און יום־כיפור, וואו עס ווערט אויסגע־רעכענט, וואָס עס קאָן טרעפען מיט'ן מענשען פאַר'ן יאָר; אַן אומעטיגע תפילה.
וועלטליך — ניט רעליגיעז; — וועלט־ליכע באַשעפטיגונג — אַרבייט, האַנ־דעל.
ווערסט — דריי פערטעל פון אַן אַמע־ריקאַנער מייל.

זאַווערוכע — שניי־שטורעם.
זאַנפטיג — אָנגענעם.
זהב טהור — ריין גאָלד.
זובערען — לערנען אויף אויסווייניג; חזר'ן.
זולל וסובא'ניק — אַ פרעסער, אַ זויפער.
זייערן — אָפּזייען.
זכות — גערעכטיגקייט.

זכרונו לברכה — זאָל זיין אָנדענקען זיין געבענשט.

זעלנעריש — מעשה סאָלדאַט, מיליטעריש, שטאָלץ.

זעניט — דער העכסטער פּונקט פון הימעל איבער'ן קאָפּ.

זריעה — קערנער צום זייען.

חברה קדישא — געזעלשאַפט צו באַערדיגען די געשטאָרבענע.

חוזק'ן — שפּאַסען, אָפּלאַכען.

חולה־נופל — איינער וואָס האָט די געפאַליגע קרענק.

חוצפה — גראָבקייט, פרעכהייט.

חורבה — אַ צעבראָכען הויז, אַ פּוסטקע.

חורבן — צעשטערונג.

חושך — פינסטערניש; אומגליק.

חזקה האָבען — בילכער זיין ווי אַנדערע.

חידוש'ן זיך — וואונדערן זיך.

חיה־רעה — ווילדע, בייזע באַשעפעניש.

חיות — מחיה, זעהר גוט.

חילוק — אונטערשיד.

היסרון — פעלער.

חלשות — אָהנמאַכט.

חמישה־עשר בשבט — פופצען טעג אין שבט; לויט'ן אידישען גלויבען דאָס ניי־יאָר פון די ביימער; אַ חדר־יום־טוב.

חס־וחלילה — זאָל גאָט אויסהיטען.

חס־ושלום — זאָל גאָט אויסהיטען.

חפץ — זאַך.

חקירה'ן זיך — קלערען, נאָכפאָרשען, גריבלען זיך, פילאָזאָפירען.

חקרן — פילאָזאָף.

חשבונ'ען — רעכענען.

חשוב — אָנגענומען, באַוואוסט.

חשק — ווילען, פלייסיגקייט.

טאַבון — סטאַדע.

טאָפּאָל — „פּאָפּלאַר" — אַ שוינער, גראַדער בוים.

טובל'ען — אָפּטונקען.

טויגעל — אַ שטיק טייג אויף אויסצוואָלגערן אַ מצה.

טיריש — חיה'יש.

טל־ומטר — „טוי און רעגען"; אַ פּאָר קליינע ווערטער אין אַ סידור; זעהר אַ קליינטשינקער מענש.

טלית־קטן — אַרבע־כנפות.

טעמרעק — לערכען־בוים, בלאַט־בוים.

טענדלערין — הענדלערין מיט אַלטע קליידער.

טערמין — באַשטימטע צייט; זמן; סראָק.

טראַגיש — אומגליקליך; אומעטיג.

טראַגעדיע — אַן אומגליק.

טראָלב — פראָנז; אַראָפּהענגענדיגער פאָדעם אָדער קנאָפּ.

טראַמוואַי — עלעקטרישער גאַס־צוג.

טראָץ — ניט קוקענדיג אויף . . .

טראָציג — צו להכעיס'דיג.

טרחה — באַמיהונג.

„טריאַטער" — טעאַטער.

טרפה'נער — ניט כשר'ער; מיאוס'ער.

טשימאָן — שיפעל — (אינדיאַניש).

טשיקאַווע — אינטערעסאַנט; נייגעריג.

יאוש — פאַרצווייפלונג.

יאָלד — נאַרישער יונג.

ידיעה — נייעס; וויסען.

יוג — יאָ (אינדיאַניש).

יוכט — געגאַרבטע פעל.

יום־הדין — דער טאָג פון משפּט.

יום־הקדוש — הייליגער טאָג.

יון (יאָוועז) — גריך; סאָלדאַט.

יוצא־זיין — אויסקומען, באַגנוגענען זיך.

יורד — אַן אָרים געוואָרענער גביר.

יללה — קלאָג, יאָמער.

ימח־שמו'ניק — וואָס זיין געדעכעניש וואָלט געדאַרפט אָפּגעמעקט ווערען.

ימים־נוראים — שרעקליכע טעג; די צייט פון ראש־חודש אלול ביז נאָך יום־כיפּור.

יציאת־מצרים — דאָס אַרויסגעהן פון מצרים.

יצר־הרע — שלעכטער געדאַנק; דער אָנרעדער צו טאָן שלעכטס.

יצר טוב — דער גוטער געדאַנק; דאָס געוויסען, דער אַנדערער צו טאָן גוטס.

יקרות — טייערקייט; הויכע פּרייזען.

ירא־שמים — פרומער מאַן; גאָטספאַרכטיג.

ישוב אָדער ישוב הדעת — נאָכדענקונג, באַראַטונג.

כאַליווע — דער אויבערשטער טייל פון אַ שטיוועל („בוט־לעג“).

כדומה — צום ביישפּיל; דאָס גלייכען.

כהונה — דער אַמט פון כוהן.

כוהן־גדול — דער עלטסטער כוהן.

כונה (קאַוואָנע) — אריינטראַכטעניש; אויפמערקזאַמקייט.

כיבוד־אב — ערליך האַלטען פאָטער און מוטער.

כידוע — ווי באַוואוסט.

כלא היה — ווי גאָר ניט געווען.

כל דכפין ייתי ויכול — ווער עס איז הונגעריג זאָל קומען און עסען.

כלי־בית — הויז־זאַכען, מעבעל.

כל ישראל — אַלע אידען.

כלל — געזעלשאַפט.

כל מאמינים שהוא — אַזאַ תפילה פון ראש־השנה און יום־כיפור, אָבער ווערט באַנוצט אין דעם זין פון „אַלע סאָרטען, אַלע מינים“.

כל־נדרי — די ערשטע וויכטיגע תפילה פון ערב יום־כיפור אין אָווענט.

כפרה — אַ הון אָדער אַ האָן, וואָס מען קוילעט ערב יום־כיפור.

כריזאַנטעם — אַ גרויסע בלום מיט זעהר פיעל בלומענבלעטעלעך.

כשר'ן — מאַכען כשר, רייניגען.

לאַבירינט — אַ געביידע אָדער אַ קאָרידאָר מיט זעהר אַ סך און פאַרדרייטע צימערן.

לאַווע — די צעשמאָלצענע פייער־מאַסע, וואָס גיסט זיך אַרויס פון אַ וואולקאַן.

לאַנדיש — אַ שיין, קליין, פרילינג־בלימעל.

לאַקאָניש — קורץ.

לא תגנוב — זאָלסט ניט גנב'ענען.

לוזשע — בלאָטע.

לוח — קאַלענדאַר.

לויה — באַגלייטונג פון אַ געשטאָרבענעם.

לויערן — נאָכקוקען, נאָכשפּיאָנירען.

לועג לרש — לאַכט פון אַן אָרימאַן.

לחלוטין — אַבסאָלוט.

ליאַלקע — פּופּע, „דאָל.“

לייסט — ברעטעל.

לייער־קאַסטען — שפּיל־קאַסטען.

לייקע — כלי אויף איבערצוגיסען פון איין געפעס אין'ם צווייטען.

ליצנות — שפּאַס.

לכבוד — צוליב, צו דער ערע.

לכל־הפחות — ווייניגסטענס.

לכף־זכות — אויף דער גערעכטער זייט.

לכתחילה — צום אָנהייב.

למאי — צו וואָס?

לעווקאָי — אַזאַ בלום.

לעשציקעל — אַזאַ פיש (ענגליש — „ברים“).

לשון־הרע — שלעכטע רייד; באַרעדעריי.

לשנה הבאה בירושלים — איבער אַ יאָר אין ירושלים.

מאַאים — קוקורוזע, טערקישער ווייץ.

מאַגאַזין — גרויסע קראָם.

מאַגיסטראַט — שטאָט־פאַרוואַלטונג.

מאור־הגולה — דאָס ליכט פון די אידען.

מאַזאָליעם — הינער־אויגען.

מאַיעסטעטיש — קייזערליך, שטאָלץ.

מאַנדאַמין — מאַאיס, קוקורוזע.

מאַרע־אַנטיק — אַ זיידענער שטאָף.

מבטיח זיין — פאַרזיכערן.

מבטל זיין — אַוועקמאַכען אונטער'ן האַנט, האַלטען פאַר גאָרנישט.

מביש זיין — פאַרשעמען.

מגושמ'דיג — גראָב, גרויס.

מגיד — רעדנער.

מגפה — עפּידעמיע, פּלאָג.

מהיכא־תיתא — פאַרוואָס ניט?

מוסיף זיין — צוגעבען.

מוסף — צווייטע אינדערפריהענדיגע

תפילה שבת און ימים־טובים.

מופלג — געלערנטער.

מוצאי יום־כיפור — יום כיפור ביינאַכט.

מזומן — געלט.

מזל־טוב — באַגריסונג.

מזכיר נשמות זיין — דערמאָנען די געשטאָרבענע.

מזמור — אַ לייכט ליד.

מחזור — אַ סידור מיט תפילות פאַר ימים־נוראים און ימים־טובים.

מחיה — זעהר גוט.

מחילה — איך בעט איבער אייער כבוד; אַנטשולדיגט.

מחיצה — אַ צוים.

מטעים זיין — באַטאָנען.

מיוחס — איינער פון שיינער אָפּשטאַמונג.

מייסטער — אויפזעהער אין אַ פאַבריק; אינזשינער.

מיירע — אַ גרויס שטיק טייג, פון וועלכען מען באַקט מצה.

מישב זיין זיך — באַראַטען זיך.

מיתה משונה — שרעקליכער טויט; מיתה משונה קאַליר — אומבאַשטימטער קאָליר.

מכה — וואונד.

מכוח — וועגען.

מלא כעס — פול כעס; צאָרנדיג.

מליצה — שיינע רייד.

מליץ־יושר — פאַרטיידיגער.

מלך־יון — קעניג פון די גריכען.

מן השמים — פון גאָט.

מנין — אַ גרופּע אידען ניט ווייניגער פון 10 צום דאַווענען; אַ פּלאַץ צום דאַווענען פאַר אַזאַ גרופּע.

מעות־חיטים — געלט אויף מצות פאַר אָרימע לייט.

מעל־טוי — אַזאַ פלאַנצען־קראַנקהייט.

מעשה־שטן — אַזוי ווי דער טייוועל וואָלט דאָס געטאָן.

מעשים אשר לא יעשו — זאַכען, וואָס מען טאָר ניט טאָן; שרעקליכע זאַכען.

מפולת — אַ צעפאַלען הויז; אַ חורבה.

מפלה — נידערלאַגע.

מפסיק זיין — איבעררייסען.

מפקיר זיין — אָפּזאָגען זיך פון עטוואָס.

מצבה — אַ שטיין, אַ מאָנומענט.

מצער זיין — פאַרשאַפען אונאַנגענעמליכקייטען.

מקברים — באַגרעבער.

מקדש זיין — היילינען, בענשען.

מקום — אָרט.

מקים פסק זיין — דורכפירען די באַשטימונג.

מרא דאתרא — רב פון שטאָט.

מרה־שחורה׳דיג — אומעטיג.

משולח — איינער וועמען מען שיקט ערגעץ.

משונה׳דיג — מאָדנע.

משורר — זינגער, העלפער.

משמעות — קענטיג.

משניות — אַ העברעאיש געזעצבוך, צוזאַמענגעשטעלט אין 3־טען יאָרהונדערט פון רב יהודה הנשיא.

משער זיין זיך — פאַרשטעלען זיך.

מששת ימי בראשית — זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען.

מתנת בשר ודם — אַ מענשליכע גאָב.

מתיר זיין — דערלויבען.

מתעסקים — וואָס עוסק׳ן זיך ביים באַערדיגען אַ טויטען.

מתפללים — דאַוונער.

נאַכטוואַנדלער — איינער וואָס געהט אַרום אין שלאָף.

נאמנות — ערליך וואָרט.

נביאות — פאָרויסזאָגען.

נגידת — רייכע פרוי.

נדן — געלט, וואָד די כלה גיט דעם חתן.

נוהג זיין זיך — אויפפירען זיך; האָבען אַ געוואוינהייט.

נושקע — קוק! (אינדיאַניש).

ניוועץ — אָפּפאַל.

נעילה — לעצטע יום־כיפור תפילה.

נכרי — גוי, פרעמדער.

ניצחון — זיג.

נעלם ווערען — פאַרשווינדען.

נעלקע — אַזאַ בלום (ענגל. „קאַרנײ־שאַן“).
נפטר — געשטאָרבענער.
נרו־יאיר — זאָל זײַן ליכט לײַכטען איבער דער וועלט.
נשיא — פירשט.
נתפעל ווערען — שטאַרק פאַרוואונדערט ווערען.

סאַזשעלקע — אַ געגראָבען טײַכעל.
סאָטסקע — פאָליצײמאַן.
סאַליע — זאַל.
סביבה — דער אַרום.
סברא — מײנונג, אַ קלער.
סוטערינע — קעלער, בײסמענט.
סויבעלנע — פון גוטען רויכוואַרג.
סומך דלים — גאָט וואָס שטיצט אָרימעלײט.
סוף־כל־סוף — ענדליך.
סטאַיעס — סטאַדעס.
סטעאַרין־ליכט — גוטע, ווײַסע ליכט.
סטראַשידלע — שרעק, פיגור.
סטרוי — צווײ רײען סאָלדאַטען.
סיגנאַל — צײכען.
סיני — אַ פרײליך לידעל.
סיפור המעשה — די פאַבולע, דער אינהאַלט.
סכנה — געפאַר.
סלוזשבע — דינסט.
סליחות־צײט — די וואָך פאַר ראש־השנה.
סלעק — אַרבײטסלאָזיגקײט.
סמאַליען — ברענען און רויכערן זיך.
סמאַראַגד — טײערער שטײן.
סמירנאָ — רוהיג!
סעמעטשקעס — קערעלעד.
סעקען — אָפּזאָגען, אָפּלײגען.
סערפּ — אויסגעדרײטער געצײנדעלטער מעסער.
ספּאַזמעס — טרערען, וואָס שטיקען אין האַלז.
ספירה — די טעג צווישען פּסח און שבועות.
ספקות — צווײפעל.
סצענע — בינע, בילד.
סקאָוואָרדע — אַײזערנע פלאַכע פאַן.
סקאַליעטשען — פאַרקריפּלען.
סקאָרפּיאָן — אַ גיפטיגע שפּין, דאָרן.
סתם — גלאַט אין דער וועלט אַרײן.

עבירה — זינד.
עבר־זמן — אַוועק די צײט.
עובר־זײן — טאָן וואָס עס איז פאַרבאָטען.
עופ׳עלע — קלײן קינד.
עושר — רײַכער מאַן.
עזות — גראָבקײט.
עטאַזש — שטאָק.
על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט דער ערלויבניש פון גאָט און פון די מענשען.
עם הארץ — ניט אַ געלערנטער; גראָבער יונג.
עמוד — סטענדער אין שול בײ וועלכען עס שטעהט דער חזן.
עם רב — אַ גרויסער עולם.
עני ואביון — אַ גרויסער אָרימאַן.
עקדיש — יאַטשטשערקע („ליזאַ־ד“).
עקזעמפּלאַר — קאָפּיע.
עקספּעדיציע — אַרויסשיקונג פון סחורה.
ערבות (אָרוועס) — משכון.
ערבות (אַראָוועס) — הושענא׳ס.
עשירות — רײַכקײט.

פאָדלאָגע — דיל.
פאָדליעץ — נישטיגער, פּאַסקודנער מענש.
פאָדעשווע — זויל.
פאָדראַד — פלאַץ, וואו מען באַקט מצות.
פאָדראַטשיק — אײנער וואָס נעמט אויף זיך צוצושטעלען סחורה אָדער צו בויען הײזער.
פאַזע — האַרט בײם וואַנט.
פאַטיליצע — הינטערשטער טײל פון קאָפּ.
פאַטעלניע — פאַן.
פאַליסאַדען — בערג בײם האָדסאָן.
פאַליע — זויל, אַרײנגעקלאַפּט אין גרונד פון טויך.
פאָליצע — ברעט בײם וואַנט אָדער אין אַלמער, אויף וואָס מען לײגט זאַכען.
פאָלירען — טאָקען, אויספאַרבען.
פאָמעלע — לאַנגער בעזים אויסצוקערען די אַש פון אויוועך.
פאָסטאַליאָן — ברױפטרעגער.
פאָסטקע — אַ נעץ צו כאַפּען מויז.

פּאַסילקע — אַ פּעקעל, וואָס מען שיקט צו איינעם.
פּאַפּ — קליי, קלעפּיג געמיש.
פּאָפּולער — צוגענגליך; ליבט; באַקאַנט; פאַרשפּרייט.
פּאַרע — דאַמף.
פּאַרענץ(טש) — אַ ברעט, אַן וואָס אָנצוהאַלטען זיך.
פּאַרקען — צוים.
פּ ג י מ ה — פלעק; קריץ.
פּ ג ר — אַ טויטע זאַך.
פּ ו ג ע ב כ ב ו ד זיין — אָנרירען איינעמס כ ב ו ד.
פּ ו ד — 36 אַמעריק. פונט.
פּ ו ע ל —אַרבייטער.
פּ ו ש ק אַ ר ט — שטופּ-וועגעלע.
פּ ו ת ר זיין — פאַרטייטשען.
פּ ט ו ר זיין — פריי זיין.
פּ ט י ר ה — טויט.
פּ י ע ק אַ ל י ק — דער אויבערשטער טייל פון אַ גרויסען אידישען אויווען.
פּ י ק ד ו ן — אַ זאַך צו באַהאַלטען.
פּלאַגע — צ ר ה, שלימ'מ ז ל.
פּלאַכע — שטיק.
פּליין (מערצאל: פּלענער) — פּלעכע; ברייטער פּלאַכער פּלאַץ.
פּ ס ו ק — אַ זאַץ פון ביבעל.
פּ ס ק 'ענען — באַשטימען.
פּראָטאָקאָל — פאַרצייכנונג פון באַוויזען, אָדער פון אַ זיצונג.
פּראַל — אַ שפּרונג, אַן עפען זיך.
פּראַלען זיך — באַרימען זיך; אויפהייבען זיך; עפענען זיך.
פּראָסטע — איינפאַך.
פּראַצעווען — אַרבייטען, האָדעווען.
פּריזמע — קאַנטיגע גלעזעל.
פּריידיגען — ד ר ש 'ענען.
פּרייכען — הוסטען.
פּריירי — סטעפּ.
פּריסטאַוו — פּאָליציי-אָפיצער.
פּריקאַזטשיק — משרת פון קראָם.
פּרעפּלען — דאַווענען, רעדען.
פּ ש ט — באַדייטונג, מיינונג.
פּ ש י ט אַ — געוויס.

פֿאַליע — כוואַליע.
פֿאַרדומפּען — טעמפּ, ניט קלינגענדיג.
פֿאַרהאַוועט — פֿאַרטאָן, פֿאַרשמייעט.
פאַרטאָיען — באַהאַלטען זיך; איינהאַלטען דעם אָטעם.
פאַר'מ ו ח'ט — פאַרקלערט.
פאַרצאָגט — פאַראומערט.
פאַרשאַרצען — פאַרקאַשערן.
פאַרשטאַרט — פאַרגליווערט, פאַרהאַרטעוועט.
פאַרשייט — איינער וואָס שעמט זיך ניט פאַר קיינעם.
פאַרשנורעווען — פאַרנייען.
פייט — קאַמף.
פייער-עסקייפּ — פייער-לייטער.
פיליער — פיש-הענדלער.
פיסנאָהע — אַ פוס פון אַ געקוילעטער קוה.
פירכטערליך — שרעקליך.
פלעקעל — הילצערן טשעוועקעל פאַר שיך-זוילען.
פראָנט-רום — זאַל, דאָס שענסטע צימער אין הויז.
פרעך — גראָב, אומאיידעל.
פרעסיג — פעט, אָפּגעגעסען.

צאַנקען — זעהר שוואַך ברענען.
צ ד ק נ י ת — פרומע פרוי.
צונטער — פייער; אָנגעברענטע זאַך.
צושטעלען אַ בענקעלע — אָנ'מ ס ר'ן און ברענגען צו שמיץ.
צ נ ו ע ה'דיג — פרום; באַשיידען.
צעבונטעווען זיך —רעבעלירען, אויפשטיין.
צערען — עסען.
צעשויבערט — צעוואָרפען, ניט פאַרקעמט.
צעשטראַלט — ליכטיג.

קאַג — יאַזשיק.
קאַגאַניק — קליין לעמפּעלע; קינעלע.
קאַווען — אַריינשלאָגען טשוועקעס אין אַ שיך-זויל; שמידען.
קאַזאַרמע — הויז פאַר סאָלדאַטען אָדער פּאָליציי.
קאַטעווען — שמייסען.
קאַטשאַן — קעפּעל קרויט.
קאַטשאַלקע — אַ קיילעכדיג הילצערן וועלצעל צו וועלגערן מצה.
קאַטשערע — אַ פאַרביגט אייזען צו פאַרשאַרען קוילען אין אויווען.
קאָלאָסאַל — געוואַלדיג גרויס.

קאַמאָד(ע) — וועש־אַלמער מיט שופּ־לאָדען.

קאַנטאָניסט — איינער, וועמען מען האָט אַלס קינד געכאַפּט און אָפּגעגעבען אין סאָלדאַטען.

קאַנטאָר(קע) — אָפּיס.

קאָנפעקט — צוקערקע, „קענדי“.

קאָסע — אַ לאַנג מעסער צו שניידען היי אָדער ת ב ו א ה.

קאַסקאַד — שטראָם.

קאַפּאָטע — זעהר לאַנגער ראָק.

קאַפּעליוש — הוט.

קאָפּען זיך — גראָבען זיך.

קאַפּטען — לאַנגער וואַרימער מאַנטעל.

קאַרב — קריץ, איינשניידונג.

קאַרפּע — קלאָץ.

קאַשאָלקע — קערבעלע.

ק ד ו ש — אַ הייליגער.

ק ד ו ש ה — אַ טייל פון דאַוונען, אין וועלכען מען לויבט גאָט און ביי וועלכען דער גאַנצער עולם שטעלט זיך און זאָגט.

ק ד ח ת — פיבער, מאַלאַריע.

ק ד י ש — אַ ת פ י ל ה נאָך אַ געשטאָרבענעם.

ק ד מ ו נ י ם — אַמאָליגע צייטען.

ק ה ל — געמיינדע, געזעלשאַפט.

ק ו ב ע ל — גרויסע הילצערנע כ ל י ; צעבער.

ק ו ד ם — פריהער פאַר אַלץ.

קוואַס — אַ זויער געטראַנק.

קוואָקטוכע — אַ הון וואָס פירט אויס הינדעלעך.

קוטאַס — פראָנז.

קוילעטש — ח ל ה.

קויש — קאָרב.

קופּאָל — אַ קיילעכדיגער קאָפּ איבער אַ הויכען טורעם אָדער אַ געביידע.

קופּקע — גרופּקע.

קופערט — קאַסטען.

קוקורוזע — מאַאיס, טערקישע ווייץ, „קאָרן“.

קוקלע — ליאַלקע, פּאָפּקע, „דאַל“.

קורנאָסע — מיט אַ פלאַטשיגער, ברויטער נאָז.

קזשאַק — טרוקענער שטרויך.

ק י ו ם — עקזיסטענץ.

קיזשאַק — לאָשיק.

קינעמאַטאָגראַף — אילוזיאָן, בילדער־טעאַטער.

קלאַדקעס — ברעטלעך, איבערגעלייגט איבער אַ בלאָטיגער גאַס.

קלאַפּטער — אַ מאָס — 7 פוס.

קלאַפּטער שווימען — שווימען שנעל.

קלויסטער — קירכע.

ק ל ל ה — אַ שילט־וואָרט ; אַ זידעל־וואָרט.

ק ל ל ה ׳ן — שילטען.

ק נ אָ ה — ניט פאַרגינעריי.

קנאָכען — ביין.

קענדי־סטאָר — קראָם פון קאָנפעקטען, סאָדע־וואַסער, א. ד. ג.

קראָקווע — באַלקע, אויף וועלכער עס האַלט זיך דער דאַך.

ק ר ו ב ה — אייגענע, פריינדין.

ק ר י א ת ־ ה ת ו ר ה — דאָס לייענען אין דער ת ו ר ה יעדען ש ב ת, י ו ם ־ ט ו ב און מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

קרעדיט — דאָס לייען געלט, דאָס אויסגלויבען איינעם.

קרעטשמע — א כ ס נ י א , שענק.

ק ש י א — פראַגע.

ראַכע — נ ק מ ה .

ראַנגלען זיך — באָרען זיך, קעמפען.

ראַנד — ברעג.

ראָסע — טוי.

ראַפּטאָם — פלוצלונג.

ר ב ו ת י — מיינע פריינד ! מיינע הערען !

ר ב מ א י ר ב ע ל נ ס — ר׳ מאיר דער וואונדערמאַכער.

ר ד י פ ו ת — פאַרפאָלגונגען.

ר ו ג ז ה — כ ע ס , בייזקייט.

ר ו ח ־ ה ק ו ד ש — הייליגער גייסט, באַגייסטערונג.

רונצלען — קנייטשען.

ר ו ש ם — איינדרוק.

ר ח ו ו ת — ברייטקייט, פרייהייט, גערוימקייט.

ריאַדטשיק — אויפזעהער.

ריזיקאַנט — אַ געוואַגטער מענש, וואָס שטעלט איין.

ריף־ווערק — סקעלעט פאַר אַ שיפעל.

ריסטעוואַניע — העלצער און לייטערס אַרום אַ הויז, וואָס האַלט זיך אין בויען.

רכילות — באַרעדעריי; רעדען אויפ׳ן אַנדערען.

רעווידירען — דורכקוקען; באַזוכען.

רעטשקע — גריקע, קאַשע.

רעלסען — שינעס.

רענדעל — גאָלדענע מטבעה.

רעצעפּט — רפואה, מעדיצין.

רעבעל — רעוואָלוציאָנער.

רעש׳ן — טומלען.

רפואה — מעדיצין.

רצון — ווילען.

רשימה — אַ צעטעל.

שאַגאָם־מאַרש — זעלנערישע קאָמאַנדע צו געהן.

שאָוואָנדייסי — דרום־ווינט (אינד.)

שאָפּע — שטאַל.

שאַרלאַך — זעהר רויט.

שבעה עשר בתמוז — 17 טעג אין תמוז; אַ תענית.

שדים־טומאה — טייוועלשע אומריינקייט, כישוף.

שוכן־עפר — אַ געשטאָרבענער.

שווייצער — פּאָרטער, אַ מאַן ביים טיר.

שולחן — טיש.

שחרית — דאָס אינדערפריהענדיג דאַווענען.

שטאָק־בלינד — אינגאַנצען בלינד.

שטאַבעטלעך — אַ נידעריגער צוים פון פלעקלעך.

שטורקאַץ — פּאַקעל.

שטח — פּלאַץ.

שטיך — אַ שאַרף אַייזען אויף אַ ביקס — צום שטעכען.

שטיקען — אויסנייען, אויסהאַפטען.

שטרייף — פּאַס.

שיוו — גרוי.

שירי־היחוד — יום־כיפור ביינאַכטיגע לידער.

שלאָבצען — וויינען, בליפען.

שלומער — דרעמעל, שלאָף.

שליאַך — ברייטער וועג.

שליאָפּען — קלאַפּען מיט אַ נאַסער זאַך אָדער איבער אַ נאַסער זאַך.

שליטה — הערשאַפט.

שנאָרכען — כראָפּען.

שני־למלך — וויצע־קעניג.

שעניק — אַ זאַק מיט היי צום שלאָפען.

שעפּטשען — שטיל רעדען.

שפּאַקולען — ברילען.

שפע — רייכקייט.

שפּריזינקעלע — אַן עלאַסטיש, געדרייט שטיקעל שטאָל אָדער דראָט.

שקיעת־החמה — זון־אונטערגאַנג.

שרץ — קריכענדער; אינזעקט.

שונאי־ציון — פיינד פון ציון; אידענפיינד.

שכר־לימוד — געלד פאַר לערנען.

שמחת יום־טוב — יום־טוב פרייד.

שררה — האַר, הערשער.

תוך כדי דיבור — אָט ווי מען רעדט; פּלוצים.

תורה כולה — די גאַנצע תורה.

תורת משה — משה׳ס תורה; אַ ריכטיגע זאַך.

תחילת — צוערשט, פון אָנהייב.

תחית המתים — דאָס צוריקלעבעדיג ווערען, דאָס אויפשטעהן פון די טויטע.

תחנון — אַ טייל פון דאַווענען, ביי וועלכען מען פאַלט צו מיט׳ן פנים צו דער האַנט.

תירוץ — אויסרעד; פאַרענטפערונג.

תכלת — בלויס, בלויע וואָל.

תליון — הענקער.

תנא — געלערנטער.

תנועה — מינע; באַוועגונג.

תענית — טאָג פון פאַסטען.

תפילה זכה — אַ געבעט פון ערב יום־כיפור פאַר כל־נדרי.

תפיסה — טורמע.

תשובה טאָן — חרטה האָבען אויף זינד.

תשעה באָב — 9 טעג אין אָב. אַ תענית צום אָנדענקען פונ׳ם חורבן פונ׳ם בית־המקדש.